STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05727

MIT DEM VORT TSUM FOLK

Sh. Almazov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַלמאַזאָוו

מיט דעם וואָרט צום פאָלק

דערפאַרונגען פון אַ לעקטאָר

•

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1947

MIT DEM WORT TZUM FOLK

Copyright, 1947
by
S. Almazov Pearl
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
The Shoulson Press, 227 W 17th St., New York 10, N. Y.
255

גערווידמעט די אַלע, וועלכע האָבן מיט
אַזויפיל געטריישאַפט לייכטער געמאַכט
צו טראָגן צום פאָלק דאָס וואָרט פון
קאַמף פאַר אַ מענטשישער וועלט —
פאַר אַ וועלט אָן עקספּלואַטאַציע, אָן
פעלקער־האַס און אָן מלחמות.

פון זעלבן אויטאָר:

איבער אַמעריקע
סאָציאַלע פאַרזיכערונג
די אונטערערדישע מלחמה אין אייראָפּע

בראָשורן:

דריי יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד (רוסיש)

●

ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע

●

פּאַלעסטינע און בירא־בידזשאַן

●

צען יאָר בירא־בידזשאַן (אידיש און ענגליש)

●

דער פאַשיזם אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט

●

דער סאָוועטיש־דייטשער אָפּמאַך און זיין באַדייטונג

●

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער וועלט־קריזיס

●

איבערזעצט:

„מיסלידערס אָוו לייבאָר" (די פאַרפירער פון ארבעטער) פון ווס. ז. פאָסטער

„סאָוויעט פּאַוער" (סאָוועטנמאַכט)

פון היולעט דזשאנסאָן
(דין אָוו קענטערבערי)

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טייל

אויף דעם באָדן פון קאַנאַדע

קאַפּיטל — זייט

1. מיין ערשטע לעקציע האָט געפירט צו מיינע צרות מיט אַ צווייטער 11
2. וויניפּעג פייערט די פאַרניכטונג פון צאַריזם 16
3. ווי וועט מען פאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס אָן אַ מאַשיניסט? 23
4. אַ לעקציע ביי אַן אַנטיסעמיטישער דעמאָנסטראַציע 29
5. די שאַ־שאַ־זאָגער מיט אַרום דרייסיג יאָר צוריק 35
6. די רעכטע זייט ווערט די לינקע 43
7. די ערשטע רעדע ביי אַ מיטינג פון סטרייקערס 54
8. אַ רעדע ביי אַ לויה פון צוויי דערטרונקענע 57
9. אַ לעקציע וואָס ברענגט אַריין 400 טויזנט דאָלאַר 64
10. פאַרזיך ביי אַלגינס לעקציע אין טאָראָנטאָ 69
11. דער בעבעל־מעמאָריעל־אָוונט און יאַנאָווסקיס לעקציע 76

צווייטער טייל

אויף דער ערד פון אַנקל סעם

12. איך קום קיין טשאַטאַנוגא נאָך האַלבער נאַכט 83
13. דער מסור איז געפאַלן טויט 90
14. איך זוך אַ מיטינג אין שיקאַגאָ אין מיטן דער נאַכט און האַלט דערנאָך אַ רעדע ביז פאַרטאָג 97
15. אַ געהילף פון דיסטריקט אַטוירני רייסט איבער מיין לעקציע 104
16. צען סענט פאַר „ביראַ־בידזשאַן" 111
17. מיין ערשטע רעדע אויף דער ראַדיאָ 116
18. הינטער טירן און פענסטער, דורכגעלעכערטע פון קוילן 126

קאַפּיטל | זייט

19. אין אַן עראָפּלאַן קיין דעטרויט נאָך דעם טאַטנ׳ס לויה 132
20. אין דער נאַכט פון פּוירל האַרבאָר 141
21. אַ לעקציע אין אַ „בלעק־אַאוט״ 146
22. איך רעד אין אַ קירכע און עס לאַטקעס ביי אַ דיאַק 150
23. צווישן רוסן אין ניו ענגלאַנד 157
24. אַ פּריוואַטע לעקציע פאַר 13 טויזנט דאָלאַר 165
25. פאַר וואָס־זשע האָט מען אַרעסטירט זיין אַלטע מאַמע ? 171
26. אַן אָפּנהאַרציגע פראַגע און אַן אָפּנהאַרציגער ענטפער 175
27. נאַכטלעגער אונטערוועגנס 180
28. די דעבאַטע מיט אַ ראַבאַי אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא 186
29. מען וויל איך זאָל האַלטן אַ רעדע פאַר חתן־כלה 192
30. דער לעקטאָר און די צוהערער 197
31. אַ לעקציע פאַר צוקונפטיגע ראַבאַיס 202
32. אַ לעקציע באַ אַ פּיקניק אין אָמאַהאַ נאָך אַ שטורם 206
33. אַן איבערפאַל אויף מיינער אַ לעקציע 214
34. אַ ראַבאַי שיקט שליח איך זאָל בלייבן אין שטאָט
אויף נאָך אַ טאָג 221
35. אַ בוקעט בלומען דער מאַמען — דער בעסטער לוין,
וואָס איך האָב ווען באַקומען 227
36. „מאַכט פון אונז ניט חוזק !״ 233
37. אין אַ רעדנער־קלאַס אין שיקאַגאָ 241
38. מענטשן און זייערע פּראָבלעמען 250
39. צו׳ם האַרץ און צו׳ם מוח 258
40. דריי מאָל אַ הספד אויף דעם זון פון מיינע בעסטע פריינט 264
41. אַ פּריוואַטע לעקציע דעם רעדאַקטאָר פון אַ באַלע־
באַטישער צייטונג 273
42. איך רוף אַליין דעם עולם צו מיין לעקציע אין פּיטסבורג 277
43. אַ דעבאַטע מיט לודוויג לואיסאָן 282
44. מען וויזט דעם לעקטאָר דאָס לאַנד 288
45. מיטביידע פויסטן געגן דער וואַקכאַנאַליע אין 1939 299
46. די געבורטס־ווייען פון אַ נייער וועלט 305
47. ווי וואַג איך גאָר צו מאַכן אַ טעמע פון דער פאַר־
ניכטונג פון זעקס מיליאָן אידן ? 310

דריטער טייל

ווידער אין קאַנאַדע

48. צוריק צו׳ם אַלטן נעסט 319

אַריינפיר

איך האָב אויסגערעכנט, אַז ביז איצט האָב איך פאַרקיילעכ־דיגט אַ צאָל פון צוויי טויזנט לעקציעס. עס זיינען געווען אַלערליי דערפאַרונגען באַ אַט די אַרויסטרעטונגען און עס זיינען געווען אַלערליי באַגעגענישן אין די פילצאָליגע רייזעס איבער דער לענג און ברייט פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. איך וועל פּרובירן דערציילן וועגן אַ צאָל פון אָט די דערפאַרונגען.

כאָטש אין דעם בוך איז דאָ ביז אַ גרויסער מאָס דער פּערזענ־לעכער עלעמענט, איז דער ציל דאָ אָבער ניט קיין זעלבסט־גלאָריפי־צירונג. דער ציל איז צו ווייזן ביי וועלכע באַדינגונגען עס איז אויס־געקומען צו פירן דעם קאַמף געגן פאַשיזם, געגן מלחמה, געגן אימפּע־ריאַליזם, פאַר דעם אמת וועגן דעם סאָוועטישן לאַנד, וועגן בירא־בידזשאַן און נאָך און נאָך.

פון אָט די קאַמפן פון פריער קאָן מען ציען אַ סך שלוסן אין באַצוג צו די קאַמפן היינט.

דאָס איז מיין קורצע הקדמה.

אויטאָר.

ערשטער טייל

אויף דעם באָדן פון קאַנאַדע

קאפיטל 1.

מיין ערשטע לעקציע האָט געפירט צו מיינע צרות מיט אַ צווייטער

אַז עס איז באַשערט צו ווערן אַ לעקטאָר, דאַרף זיין אַ צאַר, ער דאַרף פאַרפירן אַ פּראָצעס געגן ביילִיסן און עס דאַרף זיך אַזוי מאַכן, אַז אויף מיר זאָל אויספאַלן דער גורל צו האַלטן אַ רעפעראַט באַ אַ פּראָ־טעסט־מיטינג, וואָס איז פאַררופן געוואָרן אין ווינִיפּעג דעם 2־טן נאָ־וועמבער, 1913.

דער מיטינג איז גערופן געוואָרן פון דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון קלוב", וואָס האָט אָנגעפירט אין שטאָט אַ גאַנץ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט און וואָס איז געוואָרן דער קערן פאַר אַ ברייטן צווייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די איינגעוואַנדערטע אידישע און רו־סישע אַרבעטער.

ווען מען האָט מיר אָנגעבאָטן צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן אַנטי־סעמיטיזם אין רוסלאַנד, האָב איך גערן אָנגענומען. ניט איך האָב געהאַלטן, אַז איך דאַרף דאָ „וועלטן קערן", ניט עס איז מיר געלעגן אין דער לינקער פּאה, אַז מיין אַרויסטריט וועט פירן צו דעם, אַז איך זאָל ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער לעקטאָר.

ערשט געווען אין לאַנד אַכט חדשים; די פּערזענלעכע דערפאַרונגען אין צאַרישן לאַנד זיינען געווען נאָך גאָר פריש; דער בליק אויף דעם אַנטיסעמיטיזם — ניט ווי אויף אַן אַקט פון „גוים, וואָס האָבן פיינט אידן", נאָר ווי אויף אַ געזעלשאַפטלעכער מכה, וואָס איז געווען אַ טייל פון אַלע צעיאַטערטע וואונדן אין דעם צאַריש־פעאָדאַלן לאַנד, און וואָס איז געווען אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער זעלבסטהערשונג אויף צו פאַר־

פירן די אונטערדריקטע מאַסן — אָט דער בליק אויף די אידישע ליידן און אויף די פּאָגראָמען אונטער דעם צאַר איז באַ מיר געווען אַ פעסטער און איך האָב געהאַלטן, אַז דער קאַמף געגן דעם אַנטיסעמיטיזם קען ניט געפירט ווערן ווי אַן איזאָלירטע אַקציע, נאָר ער מוז פאַרבונדן ווערן מיט דעם קאַמף אויף לעבן און טויט געגן דעם צאַריזם און געגן אַלע צרות, וואָס דער צאַריזם האָט געבראַכט. דאָס אַלץ האָט פאַר מיר געמאַכט קלאָר וואָס עס איז נויטיג צו זאָגן באַ דעם אַנאַליז פון דעם בייליס־פּראָצעס. דאָס אַלץ האָב איך גיכער אָנגעטאַפּט מיט דעם אינסטינקט, ווייל צו יענער צייט האָב איך בלויז געהאַט אַן אויבערפלעכלעכן באַגריף וועגן דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און וועגן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מהות פון דעם צאַריזם.

איך קען זיך ניט דערמאָנען, אַז גייענדיג צו דעם מיטינג, באַ וועלכן איך האָב געדאַרפט, ווי עס איז אַנאָנסירט געוואָרן, האַלטן אַ רעפעראַט, זאָל איך זיך שרעקן און מורא האָבען, אַז איך וועל דורכפאַלן. ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָב איך ניט געהאַלטן, אַז איך דאַרף אויפטאָן עפעס אויסערגעוויינלעכעס. איך האָב געהאַט מיין בליק אויף דער באַדייטונג פון דעם פּראָצעס און מיט דעם האָב איך באַשלאָסן זיך טיילן מיט די צוהערער. ווי ווייניג האָב איך דעמאָלט געוואוסט, אַז דאָס איז דער סאַמע בעסטער צוגאַנג פון אַ לעקטאָר. וויפיל מאָל איז מיר אין די שפּעטערדיגע יאָרן אויסגעקומען דאָס צו ווידערהאָלן אין די קלאַסן פון אידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט, וואו איך האָב געדאַרפט איינקנעלן מיט דערפאַרענע געזעלשאַפטלעכע טוער און מיט אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו ווערן טוער, אַז מען דאַרף בלויז זיין איבערצייגט אין דעם, וואָס מען וויל זאָגן, און אַז דער פּראָצעס אַליין פון דעם ריידן איז שוין גאָר ניט אַזאַ שווערער ענין.

די ערשטע לעקציע איז געווען איינגעאָרדנט, ווי שוין דערמאָנט, פון אַ רוסישער אָרגאַניזאַציע, האָב איך מיין לעקציע געהאַלטן אויף רוסיש. דער פאָרזיצער האָט אויך גערעדט אויף רוסיש; עס איז אויך געווען נאָך איין רעדנער, וועלכער האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף אידיש. עס איז געווען אַ גרויסער עולם. מען האָט געשטעלט פראַגן. צום שלוס פון מיטינג האָט מען אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע און מיט דעם האָט זיך געענדיגט.

געענדיגט האָט זיך דאָס פאַר אַלעמען, נאָר ניט פאַר מיר — פאַר מיר האָט זיך דאָס ערשט אָנגעהויבן. די טוער פון דעם קלוב האָבן,

וויזט אויס, דערציילט די ענגליש־ריידנדיגע טוער פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי וועגן דעם מיטינג און וועגן מיין אַרויסטריט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער ענגלישער ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי זיך געווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל קומען האַלטן אַ פּאַרטראַג באַ אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג וועגן דער באַדייטונג פון דעם ביילים־פּראָצעס. דער מיטינג איז פּלאַנירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און איז געווען איינגעאָרדנט אין ענגליש.

די ווענדונג איז געבראַכט געוואָרן צו דעם אידישן ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואו איך בין געווען אַ מיטגליד, מיט דער דערקלערונג, אַז מען זאָל אָדער מיך שיקן אַלס דעם רעדנער, אָדער אַן אַנדער חבר, וועלכער איז באַקאַנט מיט דעם ענין. מען איז צוגעשטאַנען צו מיר, אַז נאָר איך מוז גיין האַלטן דעם פּאַרטראַג. אומזיסט זיינען געווען מיינע טענות, אַז איך קען נאָך ניט די שפּראַך, אַז איך וועל זיך פּאַרפּלאָנטערן, אַז איך וועל בלויז פאַרשעמען אי זיך, אי די פּאַרטיי.

מען האָט מיט מיר גערעדט מיט גוטן; מען האָט מיט מיר גע־רעדט מיט בייזן; מען האָט זיך באַ מיר געבעטן און מיר פּרובירט באַ־וויזן, אַז עס איז מיין חוב צו גיין רעדן, און מען האָט פּרובירט מיך אי־בערצייגן, אַז די ענגלישע זיינען זייער טאָלעראַנט און אַז זיי וועלן גאָר־ניט האָבן וואָס אויסצוזעצן געגן מיין שלעכטן ענגליש.

מען האָט אַזוי לאַנג גע׳טענה׳עט, ביז מען האָט מיך איבערגערעדט און איך האָב אָנגענומען צו האַלטן די לעקציע וועגן דעם הינטערגרונט פון דעם אַנטיסעמיטיזם און וועגן די אמת׳ע צילן פון דעם צאַריזם באַם פּאַרפירן דעם ביילים פּראָצעס.

און פּונקט ווי איך האָב באַ דעם ערשטן אַרויסטריט ניט געשראָקן זיך, אַזוי האָב איך די עטלעכע טעג פאַר דעם צווייטן אַרויסטריט גע־האַלטן אין איין ציטערן און זיך פּאַרשעלטען פּאַרוואָס איך האָב זיך גע־לאָזט איינריידן און גאָר געוואָגט צו נעמען אויף זיך אַזאַ זאַך, ווי האַלטן אַ לעקציע אויף ענגליש.

איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל זיך פּאַרפּלאָנטערן, אַז איך וועל ווערן פּאַרצווייפלט און וועל נאָך אַנטלויפן פון דער פּלאַטפאָרמע און דערנאָך זיך קיינמאָל מער ניט קענען ווייזן צווישן מענטשן. איך האָב מיין לעקציע אָנגעשריבן אויף ענגליש און האָב זי עטלעכע מאָל פּרובירט איבערלייענען, נאָר דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז פון פּאַפּיר וועל איך ניט קענען לייענען ווען איך וועל שטיין פאַר אַן עולם. איך

האָב זיך נאָך דעמאָלט ניט געקענט פאַרלאָזן צו קאָנען געדענקען און זאָגן אויף אויסווייניג פּינקטלעך דאָס, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן, און איך בין ניט געווען זיכער, אַז די נויטיגע ווערטער וועלן אַליין קומען פּונקט אין צייט. אַלע מאָל, ווען איך האָב אַ טראַכט־געטאָן וועגן דעם, אַז אָט־אָט דערנעענטערט זיך דער טאָג פון דעם מיטינג, האָט באַלד אַ קאַלטער שווייס מיך באַשלאָגן.

און אָט איז שוין דער אָוונט, פאַר וועלכן איך האָב זיך געשראָקן; נאָר עפּעס אַ מאָדנע זאַך — ווי נאָר איך האָב דערזען דעם ריזיגן עולם קאָנאָדער אַרבעטער — יונגען מיט אָפענע פּנים׳ער, מיט לויכטנדיגע אויגן און מיט זייער כאַראַקטעריסטישן שמייכל — איז מיר עפּעס ווי וואַרעם געוואָרן. עס האָט מיך באַהערשט איין געדאַנק: אָ, ווען זיי זאָלן נאָר קענען וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן דעם צאַריזם! ווען מיר זאָל זיך נאָר איינגעבן צו אַנאַליזירן ווי עס געהער צו זיין די גאַנצע וויסטע שפּיל פון די צאַרישע סאַטראַפּן, וועלכע באָדן זיך אין דעם בלוט פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, — ווי גליקלעך איך וואָלט זיך געשעצט!

און אין דער מינוט ווען מיין אַרויסטריט האָט געקראָגן פאַר מיר אַ קאָנקרעטע באַדייטונג — דורכצופירן אַ באַשטימטע אויפגאַבע — איז שוין פאַרשוואונדן מיין שרעק פאַר דער פרעמדער שפּראַך, מיט וועלכער איך האָב זיך געדאַרפט ראַנגלען.

אַז איך האָב יענעם אָוונט שווער געזינדיגט געגן דער ענגלישער שפּראַך — דאָס האָב איך אַליין געפילט אפשר נאָך מער, ווי די צוהערער, ווייל זיי זיינען געווען גרייט מוחל צו זיין אַ ניי־געקומענעם, און מיך האָט דער פאַלשער אויסשפּראַך פון די מערסטע ווערטער און די גראַמאַטישע פעלערן געשניטן ביזן ביין.

צום שלוס פון דער לעקציע האָב איך געקראָגן דעם גרעסטן קאָמ־פּלימענט, וואָס די גוטמוטיגע קאָנאָדער האָבן געקענט מאַכן: „אין זיין אייגענער שפּראַך איז ער זיכער גאָר אַ בריה!“.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ביז דער לעקציע און באַם האַלטן זי האָב איך געהאַט אַ סך עגמת־נפש, האָב איך אָבער געפילט אַ געוויסע באַפרידיגונג מיט דעם, וואָס „זאָל ער וויסן דער צאַר!“ ער שלאָגט אידן; ער מאַכט פּאָגראָמען; ער פאַרפירט פּראָצעסן — איז אָט זאָל די וועלט וויסן וועגן דעם אַלעמען און זאָל וואַקסן אין דער גאַנצער וועלט די שנאה און פאַראַכטונג צו אים.

פאַר זיך אַליין אין דער שטיל האָב איך געמאַכט עטלעכע אויס־

פירן פון דער צווייטער לעקציע: איך מוז זיך אויסלערנען די ענגלישע שפּראַך; עס איז אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט צו שטיין און רעדן פאַר אַן עולם, נאָר עס איז אַ גרויס גליק צו קענען לערנען מענטשן, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין וויכטיגע דערשיינונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן; איך וועל ווייטער האַלטן לעקציעס, ווייל איך וויל זיך טיילן מיט אַנדערע מיט מיינע איבערצייגונגען; איך וועל קיינמאָל ניט לייענען פון קיין פּאַפּיר; איך מוז זיך אויסלערנען צו געדענקען אויפ'ן קאָפּ.

און אַט אַזוי האָט מיין ערשטע צופעליגע לעקציע געפירט צו צרות מיט אַ צווייטער און צו דעם, אַז עס זאָלן דערנאָך שוין קומען נאָך אַ סך, אַ סך לעקציעס, וועגן וועלכע איך וועל פּרובירן דערציילן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטל 2.

ווינניפּעג פייערט די פאַרניכטונג פון צאַריזם

עס איז געווען פרילינג אין דער לופט און יום־טוב אין מענטשישע הערצער.

די באַטאָגיגע זון האָט אַזוי שטאַרק געוואַרעמט, אַז מען האָט געקענט פאַרגעסן, אַז באַנאַכט איז אין אָט דער צייט פון יאָר נאָך גאָר קאַלט אין אָט דעם טייל פון קאַנאַדע.

די נייעס, אַז דער צאַריזם איז געפאַלן, האָט געבראַכט אַ גרויסע פרייד און אַ האָפענונג, אַז ליכטיגע טעג וועלן זיך איצט אָנהויבן פאַר דעם לאַנד, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געליטן און געבלוטעט.

און אין אונזערע פיר ווענט איז געווען חושך און ווייטיג. ערשט מיט עטלעכע וואָכן פריער — דעם 23־טן יאַנואַר — האָט דער טויט אַוועקגעריסן מיין יונגן ברודער ווילי, וועלכער איז קוים 19 יאָר אַלט געווען.

טאַטע, זון און טאָכטער זיינען צוגענומען געוואָרן אין אַמבולאַנסן אין שפיטאָל אין אַן עפּידעמיע פון דיפטעריט. דער זון איז שוין נישט צוריקגעקומען.

שווידערלעכע טעג זיינען דורכגעגאַנגען. געווען איז אַ נסיעה מיט׳ן טאַטן אין שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז ערשט צוריקגעקומען; געווען אַ מאָמענט, ווען דאָס האַרץ האָט זיך שיעור צעריסן, ווען מען האָט אויף אַ וועגעלע אַרויסגעפירט דעם טויטן קערפּער פון דעם יונגן בחור, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן לערנען מעדיצין אין אוניווערזי־טעט, האָפנדיג צו מאַכן זיין ביישטייער, אַז קיין יונגע לעבנס זאָלן ניט פאַרשניטן ווערן; געווען דער טאָג פון דער לויה, ווען עס איז אויס־

געקומען צום ערשטן מאל זען דעם שטאלצן, בראוון טאטן א צוזאמענ־געבראכענעם ; געווען דער מאמענט אויף דעם בית עולם אין קילדאנען, ווען עס האט זיך געפילט, אז צוזאמען מיט דעם קאסטן, וואס איז אראפ־געלאזט געווארן אין דעם פרישן קבר, איז באגראבן געווארן א שטיק פון דעם אייגענעם לעבן.

שטיל איז געווארן אין הויז. אלע ברידערלעך און אלע שוועס־טערלעך זיינען עפעס ווי לייכטער געווארן אין זייער גאנג און האבן ווי פארטאיעט זייער אטעם. דער טרויער איז געהאנגען איבער אונזערע קעפ.

און אט איז געקומען די גרויסע נייעס וועגן דער פארניכטונג פון דעם צאריזם און עס האט זיך אנגעהויבן א קאמף צווישן דער פרייד, וואס האט אנגעפילט דאס הארץ, און צווישן דעם ווייטיג וואס האט געדריקט און ניט געלאזט צורו קיין מינוט.

חברים זיינען געקומען אנזאגן די בשורה און זיך באראטן ווי דורכ־צופירן דעם יום־טוב. נאענטע זיינען זיי אלע געווען דורך געמיינשאפט־לעכע קאמפן ; געטרייע זיינען זיי אלע געווען, ווייל מיר זיינען אלע געווארן ווי איין משפחה ; איבערגעבן זיינען זיי אלע געווען, ווייל מיר האבן איינער מיט דעם צווייטן זיך געטיילט מיט אלץ, וואס מיר האבן פארמאגט.

אין די טעג פון אונזער טרויער זיינען זיי אפט דא געווען מיט אונז, נאר קיין איין מאל האט דער ווייטיג אזוי ניט ארויסגעשריען פון יעדנס בליק, ווי אין אט דעם טאג פון גרויסער פרייד. מען האט זיך געדריקט די הענט ; טרערן זיינען געשטאנען בא אלעמען אין די אויגן און אלע האבן געוואלט דעם צוווייטיגטן טאטן עפעס לייכטער מאכן דעם געמיט.

דער אוונט פון דעם יום־טוב איז באשטימט געווארן; עס איז באשטימט געווארן דער אופן פון דער פייערונג און עס איז געקומען צו דער פראגע פון באגריסער. מיר האבן אין געציילטע עטלעכע מינוט זיך געאייניגט אויף א צעטל פון טוער, וועלכע זאלן ארויסטרעטן מיט קורצע באגריסונגען, נאר ווער זאל געבן אן אפהאנדלונג וועגן דער באדייטונג פון דער היסטארישער איבערקערעניש ?

מען האט געשטעלט די פראגע, נאר קיינער האט ניט געגעבן קיין ענטפער. עס איז געווען קלאר, אז אלע ווילן איך זאל האלטן דעם רעפעראט, נאר זיי האבן געוואוסט ווי שווער עס איז פאר מיר אין אט

דעם מאָמענט אַרויסצוטרעטן פאַר אַן עולם, האָבן זיי דערפאַר געשוויגן און בלויז מיט אַ באַזונדער ווייכקייט געוועגדעט צו מיר זייערע בליקן.

עס איז געווען נויטיג גובר צו זיין דעם סוביעקטיוון געפיל פון פער־זענלעכער צעדריקטקייט און זיך אונטערוואַרפן דעם געזעלשאַפטלעכן חוב, וואָס די צייט האָט געפאָדערט צו צאָלן, אַז די פרייד פון אַ באַפרייט לאַנד זאָל געבראַכט ווערן צו ברייטע מאַסן; אַז דאָס גליק פון צעריסענע קייטן זאָל באַלויכטן ווערן ווי געהעריג; אַז די געפאַרן, וואָס לויערן אויף דער נייער פרייהייט, זאָלן אַנאַליזירט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין; אַז דער דראַנג פון דעם באַפרייטן לאַנד צו פרידן זאָל פאַרטייטשט ווערן אַזוי קלאָר, ווי מעגלעך, אין אַ לאַנד, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין דער מלחמה.

עס האָט באַהערשט דער ווילן צו דערקלערן וואָס די נייע פרייהייט מיינט פאַר דעם אייגענעם פיל־געפּלאָגטן פאָלק. עס האָט פאַרכאַפּט דער דורשט צו בלעטערן די געשיכטע פון די העכער דריי הונדערט יאָר פון דער פינסטערער הערשאַפט פון די ראַמאַנאָווס, און אין ליכט פון דער אויפגייענדיגער פרייהייט נאָך מער אונטערשטרייכן דעם שוידער פון די שווערע ליידן אונטער דער בייטש פון דעם צאַריזם.

עס האָט געזיגט דער געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין. דער פער־זענלעכער ווייטיג האָט געמוזט זיך צענויפקנוילן און זיך באַהאַלטן טיף אין אַ ווינקל אין האַרץ און אין מוח.

און אַט איז דער העל־באַלויכטענער זאַל. אַט זיינען הונדערטער צעפלאַמטע געזיכטער. אַט זיינען אויגן, וואָס שיינען פון פרייד. אַט איז דער מענטשישער ים, וואָס וויגט זיך, וואָס שטורעמט, וואָס ברויזט, וואָס הויבט די כוואַליעס פון עקסטאַז אַלץ העכער און העכער. אַט זיינען נאָענטע און ליבע חברים, וואָס טרעטן אַרויס מיט באַגריסונגען. ווי גוט יעדער איינער רעדט היינט! ווי פאַסיג עס איז יעדן איינעמס וואָרט! ווי ספּאָנטאַן עס איז היינט דער אָפּרוף פון דעם עולם! ווי די רעדנער און די צוהערער זיינען אַט געוואָרן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט!

רעדעס און אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין אַ וואונ־דערבאַרער סימפאָניע. די שטימונג איז געשטיגן אין אינטענסיווקייט פון מינוט צו מינוט.

מיין רעדע האָט געדאַרפט קומען די לעצטע, כדי עס זאָל זיין גענוג צייט פאַר אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג.

עס איז געווען קלאָר, אַז אַט דער עולם, וואָס האָט ערשט אַזוי געשטורעמט, אַז די ווענט האָבן זיך געטרייסלט, — אַז אַט דער עולם האָט געהאַסט דעם צאַריזם מיט אַ ברענענדיגער שנאה; עס איז געווען קלאָר, אַז אַט דער עולם פֿרייט זיך מיט דער פֿרייהייט אין דעם ווייטן לאַנד, ווייל עס איז דאָ די פֿאַרשטענדיגונג, אַז די פֿרייהייט אין נאָך איין לאַנד מיינט נאָך אַ שריט פֿאָראויס אין דעם גרויסן קאַמף פון די בעסערע טיילן פון דער מענטשהייט פֿאַר אַ וועלט אָן מלחמות, אָן הונגער און אָן אונטערדריקונג; עס איז געווען קלאָר, אַז אַט דער עולם האָט זיך צענויפֿגעגאָסן מיט דער פֿרייד, וואָס האָט באַהערשט די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן אין יענעם לאַנד, וואָס האָט צעריסן זיינע קייטן. וואָס זשע קען מען נאָך דאָ זאָגן איצט, נאָך דעם, ווי מען האָט שוין אויף אַלערליי אופֿנים דערציילט ווי פֿינסטער עס איז געווען אונטער דעם צאַר און ווי ליכטיג עס איז די פֿרייהייט? וואָס קען מען נאָך זאָגן דעם עולם, וואָס האָט שוין דאַכט זיך דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פון עקסטאַז?

עס איז ניט געווען קיין פֿראַגע פון קאַלטער אויסרעכענונג, נאָר אַן אינסטינקטיווער אימפולס האָט אונטערגעזאָגט ניט צו באַנוצן קיין שפּיזן פון אָראַטאָרישער שאַרפֿקייט און ניט צו שליידערן קיין הויפּנס פייער אין אָט די הערצער, וואָס זיינען שוין סיי ווי געווען צעצונדן. אנשטאַט דעם זאָל זיך בעסער צעוויקלען אַ פּאַנאָראַמע פון דעם לאַנד; זאָלן זיך עפֿענען די בלעטער פון דער געשיכטע; זאָלן דורכגיין די קאַפּיטלעך פון די צאַרישע מיליטערישע אַוואַנטורעס; זאָל אונטערגעצייגן ווערן אַ סך הכל צו די קרבנות פון בלויז דער מלחמה אין מאַנדזשוריע און די גאַנצע צעפֿוילטקייט פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע, וואָס האָט אין דער לויפֿנדיגער מלחמה געבראַכט אַזוי פֿיל אומגליק אויף דעם לאַנד. זאָל זיך צעוויקלען אַ בילד פון דעם לעבן פון די פּויערים; זאָל זיך עפֿענען אַ בילד פון דעם לעבן פון די פּריצים; זאָל דורכגיין די געשיכטע פון דעם לעבן פון די קלענערע פֿעלקער אין דעם צאַרישן לאַנד; זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן די גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע פון דעם אידישן פֿאָלק אונטער די צאַרן; זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן דער גאַנצער ווייטיג פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַסט דעם צאַר, און געגן וועלכער דער צאַר האָט אָנגעווענדעט טורמעס, עטאַפּן און קאַטאָרגע; זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן די ראָל פון דעם יונגן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד און פון די העלדישע קאַמפֿן, וואָס אַט דער אַרבעטער־קלאַס האָט צעוויקלט אויף די באַריקאַדן אין מאָסקווע און אין סאַנקט־פּעטערבורג אין די

דעצעמבער־טעג פון 1905, וואָס זיינען געווען אַ פאָרשפּיל צו דער פרייהייט פון מערץ 1917, וואָס אַט דער אָונט האָט געפייערט.

זאָל דורכגיין אַן אַנאַליז פון די כוחות, וואָס ווילן די נייע אָרדענונג קירעווען לויט זייער פאַרלאַנג; זאָל דער עולם באַגרייפן, אַז נאָך ניט אַלץ איז אין אָרדענונג; זאָל קלאָר ווערן, אַז ניט אין די הענט פון די ראָדזי־אַנקאָס און מיליוקאָווס קען די פרייהייט זיין געזיכערט; זאָל מען פאַרשטיין, אַז מען דאַרף גוט נאָכפאָלגן די ראָל פון קערענסקי׳ן, וועלכער האַלט אין איין שווערן זיך, אַז דאָס לאַנד וועט ווייטער פאַרזעצן די מלחמה.

דעמאָלט איז נאָך ניט געווען קלאָר די גאַנצע פאַרפירערישע און פאַררעטערישע ראָל, וואָס קערענסקי האָט שפּעטער גענומען שפּילן, נאָר קיין צופיל צוטרוי האָבן די באַוואוסטזיניגע סאָציאַליסטן צו אים ניט געהאַט.

דער עולם האָט געהערט מיט אַ שטילקייט, וואָס איז געווען אַזאַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דעם שטורעם, וואָס האָט נאָר־וואָס געהערשט. דערפאַר אָבער ווען דער אַנאַליז איז געקומען צו אַ סוף און עס איז געמאַכט געוואָרן דער איינציג מעגלעכער אויספיר, אַז דאָס פאָלק, וואָס האָט צעשמעטערט דעם צאַריזם, וואָס האָט אין פריערדיגע דורות דורך די קאַמפן פון די ראַזינס און די פוגאַטשאָווס, פון די דעקאַבריסטן און פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ — געוויזן, אַז קיין טעראָר וועט אים נישט אָפּשרעקן — אַז אָט דאָס פאָלק וועט איצט, נאָך דעם שטירצן פון צאַריזם, זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן און פאַרפירן, נאָר וועט מיט מוט און מיט שכל און אונטער דער געהעריגער געטרייער פירערשאַפט, וואָס וועט אומבאַדינגט אויסוואַקסן, — ווי אַ וואולקאַן זיך אַ הויב־טאָן און פאַר־שווענקען מיט אַ פייערדיגער לאַווע פון צאָרן אַלע, וואָס וועלן זיך אים שטעלן אין וועג.

דאָס פאָלק, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון פרייהייט, וועט זי ניט אַרויסלאָזן פון דער האַנט!

דאָס איז געווען דער פינאַל פון דעם אַנאַליז. דער ענטפער פון דעם עולם איז געווען אין פולן אַקאָרד מיט דעם געזאָגטן און איז געווען אַ פאַסנדיגער שלוס צו דעם גאַנצן אָונט פון פרייד און פון גליק.

מען איז אויפגעשפּרונגען פון די בענקלעך; מען האָט זיך געקושט און מען האָט געוואָרפן די הי‏טלען אין דער הויך — מען האָט גאָר ניט געוואוסט ווי אויסצודריקן די פרייד, וואָס האָט אַלעמען איבערוועלטיגט.

ענדלעך זיינען די לאָמפּן אויסגעלאָשן; דער עולם צעגייט זיך אין אַלע ריכטונגען; אין די אויערן קלינגען נאָך די פריידיגע אויסרופן, וואָס האָבן אַ גאַנצן אָוונט אָנגעפילט דעם זאַל. באַם אַרויסגאַנג שטייען נאָך רעדלעך; נאָענטע חברים קושן זיך באַם געזעגענען. נאָר עס ברענט אַ פראָסט — אַ אמת׳ער קאַנאַדער סמאַליענדיגער פראָסט — און מען לויפט וואָס שנעלער צו דער וואַרעמקייט פון דער אייגענער היים. מען פאַרגעסט ניט אין דער לעצטער מינוט וואַרעם זיך געזעגענען מיטן טאַטן און אים פּרובירן דערפרייען מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר מיין אַנאַליז.

ער דריקט אַלעמען די הענט, נאָר זיין געזיכט איז פאַרשטיינערט — קוים־קוים וואָס ער רעדט אַרויס אַ וואָרט. זיין געמיט גיט זיך באַלד איבער אויך צו מיר און איך דערפיל ווי איך בין עפּעס מיט אַמאָל אויס־געליידיגט געוואָרן. צוריק איז געקומען דער ווייטיג פון דעם אייגענעם פאַרלוסט; צוריק איז געקומען דער געדאַנק, וואָס האָט פריער ניט אָפּגע־לאָזט אויף קיין איין מינוט, — ניטאָ ווילי! דאָס ליבע געזיכט מיט די שפּרינקעלעך און דער ליבער קאָפּ מיט גאָלדן־רויטע האָר פון דעם שלאַנקן און דאַרן בחור׳ל וועלן שוין קיינמאָל זיך ניט באַווייזן אויף דער שוועל.

און ווידער און אָבער דרייען זיך אין מוח די ווערטער:

„געדאַנק, לאָז צורו כאָטש איין טאָג,

כאָטש איין טאָג מיך ניט מאַטער, ניט פּלאָג!"

דער פראָסט האָט געסמאַליעט, נאָר מיר זיינען ניט געפאָרן מיט קיין טראַמוואַי. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין די אַלע וואָכן ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען אין דרויסן. זיינען מיר געגאַנגען אין דרייען. דער טאַטע און די שוועסטער באַ די זייטן און איך אין דער מיט. מיר האָבן געשוויגן. אונזער ווייטיג האָט צוגענומען אונזער לשון. פּלוצלונג האָט דער טאַטע אָנגעהויבן רעדן ווי ער וואָלט פאַר־געזעצט עטוואָס, וואָס ער האָט שוין פריער אָנגעהויבן צו זאָגן, — „אַזאַ גליק מאַכט די וועלט גרעסער און דער אייגענער ווייטיג ווערט קלענער און באַהאַלט זיך אין אַט דער גרויסער וועלט. שלמה, הײנט איז געוואָרן אַ סך קלאָרער וואָס די גאַנצע איבערקערעניש מיינט."

זיינע ווערטער זיינען געווען אַזוי פּשוט און האַרציג, אַז אין מיר האָבן זיי אַריינגעגאָסן אַ שטראָם פון וואַרעמקייט.

איך האָב פֿאַרגעסן אין דעם פֿראָסט. דער טאַטע און די שוועסטער האָבן, ווייזט אויס, אויך פֿאַרגעסן אין דער קעלט. מיר האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט בײַ דער פֿייערונג, — מיר האָבן דערפֿילט, אַז די גרויסע בשורה, וואָס איז געקומען צו דער וועלט, איז אויך געקומען צו אונז — צו שטאַרקן און צו געבן מוט און נײַע האָפֿענונג און אַ נײַעם ווילן צו לעבן.

קאַפּיטל 3.

ווי וועט מען פאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס אָן אַ מאַשיניסט?

צווישן די רוסישע אַרבעטער אין טאָראָנטאָ און אין מאָנטרעאל איז אין איין צייט געווען אַ גרופּע אַנאַרכיסטן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ניט אַזוי מיט איר צאָל, ווי מיט דעם טומל, וואָס די גרופּע האָט זיך אויסגעלערנט דורכצופירן. איך זאָג אויסגעלערנט, ווייל דאָס איז ניט געווען גלאַט אַ טומל, וואָס אַ קליינע גרופּע האָט פאַראורזאַכט אויף צו דעמאָראַליזירן פאַרזאַמלונגען. אין זייערע האַנדלונגען איז געווען אַ גוט־אויסגעאַרבעטע סיסטעם. מען האָט באַלד געקענט דערשפירן, אַז די מענטשן האָבן געהאַט אַ גוטע שולונג פאַר זייער שטערערישער אַרבעט.

אָט הויבט זיך אויף איינער און שטעלט אַ פראַגע, נאָר איידער דער רעדנער האָט נאָך צייט צו עפענען דאָס מויל אויף צו ענטפערן, פליט שוין אַ פראַגע פון אַ צווייטן ווינקל פון זאַל. דער רעדנער דערקלערט, אַז ער וועט ענטפערן פריער אויף איין פראַגע און דערנאָך אויף דער צווייטער, נאָר דאָ דערהערט זיך אַן אויסגעשריי פון אַן אַנדער ווינקל פון דעם זאַל: „פאַררעד ניט די ציין!" ווייל דאָך דער רעדנער אָדער דער פאָרזיצער זאָגן עפּעס וועגן די שטערער, שטייען שוין אויף די פיס אַ פינף־זעקס מענטשן אין באַזונדערע ווינקלען און שרייען אַלע מיטאַמאָל, אַז מען פאַרגוואַלטיגט די רעכט פון די פראַגע־שטעלער.

דאָס אַלץ איז געצילט אַריינצוטראָגן צעטומלעניש און שאַפן דעם איינדרוק, אַז די אַנאַרכיסטן זיינען געקריוודעטע און מען דאַרף דערפאַר קומען צו דער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, וואָס זיי פאַררופן אויף צו דערקלערן פאַרוואָס זיי באַקעמפן די פריינט פון דעם יונגן סאָוועטישן רעזשים.

צו דער צייט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער סאָוועטן־פֿאַר־באַנד, האָט אָט־די גרופּע געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן איינפֿלוס אין דער רוסישער קאָלאָניע אין די צוויי דערמאָנטע שטעט. אין ווינּיפּעג האָבן מיר אַזאַ גרופּע ניט געהאַט. און אָט קומט מיר אויס צו האַלטן אַ סעריע לעקציעס פֿאַר די רוסישע אַרבעטער אין טאָראָנטאָ. באַלד נאָך דער ערשטער לעקציע האָב איך שוין דערזען מיט וועמען איך האָב צו טאָן. די גרופּע האָט אָנגעפֿירט אַן אָבסטרוקציע לויט אַלע כּללים פֿון די שפּעטערדיקע היטלער־שטורמיסטן. אין אָנהויב זיינען געשטעלט געוואָרן קלאָץ־קשיות, דערנאָך איז געקומען די באַקאַנטע טאַקטיק פֿון פֿאַרטומלען דעם עולם מיט געשרייען פֿון אַלע ווינקלען פֿון דעם זאַל, און צולעצט — אַן אויסרוף פֿון איינעם פֿון דער גרופּע, וועלכער האָט געהאַט אַ דונערנדיקע שטימע: „קומט צו אונזערע מיטינגען, וועט איר הערן דעם גאַנצן אמת פֿאַרוואָס מען דאַרף ניט די באָלשעוויסטישע רעגירונג!" באַלד נאָך זיין אויסרוף האָבן די אַלע טומלער זיך אַ הויב־געטאָן פֿון זייערע פּלעצער און פֿאַרהילכט דעם זאַל מיט ווילדע אויסגעשרייען.

עס איז געווען קלאָר, אַז עפּעס דראַסטישעס מוז געטאָן ווערן אויף אַרויסצושטעלן אָט דעם מין כוליגאַניזם אין זיין ריכטיקן געשטאַלט. עס איז בײַ מיר באַלד געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק אין קאָפּ ווי צו האַנדלען בײַ אָט די באַדינגונגען. איך האָב געוואַרט ביז דער עולם האָט פֿאַרלאָזן דעם זאַל און דערנאָך האָב איך געבעטן די נאָענטע טוער פֿון דעם קאָמיטעט פֿון דעם רוסישן קלוב צו פֿאַרבלייבן מיט מיר אויף עטלעכע מינוט. איך האָב זיי פֿאָרגעשלאָגן מיין פּלאַן, וואָס איז זיי זייער געפֿעלן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען מוז אַרייַנ־ציען די אַנאַרכיסטן אין אַ דעבאַטע. ביז דעמאָלט האָבן זיי קיין דעבאַטע קיינמאָל ניט געוואָלט אָננעמען. כאָטש זייער פֿירער איז אַלע מאָל געקומען מיט דער גאַנצער גרופּע צו יעדער פֿאַרזאַמלונג, וואָס די פֿריינט פֿון דעם סאָוועטישן לאַנד האָבן פֿאַררופֿן, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט גענומען קיין וואָרט און האָט, פּונקט ווי זיינע נאָכפֿאָלגער, זיך בלויז באַנוגנט מיט מאַכן סקאַנדאַלן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז בײַ דעם אָנהויב פֿון דער צווייטער לעקציע זאָל איך זיך ווענדן צו דער גרופּע אַנאַרכיסטן און זיי אויפֿפֿאָדערן, אַז זייער פֿאַרטרעטער זאָל אַרויפֿ־קומען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. גלייכצייטיק זאָל איך מאַכן אַ דערקלע־רונג, אַז דער אַנאַרכיסט קען אויסקלייבן צו רעדן דער ערשטער, אָדער

ער וועט רעדן דער צווייטער און וועט קריגן פונקט אַזוי פיל צייט, וויפיל מיין לעקציע וועט פאַרנעמען.

דער צוגאַנג איז געווען אַזאַ: וועלן די אַנאַרכיסטן אָננעמען דעם אַרויסרוף, וועט זיין אַ דעבאַטע, פאַר וועלכער זיי האָבן אַזוי מורא געהאַט; וועט די גרופּע זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען דעם אויסרוף, וועט דער גאַנצער עולם זען, אַז דאָס זיינען אומפאַראַנטוואָרטלעכע טומלער, וועלכע האָבן ניט וואָס צו זאָגן.

דער פּלאַן האָט געאַרבעט. ווי נאָר דער פאָרזיצער האָט פאַרענ־דיגט זיינע עטלעכע ווערטער באַם פאָרשטעלן מיך, איז געקומען מיין דערקלערונג, אַז אַזוי ווי דאָ געפינט זיך אַ גרופּע מענטשן, וואָס פּרעטענ־דירן צו האָבן אַ סך וואָס צו זאָגן וועגן דעם סאָוועטישן רעזשים, וועט דאָ איצט געגעבן ווערן די געלעגנהייט איינעם פון דער גרופּע צו זאָגן וואָס ער וויל. זאָל טאַקע אָט דער איינער באַלד אַרויפקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער קען זיין דער ערשטער רעדנער, ער קען זיין דער צווייטער — אַלץ איז אין זיינע הענט.

אַזאַ אַרויסרוף האָט די גרופּע ניט דערוואַרטעט און איז געבליבן געפּלעפט. דער אימפּולסיווער עולם האָט דערווייל אויפגעכאַפּט דעם רוף, וואָס עמיצער האָט אַ וואָרף־געטאָן: זייט ניט קיין פייגלינגען! פון אַלע ווינקלען פון דעם זאַל זיינען געקומען די זעלבע אויסרופן און די אַנאַרכיסטן האָבן אַזוי זיך פאַרלאָרן, אַז זיי האָבן אין דער אָנוועזנהייט פון דעם גאַנצן עולם זיך גענומען קריגן מיט זייער פירער. ער האָט, ווייזט אויס, ניט געוואָלט אָננעמען דעם אַרויסרוף; זיי האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל יאָ אַרויפגיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַלע האָבן זיי זשעסטיקולירט מיט די הענט און געשריען איינער אויף דעם צווייטן. ענדלעך איז דער פירער זייערער אַרויס פון געדולד. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו אַלע אַרום אים, ווי איינער זאָגט: גייט צו אַלדע רוחות. ער האָט מיט האַסטיגע טריט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פּלאַטפאָרמע. אויף דער פראַגע פון דעם פאָרזיצער, צי וויל ער זיין דער ערשטער רעדנער, אָדער דער צווייטער, האָט ער אָפּגעהאַקט געענט־פערט:

— דער ערשטער!

קיינמאָל איז מיר ביז דעמאָלט ניט אויסגעקומען צו הערן אַזאַ געמיש פון אומגעלומפּערטע באַהויפּטונגען און פון אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט אין באַצוג צו פאַקטן, וואָס זיינען געווען אַלעמען באַקאַנט.

דער בחור האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער וועגן דעם, אַז מען דאַרף נישט קיין אָרגאַניזירטע רעגירונג, אַז דאָס פאָלק קען און דאַרף אַליין אַלץ באַזאָרגן אָן איינגעשטעלטע אינסטיטוציעס. ער האָט געזידלט די פירער פון דער נייער מלוכה און האָט זיי אָנגערופן וואָס אין דער קאָרט. ער האָט געמאָלן אַ בילד ווי אַזוי זיי וועלן זיך לאָזן וואוילגיין אין פּאַלאַצן און וועלן מיט דער צייט ווערן נאָך ערגער, ווי די צאַרישע טשינאָווניקעס. מיט חוצפה׳דיגער און אומפאַרשעמטער דעמאַגאָגיע האָט ער אַפּעלירט צום עולם, אַז מען זאָל ניט האָבן קיין צוטרוי צו דער סאָוועטן־מלוכה און מען זאָל זי באַטראַכטן ווי דעם ערגסטן שונא פון דעם פאָלק.

ער האָט ווידערהאָלט אַלע ליגנס, וואָס האָבן צו יענער צייט צירקו־לירט וועגן די פירער פון דער סאָוועטן־מלוכה; ער האָט אַזוי קלאָר געוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַן אומאויסשעפּבאַרן אַרסענאַל פון שנאה און פון גאַליגער פאַרלוימדונג; ער האָט פון זיין קוואַל געשעפּט און געשעפּט און עס האָט זיך בײַ אים גאָר ניט אויסגעשעפּט. דער קערל איז געווען אַ פינסטערלינג פון ערגסטן סאָרט.

צווישן עולם זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געריסן פון די פלעצער און מיט פאַרקלעמטע פויסטן געדראָעט דעם פאַרשוין, וואָס האָט אַזוי ציניש געגאָסן זיין גאַליגן שטראָם פון ווערטער. דער פאָרזיצער האָט מיט מיר איינגעשטימט, ווען איך האָב אים איינגערוימט אין אויער: „זאָל ער, זאָל ער רעדן וואָס מער, ווייל ער באַגראָבט זיך אַזוי, אַז מער וועט ער שוין דעם עולם ניט קענען נאַרן״.

עס איז ניט געווען שווער צו צעפלעכטן די אַלע רייד פון אָט דעם שונא. ווען עס איז געוואָרפן געוואָרן אַ ליכט אויף יעדן פונקט באַזונדער, ווען עס זיינען צוגלידערט געוואָרן די אַלע אומגעלומפּערטע פאַרלוימ־דונגען, ווען עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז בלויז בלינדע שנאה האָט געקענט דערלויבן איינעם צו רעדן מיט אַזאַ חוצפה וועגן אויספּרובירטע קעמפער, וועלכע האָבן דורך לאַנגע יאָרן פון טרייהייט צום פאָלק זיך דערוואָרבן ליבע און אַכטונג און צוטרוי — ווען דאָס אַלץ איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן, האָט דער פאַרשוין גענומען אויסקוקן זייער איינגע־שרומפּן. ער האָט זיך ווי צוזאַמענגעצויגן אונטער די בייטשן פון אמת, וואָס האָבן געכליעשטשעט איבער אים. זיינע נאָכפאָלגער האָבן אויך קיין נחת נישט געהאַט, ווייל פון אַלע זייטן האָבן שפּיזיגע בליקן אין זיי זיך געשטאָכן און מען האָט פון אַלע זייטן זיי דערמאָנט: „איר הערט?!״

ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף שנעל אַן איבערזיכט איבער דעם צוזאַמענשטעל פון די אַלע, וועלכע ווילן דערטרינקען דעם סאָוועטישן רעזשים אין בלוט; ווען עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אַנאַליז פון די ערשטע דעקרעטן פון דער נייער מלוכה און פון דער באַדייטונג פון די צילן פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־פויערים־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן; ווען עס איז אונטערגעצויגן געוואָרן אַ סך־הכל צו די מעשים פון די קערענסקיס און די אַנדערע — איז פאַר דעם עולם געשטעלט געוואָרן די פראַגע צו באַשטימען צי איז ניט דער אָנפאַל מצד די אַנאַרכיסטן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דאָס סאַמע געמיינסטע און פאַרברעכערישסטע, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן.

דער אָפּרוף פון דעם עולם איז געווען אַ מעכטיגער פּאַטש אין פּנים אַט־דער גרופּע, וואָס האָט חדשים־לאַנג געמאַכט טומל און אָבסטרוקציעס און וואָס האָט טעראָריזירט די פּראָ־סאָוועטישע מיטינגען.

ווען איך האָב פאַרענדיגט מיט די פאַקטן, וואָס האָבן געדאַרפט צעשלאָגן אַלע רייד פון דעם געגנער, האָב איך גענומען צעגלידערן זיין פּלאַפּלעריי וועגן אַ פאָלק, וואָס באַזאָרגט זיך אַליין אָן אַן איינגעשטעלטן מלוכה־אַפּאַראַט — סיי אויף דעם פּאָליטישן, סיי אויף דעם עקאָנאָמישן, ווי אויך אויפ׳ן קולטור־געביט. צווישן אַנדערעס האָב איך אַ פרעג געטאָן, ווענדענדיג זיך צו דעם בחור, וועלכער איז געזעסן אין געהאַקטע וואונדן:

— און אויב עס איז ניטאָ קיין גוט־איינגעאָרדנטער צענטראַליזירטער אַפּאַראַט אויף צו רעגולירן און אָנפירן מיט דעם עקאָנאָמישן בוי און גאַנג פון דעם לאַנד, ווי וועט מען, למשל, באַשטימען וועלכע פאַבריק זאָל וואו געבויט ווערן, וואָסער סחורה זאָל וואו פּראָדוצירט ווערן און וויפיל זאָל מען פּראָדוצירן?

און צווישן אַנדערעס האָב איך אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן:

— און ווער וועט באַשטימען וועלכע באַנען זאָלן צירקולירן און ווען זיי זאָלן אָפּגיין? ווער וועט באַשטימען וועלכער מאַשיניסט זאָל וואו אַרבעטן? ווי וועט מען פאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס אָן אַ מאַשיניסט?

עס האָט זיך מיר אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אַז אַט די שפּאַסיגע פראַגע מיינע וועט דעם בחור׳ל טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ און אַז דאָס וועט פירן צו דעם, אַז ער זאָל שוין גאָר זיך אַליין באַגראָבן.

ווען ער האָט געקראָגן זיינע עטלעכע מינוט צו ענטפערן, האָט ער אויף קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט קיין איינציגן אַרגומענט מיי־

נעם ניט באַשטריטן, נאָר ער האָט זיך גענומען גלייך דערקלערן ווי אַזוי מען וועט איינאָרדענען די באַנען. עס איז ניט נויטיג קיין צענטראַלע פאַרוואַלטונג; מען דאַרף ניט קיין שטאַבן מיט קאָנדוקטאָרן און מאַשי־ניסטן; די באַנען וועלן שטיין צו אַלעמענס דינסט.

— ווען איינער וועט דאַרפן פאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס, וועט ער נעמען אַ לאָקאָמאָטיוו און וועט פאָרן.

מער האָט דער עולם ניט באַדאַרפט. ווי נאָר דער פאַרשוין האָט אַרויסגערעדט אָט־די ווערטער, האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. פון מינוט צו מינוט איז דער געלעכטער געוואָרן אַלץ הילכיגער. אָט האָט שוין דער געלעכטער, דאַכט זיך, געהאַלטן אין איינשטילן זיך, נאָר עמי־צער האָט אין אַ ווינקל זאָל ווידער זיך צעלאַכט אויף אַ קול, און שוין זיינען אַלע געווען אָנגעשטעקט, און ווידער האָט דער זאָל זיך געהוידעט פון דעם געלעכטער פון די הונדערטער, וואָס זיינען דאָ געווען פאַרזאַמלט.

אַ פאַרשעמטער און אַ רויטער ווי אַ בוריק איז דער בחור אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, מורמלענדיג עפּעס אַ דראָאונג אין מיין ריכטונג. ווען ער איז אַראָפּ אין זאָל צווישן דעם עולם, האָט מען אים באַגלייט מיט אַ „בוז!" און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— ווי אַזוי זשע וועט מען פאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס אָן אַ מאַשיניסט?

דער פירער פון די אַנאַרכיסטן איז געווען אָן אָפּגעשמיסענער; די גרופּע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין איר ריכטיג געשטאַלט; די פשוט'ע רוסישע אַרבעטער האָבן דערזען, אַז זיי האָבן פאַר זיך געהאַט געפערלעכע שונאים. דער איינפלוס פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע איז אונטערגעגראָבן געוואָרן. צוריק צו זיך האָט די גרופּע שוין ניט געקענט קומען נאָך אָט דעם אָפּשניט.

אין גיכן איז אָט די פעסט איינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דעם קרייז פון רוסישע אַרבעטער. ווען איך האָב שפּעטער מיט צוויי יאָר זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ און געוואָרן אַן אָפּטער לעקטאָר אין דער רוסישער קאָלאָניע, איז שוין פון דער גרופּע קיין סימן ניט געבליבן.

קאפיטל 4.

אַ לעקציע ביי אַן אַנטיסעמיטישער דעמאָנסטראַציע

געווען איז צווישן אונז אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ חבר, אויף וועלכן קיינער וואָלט ניט געזאָגט, אַז ער איז אַ איד. געבוירן איז ער אין דעם אַמאָליגן סאַנקט־פּעטערבורג; פּאַרקערט האָט ער בלויז אין די קרייזן פון רוסישע אַרבעטער אין זיין הײם־שטאָט, ווייל קיין אידישע אַרבעטער זיינען דאָרט ניט געווען אַלס רעזולטאַט פון דער צאַרישער פּאָליטיק, וואָס האָט געמאַכט די הויפּט־שטאָט כמעט אידן־ריין — אַלאַ היטלער פון אונזער צייט.

אָט דער חבר, ועמענ׳ס נאָמען עס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריס־טיש רוסיש — באָריס דיעוויאַטקין, האָט אויך ניט אויסגעזען ווי קיין איד און האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן אידישן אַקצענט אין זיין רוסישער אויסשפּראַך. און דוקא אויף אים האָבן באַ אַ מאַסן־מיטינג זיך אַרויפגע־וואָרפן די שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דעם געשריי:

— דאָלאָי זשידאַ! באָם זשידי ניע נוזשני! (נידער מיט דעם אידן! מיר דאַרפן ניט קיין אידן!).

געווען איז די געשיכטע אַזאַ: גלייך באַ דער גרינדונג פון דעם סאָ־וועטישן רעזשים, האָבן די סאָציאַליסטן אין וויניפּעג — ספּעציעל די אידישע און די רוסישע — גענומען פירן אַן אינטענסיווע אויפקלערונג־קאַמפּאַניע וועגן דער באַדייטונג פון דער גרויסער היסטאָרישער איבער־קערעניש אויף דער געוועזענער טעריטאָריע פון די צאַרן. צווישן די אידן איז אין אַנהויב ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע געגנערשאַפט צו דעם יונגן לאַנד, נאָר דוקא צווישן די רוסישע מאַסן איז געווען אַ

גרופּע פון פאַרפּירטע, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַר׳סמ׳ען פון אַ צוויי־דריי דעמאַגאָגן, וועלכע האָבן געהעצט געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו אָט דער גרופּע האָבן מיר זיך געריסן אויף זי אַריבערצוגעווינען אויף אונזער זייט. די אויפגאַבע איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל דאָ זיינען געווען ניט בלויז רוסן, נאָר אויך אוקראַינער, און די לעצטע האָט מען פאַרפּירט דורך פאַרשפּרייטן צווישן זיי שאָוויניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט דערציילט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים וויל אומברענגען דאָס אוקראַינער פאָלק און רוסיפיצירן אַלע אוקראַינער.

אין אַ געוויסן זונטאָג האָבן מיר געזאָלט רעדן אין דעם קווינס טעאַטער צו אָט דער גרופּע. לויט אונזער פּלאַן, האָט חבר דיעוויאַטקין געזאָלט רעדן דער ערשטער און איך האָב געדאַרפט רעדן דער צווייטער, נאָר אומדערוואַרטעט איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אַ סך פריער פון דער באַשטימטער צייט, וואָס האָט נאָך געקענט פירן צו „אַ גרויסן פינאַנץ־קריזיס״. די זאַך איז געווען אַזוי: יעדן זונטאָג פלעג איך אַרבעטן אַלס אַ בוך־פירער באַ אַ צאָל לאָון־אַסאָסיאיישאַנס. זונטאָג פלעגט אויסגעטיילט ווערן געלט און עס פלעגן אַריינקומען צאָלונגען אויף די הלוואות. דאָס האָב איך געדאַרפט פאַרשרייבן. אַ גאַנצע וואָך פלעג איך דורך די נעכט אַריינפירן אַלץ אין די ביכער און האַלטן אין אָרדענונג די חשבונות פון די מיטגלידער פון די לייַ־קאַסעס.

אין דעם זונטאָג, ווען מיר האָבן געדאַרפט רעדן צו דער דערמאָנטער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין קווינס טעאַטער, האָב איך געדאַרפט קומען אין אַ באַשטימטער שעה צו האַלטן אַ קורצן פאָרטראָג. עס איז געווען אויסגערעכנט, אַז איך וועל דאָס קענען טאָן אויף דעם וועג פון איין לייַ־קאַסע צו אַ צווייטער, נאָר ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען גייענדיג פאַרביי דעם טעאַטער אָנצוהייבן מיין אַרבעט באַ אַ געוויסער לאָון־אַסאָסיאיישאָן, וואָס האָט געהאַלטן איר מיטינג ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, האָב איך דערהערט אַ שרעקלעכן טומל און דערזען ווי פּאָליציי יאָגט טשוואָלאָם אין דעם טעאַטער אַריין. איך בין שוין צו מיין אַרבעט ניט געגאַנגען און בין צוזאַמען מיט נאָך נייגעריגע אַריין אין דעם זאַל, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די קולות. דאָרט איז געווען אַן אמת׳ער גיהנום. מען האָט געררעוועט; מען האָט זיך געשלאָגן אין פאַרשיידענע ווינקלען; פרויען האָבן געקוויטשעט; די פּאָליציי האָט געזוכט זיך דורכצורייסן דורך די קנוילן פון די שלעגער און זיי צענעמען. די פּאָליציי האָט דערביי גאַנץ געשמאַק געקלאַפּט איבער קעפּ.

פון אַלע ווינקלען פון דעם זאַל און ספּעציעל פון דער גאַלעריי האָבן זיך געטראָגן צעיושעטע געשרייען:

— דאַלאַי זשידאַ! נאָם זשידי ניע נוזשני!

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען דער גוטמוטיגער און שטענ־דיג שמייכלענדיגער דיעוויאַטקין, וועמעס שמייכל איז אָבער איצט געווען גיכער אַ גרימאַסע פון ווייטיג אויף דעם אויסערגעוויינלעך בלאַסן פּנים.

דער פאָרזיצער איז אַ פאַרלוירענער געלאָפן פון איין עק פּלאַטפאָרמע צו דער צווייטער, האָט געפּאַכעט מיט די הענט און האָט עפּעס געשריען, נאָר קיינער האָט זיך אויף אים ניט אַרומגעקוקט, ווייל זיין שטימע איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם טומל. עס איז געווען קלאָר, אַז דער מיטינג וועט אָפּגעבראָכן ווערן. דאָס איז דאָך טאַקע געווען דער ציל פון די, וועלכע האָבן געמאַכט די אָבסטרוקציע. ווי זשע מיידט מען דאָס אויס? מיר האָבן אויף שנעל זיך באַראַטן און דיעוואַטקין האָט צוגעשטימט, אַז איך זאָל פּרובירן איינשטילן דעם עולם. פאַרלירן איז ניטאָ וואָס. אויב עס וועט זיך איינגעבן, וועט ניט נאָר די שלאַכט געוואונען ווערן, נאָר דער גאַנצער צושטאַנד אין באַצוג צו אָט־דער גרופּע וועט זיך בייטן.

מיין שטימע איז אַ הויכע און איך האָב זי באַנוצט ביז דעם לעצטן שטאַפּל, אויף וועלכן איך האָב זי געקענט אַרויפשיקן.

די גאַנצע זאַך איז געקומען פאַר דעם עולם אַזוי אומדערוואַרטעט, און דאָס, וואָס די שרייענדיגע האָבן דערהערט, איז געווען אַזוי אומ־געוויינלעך באַ די באַדינגונגען פון אָט־דער אַנטיסעמיטישער דעמאָנסטראַ־ציע, אַז אַלע זיינען אויף אַ מינוט געבליבן געפּלעפטע. דאָס האָט גע־ראַטעוועט די סיטואַציע.

מיינע ערשטע ווערטער, אַרויסגעדונערטע אויף דער העכסטער אַקטאַווע, זיינען געווען:

— יאַ יעוורעי אי יאַ זדיעס בודו גאַוואַריט! (איך בין אַ איד און איך וועל דאָ רעדן!)

עס איז געוואָרן אויף אַ מאָמענט שטיל. מען האָט געקענט ממש אָנטאַפּן, אַז די פאַרזאַמלטע זיינען צעטומלט געוואָרן און ווייסן ניט וואָס דאָ קומט פאָר. די פּאָליציי איז אויך געוואָרן איבערראַשט פון דער פּלוצלומדיגער שטילקייט און אייניגע פּאָליצייאישע הענט זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן אין אומאַנטשלאָסנקייט, צי זאָלן זיי זיך ווידער אַראָפּלאָזן אויף די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, אָדער ניט.

וואָס עס איז געווען נויטיג דער עיקר — איז ניט צו דערלאָזן, אַז אַט־דער מאָמענט פון געשפּאַנטקייט זאָל זיך אויפלייזן, אַז אַט דער אויגנ־בליק פון דערשטוינונג זאָל פאַראיבער און דער עולם זאָל זיך צוריק אומקערן צו דעם פריערדיגן צושטאַנד פון צעיושעטער העצע געגן דיעוויאַטקינ׳ען און איצט שוין אויך געגן מיר, ווייל איך בין דאָך אַ איד, פּונקט ווי ער.

עס איז געווען אומבאַדינגט נויטיג, לויט מיין אָפּשאַצונג, צו האַלטן אין איין האַגלען מיט ווערטער — מיט פייער פון צאָרן, גלייכצייטיג דורכגעפלאָכטן מיט פּונקטן פון אויפקלערונג, וואָס זאָלן אַרויסברענגען דעם אמת וועגן דעם סאָוועטן־רעזשים און די פּולע באַדייטונג פון אַט־דער העסלעכער סצענע געגן איינעם, וועלכער איז געקומען צו דערקלערן די באַדייטונג פון דער סאָוועטישער אָרדנונג.

איז אויף וואָס זשע שטעלט מען זיך פריער אָפּ? זאָל עס זיין אין דער ערשטער ריי אַן אָפּשאַצונג פון אַנטיסעמיטיזם און אַ פאַרדאַמונג פון אַזאַ סאָרט דעמאָנסטראַציע, אָדער עס זאָל אין דער ערשטער ריי קומען די אויפקלערונג וועגן דער גרויסער היסטאָרישער רעוואָלוציע אין דעם אַרבעטער־לאַנד און דערנאָך ערשט זאָל קומען דאָס וואָרט וועגן דעם, וואָס דאָ האָט ערשט פּאַסירט?

דער אינסטינקט פון אַ לעקטאָר האָט אונטערגעזאָגט, אַז דערווייל דאַרף מען די אָפענע וואונד לאָזן צורו און ערשט דערנאָך, ווען אויף דעם באָדן פון דעם אַנאַליז פון דעם סאָוועטישן לעבן וועט געשאַפן ווערן אַן אַנדער אַטמאָספערע, — ערשט דעמאָלט וועט זיין פּאַסיג זיך אומצו־קערן צו דעם איצטיגן מאָמענט און אַריינצינמבלען די דעמאָנסטראַנטן ווי זיי קומט.

עס האָט געאַרבעט, ווי מען זאָגט אויף ענגליש. ווי באַר דער עולם האָט אָנגעשפּיצט די אויערן צו הערן די ערשטע עטלעכע זאַצן פון דער לעקציע, איז שוין ניט געווען קיין פּסיכאָלאָגישער מאָמענט ווידער אָנצו־הויבן די דעמאָנסטראַציע.

נאָענט צו צוויי שעה האָט געדויערט דער איבערזיכט פון די ערשטע שריט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג. עס איז ניט געווען קיין אָפּאַ־לאָגיע פאַר דעם יונגן רעזשים, נאָר אַ פאַרזוך צו איבערצייגן אַז ווער־ווער, נאָר אַרבעטער — און נאָך דערצו רוסישע אַרבעטער — דאַרפן זיין פון די לעצטע צו באַשפּייען דאָס, וואָס עס ווערט געבויט אויף דעם

זעקסטל פון דער ערד, וואו עס איז פאַר די מאַסן פריער געווען אַזוי פינסטער און ביטער.

איניגע פונקטן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער פאָרמע פון פראַגן, געשטעלט צום עולם. דאָס איז ניט אין קיין דערוואַרטונג, אַז עמיצער פון דעם עולם זאָל טאַקע באַלד ענטפערן, נאָר אַ מעטאָד אויף שטאַרקער צו אונטערשטרייכן אַ פונקט, וועגן וועלכן דער לעקטאָר שטעלט אַ פראַגע און ענטפערט אויף איר אַליין.

עס איז פיל ווירקזאַמער אנשטאָט צו מאַכן אַ פשוט׳ע באַהויפּטונג: יעדער פויער האָט איצט גענוג ערד! — צו פרעגן: און איז איצט מעגלעך אַ צושטאַנד, אַז אַ פויער זאָל באַזיצן בלויז אַ לאָקש ערד אויף אַ גרויסער פאַמיליע, בשעת זייט באַ זייט געפינט זיך אַ קאָלאָסאַלער מאַיאָנטעק פון אַ באַראָן, אָדער אַ פירשט?

דער ענטפער קריגט שוין גאָר אַן אַנדער באַדייטונג, ווען מען אונ־טערשטרייכט: איצט איז דאָס ניט מעגלעך, ווייל עס זיינען מער ניט פאַרבליבן קיין פריצישע מאַיאָנטקעס, ווייל די מלוכה טוט אַלץ, אַז יעדע פויערישע פאַמיליע זאָל אַרויסגעריסן ווערן פון די צוואַנגען פון אָרעמ־קייט און אומוויסנהייט.

און אָט אַזוי צווישן די פראַגן — ווידער גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר דעם עולם ווי באַם סאַמע אָנהויב — איז אַריינגעשניטן געוואָרן די פראַגע:

— און אַנטיסעמיטיזם איז מעגלעך אין דעם נייעם לאַנד?

עס איז געקומען די דערקלערונג וועגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן דעם, ווי די צאַרן און זייערע בלוטיגע משרתים האָבן אויסגענוצט אידן־האַס צו דינען זייערע אינטערעסן אויף צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק; עס איז געקומען אַן אויפקלערונג וועגן די בלוטיגע פּאָגראָמען און וועגן די עלילות דם פראָצעסן, און אָט אַזוי אין א שטימונג פון געשפּאַנטקייט און גרויסער אויפמערקזאַמקייט איז געקומען די פראַגע:

— און דאַרף דען ניט יעדער איינער, וועלכער וויל זיך אָפּטרייסלען פון יענע פאַרברעכערישע אַנטיסעמיטישע מעשים, פון יענע פאַרפאָל־גונגען און פּאָגראָמען אויף אידן, — צי דאַרף דען ניט יעדער איינער טרייבן ווי זיינע ערגסטע שונאים די, וועלכע ווילן נאָך אַלץ שלעפּן דאָס פאָלק אויף די פאַרברעכערישע וועגן פון די צאַרן?

און ערשט דאָ איז געקומען די געלעגנהייט צו מאַכן אַן אָנגריף אויף די שולדיגע אין דער דעמאָנסטראַציע דאָ מיט אַ פּאָר שעה פריער.

כדי דאָס צו מאַכן מער עפעקטיוו, איז נויטיג געווען צו איזאָלירן די שולדיגע און ניט באַגיין דעם טעות, אַז דער גאַנצער עולם זאָל זיך פילן ווי אים מיינט מען. מען האָט געדאַרפט שאַפן אַ צושטאַנד, אַז די געציילטע פּאַרביסענע אַנטיסעמיטן זאָלן זיך דערפילן אָפּגעזונדערט און זיי זאָלן מורא האָבן צו בלייבן אַליין, אויב זיי זאָלן ווידער וואַגן צו מאַכן אַן אָבסטרוקציע.

איצט איז געווען די צייט צו פרעגן דעם עולם, ווער זשע איז זייער פריינט — דער, וועלכער וויל אויפבויען האַס צו אידן, אָדער דער איד, וועלכער קומט ווי אַ ברודער און אַ געטרייער מיטקעמפער?

— זאָגט, פאַרזאַמלטע, ווער איז אייער פריינט?

— אייער ענטפער קען זיין בלויז איינער. איר פאַרשטייט ווער אייערע שונאים זיינען און ווער עס זיינען אייערע פריינט. יאָגט פון זיך די שונאים מיט שטעקנס! פאַרטרייבט זיי ווי קרעציגע! זאָלן זיי מער ניט וואַגן אויפצוהויבן צווישן אייך זייער קול פון ווילדע בעסטיעס.

— נידער מיט די אַנטיסעמיטן! נידער מיט די שונאים פון דעם פאָלק!

אויף אַזאַ אָפּשניט האָבן די העצער זיך ניט געריכט. און מיר האָבן זיך ניט געריכט, אַז עס וועט זיך אונז איינגעבן צו דערלאַנגען זיי אַזאַ קלאַפּ מיט איין מאָל. זיי האָבן אַליין איבערגעכאַפּט די מאָס מיט זייער דעמאָנסטראַציע און זייער מאַסקע איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון זיי.

קאַפּיטל 5.

די שאַ־שאַ־זאָגער מיט אַרום דרייסיג יאָר צוריק

מיט יעדן טאָג איז די לאַגע פון די אידן אין פּוילן געוואָרן אַלץ מער שווידערלעך. פריער זיינען געקומען באַריכטן וועגן „קאַלטע" פּאָגראָמען; דערנאָך זיינען געקומען באַריכטן וועגן געטאָ־בענק, וועגן באָי־קאָט, וועגן אַלערליי סאַדיסטישע מעטאָדן פון איזדיעקעוועןַ זיך איבער אידן; שפּעטער זיינען געקומען טרויעריגע בשורות וועגן אַרויסטרעטונגען פון מלוכה־פירער מיט אָפענער גוטהייסונג פאַר די אידן־פאַרפאָלגונגען, און צולעצט זיינען געקומען גרויליגע באַריכטן וועגן פּאָגראָמען, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווערן אַן אָפטע דערשיינונג.

אין די לעצטע יאָרן — אין די יאָרן פון דער היטלערישער אויסראָטונג פון אידן — האָט מען גאַנץ פאַרשטענדלעך געמוזט און מען מוז אויך ווייטער אַרויסשטעלן אין זייער גאַנצער ברוטאַלקייט די בעסטיאַלישע מעשים פון די נאַציס; מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז נאָך לאַנג איידער די נאַציס האָבן גענומען ווייזן אויף וואָס זיי זיינען פיאיג, נאָך אַ סך פריער אַפילו פון דעם, איידער עס איז געשאַפן געוואָרן דער נאָמען — נאַציס, — האָט שוין אין פּוילן געבושעוועט אַ בלוטיגער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט צוגענומען אַ סך לעבנס און וואָס האָט געשטעלט די סאַמע עקזיסטענץ פון די דריי מיליאָן פּוילישע אידן אין דער גרעסטער סכנה.

אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען די פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך גאָר ברייט צעגאָסן איבער פּוילן, האָבן די אידישע סאָציאַליסטן אין ווינ־פּעג באַשלאָסן דורכצופירן אַ גרויסע אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער געוויסן פון דער וועלט מוז אויפגעוועקט ווערן, אַז

עס דאַרף אויסגעאיבט ווערן אַ דרוק אויף די מערב־אייראָפּעאישע מלוכות, אַז זיי זאָלן צווינגען פּוילן אָפּצושטעלן די בלוטיגע מעשים געגן אידן, און אַז יעדער אידישער ישוב אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז מחויב אַרויסצוטרעטן מיט אַ פּראָטעסט געגן דער פּוילישער מלוכה.

לויט אונזער פּלאַן האָבן אין דער גאַנצן־דעמאָנסטראַציע זיך געדאַרפט באַטייליגן אויך די קינדער פון אונזער פאָלקס־שול, וואָס איז צו יענער צייט געפירט געוואָרן געמיינשאַפטלעך פון סאָציאַליסטן און פּועלי־ציוניסטן. אַזוי ווי עס איז געווען אין מיטן דעצעמבער און עס האָבן געסמאַליעט אויסערגעוויינלעכע פרעסט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קינדער זאָלן גיין בלויז אַ טייל פון דעם אָנגעצייכענטן מאַרשרוט פון דער דעמאָנסטראַציע, דערנאָך וועט מען זיי אָפּשיקן אַהיים און די דעמאָנסטראַציע וועט פאַרגעזעצט ווערן און וועט זיך פאַרענדיגן מיט אַ מיטינג אין דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט — אין דער געביידע פון דער „באָאַרד אָוו טרעיד".

די דעמאָנסטראַציע איז ברייט פּאָפּולאַריזירט געוואָרן, כדי וואָס גרעסערע שיכטן פון דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג זאָלן זיך אין איר באַטייליגן — אויב ניט דירעקט, איז כאָטש אַלס מיטפילנדיגע צושויער. עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פלוג־בלעטלעך; עס זיינען געמאכט געוואָרן ספּעציעלע אַפּילס באַ שאָפּ־מיטינגען פון די אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן; דער ענגלישער בראַנטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט צו פּאָפּולאַריזירן דעם אַרויסטריט געגן די מעשים פון דער פּוילישער פּאָגראָם־רעגירונג; אַ סך אידישע פאָלקס־מענטשן פון צווישן די קליינע קרעמער און אייגנטימער פון קליינע שעפּער האָבן זיך אַרויסגערופן צו העלפן אין דער דעמאָנסטראַציע. צו־גרויס איז געווען דער וויטיג, צו מעכטיג איז געווען דער צאַרן, אַז אַזאַ דעמאָנסטראַציע זאָל פאַרפעלן אָנצורירן די הערצער פון צענדליגער טויזנטער. ווי האָט גאָר עמיצן פון אונז געקענט איינפאַלן, אַז עס וועלן זיך געפינען ביטערע געגנער פון אונזער אַרויסטריט און אַז אָט־די געגנער וועלן זיין... אידן!

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט זאָגט מיין טאַטע צו מיר:

— זע נאָר, ווידמאַן גייט צו אונז!

— וואָס קען דאָס זיין? — האָב איך געפרעגט. נאָך איידער מיין טאַטע האָט נאָך געהאַט צייט אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט זיך שוין

דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אַן אָנגעפּעלצטער אין אַ לאַנגן ביבערנעם מאַנטל איז דער האָלסיילער ווײדמאַן איבערגעטראָטן אונזער שוועל מיט לאַנגזאַמע טריט. ער האָט זיך באַגריסט און אויסגעווישט די גלעזער, וואָס זיינען פאַרהויכט געוואָרן פון דער וואַרעמקייט פון דער שטוב. דער טאַטע האָט אים געבעטן אַראָפּנעמען דעם מאַנטל און אים אָנגע־באָטן אַ בענקל.

דער אומדערוואַרטעטער גאַסט האָט זייער מיושבדיג זיך באַפרייט פון זיין שאַליק און פון דעם מאַנטל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם בענקל, ניט אַראָפּנעמענדיג די גאַנצע צייט די אויגן פון מיר.

ער האָט פון פאַרמעלקייט וועגן געזאָגט עטלעכע העפלעכע ווערטער דעם טאַטן מיינעם און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און גענומען מיר באַווייזן, אַז עס איז געפערלעך דורכצופירן די געפּלאַנטע דעמאָנסטראַציע. ער האָט ניט געלאָזט איך זאָל אויסרעדן אַ וואָרט און האָט געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן:

— דזשאַסט וואַן מאָמענט, מיי פריענד! דזשאַסט וואַן מאָמענט!
(— בלויז איין מינוט, מיין פריינד! בלויז איין מינוט!)

איך בין געוועזן שאָקירט סיי פון דער פאַמיליאַריטעט, מיט וועלכער ער האָט צו מיר גערעדט, סיי פון זיין באַשטיין צו רעדן ענגליש צו מיר, בשעת זיין אַקצענט איז געוועזן גאָר אַ שלעכטער. איך האָב געדולדיג געהערט און געוואַרט אויף מיין געלעגנהייט צו באַווייזן אים, אַז ער איז אומגערעכט און אַז די דעמאָנסטראַציע דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן.

ענדלעך האָט ער פאַרענדיגט און האָט זיך געווענדעט ניט צו מיר, נאָר צו מיין טאַטן און שוין אויף אידיש:

— נו, זאָגט איר, וועט איר דערלאָזן, אַז מען זאָל שטעלן אין געפאַר אַלע אידן אין קאַנאַדע?

— אויף וועלכן אופן וועלן דאָס די אידן אין קאַנאַדע געשטעלט ווערן אין געפאַר? — האָב איך זיך גענומען ענטפערן, כאָטש דער גביר האָט דוקא געוואָלט אויסמיידן אַ דיספּוט מיט מיר.

איך האָב גענומען באַווייזן, אַז די פּאָליטיק פון פאַרשווייגן קען בלויז אַריינשפּילן אין די הענט פון די פּאָגראָם־מאַכער, און אַז אין אַ פריי לאַנד מעג מען פּראָטעסטירן און מען מוז אויסנוצן אָט־דאָס רעכט אויף אויפצואוועקן דעם געוויסן פון דעם לאַנד.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין טאַטע און האָט דערקלערט, אַז ער שטימט איין מיט מיר.

— מיין שלמה וואָלט זיכער נישט געוואָלט טאָן קיין זאַך, וואָס קען ברענגען שאָדן די אידן, — האָט ער דערקלערט ווידמאַנען מיט אַזאַ זיכערן טאָן, אַז יענער האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן אַ דערשטוינטער, ווי איינער זאָגט: אויב אַזוי, וועלן דאָך מיינע רייד שוין גאָר ניט העלפן.

אויף צולעצט האָט ווידמאַן באַהאַלטן זיין שטאַרקסטן אַרגומענט. אויב אין אָנהויב האָט ער פּרובירט באַווייזן, אַז די דעמאָנסטראַציע קען בלויז ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די קריסטן צו דעם, אַז מען שלאָגט אידן און זיי קענען אָנהויבן טראַכטן, אַז אויב מען שלאָגט, איז מסתמא דאָ פאַרוואָס, און זיי קענען נאָך באַשטימען, אַז די אידן אַליין זיינען די שולדיגע, — האָט ער איצט אַרויסגערוקט זיין שטאַרקסטן אַרגומענט: מיר לעבן אין אַ בריטישער דאָמיניאָן; די ענגלישע רעגירונג איז פריינטלעך צו פּוילן; אַ דעמאָנסטראַציע געגן דער פּוילישער רעגירונג קען נאָך אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פּאַטש אין פּנים דער ענגלישער מלוכה. ווי קענען די אידן אין קאַנאַדע ריזיקירן צו פאַרלירן „די פריינט־שאַפט פון לאָנדאָן".

עס איז געווען קלאָר, אַז מיינע ענטפערס מאַכן אים בלויז נערוועז און אַז ער פילט זיך ספּעציעל געקרענקט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע דערוואַרטונגען, ווייל, ווי עס האָט אויסגעזען פון זיין האַלטונג און פון זיינע רייד, איז ער פריער געווען בײַ זיך זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט קומען און וועט דערקלערן זיין פאַרלאַנג, וועט ער באַלד אויספירן און איך וועל איינשטימען, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל צוריקגערופן ווערן.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין ניט דער איינציגער צו באַשטימען וועגן דער דעמאָנסטראַציע, נאָר אַז איך פיל זיך זיכער צו זאָגן, אַז אַלע מיינע גענאָסן וועלן האָבן דעם זעלבן צוגאַנג ווי איך, ווייל מיר האָבן די דעמאָנסטראַציע איינגעאָרדנט נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת.

ווען עס איז פאַר דעם אומגעבעטענעם גאַסט קלאָר געוואָרן, אַז זיין מיסיע איז דורכגעפאַלן, האָט ער אויף שנעל זיך צעזעגנט מיט אונז. שוין בײַ דער טיר האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט זייער אַן ערנסטן טאָן און געזאָגט, אַז איך זאָל זיך גוט באַדענקען, ווייל פאַרריכטן דעם שאָדן וועט שפּעטער זיין זייער שווער.

מיט דעם האָט דער ענין זיך ניט געענדיגט. אויף דעם צווייטן טאָג איז ווידמאַן געקומען אין באַגלייטונג פון טשווירטשיל (יאָ, אַ אידישער

גביר מיט דעם נאָמען טשוירטשיל), און עס האָט זיך ווידערהאָלט כמעט דאָס זעלבע, וואָס עס איז געווען מיט אַן אָונט פריער. די ביידע גבירים האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך דערבאַרע־מען אויף דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע און אים ניט שטעלן אין גע־פאַר. וואָס לענגער דער געשפּרעך האָט זיך געצויגן, אַלץ ווייכער זיי־נען זיי געוואָרן. איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז איך וועל גיין רופן עטלעכע פון מיינע חברים, כדי די, וועלכע זיינען געקומען רעדן אין נאָמען פון אַלע אידן אין שטאָט, זאָלן זיך איבערצייגן, אַז אַלע סאָציאַליסטן זיינען מיט מיר איינשטימיג.

ווען די שלוחים האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיין זאַך וועט ניט העלפן און די דעמאָנסטראַציע וועט דורכגעפירט ווערן, האָבן זיי פלוצלונג אַרויס־גערוקט אַ נייעם פאָרשלאַג: זיי זאָלן איבערנעמען דעם פאָרזיץ באַ דעם מאַסן־מיטינג; זיי זאָלן האָבן זייערן אַ רעדנער; זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף אַלע איינצעלהייטן פון דעם מיטינג.

זייער מיין איז דערביי געווען זייער אַ קלאָרער: ניט דערלאָזן, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל אויסקוקן צו דעמאָנסטראַטיוו. זיי זיינען געווען זיכער באַ זיך, אַז מיט זייערן אַ פאָרזיצער און אַן אייגענעם רעדנער וועלן זיי קענען אַרונטערשלאָגן דעם טאָן פון דעם פּראָטעסט.

נאָך אַ באַראַטונג מיט די חברים איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער אָנבאָט פון די פּני זאָל אָנגענומען ווערן, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס וועט בלויז פירן צו דעם, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל אַרויסקומען נאָך וואָגיגער.

כדי שוין גאָר צו באַוואָרענען, אַז מען זאָל זיי, חלילה, נישט חושד זיין, אַז זיי זיינען מורד במלכות (בונטעווען זיך געגן דער רעגירונג) — האָבן די גבירים איינגעלאַדן דעם גאָווערנאָר פון דער מאַניטאָבאַ פּראָווינץ, אַז ער זאָל זיין דער הויפּט־טשוואָק פון דעם מיטינג.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז אפשר וועט דער פּראָסט אָפּהאַלטן אַ גרויסע צאָל פון דעם אידישן עולם צו גיין אַ לאַנגן מהלך. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מאַמעס וועלן ניט דערלאָזן, אַז זייערע קינדער זאָלן אין אַזאַ פּראָסט גיין אַפילו אַ קורצן וועג. אין דעם לעצטן פאַל האָט אונזער שרעק זיך טאַקע באַרעכטיגט, ווייל עס זיינען געקומען זייער ווייניג קינדער. אין דער לעצטער מינוט האָבן מיר באַשלאָסן, אַז פירן די עטלעכע קינדער, וואָס זיינען יאָ געקומען, האָט ניט קיין זינען, און מיר האָבן זיי אָפּגעשיקט

אהיים. די דעמאָנסטראַציע איז אָבער אַרויסגעקומען אַן אימפּאָזאַנטע און דער עולם איז געווען אַ סך אַ גרעסערער, ווי מיר האָבן דערוואַרטעט. דער מיטינג איז אַרויסגעקומען גאָר איינדרוקספול. דער זאַל פון דער „באָארד אָוו טרעיד" איז געווען איבערגעפאַקט. מענטשן האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די באַלקאָנס אונטערן סופיט. עס איז ניט געווען וואו אַ נאָדל אַרײַנצוואַרפן. אַזאַ אידישן מיטינג און נאָך אין אַזאַ פּלאַץ — און וועגן אַ אידישער פראַגע — האָט מען נאָך ביז דעמאָלט אין וויניפּעג ניט געזען.

פאַרזאַמלט אין דעם זאַל זײַנען געווען — לויט דער אָפּשאַצונג פון עקספּערטן — העכער 12 טויזנט מענטשן.

מיר איז צוגעטיילט געוואָרן די אויפגאַבע צו האַלטן דעם אָוונט דעם פאָרטראַג וועגן דער פאַרברעכערישער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער פוילישער מלוכה. מיין האַרץ האָט אַ ביסל געטיאַכקעט — ניט אויס מורא פאַר דעם, וואָס איך דאַרף רעדן פאַר אַט דעם גרויסן עולם — דער גרעסטער עולם, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געזען אונטער איין דאַך, — נאָר פון דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז נויטיג דאָ אי צו זאָגן דאָס ריכטיגע וואָרט לטובת די אידן אין פוילן, אי ניט מאַכן קיין אומטאַקטישע באַהויפּטונג, וואָס די פאַרזאַמלטע — ספּעציעל די ניט־אידן — זאָלן קענען אויסטייטשן ווי אַ באַליידיגונג פאַר דער ענגלישער מלוכה. און גלייכ־צייטיג איז נויטיג דורכפירן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אַרויפגע־לייגטע אויפגאַבע, כדי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל קריגן אָנזען און מען זאָל ניט קענען זאָגן, אַז דאָס האָבן „אינגלעך געטומלט".

דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט איז געווען אַן אָנגעזעענער אידישער אַדוואָקאַט — שטיינקאָפּ. ער איז געווען זייער באַליבט בײַ די רייכע און אַליין איז ער אויך געווען אַ גאַנץ גיש׳קשה׳דיגער גביר. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיין דערעפענונג־רעדע און איך האָב בײַ זיך באַשלאָסן אַז אַזוי דאַרף מען ניט רעדן, ווייל עס איז געווען מער אַפּאָלאָגיע פאַר דעם מיטינג, איידער עס איז געווען פּראָטעסט געגן די פּאָגראָמען.

נאָך דעם אַריינפיר פון דעם פאָרזיצער האָט די קאַלטקייט פון דעם עולם געוויזן, אַז עס איז ניט געגעבן געוואָרן דער ריכטיגער טאָן. עס האָט זיך געפילט, אַז מען אַפּלאָדירט צוליב העפלעכקייט, נאָר קיין נשמה איז אין דעם ניטאָ.

דער גאָווערנאָר האָט געהאַלטן איינע פון יענעם סאָרט באַמבאַס־טישע רעדעס, וואָס יעדער איינער, וועלכער איז טעטיג אין געזעלשאַפט־

לעכן לעבן, דערקענט אַלס אַ שטאַמפּאָווע מלאכה, וואָס ווערט אָנגעווענדעט אויף צו פאַרדעקן אָדער פּשוט׳ע גלייכגילטיקייט צו דעם פאַרהאַנדלטן ענין, אָדער פּשוט׳ע עם־הארצות וועגן אַ געוויסער פראַגע. עס איז דאָ געווען אַ סך לויב דער דעמאָקראַטישער פרייהייט, וואָס גיט די אידן אין קאַנאַדע די ברייטסטע מעגלעכקייטן, און אויך די סקאַרבאָווע לויב־רייד פאַר די אידן, וואָס זיינען „דאָס פאָלק פון דער ביבל״, און נאָך אַזוינע פלאַכע רייד, וואָס פאַרפליכטן צו גאָר ניט און רירן ניט אָן קיין פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען. וועגן דעם עצם ענין פון די פּאָגראָמען אין פּוילן האָט דער גאָווערנאָר בלויז געזאָגט געציילטע עטלעכע ווערטער, אָפּ׳פּטר׳נדיג זיך מיט אַ קרעכץ אויף דעם גורל פון די „סאָפערינג דזשוס״. (די ליידנדיגע אידן).

נאָך מער ווי פריער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן וואָס מען דאַרף דאָ זאָגן און וואָס מען מוז דאָ זאָגן אין אָט דעם אָונט פון פּראָטעסט. ווי נאָר אָט די אויפגאַבע איז קלאָר געוואָרן, איז שוין געווען דאָס זעלבע, ווי דער שונא וואָלט געשטאַנען אָט־דאָ אין דעם זאַל און מען וואָלט געדאַרפט אין אים שיסן פּיילן, אים אין פּנים אַריין שליידערן אַ באַשולדיגונג, פון אים דאָ רייסן די מאַסקע און זיך דערשלאָגן, אַז דער פאַרזאַמלטער עולם זאָל ווי אַ ריזיגע דזשורי דעם שונא געפינען שולדיג. און אויב געוויסע מערב־אייראָפּעאישע מלוכות קומען אָט דעם שונא צו־הילף — דאַרף מען זיי אַרויסשטעלן אין זייער ריכטיגן געשטאַלט, ווייל שווייגן, פאַרשווייגן, פאַרדעקן און שפּילן פּאָליטיק איז אַ פאַרברעכן ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם לעבן פון מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע ווערן געטריבן צו עקאָנאָמישער רואינע און צו פיזישער פאַרניכטונג.

אָט־דאָס איז געווען דער פאָרטראַג. ער האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ רוף צו פאַרדאַמען די פּוילישע רעגירונג און אויפצופאָדערן די ענגלישע רעגירונג צו טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, אויף אויסצואיבן אַ דרוק אויף פּוילן אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען און אומצוקערן די אידן זייערע בירגעררעכט, וואָס פּוילן האָט זיך פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן פאַר אירע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער זאַל פון דער באָארד אָוו טרעיד האָט דעם אָוונט געזען אַ בילד פון אַן אויפגעברויזטן עולם, וואָס האָט אויסגעדריקט צאָרן, ווייטיג, פאַרדאַמונג און גרייטקייט צו קעמפן געגן פינסטערניש און בלוט־דורשטיקייט.

— יו מעיד דהי ספיטש אָוו דהי איווינינג (איר האָט דאָ געהאַלטן די רעדע, וואָס מען האָט היינט אָונט געדאַרפט האַלטן) — האָט דער גאָווער־נאָר געזאָגט, דריקנדיג מיר די האַנט. אין זיינע ווערטער איז געווען אויפ־ריכטיגער ענטוזיאַזם, ווייל אויך ער, ווייזט אויס, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם הייסן אָטעם פון דעם מיטינג.

דער פאָרזיצער איז גאָר געווען באַגייסטערט און האָט געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן: — איי בעווער וואוד העוו בעליווד דעט סאָשעליסטס קוד ספיק דעט וועי! — (איך וואָלט זיך גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז סאָציאַליסטן קאָנען אַזוי רעדן!)

די זעלבע, וועלכע האָבן אַזוי געציטערט פאַר דער דעמאָנסטראַציע, זיינען איצט געווען גאָר געריררט און האָבן מיט דאַנק צוגעגעבן, אַז דער אָונט האָט פאַרשאַפט כבוד דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע.

אי שטיינקאָפּ, אי די אַנדערע פּני האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל זיי צוזאָגן צו קומען האַלטן אַ לעקציע באַ דעם וועכנטלעכן פאָרום, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט אין דעם גרויסן זאַל פון דער תלמוד תורה, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אויפגעבויט געוואָרן.

איך האָב זיי דעם צוזאָג גערן געגעבן, ווייל ביז דעמאָלט האָבן מיר אַפילו ניט געקענט טראַכטן פון דעם, אַז צו אַט דעם פאָרום זאָל מען צולאָזן אַ סאָציאַליסט.

וואָס אַנבאַלאַנגט זייער פריערדיגער האַנדלונג, איז ניט געווען נוי־טיג זיי צו דערמאָנען, וואָס זיי האָבן פריער געזאָגט, ווייל זיי האָבן דאָס אַליין געטאָן און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָבן זיי ווידערהאָלט:

— ווי אַזוי האָבן מיר גאָר געקענט זיך דערלויבן צו זיין געגן אַזאַ דעמאָנסטראַציע?

קאַפּיטל 6.

די רעכטע זייט ווערט די לינקע

עס איז געווען דער האָניג־חודש פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע וואָס האָט צוגעזאָגט די אידן „אַ געזיכערטע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעס־טינע". מען איז געגאַנגען מיט פּאַראַדן אין די גאַסן; מען האָט זיך געקושט פאַר פריידן; מען האָט יובל׳דיג געטאַנצט און מען האָט באַטראַכט פאַר אַ שונא פון דעם אידישן פאָלק יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט צו צווייפלען אין אָט דער דעקלאַראַציע.

אונזער גרופּע יונגע סאָציאַליסטן אין וויניפּעג האָט געענדערט באַטראַכט דעם ענין וועגן דער לאַגע אין נאָענטן מזרח און וועגן דער ראָל, וואָס דער בריטישער אימפּעריאַליזם האָט דאָרט געשפּילט. מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אָנווייזן, אַז דאָס איז אַ מאַנעוורע מצד ענגלאַנד, וואָס וועט די אידן קיין סך גוטעס ניט טאָן.

עס איז נויטיג דאָ צו באַטאָנען, אַז די לאַגע דעמאָלט איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע סיי אין ענגלאַנד, סיי אין פּאַלעסטינע, ווי אויך אין דער גאַנצער וועלט. די געגנערשאַפט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין יענע יאָרן איז דערפאַר ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער איצטיגער שטעלונג פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג צווישן אידן, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער ווייסער פּאַפּיר; אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער בריטישער מאַנדאַט און אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויסער אידישער איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע; אַז דער דאָרטיגער אידישער ישוב זאָל אומגעשטערט קענען זיך אַנטוויק־לען פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל; אַז עס זאָל קענען איינגע־

שטעלט ווערן אַ געזיכערטע און ברייטע אידישע פריינטשאַפט מיט די אַראַבישע שכנים — און אַז דער הויך־פּונקט פון דער אידישער בוי־אַרבעט אין פּאַלעסטינע זאָל זיין אַ אידישע מלוכה.

די שטעלונג פון די אידישע סאָציאַליסטן איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן באַ מיטינגען און אין פלוג־בלעטלעך. דערווייל איז אונטערגעקומען די וואַל־קאַמפּאַניע צו דעם ערשטן אידישן קאָנגרעס אין קאַנאַדע און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו רעדן צו ברייטע אידישע מאַסן וועגן אַט דעם ענין. פיר סאָציאַליסטן זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין וויניפּעג אַלס קאַנדידאַטן צו דעם אידישן קאָנגרעס. די פיר זיינען געווען: וו. באום, וו. גאַרסי, חיים זאַלצמאַן און איך. געגן אונז איז געפירט געוואָרן אַ ביטערע קאַמפּאַניע, אין וועלכער עס האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט די פּועלי ציון. מען האָט אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן אונז באַצייכנט אַלס פאַררעטער צו דעם אידישן פאָלק. איין פּראָקלאַמאַציע האָט טאַקע געטראָגן אויף זיך אַ ריזיגן איבערשריפט מיט דעם באַרימטן פסוק, וואָס זאָגט, אַז די פאַרניכטער און צעשטערער פון דעם אידישן פאָלק וועלן אַרויסוואַקסן פון צווישן זיינע אייגענע רייען. די ריזיגע בוכשטאַבן פון דעם פסוק האָבן פשוט אַנגעוואָרפן אַ פחד אויף מענטשן. עס האָט זיך געלייענט: מהרסיך ומחרביך ממך יצאו!

האָט טאַקע איין אַלטיטשקע פרוי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: אַבי איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען אַזעלכע פיינע יונגעלייט, נעמען זיי און טוען אָפּ אַזאַ זאַך!

— וואָס זשע האָבן זיי אָפּגעטאָן, באָבעניו? — האָט מען געפרעגט באַ דער אַלטיטשקער.

— איך ווייס נישט, נאָר אָט שרייבט מען דאָך, — האָט זי געענט־פערט.

אונזער איינִיגקייט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער הילף־אַרבעט, וואָס איז אין לויף פון יאָרן געטאָן געוואָרן פון אַלע שיכטן געמיינשאַפטלעך, — אָט די איינִיגקייט איז צעשאָסן געוואָרן. מענטשן, וועלכע זיינען פריער געזעסן אַרום איין טיש, אויפגעטראָטן צוזאַמען באַ פאַרזאַמלונגען, געגאַנגען צוזאַמען צו שאַפן פאָנדן — די מענטשן זיינען איצט אַרויסגעטראָטן איינער געגן דעם צווייטן מיט ביטערע באַשולדי־גונגען און מיט אָנצוהערענישן, וואָס זיינען אין שפּעטערע יאָרן געוואָרן

אַזאַ גאַנגבאַרע סחורה, אַז דאָס זיינען מאָסקווער אַגענטן, וואָס וואַגן אַרויסצוטרעטן געגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

די געמיטער זיינען געוואָרן צעבויטעט; עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סך הייס בלוט אויף דער אידישער גאַס; די פּראָפּאַגאַנדע געגן אונז האָט געבראַכט אירע רעזולטאַטן און דריי פון אונזערע קאַנדידאַטן זיינען ניט דערוויילט געוואָרן. מיר איז באַשערט געווען צו זיין דער איינציגער סאָציאַליסטישער דעלעגאַט פון גאַנץ מערב־קאַנאַדע צו דעם ערשטן אַל־קאַנאַדישן אידישן קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָנטרעאַל. די ערשטע זיצונג איז געווען אַ פייערלעכע און איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן טעאַטער, וואָס האָט אַריינגענומען ארום פינף טויזנט מענטשן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט; די שטימונג איז געווען אַ יום־טוב׳דיגע; אַלע רעדעס זיינען געווען אויף איין מאָטיוו — „עס איז גוט פאַר אידן!״

בין איך געזעסן צווישן אָט דעם גרויסן עולם און געטראַכט: ווי זשע וועט זיין מעגלעך אין אָט־דעם ים פון ענטוזיאַזם אַריינצוטראָגן אַ ניכטערן טאָן? וועט אַזאַ פאַרזוך ניט אויסקוקן דאָן קיכאָטיש? וועט גאָר עמיצער זיך וועלן צוהערן אַפילו?

אָט די אַלע פראַגן זיינען ניט געווען דיקטירט פון שרעק פאַר דער מיסיע, וואָס ס׳וועט אויסקומען דורכצופירן, נאָר זיי האָבן בלויז געשטאַרקט דעם ווילן דורכצופירן די אויפגאַבע ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַז דער געגעבענער מאַנדאַט זאָל ניט פאַרשעמט ווערן און אַז די סאָציאַליסטן זאָלן ניט אויסגעלאַכט ווערן.

אויף מאָרגן, אריינקומענדיג אין זאַל, וואו די געשעפטס־זיצונגען פון דעם קאָנגרעס האָבן געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן, האָב איך זיך אָנגע־טראָפן מיט אַ גאַנץ גרויסער גרופּע סאָציאַליסטן פון טאָראָנטאָ און מאָנ־טרעאַל. איך האָב אַ סך פון זיי געקענט פערזענלעך, ווייל פריער מיט אַ יאָר האָבן מיר געהאַט אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ און דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ צאָל פון זיי. מיט פרייד האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי האָבן 38 דעלעגאַטן און אַז דער אידישער קאָנגרעס וועט מוזן אנערקענען וואָס פאַר אַ גרויסער כוח די אידישע סאָציאַליסטן זיינען צווישן די פאָלקס־מאַסן. אין זייער גרויסן ענטוזיאַזם מיט דער גרויס פון זייער צאָל האָבן זיי אין אָנהויב זיך גאָר ניט געכאַפּט ווי ערנסט עס איז געווען מיין פראַגע: — וואָס איז אייער שטעלונג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע?

— נאַטירלעך זיינען מיר פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע! — איז געקומען דער ענטפער פון עטלעכע דעלעגאַטן מיטאַמאָל — אַ ניט וואָלטן מיר דאָך דאָ ניט געווען.

עס איז אויסגעקומען זיי צו באַווייזן, אַז מען קען האָבן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער דעקלאַראַציע און דאָך קומען צו דעם קאָנגרעס. לאַנג אַמפּערן זיך מיט זיי איז ניט געווען קיין צייט און עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס וואָלט אויך געווען אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. עס איז געבליבן דאָס איינציגע — זיך אָפּזונדערן פון זיי און איינער אַליין אַרויסברענגען פאַר דעם קאָנגרעס אַ שטאַנדפּונקט, וואָס האָט קיין אַנדערע פאַרטיידיגער ניט געהאַט. דאָס האָב איך טאַקע דערקלערט די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן:

— אויב איר זיצט אויף דער לינקער זייט, וועל איך זיצן אויף רעכטס און דאָרט וועט ווערן די לינקע זייט.

ווי בײַ אַלע צוזאַמענפאָרן, זיינען אויך דאָ געווען אַ סך באַגריסער, אַ סך סקאָרבאָווע דרשות, אַ סך רוטין, וואָס ווערט דערליידיגט אויף איינ־צושטעלן דעם אַפּאַראַט פון דער קערפּערשאַפט; אויך אַן ענדלאָזער פּראָצעס פון אויסטיילן כבודים, פון אַרויפרופן אויף דער פּלאַטפאָרמע און פון אַנאָנסירן די גדולים, וועלכע זיינען „פון די שטאַטן" געקומען באַצירן דעם קאָנגרעס מיט זייער אַנוועזנהייט. ענדלעך האָבן די דעלע־גאַטן זיך אָנגעהויבן „מעלדן צום וואָרט". דער פאָרזיצער איז געווען אַן אָנגעזעענער פירער פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער באַקאַנטער לאַיער ל. פיטש. ער האָט געפירט דעם פאָרזיץ זייער געניט און האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ווי ווייניג האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז נאָך איידער דער טאָג וועט זיין פאַראיבער וועט אָט דער ציוניסט האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָל אין פאַרטיידיגן די רעכט פון אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט און אַז ער וועט העלפן אַריינ־שרייבן אַ קאַפּיטל געשיכטע אין דעם אידישן לעבן אין קאַנאַדע, צו וועלכן צייטונגען וועלן זיך אומקערן מיט שטאָלץ מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

די דעלעגאַטן האָבן לאַנג ניט גערעדט, ווייל אַלע האָבן ווידערהאָלט כמעט איין און דאָס זעלבע: עס איז משיח׳ס צייטן; גרויס בריטאַניע האָט געגעבן אַ גרויסן געשאַנק; דאָס אידישע פאָלק האָט ענדלעך דער־לעבט דעם טאָג פון זיין דערלייזונג.

איז וויפיל פאַרשיידענע ניואַנסן קען מען געפינען פאַר איין און דעם זעלבן געדאַנק? האָט איין דעלעגאַט נאָך דעם צווייטן אָפּגעזאָגט זיין

פסוק און איז אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע. דער ענין האָט אָנגעהויבן ווערן גאַנץ איבערדריסיג, נאָר אָט איז דורך דעם זאַל דורך ווי אַ בליץ דער נאָמען פון אַ ווידערשפעניגען. דער פּאָרזיצער האָט אויסגערופן מיין נאָמען. אין אַן אויגנבליק זיינען אַלע הונדערטער דעלעגאַטן געשטאַנען אויף די פיס. פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ געשריי:

— וואַרפט אים אַרויס! ער וועט דאָ ניט רעדן! ער איז אַ שונא פון דעם אידישן פאָלק!

ווי נאָר דער פּאָרזיצער האָט געהאַט אויסגערופן מיין נאָמען, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מיין פּלאַץ. ווען עס איז אָבער אָנטשטאַנען דער טומל, האָב איך צוזאַמענגעלייגט מיינע הענט אויף דעם האַרצן און באַשלאָסן צו וואַרטן ביז די אָבסטרוקציע וועט זיין פאַראיבער. עס איז ביי מיר ניט געווען קיין שרעק פאַר דעם צעבויטעטן עולם, ניט די קלענסטע מורא, אַז אפשר וועט זיך טאַקע ניט איינגעבן צו זאָגן דאָס, וואָס מיין מאַנדאַט האָט פון מיר געפאָדערט; ניט די מינדסטע זאָרג וועגן געפינען די פּאַסיגסטע פאָרמע פאַר דעם, וואָס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן.

בלויז יוגנט גיט אַזאַ קראַפט. בלויז גלויבן אין דעם, וואָס מען דאַרף זאָגן, גיט אַזאַ זיכערקייט.

די צייט איז געלאָפן און די אבסטרוקציע האָט אָנגעהאַלטן. דער פּאָרזיצער האָט געקלונגען מיט זיין גלעקל און האָט געקלאַפּט אין טיש. מאָמענטנווייז האָט זיך אים איינגעגעבן אַריבערצושרייען דעם טומל און דעמאָלט האָט מען געהערט, אַז ער פּאָדערט מען זאָל מיר דערלויבן רעדן.

— הי איז עי דעלעגעיט ענד הי העז היז ראַיטס! — האָט דער פּאָרזיצער געשריען מיט די לעצטע כוחות, נאָר עס איז געווען אַרויסגעוואָרפן. אָט האָט דער געשריי פון אַזוי פיל העלזער שוין, דאַכט זיך, גענומען ווערן קלענער, נאָר מיטאַמאָל צעפלאַקערט זיך ווידער דאָס פייער און דער טומל ווערט ווידער גרויס. צווישן עולם זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן איינגעשטימט מיט דעם פּאָרזיצער. אָט די דעלעגאַטן האָבן געשריען אויף די אבסטרוקציאָניסטן און די לעצטע האָבן מיט צאָרן זיי געענטפערט. אויגן האָבן געשאָסן פייער; מיילער זיינען געווען צעקרימט פון כעס; פויסטן האָבן געפאָכעט מיט דראָאונג. נאָר פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז דאָס וועט זיך דאַך אַמאָל ענדיגן און איך וועל קריגן מיין וואָרט.

די דעלעגאַטן זיינען מיד געוואָרן; אייניגע האָבן זיך אָנגעהויבן אַוועקזעצן; אַנדערע האָבן זיך געזעצט און ווידער אויפגעשפרונגען פון זייערע פּלעצער, נאָר ענדלעך איז געוואָרן כמעט שטיל און דער פאָר־זיצער האָט זיך געווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל אָנהויבן רעדן.

עס איז געווען קלאָר, אַז די קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט, אַז איין ניט פּאַסיג וואָרט קאָן דאָ אַרויסרופן אַ שטורעם, וואָס עס וועט זיין שווער איינצושטילן. מיינע ערשטע ווערטער זיינען דערפאַר געזאָגט געוואָרן זייער לאַנגזאַם, ווי דער טראָט פון איינעם, וואָס פּרובירט אויס מיט זיין פוס דאָס אייז איבער אַ טייך, וועלכן ער דאַרף אַריבערשפּאַנען. נאָר איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ דריי צענדליג ווער־טער, האָבן די טירן זיך ברייט צעפּראַלט און אַ קאָמיטע האָט מיט פּאַראַד אַריינגעפירט דעם קאַנאַדער קריגס־מיניסטער. איך האָב זיך גלייך אַוועקגעזעצט, כדי מען זאָל דעם גאַסט קאָנען באַלד געבן אַ וואָרט. מיין האַנדלונג איז, באַטירלעך, ניט אַוועק אומבאַמערקט פון די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געווען דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס אַ „שייגעץ" אַ סאָציאַ־ליסט איז ניט באַשטאַנען אָנצוהאַלטן זיין רעדע און צווינגען דעם געהוי־בענעם גאַסט צו זיצן און וואַרטן.

דער מיניסטער האָט געהאַלטן אַ דזשינגאָאיסטישע רעדע פון אַן אמת׳ן יונקער־כאַראַקטער. עס איז דאָך ניט קיין זינד דאָס היינט צו דערמאָנען, כאָטש דעמאָלט וואָלט געווען אַ גרויסע געפאָר אויף דעם אָנצוואוייזן, פונקט ווי עס איז ניט קיין זינד צו דערמאָנען, אַז די רעדע האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיגן איינדרוק אויף אַלעמען.

ווי נאָר דער מיניסטער האָט פאַרענדיגט זיין רעדע, האָט ער פאַר־לאָזן די פּלאַטפאָרמע אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסער קאָמיטע. ווי נאָר ער האָט געענדיגט רעדן, בין איך ווידער געשטאַנען אויף די פיס. דער פאָרזיצער האָט אין אַ באַזונדערן טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט זיין דאַנקבאַרקייט, זיך געווענדעט צו מיר:

— יו קען פראָסיד, מר. אַלמאַזאָוו! (— איר קאָנט פאָרזעצן, הער אַלמאַזאָוו!)

די דזשינגאָאיסטישע רעדע איז געווען אַ גוטע קאַנווע, אויף וועל־כער עס איז לייכט געווען אָנצוהויבן אויסהעפטן אַ בילד פון דער אימ־פּעריאַליסטישער שפּיל אין נאָענטן מזרח. עס איז געוואָרן לייכטער צו האַלטן אָט די מענטשן אויף זייערע פּלעצער מיט אַן אַנאַליז, וואָס איז זיי ניט געווען צום האַרצן, נאָר וואָס האָט זיי צום ווינציגסטן פאַר־

כאַפּט מיט זיין אויפריכטיקייט און מיט אַן אינערלעכער לאָגיק, וואָס זיי האָבן טיף באַ זיך אין האַרצן געפילט איר אמת.

אין זאָל האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ שטילקייט, אַז מען וואָלט געקענט הערן ווען אַ שפּילקע וואָלט אַראָפּגעפאַלן. אין מיר האָט גערעדט דער באַוואוסטזיין פון איינעם, וועלכער פאַרטרעט הונדערטער, וואָס האָבן אים פאַרטרויט אַ גרויסע מיסיע; מיך האָט געמוטיגט דער געדאַנק, אַז אָט דאָ ווערט געפּאַכטן אַ קאַמף געגן אַ גרויסן היסטאָרישן אומרעכט, ווייל מען וויל אָפּנאַרן אַ פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געליטן אין זיין געשיכטע; אין מיר האָט געברענט אַ געצוימטער פלאַם פון האַס געגן דעם דזשינגאָאיזם און געגן אַלע, וואָס קענען ניט פאַרשטיין די געפאַר, וואָס לויערט אויף מיליאָנען אידן און ניט־אידן, ווען דער זעלבער דזשינגאָאיזם זוכט מיט געוואַלד צו פאַרניכטן דאָס יונגע סאָוועטישע לאַנד, וואו עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר דער פולשטענדיגער לייזונג פון דער אידן־פראַגע.

עס האָבן זיך אַוועקגעקייקלט צוויי שעה און דער עולם האָט מיט דער זעלבער געשפּאַנטקייט זיך איינגעהערט ווי אין דער ערשטער האַלבער שעה. איך האָב מיינס געזאָגט, נאָר צום סוף האָב איך געפונען פאַר נויטיג צוצוגעבן עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן ווידער אַרויסגערופן אַ שטורעם און ווידער געשטעלט דעם עולם אויף די פיס. דאָס איז שוין אָבער געווען אַ שטורעם פון אַן אַנדער כאַראַקטער, און דער עולם איז אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער צוליב אַ גאַנץ אַנדערן צוועק, ווי די אבסטרוקציע, וואָס איז דאָ פריער דורכגעפירט געוואָרן.

איך האָב פאַרענדיגט אַזוי:

— ווערטע דעלעגאַטן, איך ווייס, אַז איך האָב געזאָגט אַ סך זאַכן, וואָס האָבן אייך ווי געטאָן, ווייל איך האָב צעשטערט אייערע אַן אילוזיע, נאָר עס איז געווען מיין חוב צו זאָגן דאָס, וואָס איך באַטראַכט פאַר דעם אמת. איך ווייס, אַז די הויפּט־זאַך, וואָס שרעקט אייך, איז וואָס מיר זיינען פאַרזאַמלט אין אַ בריטישער דאָמיניאָן און איר ציטערט פאַר די רעזול־טאַטן ווען עס וועט באַקאַנט ווערן, אַז עמיצער האָט געשטימט געגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איר ווילט, אַז עס זאָל געמאָלדן ווערן אַן איינ־שטימיגע גוטהייסונג. איך וויל ניט צעשטערן אייערע דערוואַרטונגען און עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו טאָן עפּעס אייך אויף צו להכעיס. איך האָב פון אָט דער פּלאַטפאָרמע געזאָגט צו די אידן פון גאַנצן לאַנד דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט זאָגן. דאָס איז געווען מיין חוב, נאָר איך וועל

ניט שטימען געגן אייער רעזאָלוציע; איך וועל זיך צוריקהאַלטן פון שטימען.

מען האָט אָפּלאָדירט; מען האָט פון אַלע זייטן אויסגעדריקט אנערקענונג דורך צונויפגעפּלאָכטענע הענט, מיט וועלכע מען האָט געפּאַ־כעט אין דער לופטן; דעלעגאַטן האָבן גערעדט און זיך איבערגערופן; מען האָט געזען, אַז אַלע זיינען צופרידן וואָס אַ „קריזיס" איז אַריבער און וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט אויף אַזאַ אומדערוואַרטעטן אופן.

און אָט פאַרלאָזט דער פאָרזיצער די פּלאַטפאָרמע און ער גייט אין מיין ריכטונג. אויף אים זיינען געווענדעט אַלע אויגן. ער קומט צו און שטרעקט אויס זיין האַנט:

— ווי אַר סאָרי יו אַר עגעינסט אַס, באַט ווי אַר פּראַוד יו אַר וויט אַס. (מיר באַדויערן וואָס איר זייט געגן אונז, נאָר מיר שטאָלצירן מיט דעם, וואָס איר זייט צווישן אונז).

עס גייט אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע דער ווירדיגער ראובן ברייניך, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער וויצע־פאָרזיצער פון דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער קומט צו און מיט פייכטע אויגן קוקט ער אויף מיר און מיט געמאָסטענע ווערטער זאָגט ער אַזוי:

— איך שטים ניט איין מיט אייך, נאָר איך וויל אייך באַדאַנקען פאַר דעם אופן ווי איר האָט גערעדט. איר זייט אַ פּאָעט.

און צו דער דערשטוינונג פון אַלע דעלעגאַטן נעמט ער מיך אַרום און קושט מיך שטאַרק.

— איך וויל איר זאָלט מיר צוזאָגן, אַז אויב מיר וועלן נאָר ווען ניט איז זיין אין איין שטאָט, וועט איר צו מיר קומען אויף אַ באַזוך, — זאָגט דער ליבער אַלטער, האַלטנדיג מיין האַנט אין זיינער אַ לאַנגע צייט.

איך האָב אים דעם צוזאָג געגעבן. מיט יאָרן שפּעטער זיינען מיר געוואָרן זייער באַפריינדעט. איך שטאָלציר ביז היינט מיט דעם, וואָס איך בין געווען באַפריינדעט מיט אָט־דעם גרויסן אידן, וועלכער האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן טאָקע דורך מיר געשיקט זיין היסטאָ־רישע ווענדונג, אַז מען זאָל דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט באַשמירן מיט בלאָטע, ווי עס האָבן דאָס געטאָן אַ סך קליינע מענטשעלעך אונטער דעם אויסרייד, אַז דער סאָוועטישער אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד אין 1939 האָט געוויזן אַז „סטאַלין וויל ראַטעווען היטלערן". איצט זעט די גאַנצע

וועלט די געמיינהייט פון אזא באשולדיגונג. דער גרויסער בריינין האט אין יענער צייט געוואָרנט געגן די פאַרפירער צווישן די אידן.

נאָך דעם שטורעם און אַפּלאַדיסמענטן איז געקומען גאָר אַן אומ־דערוואַרטעטער סורפּריז. די פירער פון דעם קאָנגרעס זיינען געקומען צו מיר מיט אַ ווענדונג, אַז איך זאָל האַלטן אַ רעדע באַ דער שלוס־זיצונג פון דעם קאָנגרעס, וואָס וועט פּונקט ווי די דערעפענונג פאַר־קומען אין דעם טעאַטער, וואָס נעמט אַריין אַרום פינף טויזנט מענטשן. אוודאי האָב איך צוגעשטימט, נאָר איך האָב אויסגענומען, אַז איך זאָל מעגן זאָגן וואָס איך האַלט פאַר נויטיג.

אויף מאָרגן איז געווען דער גרויסער צוזאַמענקונפט אין טעאַטער, און ווידער איז דער זאַל געווען געפּאַקט. דער עולם איז כמעט אַן אויס־נאַם געווען גינסטיג געשטימט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נאָר איך בין געווען באַ זיך זיכער, אַז פּונקט ווי די דעלעגאַטן האָבן געמוזט ערנסט זיך באַציען צו מיינע אַרגומענטן געגן, אַזוי וועט אויך דער עולם דאָ אויפמערקזאַם מיך אויסהערן. און אַזוי איז געווען. די פאַרזאַמלטע האָבן גאָר וואַרעם געענטפערט אויף דער רעדע, נאָר אַ קלאַפּ איז געקו־מען פון גאָר אַן אומדערוואַרטעטן ווינקל.

צווישן די געסט, וועלכע האָבן באַדאַרפט רעדן באַ אַט־דעם פייער־לעכן צוזאַמענקונפט, איז אויך געווען דר. ח. זשיטלאָווסקי. ווען איך האָב געענדיגט רעדן, האָט דער פאַרזיצער אים פאַרגעשטעלט. מסתמא איז ער געווען צוגעגרייט מיט אַ רעדע, נאָר אנשטאט דעם, אַז ער זאָל זאָגן דאָס, וואָס ער האָט צוגעגרייט, האָט ער זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבן צוגישט צו־מאַכן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. ער האָט שאַרף קריטי־קירט מיין שטעלונג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. נאָר זיינע שאַרפסטע פיילען האָט ער געצילט געגן מיר צוליב דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערט געלייזט די אידישע פראַגע.

אין יענער צייט איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען אַריינגעצויגן אין בירגער־קריג. קאָלטשאַק האָט זיך גערוקט צו מאָסקווע פון מזרח; דעניקין און יודעניטש און וורענגל און פּעטלוראַ האָבן אַרודעוועט אין מערב און אין דרום און האָבן פאַרגאָסן טייכן בלוט און פאַרוויסטעט ריזיגע שטרעקעס.

דער אויספיר פון דר. זשיטלאָווסקי'ן איז געווען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט ניט קאָנען איבערטראָגן אָט דעם אַנגריף.

— מען דאַרף אונטערזוכן דעם מאַרך פון אָט דעם יונגנמאַן, וועל־כער וויל מיר זאָלן אים גלויבן, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט לייזן די אידן־פראַגע! — האָט ער אויסגערופן מיט פּאַטאָס.

אויף מאָרגן איז אין דעם גרויסן זאַל פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט געווען נאָך אַ קורצע זיצונג צו פאַרענדיקן אייניקע ניט דער־ליידיקטע פראַגן. דאָרט איז דר. זשיטלאָווסקי צוגעקומען צו מיר זיך אַנטשולדיקן פאַר זיינע נעכטיקע רייד.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דר. זשיטלאָווסקי איז געוואָרן אַ פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ גרויסער פריינט פון דער אידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל און אין בירא־בידזשאַן בפרט, בין איך געפאָרן צו אים אַהיים אין קראָטאָן אַן די האַדסאָן אים פאַרצושלאָגן צו ווערן אַ מיטגליד אין „איקאָר”, פון וועלכן איך בין געווען דער גענע־ראַל־סעקרעטאַר. מיר האָבן דערמאָנט די פאַרגאַנגענע יאָרן; מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן דעם לעבן פון די אידן אין פאַרשיידענע לענדער; מיר האָבן גערעדט וועגן דעם נייעם לעבן פון די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך האָב גאָר ניט דערמאָנט וועגן דעם פריער־אַרויס־געבראַכטן עפּיזאָד, נאָר שוין באַם געזעגענען זיך האָט זשיטלאָווסקי אַליין דערמאָנט דעם פאַל. מיר האָבןביידע געלאַכט און איך האָב אים געזאָגט: — איך בין גליקלעך וואָס איצט זיינען מיר ביידע אַלץ איינס „משוגע” אויף דעם געדאַנק, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ענד־גילטיק געלייזט געוואָרן די אידן־פראַגע.

מיר האָבן זיך געזעגנט ווי פריינט און מיר זיינען פאַרבליבן די בעסטע פריינט ביז דעם לעצטן טאָג פון דעם לעבן פון אָט דעם גרויסן אידן און פון אָט דער ליכטיגער פּערזענלעכקייט, אויף וועלכער עס איז פון אומווירדיגע מענטשעלעך געוואָרפן געוואָרן אַזויפיל שמוץ טאַקע צוליב זיין געענדערטער שטעלונג צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דעם טאָג, ווען דר. זשיטלאָווסקי איז אַרויסגעפאָרן אויף זיין לעקציע־טור, פון וועלכן ער האָט זיך שוין ניט אומגעקערט קיין לעבעדיגער, האָט ער טעלעפאָנירט צו מיר אַהיים. עס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך ווייטיג וואָס איך בין גראַד ניט געווען אין הויז צו רעדן מיט אים און זיך מיט אים געזעגענען. נאָך גרעסער איז געוואָרן מיין ווייטיג ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז געשטאָרבן און איך וועל שוין קיינמאָל ניט הערן אָט די וואונדערבאַרע שטימע פון דעם מענטשן, וועלכער איז מיר געוואָרן אַזוי נאָענט און טייער.

היינט קומט מיר אויס צו קוקן יעדן טאָג אויף דעם שיינעם געזיכט פון אַט דעם גרויסן אידן, ווייל זיין פּאָרטרעט הענגט איבער מיין שרייב־טיש אין דעם אָפיס פון דעם אידישן שרייבער־קאָמיטעט, פון וועלכן ער איז געווען דער גרינדער, און וועלכער האָט די אויפגאַבע צו שאַפן איי־ניגקייט צווישן די אידן דאָ און די אידן אין דער גאַנצער וועלט — ספּע־ציעל איינינגקייט מיט די אידן פון דעם לאַנד, וואו עס איז געלייזט גע־וואָרן די אידן־פראַגע — פאַר אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף געגן פאַשיזם און געגן רעאַקציע.

דר. זשיטלאָווסקי'ס פּאָרטרעט איבער מיין שרייב־טיש איז אַ שטענ־דיגע דערמאָנונג וועגן אַ פריינט און אַ מיטקעמפער, וועלכער איז געוואָרן טייער ווי אַן אייגענער.

צום שלוס פון אַט דעם קאַפּיטל האַלט איך פאַר פּאַסיג צו דערמאָנען, אַז מיט אַ פאַר יאָר צוריק האָט אַן אומבאַקאַנטער מיר צוגעשיקט אַן אויסשניט פון אַ באַלעבאַטישער אידישער צייטונג אין מאָנטרעאל, וואו מען האָט דערמאָנט ווי מיט יאָרן צוריק איז דאָרט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דעם אידישן קאָנגרעס געשטאַנען אַ יונגער דעלעגאַט, וועלכער האָט געוואָגט — כאָטש ער איז געווען דער איינציגער — צו זאָגן דאָס, וואָס איז איצט אַזוי קלאָר פאַר אַלעמען, אַז ענגלאַנד האָט ניט געמיינט ערנסט מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

דעמאָלט האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע געפירט צו צעטיילונג צווישן אידן, זאָל איצט דער קאַמף פאַר אָפּשאַפן דעם „ווייסן פּאַפּיר", פאַר איי־ניגקייט מיט די אַראַבער, פאַר אָפּשאַפן דעם מאַנדאַט און פאַר אַרויס־טרייבן די בריטישע אָקופּאַנטן — זאָל אַט דער קאַמף פירן צו פאַראיי־ניגונג, וואָס איז אַזוי לעבנס־וויכטיג אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פּיל־געליטענע אידישע פאָלק דאַרף היילן אַזויפיל וואונדן און דאַרף אויפ־שטעלן אַזויפיל חורבות.

קאפיטל 7.

די ערשטע רעדע ביי אַ מיטינג פון סטרייקערס

וויסן, אַז אַרבעטער האָבן אַ רעכט צו זיין אָרגאַניזירט און צו קעמפן פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען — דאָס איז איין זאַך, און רעדן וועגן דעם צו אַרבעטער אין מיטן גאַס און אין פראָנט פון דער פאַבריק, פון וועלכער זיי זיינען ערשט אַרויס, דערקלערנדיג דאָרט אַ סטרייק, — דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין. די זאַך ווערט נאָך שווערער, ווען דאָס איז די ערשטע רעדע פאַר אַן עולם פון סטרייקערס און ווען פון אַלע זייטן קוקט מען אויף דיר, ווי אויף דעם, וועלכער דאַרף זאָגן דאָס ריכטיגע וואָרט.

עס איז געווען אַ הייסער נאָכמיטאָג, ווען איך בין געשטאַנען פאַר די עטלעכע הונדערט מענטשן אויף אַ ליידיגן „לאָט" אין מיטן פון איינער פון די רוישיגע גאַסן. איך בין אַרויף אויף דעם קעסטל, וואָס מען האָט פאַר מיר אוועקגעשטעלט, און איך האָב דערפילט, אַז איך האָב אויף זיך גענומען אַ צו גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

וואָס ווייס איך וועגן די באַזונדערע פּראָבלעמען פון אָט די אַרבעטער, וועלכע נייען פרויען־קליידלעך? וואָס ווייס איך וועגן די פּרעסערס, אָפּערייטאָרס, פינישערס? וואָס ווייס איך וועגן דעם, וויפיל מען דאַרף זיי צאָלן? וואָס ווייס איך וועגן צעטיילונג פון אַרבעט? אין קיין שאָפּ בין איך דאָך קיינמאָל ניט געווען; ווי מען נייט קליידלעך האָב איך דאָך אַפילו קיינמאָל ניט געזען. וואָס זשע זאָל איך דאָ איצט זאָגן? וואָס ווייס איך, וואָס עס איז כדאי דאָ איצט צו זאָגן?

אָט די לעצטע פראַגע האָט מיר שוין געגעבן דעם שנור פאַר מיין רעדע. וועגן די ספּעציפישע נויטן פון די אַרבעטער פון אָט דעם געגע־בענעם שאָפּ מעג איך טאַקע ניט וויסן, נאָר די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען

פון די אַרבעטער זיינען דאָך אומעטום די זעלבע — זייער רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס אַז זיי זאָלן קאָנען קאָלעקטיוו זיך באַשיצן; זייער רעכט אויף אַ לוין וואָס זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו זיין באַזאָרגט מיט אַ מינימום פון אַן אַנשטענדיג לעבן — אַזעלכע און ענלעכע פּראָבלעמען וואָס רירן אָן זיי און די אַרבעטער פון אַלע לענדער; אַט וועגן די אַלע פּראָבלעמען דאַרף מען און מען מוז רעדן אומעטום.

אין אַט דעם ליכט האָב איך גענומען צעוויקלען מיין געדאַנק און, וואונדער איבער וואונדער, איך האָב דערפילט, אַז מיינע ווערטער ווערן אויפגענומען זייער גוט און זיי זיינען, ווי עס זאָגט דער אויסדרוק אויף די געזיכטער פון די יוניאָן־טוער, דאָס, וואָס מען דאַרף אין אַט דעם מאָמענט זאָגן.

איך האָב ניט געפילט ווי די זון באַקט און ווי איך ווער אויסגעוויקט פון שוויס. איך האָב ניט געזען און ניט געפילט קיין אַנדער זאַך, ווי בלויז אַט די מאַסע, וואָס האָט זיך אַזוי אויפמערקזאַם צוגעהערט. זייערע ערנסטע געזיכטער, זייער אויפמערקזאַמקייט און זייער שטיין דאָ אונטער דער ברענענדיגער זון האָבן מיך געמאַכט פילן, אַז עס איז ווערט צו טראָגן דעם לאַסט פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון אַט די מאַסן, וואָס ווילן באַשיצן זייערע רעכט אויף אַ מענטשלעך לעבן.

עס זיינען געווען אַ סך ווערטער פון לויב נאָך מיין ענדיגן די רעדע, נאָר מיר איז קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען, ווייל בלויז איין געדאַנק האָט מיך באַהערשט — האָב איך דאָ געזאָגט דאָס ריכטיגע וואָרט? וועלן אַט די אַרבעטער זיך פילן געקרעפטיגט צו פירן זייער קאַמף ווי מען דאַרף, אָדער זיי וועלן גאָר שנעל זיך אונטערגעבן? אויב עס זאָל פאַסירן דאָס לעצטע, וועט עס אפשר זיין מיין שולד?

איך האָב דערנאָך גערעדט נאָך אַ סך מאָל אין דעם זעלבן סטרייק, און שפּעטער מיט יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו רעדן פאַר אַ סך מער אַרבעטער און בײַ אַ פּונקט אַזעלכע וויכטיגע און נאָך וויכטיגערע קאַמפן, נאָר קיינמאָל האָב איך זיך ניט באַפרייט אינגאַנצן פון דעם גייסט, וואָס האָט מיך באַהערשט אין דער צייט פון מיין ערשטער רעדע פאַר סטרייקערס. אודאי איז פאַרשוואונדן יעדער שפּור פון פּלאַטפאָרמע־שרעק, נאָר אָפט — אין מיטן פון אַ רעדע, וואָס פליסט פריי און זיכער — גיט אַ קלאַפּ אַ געדאַנק — אַ דערמאָנונג פון יענער ערשטער רעדע — איז דאָס דאָס ריכטיגע וואָרט? דערפיל איך מיין חוב ווי עס געהער צו זיין?

עס שווימען באַלד אַרויף אין זכרון יענע מענטשן אויף דעם ליידיגן פּלאַץ באַ דער רוישיגער גאַס, די ברענענדיגע זון, וואָס האָט אַזוי געבראָטן, און דער צווייפל, וואָס האָט מיך דעמאָלט פאַרפאָלגט און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. ווידער דערפיל איך, אַז איך באַגיס זיך מיט שווייס, קיינע ווערטער פון לויב קאָנען מיך ניט מאַכן פילן זיכער באַ זיך, און ווידער זוך איך אין די אויגן פון די צוהערער אַן ענטפער אויף מיין עגבערנדיגער פראַגע, צי האָב איך דאָ געזאָגט דאָס ריכטיגע וואָרט.

קאַפּיטל 8.

אַ רעדע ביי אַ לויה פון צוויי דערטרונקענע

פון קינדערוויז אָן איז באַ מיר פאַרבליבן אַ באַזונדערע מורא פאַר דעם וואָרט דערטרונקענער. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב אָט דאָס וואָרט דערהערט איז געווען אין אַ תשעה באָב, ווען די גאַנצע שטאָט איז געלאָפן קוקן ווי מען האָט אויף אַ פוירישן וואָגן געבראַכט צופירן פון דעם דערבייאיגן דאָרף די קערפּערס פון דריי יונגע בחורים, וועלכע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דעם דאָרטיגן טייך.

— דער טייך נעמט אַלע מאָל זיין קרבן אין אָט דעם טאָג.

— דוקא אין תשעה באָב האָט זיך זיי פאַרוואָלט פאָרן אויף אַ שיפל. מען לויפט זוכן פאַרגעניגן און איצט וועלן מאַמעס וויינען.

— אוי, ס'אַראַ פיינע קינדער דאָס זיינען געווען!

אַזוי האָבן די מענטשן אויף די טראָטואַרן גערעדט און געזיפצט און אויך פאַרגאָסן אַ טרער, בשעת עס איז לאַנגזאַם געפאָרן דער וואָגן מיט די דריי קערפּערס.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ פרוי — מסתמא איינע פון די מוטערס — און, שלאָגנדיג זיך מיט די הענט אין קאָפּ, האָט זי גענומען שרייען אויף באַנומענע קולות:

— וויי דער מאַמען, וואָס דאַרף צוקוקן ווי מען פירט אַזוי איר בן יחיד! מיין קינד! מיין קינד! מיין אַרעלע, צו וואָס דאַרף איך גאָר איצט לעבן אויף דער וועלט?

איך בין געווען דערדריקט פון אָט דער סצענע, וואָס האָט אויף מיר אין יענע קינדער־יאָרן געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, אַז איך פלעג זיך אויפכאַפּן באַנאַכט פון שרעק פילנדיג, אַז אָט הער איך נאָכאַמאָל דאָס יאָמערן פון דער מוטער.

דאָס וואָרט דערטרונקענער האָט אין מיינע אויערן געהאַט אַ באַזונ־דער קלאַנג אַפילו ווען איך בין שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסן פון יענער צייט פון אַנגסטיקן שרעק דורך די נעכט. און אָט זיינען אַוועק יאָרן. דאָס לעבן האָט מיך אַוועקגעטראָגן פון מיין שטאָט און פון מיין לאַנד און מיך געבראַכט צו ווייטע ברעגן און אַריינגעשליידערט צווישן אומבאַקענטע מענטשן. ניט לייכט איז געווען אַנצוקניפּן פאַרבינדונגען, איינוואָרצלען זיך, שאַפן פריינט, וואָס זאָלן ווערן אייגן און טייער, נאָר געמיינזאַמע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט, ענלעכע איבערלעבונגען, די זעלבע פּראָבלעמען פון צופאַסונג — דאָס האָט צוביסלעך אויסגעשמידט אַ משפחה׳דיקייט צווישן אַ צאָל מענטשן, וואָס זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ טייערער און איי־גענער איינער דעם צווייטן.

מיר זיינען געווען אַ קליינע גרופּע סאָציאַליסטן, נאָר מיר האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף אַ גאַר ברייטן קרייז פאָלקס־מענטשן. געווען זיינען אַ סך אורזאַכן פאַר אָט דעם צושטאַנד, נאָר אפשר דער סאַמע וויכטיגסטער פאַקטאָר איז געווען די אָנוועזנהייט פון דעם „אַלטן לעווין״ אין אונזערע רייען.

זיין נאָמען איז געווען נח לעווין, נאָר גערופן האָבן אים אַלע דער אַלטער לעווין. מיר דאַכט, אַז ווען מען זאָל אים געווען אַ כאַפּ טאָן אומדערוואַרטעטערהייד און אַ פרעג טאָן: — ווי הייסט איר? — וואָלט ער מסתמא געווען געענטפערט: דער אַלטער לעווין.

און דער נאָמען אַלטער לעווין איז ניט אַרויסגערעדט געוואָרן מיט דעם טראָפּ אויף אַלט. עפּעס האָט זיך גאָר ניט געקלעפּט צו אים דער באַגריף פון אַלטקייט. לאָמיר דערציילן וועגן אים געננוי.

נח לעווין איז געווען, וואָס מען האָט עס אין קאַנאַדע אָנגערופן, אַ „סקאַוועגדזשער״. אויף פּשוט׳ן לשון מיינט עס, אַז ער איז געווען אַ מיסט־קלייבער. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעפאָרן מיט נאָך צווי מענטשן אויף אַ גרויסן וואָגן פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג. יעדע עטלעכע מינוט האָט דער וואָגן זיך אָפּגעשטעלט. דער אַלטער לעווין און נאָך איי־נער אַן עלטערער מענטש פלעגן אַראָפּשפּרינגען פון דעם וואָגן, אַ כאַפּ־טאָן די גרויסע בלעכענע קאַנען מיט מיסט, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם טראָטואַר אין פראָנט פון די הייזער, און אויסליידיגן די קאַנען אין דעם וואָגן אַריין. זיי פלעגן צוריק אַרויף אויף דעם וואָגן און פאָרן ווייטער.

אַזוי האָט דער אַלטער לעווין געאַרבעט אַכט שעה אַ טאָג פאַר זיין שטיקל ברויט. זאָגן, אַז אָט די פּרנסה איז געווען גאָר געאַכטעט, וואָלט

געווען מער ווי איבערטריבן, ווייל אין דער אמת׳ן זיינען מענטשן נאָך ניט דערוואקסן צו דעם, אַז זיי זאָלן באַטראַכטן פאַר ווירדיג אַלע סאָרטן אַרבעט, ספּעציעל ווען אַט די אַרבעטן זיינען אַזוי נויטיג פאַר דעם געזונט פון יעדן איינעם. איז קיין מיסט־קלייבער פאַר קיין גאָר געהויבענעם מענטשן ניט געהאַלטן געוואָרן, נאָר מיט דעם אַלטן לעווין האָט דאָס ניט געהאַט צו טאָן, ווייל אים האָבן אַלע ניט נאָר רעספּעקטירט, נאָר מען האָט זיך פּשוט געפילט פּריווילעגירט צו זיין נאָענט צו אים. דאָס לעצטע איז ניט געווען גאָר לייכט, ווייל כאָטש דער אַלטער לעווין איז געווען ווייט פון צו זיין אַ גרויס־האַלטער ביי זיך, איז ער אָבער אויך ניט געוואָרן מיט יעדן איינעם קיין פּאַניע־בראַט. אים האָט מען באַדאַרפט געפעלן. דער עיקר, באַ אים האָט מען באַדאַרפט געווינען צוטרוי. האָט ער פאַרדעכטיגט אַ מענטשן, אַז יענער איז ניט אויפריכטיג, האָט שוין אַט דער מענטש דערפילט אויף זיך זיין פאַראַכטענדיגן בליק, וואָס האָט געשטאָכן מער ווי די שאַרפסטע מעסערס. האָט אָבער דער אַלטער לעווין פון עמיצן געהאַלטן, איז ער שוין געווען מילד ווי אַ קינד און פאַטערלעך איבערגעגעבן.

נח לעווין איז געווען אַ איד אַ למדן. לויט זיין אויסזען, וואָלט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ רב אָדער אַ חזן. זיין שיינע, קורצע, קיילעכדיגע, שוואַרץ־גרוילעכע באָרד, זיין פּנים, וואָס האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדער הויט, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי דורכזיכטיג; זיינע לוגע בלויע אויגן, — דער גאַנצער אופן פון זיין האַלטן זיך מיט עפּעס אַ ווירדע פון אַ תלמיד־חכם, וואָס שליסט איין באַשיידנקייט און מאַכט אוממעגלעך הפקר׳דיג פאַמיליאַריטעט, — דאָס האָט יעדן איינעם געמאַכט פילן, אַז דאָ האָט מען פאַר זיך אַ ניט־געוויינלעכן מענטשן.

גערעדט האָט נח לעווין מיט זייער געמאָסטענע רייד. אין זיין שטימע איז געווען אי ווייכקייט, אי אַ מעטאַלענער נאָכקלאַנג. ספּעציעל האָט זיך געפילט אָט דער קלאַנג פון מעטאַל ווען ער פלעגט ציטירן עפּעס אַ פּסוק, אָדער ווען ער האָט זיך באַנוצט מיט העברעאישע אויסדרוקן — וואָס באַ אים איז דאָס געווען זייער אַן אָפטע זאַך — אין זיין אַזוי אויך פאַרביגער שפּראַך.

נח לעווין האָט געקאָנט פירן אַ געשפּרעך מיט אַ אידן אַ בקי אין גמרא; ער האָט געקאָנט פאַראינטערעסירן אפילו אַ ספּעציאַליסט מיט זיין טיפן וויסן פון אידישער געשיכטע, און צווישן דער יוגנט, וואָס

האָט אי געקאָנט רוסיש, אי זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דעם קולטור־שטראָם פון דעם נייעם לאַנד, — אויך דאָ האָט זיך דער אַלטער לעווין געפילט גאָר פריי, און אויך דאָ האָבן אַלע אויף אים געלייגט גאָר גרויס אַכטונג.

דעם אַלטן לעווין האָבן ליב געהאַט די אַרבעטער, ווייל זיי האָבן געפילט ווי ערנסט ער איז אין זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען און ווי געטריי איז דעם אַרבעטנדיקן מענטשן. דעם אַלטן לעווין האָבן ליב געהאַט זיינע חברים, ווייל עס איז געווען אַ שטאָלץ צו זיין נאָענט צו אים און אַ פאַרגעניגן מיטצואַרבעטן מיט אים אין דער זעלבער באַוועגונג. אים האָבן אויך געשעצט די, וועלכע האָבן אויף די סאָציאַ־ליסטן געקוקט קרום. מען האָט אים געשעצט פאַר זיין טיפן וויסן, פאַר זיין ווירדיגער האַלטונג און פאַר דעם, וואָס ער — אַ מענטש מיט פעאיג־קייטן און מיט אַ ברייטער באַקאַנטשאַפט, וועלכער וואָלט לייכט געקאָנט פאַרדינען אויף אַ לעבן ביי עפּעס אַ פאַרמיטלעריי, ביי קויף־פאַרקויף, אָדער עפּעס ענלעכעס — אַז ער האָט דוקא אויף זיך גענומען די שווערע און ווייניג־געאַכטעטע אַרבעט פון אַ מיסט־קלייבער.

דער אַלטער לעווין איז געווען אַ פאַטריאַרך — אַ באַליבטער און געאַכטעטער פאַטריאַרך — אין אונזערע רייען. פאַר אַ סך פון אונז איז ער געוואָרן פשוט אַ ליבער, טייערער און נאָענטער חבר, וועגן וועלכן מען האָט קיינמאָל ניט געטראַכט אין טערמינען פון איינעם, וועלכער איז שוין אין די זעכציגער.

און אָט קומט מען צולויפן און מען זאָגט אָן די שוידערלעכע נייעס, אַז ביי אונזער לעווין האָט געטראָפן אַן אומגליק — זיין יונגער זון, דוד, און דעם זון'ס אַ חבר, שלאָסער, זיינען דערטרונקען געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ ריס אין האַרצן, ווייל ניט נאָר איז געווען גרויס דער ווייטיג צוליב דעם צער פון דעם טייערן אַלטן לעווין, נאָר אויך דערפאַר וואָס אי דוד'ל לעווין, אי זיין חבר, זיינען געווען גאָר, גאָר פאַרשפּרעכנדיגע מיטגלידער צווישן די יונגע סאָציאַליסטן.

האָט מען געוויינט צוזאַמען; האָט מען געוויטיגט צוזאַמען; האָט מען געפילט, אַז יעדער איינער האָט געהאַט אַ פאַרלוסט און אַז פאַר יעדן איינעם איז פינסטערער געוואָרן די זון. און אָט גייט מען צו דער לויה. די חברים זאָגן מיר, אַז איך וועל דאַרפן רעדן אויף די טרעפּ פון דער גרויסער שול.

מען פרעגט באַ מיר ניט; מען גיט מיר ניט קיין געלעגענהייט צו זאָגן יאָ, אָדער ניין. מען זאָגט מיר: איר וועט רעדן! און מיט דעם ענדיגט זיך.

בין איך דען ניט דעם אַלטן לעווינ׳ס פריינט? בין איך דען ניט דער, וועלכער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַלטן לעקציעס און גערעדט באַ פאַרזאַמלונגען?

איז אַז דו רעדסט — רעד!

ווי קאָן מען זיך מיט עמיצן נעמען אַמפּערן אין אַזאַ מאָמענט? נאָר וואָס זאָגט מען באַ אַ לויה? ווי האַלט מען זיך ווען מען דאַרף רעדן פון די טרעפּ פון אַ שול? צוליב וואָס האָב איך אינגאַנצן געדאַרפט ווערן אַ רעדנער? רעדן באַ אַ לויה — און נאָך באַ אַ לויה פון דער־טרונקענע!

איך פיל, אַז עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שווייס און באַלד ווערט מיר זייער הייס. איך זע אַזויפיל אויגן קוקן אויף מיר. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַזוי שטיל און מען דאַרף שוין באַלד אָנהויבן רעדן. דאָ שטייען אַזויפיל מענטשן. אָט שטייען אידן מיט בערד און עלטערע פרויען. דאָ איז פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל יוגנט־פריינט און באַקענטע פון די צוויי טייערע בחורים. דאָ זיינען דאָ אַלע אונזערע חברים — אַלע ליבע און טייערע פריינט.

מען האָט אָפּגערעדט, אַז צוליב די קרובים פון לעווינען און צוליב די עלטערן פון שלאָסערן, וועלכע וואָלטן זיך געפילט שוידערלעך געקרענקט ווען מען זאָל ניט געווען האָבן קיין שום רעליגיעזע צערע־מאָניע, — אַז צוליב זיי זאָל מען זיך אָפּשטעלן באַ דער גרויסער שול און דער חזן זאָל דאָרט זאָגן אַן אל מלא רחמים. באַלד נאָך דעם האָב איך געדאַרפט רעדן.

נאָך דער שטילקייט, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע צייט ביז דעם סוף פון דער פּראָצעדור.

עס האָבן געוויינט אַלטע און יונגע און עס האָבן געוויינט אונזערע אויספּרובירטע חברים. ווען איך בין מיט ציטערדיגע טריט אַרויף אויף די טרעפּ און אַ קוק געטאָן אויף דעם גרויסן עולם און דערזען די וויי־נענדיגע מאַסע, האָב איך דערפילט ווי עפּעס האָט מיך אויך גענומען שטיקן אין האַלז. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט קאָנען אויס־רעדן קיין איינציג וואָרט. אין אָט דעם מאָמענט איז מיין אויג געפאַלן

אויף דעם ליבן אַלטן, וועמעס אומגליק עס איז געווען אַזוי גרויס, ווייל זיין דוד איז געווען ניט נאָר אַ זון זיינער, נאָר אויך אַ חבר. דער אַלטער האָט ניט געוויינט. ער איז געשטאַנען אַ ביסל איינגעבויגן, זיין געזיכט זייער בלאַס, נאָר געוויינט האָט ער ניט. זיין האַלטונג האָט מיר געגעבן מוט און איך האָב אָנגעהויבן רעדן.

פון ערגעץ זיינען געקומען די נויטיגע ווערטער; פון ערגעץ האָט זיך גענומען ציען דער פאָדים פון דעם געדאַנק, וואָס איך האָב גענומען צעוויקלען; פון ערגעץ איז געקומען דער כח צו רעדן און ניט צו־זאַמענברעכן.

איך האָב גערעדט צו אַלעמען, נאָר אינזיינען האָב איך געהאַט דעם אַלטן לעווין. איך האָב גערעדט וועגן דעם פּערזענלעכן פאַרלוסט, וואָס עס האָבן געליטן צוויי פאַמיליעס, און איך האָב אונטערשטראָכן, אַז דאָס איז אַ פאַרלוסט, וואָס מיר אַלע האָבן געליטן. איך האָב גערעדט וועגן דעם, וואָס מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פון די צוויי פאַרשפּרעכנדיגע יונגע סאָציאַליסטן, און איך האָב אויסגעפירט, אַז מיט אונזער געטרייער אַרבעט פאַר אונזער אידעאַל וועלן מיר זייער אָנדענק האַלטן טייער.

דאָס זיינען ניט געווען קיין פראַזן אויף צו באַגלייטן אַ לויה מיט אַ רעטאָרישער דרשה. דאָ איז געווען אַן אויפריכטיגער פאַרזוך צו געפי־נען אַ טרייסט פאַר דעם אייגענעם האַרצן, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרקלעמט פון ווייטיג; עס איז געווען אַ וואָרט צו אַ ליבן און טייערן חבר און פריינט, וועלכער איז געווען דערדריקט פון זיין פאַרלוסט; עס איז געווען אַ וואָרט צו אַט די אַלע, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען און געוויינט.

און אפשר איז דאָ אויך געווען אַריינגעמישט עפּעס אַן אומבאַ־שטימטער פאַקטאָר — אַן אָפּקלאַנג פון די קינדער־יאָרן ווען די לויה פון דריי דערטרונקענע האָט איבערגעלאָזט אַזאַ ניט־פאַרגעסלעכן איינ־דרוק — אפשר איז פון דעם הינטערבאַוואוסטזיין געקומען אַ באַפעל:

— רעד אַזוי, אַז קיינער זאָל פון דאַנענד ניט אַוועקגיין מיט דעם געפיל, אַז נאָך דער לויה האָט זיך אַלעס געענדיגט. דער טויט — צי דאָס איז דורך דערטרונקען ווערן, צי אומקום אויף אַן אַנדער אופן — דער טויט איז שטאַרק, נאָר דאָס לעבן איז נאָך שטאַרקער. דערפאַר טאַקע איז אַזוי ווייטיגדיג דער פאַרלוסט, ווייל עס איז אַזוי גרויס און וויכטיג דאָס לעבן. דער פאַרלוסט טאָר אָבער ניט צעברעכן — ער טאָר ניט אָפּשטעלן דאָס לעבן.

איך האָב געענדיגט. די לויה האָט זיך גערירט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך גיי ניט אויף מיינע אייגענע פיס, ווייל נאָך דעם רעדן האָב איך דערפילט, אַז אַלע מיינע כוחות זיינען מיר אויסגעגאַנגען.

מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָבילן און מען איז אַוועקגעפאָרן אויף דעם בית עולם.

אין אָוונט בין איך מיט אַ צאָל חברים געקומען צו לעווינען אין הויז. ער האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. ווען ער האָט מיר געגעבן די האַנט, האָב איך דערפילט, אַז ער וויל מיט זיין האַנט־דרוק מיר עפּעס זאָגן. ער האָט אויף אַ מינוט פאַרהאַלטן מיין האַנט און האָט אויף מיר אַ קוק־געטאָן מיט אַ בליק, וואָס האָט געזאָגט מער ווי ווערטער. פון זיינע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט צוויי שווערע טרערן.

מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. ער האָט — ווי זיין האַנט־דרוק און ווי זיינע אויגן האָבן דאָס געזאָגט — איינגעשטימט מיט דעם, וואָס איך האָב געזאָגט ביי דער לויה: מען דאַרף ווייטער ציען דעם פאָדים פון דעם לעבן; מען דאַרף ווייטער אָנגיין מיט דעם קאַמף!

קאַפּיטל 9.

אַ לעקציע, וואָס ברענגט אַריין 400 טויזנט דאָלאַר

פון האַלטן לעקציעס פאַר אידישע פאָלקס־מאַסן איז נאָך קיינער קיין גביר ניט געוואָרן, נאָר דאָך דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער מערקוויר־דיגער פאַקט, אַז איין לעקציע פון מיין וויניגקייט האָט אַריינגעבראַכט די באַדייטנדיגע סומע פון העכער פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר.

די לעקציע איז געהאַלטן געוואָרן שפּעט באַנאַכט און ניט פון דער בינע, נאָר פון אַ זייטיגן דורכגאַנג, און דער רעזולטאַט אירער איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג סיי פאַר דעם לעקטאָר, סיי פאַר די צוהערער, ווי אויך פאַר אַ פּאָר אַנוועזנדע געסט, וועלכע זיינען פאַרבליבן גוואַל־דיג אומצופרידן.

עס האָט פּאַסירט אין טאָראָנטאָ, וואו איך בין געווען דער סעק־רעטאַר פון דער דזשאָינט באָארד פון אַ יוניאָן; בּאַ אַ געוויסער זיצונג פון דער דזשאָינט באָארד, וואָס איז פאַררופן געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון אַ פאַרטרעטער פון דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער באַטרעפנדיגער יוניאָן, האָט אָט־דער פאַרטרעטער געמאַכט אַ פאָרשלאָג אַז די אַרבעטער זאָלן אָננעמען אַ פאַרקלענערונג פון דריי דאָלאַר אַ וואָך אין זייער לוין.

עס דערמאָנט זיך נאָך איצט דער אויסדרוק אויף די פּנים׳ער פון די אַנוועזנדע. אַפילו די שטאַרקסטע חסידים פון דער אַדמיניסטראַציע זיינען געזעסן ווי געפּלעפטע, נאָר שאַרף געגן דעם פאָרשלאָג זיינען אַפילו די אָפּאָזיציאָנערן ניט אַרויסגעטראָטן. האָט דאָך דער פאַרטרעטער פון דער העכסטער יוניאָן־קערפּערשאַפט אַזוי עמפאַטיש באַטאָנט, אַז עס איז ניטאָ קיין אויסוועג — מען האָט אין מאָנטרעאַל אָנגענומען אַ לוין־שניט, מוז מען שוין אין טאָראָנטאָ נאָכפאָלגן דעם ביישפּיל.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מוז איין שטאָט דוקא טאָן דאָס, וואָס די צווייטע האָט געטאָן, איז דער ענטפער געווען:

עס טאָר ניט זיין קיין כאַאָס אין דער אינדוסטריע.

דער מיטינג וואָלט געווען גאָר אַ קורצער ווען ניט מיינע אַ פראַגע, צוליב וועלכער מען האָט נאָכדעם אויסגעהערט אַ שטונדיגע דרשה פון דעם יוניאָן־פאַרטרעטער — אַ דרשה מיט צאָרן, מיט שטראָף און מיט אַ וואָרענונג, אַז „מען שפּילט זיך מיט פייער", אויב מען וועט ניט אָננעמען קיין לוין־פאַרקלענערונג.

מיין פראַגע איז געווען אַזאַ:

— איז ניט אמת, אַז מיר האָבן אַן אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים, אַז אויב זיי ווילן שטעלן וועלכע ניט איז פאָדערונגען וועגן ענדערונגען אין די איינגעשטעלטע באַדינגונגען, מוזן זיי דאָס טאָן שריפטלעך צוויי חדשים איידער עס גייט אויס דער עקזיסטירנדיגער אָפּמאַך. דער זעלבער פונקט איז אויך גילטיג אין באַצוג צו דער יוניאָן, וועלכע מוז צוויי חדשים איידער עס ענדיגט זיך דער טערמין פון דעם אָפּמאַך לאָזן שריפט־לעך וויסן אויב זי פאַרלאַנגט וועלכע ניט איז ענדערונגען. נו, און איצט זיינען שוין פאַראיבער אָט די צוויי חדשים, אין וועלכע יעדער איינער פון די צדדים האָט געקענט אַריינגעבן אַ פאָדערונג פאַר ענדערונגען אין דעם אָפּמאַך. די באַלעבאַטים האָבן ניט נאָר ביז איצט ניט אַריינגעבראַכט קיין פאָדערונג פאַר אַ לוין־שניט, נאָר אפילו איצט קומט דאָך אויך דער פאָרשלאַג ניט פון די באַלעבאַטים, נאָר פון דעם יוניאָן־פאַרטרעטער. טאָ פאַרוואָס זאָלן די אַרבעטער פאַרלירן צו דריי דאָלאַר אַ וואָך, וואָס דאָס וועט מיינען אַן אומזיסטע מתנה די באַלעבאַטים אין לויף פון אַ יאָר צייט אויף דער גרויסער סומע פון העכער פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר?

אַז מיין פרעגן וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, איז געווען קלאָר פאַר מיר, נאָר איך האָב געטאָן מיין חוב צו די אַרבעטער און איך האָב באַשלאָסן אויך ווייטער צו טאָן וואָס מעגלעך ניט צו דערלאָזן, אַז אַזאַ ניט־באַרעכ־טיגטער שניט אין דעם לוין פון די מיטגלידער זאָל דורכגעפירט ווערן.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַלגעמיינער מיטינג פון דער מיטגלידערשאַפט. עס זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום אַ טויזנט מיטגלידער. דאָ איז די שטימונג געווען נאָך אַ מער געדריקטע ווי מיט צוויי אָוונטן פריער בײַ דער זיצונג פון דער דזשאָינט באָארד. זיכער האָט קיינער ניט געוואָלט פאַרלירן דריי דאָלאַר יעדע וואָך פון דעם לוין,

וואָס איז אַזוי אויך געווען אַ גאַנץ מאָגערער, נאָר עס האָט זיך געפילט עפּעס אַן אַפּאַטיע און אַ מין פאַטאַליזם בײַ אַט דער פאַרזאַמלונג. אײי־ניגע מיטגלידער האָבן דערקלערט מיט אַ געבראָכענעם געמיט:

— עס איז קלאָר, אַז עס וועט גאָר ניט העלפן. כאָטש דער לוין־שניט איז ניט באַרעכטיגט, וועט ער אָבער דורכגיין. מען וועט שוין אויספירן, אויב מען האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אין דער העכערער פירערשאַפט אונטערצוטראָגן די באַלעבאַטים אַ מתנה.

עס זיינען געווען פראַגן און לאַנגע ענטפערס פון די לאָקאַלע באַאַמטע און פון דעם פאַרטרעטער פון דעם נאַציאָנאַלן אָפיס. איינער פון די אָרטיגע ביזנעס־אַגענטן האָט זיך איבערטראַפן אין זיין ציניזם ווען ער האָט דערקלערט, אַז, אייגנטלעך, איז דאָ גאָר געמאַכט געוואָרן אַ פאַר־שלאַג לטובת די אַרבעטער, ווייל וואָס וואָלטן זיי געטאָן ווען מען מוז אָננעמען אַ לוין־שניט ניט פון דריי דאָלאַר אַ וואָך, נאָר פון פינף און אפשר נאָך מער?

ניט געקוקט אָבער אויף דער אַפּאַטיע, וואָס האָט געהערשט אין זאַל, האָט דער שטראָם פון רייד, מצד די, וועלכע זיינען געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיך ניט אָפּגעשטעלט. עס האָט אויסגעקוקט ווי זיי ווילן זיך אַליין פאַררעדן, פילנדיג אַז דאָ ווערט באַגאַנגען אַ גרויסע עולה.

אייניגע באַוואוסטזיניגע מיטגלידער האָבן געהאַלטן גאַנץ שאַרפע רעדעס און זיי זיינען זייער שאַרף אויסגעשייגעצט געוואָרן פאַר זייער גע־וואַגטקייט צו שטעלן זיך געגן אַ פאָדערונג פון דעם פאַרטרעטער פון דער העכסטער יוניאָן־קערפערשאַפט.

עס איז שוין געווען אַרום עלף אין אָוונט און מען האָט שוין געהאַלטן בײַ נעמען אַן אָפּשטימונג איבער דער פראַגע. דער עולם איז געווען אי אַפּאַטיש, אי אויסגעמאַטערט פון די רעדעס, וואָס האָבן ווידערהאָלט איינס און דאָס זעלבע, אַז מען מוז אָננעמען אַ לוין־שניט. עס איז געווען קלאָר, אַז אַלע ווילן שוין וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דער גאַנצער זאַך, ווי איינער זאָגט: כאַפּט עס דער טייוול און זאָל נעמען אַ סוף.

איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען בײַ דער טיר פון אַ זייטיגן אַריינגאַנג צו דער פּלאַטפאָרמע. ווען איך האָב געבעטן אַ וואָרט, איז אויף דער פּלאַטפאָרמע געוואָרן אַ גערודער. דער גאַנצער עולם האָט געקענט זען ווי דאָרט קומט עפּעס פאָר, ווי מען רעדט עפּעס איינער צום צווייטן מיט פאַרביסענע ליפּן. עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז

דער פּאַרזיצער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט. נאָר אין אָט די עטלעכע סעקונדן איז די פּלאַטפאָרמע געוואָרן פאַרענדערט און דער עולם אויך דאָס זעלבע. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן אַלע אָנגעהויבן רוקן זייערע בענקלעך, ווי עס וואָלט זיי פּלוצלונג געוואָרן אומבאַקוועם צו זיצן אויף זייערע פּלעצער. דער עולם ווידער האָט אויפגעהויבן די קעפּ פּונקט ווי מען וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל.

און אָט אַזוי, שטייענדיג בײַ דער טיר צו דעם זייטיגן אַריינגאַנג, האָב איך געהאַלטן אַ קורצע רעדע. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ ווערט באַשלאָסן אַ פונדאַמענטאַלע פראַגע פון אַרבעטער־רעכט און אַז עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז צוליב עפּעס אַ נעבעלהאַפטער „הויכער דיפּלאָמאַטיע" פון יוניאָן־פירער זאָלן די מיטגלידער אומזיסט און אומגישט מיט דעם גוטן ווילן אָננעמען אַ פאַרערגערונג אין זייער אַזוי אויך ניט־וואָזשנעם לעבנס־סטאַנדאַרד.

דאָ איז ניט געווען גענוג בלויז אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם פאַרשלאַג פון אַ לוין־שניט. אַזאַ שטעלונג האָט געפאָדערט אַן אַלזייטיגן אַנאַליז פון דעם עקזיסטירנדיגן אָפּמאַך, אַ פאַרגלייך פון די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער אין אָט דעם פאַך מיט די פאַרדינסטן פון אַרבעטער אין אַנדערע קוואַליפיצירטע פאַכן, אַ פאַרגלייך פון דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן מיט פריערדיגע סעזאָנען, כדי צו ווייזן, אַז די געשעפטן פון די באַלעבאַטים זיינען גראָד געווען בעסער, ווי אין אַ סך פריערדיגע יאָרן; אַ גענויע באַטראַכטונג פון דער פראַגע, צי דאַרף דער גענעראַל־שטאָב פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיך שניידן אַ פאַלע, אַז עס זאָל דוקא דורכגעפירט ווערן אַ לוין־שניט אפילו, ווען די באַלעבאַטים באַשטייען אויף דעם ניט — אַלץ צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטער אויפגאַבע צו פאַרהיטן פון אַ ניט־עקזיסטירנדיגער געפאַר פון אַ „כאַאָס אין דער אינדוסטריע".

דער אָפּרוף פון דעם עולם נאָך דער קורצער רעדע האָט שוין פאַראויסגעזאָגט וואָס די אָפּשטימונג וועט זיין. ווען דער פאַרזיצער האָט געפרעגט:

— ווער איז פאַר? — האָט זיך קיין איין האַנט ניט אויפגעהויבן.

דערנאָך האָט דער פאַרזיצער מיט אַ שוואַכער שטימע געפרעגט:

— ווער איז געגן?

עס האָט זיך אַ הויב־געטאָן אַ וואַלד מיט הענט און עס האָט זיך דערהערט פון אַלע ווינקלען פון זאַל: נאָ! נאָ! נאָ! נאָ רעדאַקשאָן!

און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ זייער ניט קיין שיינע סצענע. דער פאָרטרעטער פון דעם הויפּט־אָפיס פון דער יוניאָן האָט אַ כאַפּ־געטאָן זיין רעגן־מאַנטל, האָט זיך אַ שטעל־געטאָן אין זיין גאַנצער גרויס און האָט מיט צאָרן אויסגערופן:

— אויב עס וועט זיין אַ סטרייק, וועט איך אַלמאַזאָוו צאָלן סטרייק־בענעפיט!

מיין ענטפער איז געקומען פונקט אַזוי עמפאַטיש:

— איר האָט געקראָגן די דיוס און איר וועט צאָלן, אויב מען וועט דאַרפן!

די דזשאָינט באָארד איז אַוועק אין אָפיס פון דער יוניאָן אָפּצוהאַלטן אַ זיצונג. אַלע זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. בלויז די גע־ציילטע צוויי פּראָגרעסיווע מיטגלידער און איך האָבן זיך געפילט גאָר יום־טוב׳דיג — אַ קלייניגקייט, געראַטעוועט פאַר די אַרבעטער די סומע פון העכער פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר. די לעקציע איז געווען ניט אומזיסט.

דער סוף? ניט די באַלעבאַטים זיינען באַשטאַנען אויף אַ לוין־שניט, ניט עס איז אַפילו געווען נויטיג צו טראַכטן וועגן אַ סטרייק. דער סעזאָן איז פאַראיבער. די אַרבעטער האָבן געהאַט די העכער פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין פאַרלירן, און זיי האָבן באַטיר־לעך גאָר אָפּט דערמאָנט די רעדע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזאַ טייערן פּרייז.

קאַפּיטל 10.

פּאָרזיץ ביי אָלגינס לעקציע אין טאָראָנטאָ

אין דעם נאָמען אָלגין אַליין איז געווען עפּעס מאַגנעטישעס: צי דאָס איז געווען דער קלאַנג פון׳ם וואָרט, צי ס׳איז געווען צוליב דער אַסאָציאַציע פון דעם נאָמען מיט אַ שרייבערישן סטיל, וואָס האָט פאַרמאָגט גלאַנץ, קראַפט, מוזיק און נביאישן פּאַטאָס — וואָס עס איז געווען די ריכטיגע אורזאַך, דאָס קאָן איך איצט ניט זאָגן, נאָר דער נאָמען אָלגין איז געווען באַצויבערנדיג; די פּערספּעקטיוו צו טרעפן זיך ענדלעך מיט אָלגינ׳ען פּנים אל פּנים האָט געשאַפן אַ יום־טוב׳דיגע שטימונג און גלייכצייטיג אויך אַ ביסעלע נערוועזיטעט. דאַרף איך דאָך זיין דער פאָרזיצער באַ זיין לעקציע און איך האָב נאָך גענומען זיך דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען די טעמע פון זיין לעקציע.

וואָס טו איך אויב ער ווערט אויפגעבראַכט פאַר דעם, וואָס איך האָב אים צוגעטיילט אַ טעמע — „אויף דעם שייד־וועג״.

ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש ער איז? אפשר וועט ער זיך צעקאָכן און צעשרייען:

— וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן פאַר אַ געדאַנק אַזוי צו באַטיטלען מיין לעקציע? וואָס עפּעס פאַר אַ שייד־וועג אין מיטן דרינען? האָט איר גאָר קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט צוטראַכטן? האָט איר ניט געקאָנט טעלעגראַפיש זיך אָנפרעגן באַ מיר?

איז אַז מען הויבט שוין אָן צו צווייפלען, ווייזט זיך שוין טאַקע אויס, אַז דאָס, וואָס האָט פריער אויסגעזען אַזוי לאָגיש, איז גאָר אַזוי לעכערלעך. געדאַכט האָט זיך פריער, אַז אין אָט דעם פעריאָד באַלד נאָך דער מלחמה — באַלד נאָך דעם, ווי עס איז געשריבן געוואָרן דער ווערסאַלער אָפּמאַך, — שטייט די מענטשהייט אויף דער צעשיידונג פון

וועגן. וועט מען זיך פאַרנעמען אויף דעם וועג צו פאַרזיכערן, אַז מער זאָלן קיין בלוטיגע מלחמות ניט זיין אויף דער וועלט? וועט מען ענדערן דעם צוגאַנג און מען וועט זיך פאַרנעמען אויף דעם וועג פון פריינט־שאַפט מיט דעם יונגן סאָוועטישן לאַנד, אַנשטאָט דעם וואָס מען האָט געהאַט נאָר וואָס צעוויקלט אַ געפערלעכע שטעלונג פון האַס, אינטריגעס און אַריינמישונג?

האָט זיך געדאַכט, אַז די טעמע: „אויף דעם שייד־וועג" איז אַזוי טרעפלעך, נאָר וואָס נעענטער עס איז געקומען דער טאָג פון דער לעקציע, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן די צווייפלען, ביז אין דעם סאַמע לעצטן טאָג, ווען דער לעקטאָר, וועלכן דו האָסט געקענט בלויז לויט זיין שרייבן און וועלכן דו האָסט קיינמאָל ניט געזען פערזענלעך, האָט שוין באַדאַרפט אָנקומען, — דעמאָלט איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פולשטענדיגע זיכערקייט, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן און וועסט קריגן אַ גאַב — אַ גאַב ווי דיר קומט.

איבערגעשריבן האָב איך זיך מיט אַלגינ'ען בלויז צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז געווען מיט צוויי יאָר פריער ווען איך האָב אים עפּעס צוגעשיקט פאַר דעם זשורנאַל „די נייע וועלט", וואָס ער האָט געהאַט רעדאַגירט. איך האָב געקראָגן פון אים אַן ענטפער מיט פערלדיגע אותיות. איך האָב מיט זיין בריוול זיך מחיה געווען. עס איז געווען באַ מיר אַ פרייד וואָס ער האָט מיר געשריבן זייער אַ דערמוטיגנדיג בריוול, אַ חוץ דעם איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן אָט די פערלדיגע האַנטשריפט.

צום צווייטן מאָל האָב איך געשריבן צו אַלגינ'ען, איינלאַדנדיג אים צו אָט דער לעקציע, פאַר וועלכער איך האָב אַליין באַשטימט די טעמע און באַ וועלכער איך האָב אויך באַדאַרפט זיין דער פאַרזיצער. אָננע־מענדיג די איינלאַדונג, האָט דער לעקטאָר פאַרפעלט אָנצוגעבן זיין טע־מע און אַזוי ווי עס איז געווען ווייניג צייט אָנצופרעגן ביי אים וועגן דעם און מען האָט געדאַרפט אַרויסלאָזן אַנאָנסן, האָב איך זיך גענומען דאָס רעכט צו באַשטימען אַ טעמע, אויף וואָס איך האָב איצט שטאַרק חרטה געהאַט.

נאָר אויף צוריק גערעדט, וואָס שרעק איך זיך דאָ? בין איך דאָך אַליין שוין אַ לעקטאָר און אויף אָט אַזאַ טעמע וואָלט איך דאָך גערן גערעדט און וואָלט געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן נאָר וואָס טו איך פאַרט אויב אַלגינ'ען געפעלט ניט אָט די טעמע און ער שייגעצט מיך אויס?

און אַט גייען מיר שוין אין אַ גרופּע צו באַגעגענען אַלגינ'ען ביים וואָקזאַל. ווי זעט ער אויס? איז ער הויך, נידעריג, פעט, מאָגער, שיין, אָדער אַזוי זיך אַ געוויינלעכער מענטש? ווי איז ער געקליידעט? ווי האַלט ער זיך? צי וועלן מיר אים גאָר אינגאַנצן דערקענען צווישן אַ גרויסן עולם פון אויסשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן? אמת, מיר האָבן אָפט געזעען זיין בילד, נאָר צי איז דאָס ניט זיין צוגעפּוצט בילד, אָדער אַ בילד פון אַ סך יאָרן פריער? אַזעלכע זאַכן פּאַסירן דאָך — הלוואי וואָלטן זיי אַזוי ניט פּאַסירט!

און ווי קלינגט זיין שטימע? און צי וועט ער גראָד זיין אין אַ גוטער שטימונג?

אָט גייט ער. מיר האָבן אים באַלד דערקענט. אַלע האָבן אים דערקענט. אָט דאָס איז ער און קיין אַנדערער האָט ער ניט געקאָנט זיין. צווישן דעם גאַנצן גרויסן עולם האָט ער זיך באַלד אויסגעטיילט. זיין גאַנג, זיין פיגור, זיין ליבער שמייכל, זיין קלינגענדיקע שטימע, די פריינטלעכע וואַרימקייט, וואָס האָט זיך גלייך דערפילט — דאָס איז געווען אַלגין, — וועלכער איז געווען אין לעבן ווי זיין סטיל, ווי זיין מונטערקייט אין זיין שרייבן, ווי די פּערלדיקייט פון זיין האַנטשריפט.

וואָס וועט אָבער פּאַרט זיין וועגן דער טעמע? כאָטש די שרעק איז שוין פאַרשוואונדן, האָט אָבער איר פּלאַץ פאַרנומען אַ געפיל פון חרטה — אפשר וועט די טעמע פאַרשאַפן ווייטיק אָט דעם ליבן מענטשן? דאָס וואָלט נאָך געווען ערגער, ווי אַרויסרופן זיין צאָרן.

און מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג מיט שקאָצערישקייט אין זיין שטימע:

— און זאָגט נאָר, חברים, ווי אַזוי האָט איר אַ נאָמען געגעבן מיין לעקציע?

אַלע אויגן ווענדן זיך צו מיר און איך רעד אַרויס ניט דרייסט: „אויף דעם שייד־וועג".

— אויף דעם שייד־וועג — האָט ער ווידערהאָלט, ווי ער וואָלט וועלן פילן וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אויף דער צונג — אויף דעם שייד־וועג — זייער פיין, גאָר פיין. וועמעס איינפאַל איז דאָס געווען? אַ פיינער איינפאַל!

עטלעכע פינגער ווייזן אָן אויף מיר.

— אייער איינפאַל? — זייער גוט, חבר!

מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. און דאָ האָב איך אַ טראַכט־געטאָן: ווי האָב איך גאָר געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אָט דער מענטש

מיט זיין עלעגאַנץ וועט ווערן קריגעריש און וועט נעמען שטראָפן אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן פאַר דעם, וואָס די טעמע איז אַזאַ, אָדער אַן אַנדערע? באַ זיך אין גערדאַנק האָב איך זיך געפילט שולדיג וואָס איך האָב גאַר געקאָנט טראַכטן אַזאַ זאַך אויף אָט דעם מענטשן, וועלכער איז אונז אַלעמען באַלד געוואָרן אַזוי טייער און נאָענט.

די לעקציע איז געווען אַלגיניש אין פולן זין פון וואָרט. דאָ זיינען געווען אַלע עלעמענטן פון אַן אמת'ן פאָלקס־טריבון. עס איז געווען פריער פון אַלץ קלאָרקייט פון געדאַנק; עס איז געווען מייסטערשאַפט פון שפּראַך און אַ וואונדערבאַרע סטרוקטור פון אָנהויב ביז דעם סוף; עס איז געווען הומאָר און עס איז געווען וואַרימע אינטימקייט מיט דעם עולם, וועלכער האָט באַלד דערפילט אין דעם פריער נאָך קיינמאָל ניט־געזעענעם מענטשן אַן אייגענעם, אַ נאָענטן און אַ גוטן פריינט; עס איז געווען אַ דערהויבונג פאַר אַלעמען, ווייל מען האָט געפילט, אַז מען וואַרימט זיך אין אַ גרויסער ליכט.

אַלגין האָט געמאַכט אַ גלענצענדן אַנאַליז פון דעם צושטאַנד אין דער וועלט. ער האָט געבלעטערט די געשיכטע פון די נאָר וואָס פאַר־לאָפענע יאָרן מיט דער זיכערקייט פון איינעם, וואָס האָט ניט נאָר גוט געוואוסט אַלע אַנטוויקלונגען, נאָר וואָס האָט אויך גוט פאַרשטאַנען דעם שפּיל פון געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָט די אַנטוויקלונגען אַרויסגערופן. ער האָט אָנגעצייכנט אַ ציל, צו וועלכן די מענטשן דאַרפן שטרעבן. ער האָט אָנגערופן די עלעמענטן, וואָס שלעפּן די וועלט אויף צוריק, און האָט אָנגעדייטעט די כוחות, וואָס דאַרפן פירן פאָראויס. עס איז געוואָרן אַזוי קלאָר פאַר יעדן איינעם וואוהין דאָס פאָלק — דאָס אַרבעטנדיגע, דאָס שאַפנדיגע פאָלק — דאַרף גיין.

ווי שוין געזאָגט, בין איך געווען פאַרזיצער פון דעם אָוונט, נאָר איך בין אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אינהאַלט און מיט דעם טאָן פון דער לעקציע, אַז ווען דער לעקטאָר האָט געענדיגט, האָט געדויערט אַ מינוט ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב דאָ עפּעס אַן אויפגאַבע דורכצופירן און אַז איך דאַרף אויפנעמען פראַגן און פירן די פאַרזאַמלונג.

איך האָב אין שפּעטערדיגע יאָרן געהערט אַלגינ'ען זייער אָפט. מיר זיינען געוואָרן נאָענטע קאָלעגן, נאָר וואָס מער איך האָב אים געהערט רעדן, אַלץ מער פלעג איך זיין פאַרגאַפט פון זיין טאַלאַנט, און זיינע רעדעס זיינען פאַר מיר אַלע מאָל געווען פריש פונקט ווי עס איז געווען דער פאַל מיט זיין יעדן אַרטיקל — צי דאָס איז געווען וועגן אַ פּאָלי־

טישער פּראַגע, צי וועגן אַ ליטעראַרישן ענין — איז זיין אַרטיקל אַלע מאָל געווען ניי, פריש, גלענצענדיג און מיט אַ חן, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעוועפּט.

יאָרן זיינען אַוועק. מיר האָבן אָפט גערעדט צוזאַמען אויף פאַר־זאַמלונגען. איך האָב אַלע מאָל געפילט אַ באַזונדער יראת הכבוד צו שטיין מיט אַלגינ'ען אויף איין פּלאַטפאָרמע.

אַט באַגריס איך אים אין היפּאָדראָם צו זיין 60־סטן יובילייִ, און אַט בין איך אין דעם ווייטן שטעטל מעדיסאָן אין וויסקאָנסין און מען גיט מיר איבער אויף דעם טעלעפאָן דעם אינהאַלט פון אַ טעלעגראַמע, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אויף מיין נאָמען, — אונזער באַליבטער פירער אַלגין איז געשטאָרבן היינט אין דער פרי.

איך וויין און עס וויינען די חברים, בײַ וועמען איך געפין זיך גראָד דעמאָלט. די ליכט פון טאָג איז געוואָרן טונקעלער מיט דעם טויט פון אָט דעם גרויסן טאַלאַנט. עס האָבן זיך צוגעמאַכט די אויגן, וואָס האָבן געקאָנט אַזויפיל זעען; עס האָבן זיך געשלאָסן די ליפּן, וואָס האָבן גע־קאָנט אַזויפיל זאָגן; עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ האַרץ, וואָס האָט געקאָנט אַזוי טיף פילן פאַר דער גאַנצער ליידנדיגער מענטשהייט; עס וועט זיך מער ניט באַוועגן די גאָלדענע פען, וואָס האָט געקאָנט ברענגען אַזויפיל פרייד און אַזאַ מוט און אַזויפיל אויפקלערונג.

און מיר איז אַפילו ניט געווען באַשערט צו זיין בײַ דער לויה אין ניו יאָרק. שוין אין פּיטסבורג, איילנדיג זיך צוריק קיין ניו יאָרק, האָב איך געקראָגן אַ טעלעגראַמע, אַז איך זאָל זיך אומקערן קיין שיקאַגאָ און דאָרט רעדן בײַ אַ מעמאָריעל מיטינג פאַר דעם נאָר וואָס פאַרשטאָרבע־נעם לערער און קאָלעגע.

דער קלאַפּ איז געווען צו פריש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז צו שטאַרק דער ווייטיג צו קאָנען זיך קאָנצענטרירן און זאָגן דאָס, וואָס מ'דאַרף זאָגן וועגן אָט דעם גרויסן שרייבער, קעמפער און — דער עיקר — דעם גרויסן פאָלקס־טריבון. אפשר האָט דער עולם אויך אַזוי געפילט און דערפאַר איז, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, דער מיטינג ניט געווען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט זיין. ערשט פינף יאָר שפּעטער, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן ביי אַלגינ'ס אַ מעמאָריעל אין פילאַדעלפיע, האָב איך דערפילט, אַז דאָס מאָל וועל איך אַלגינ'ען צוריק אַרויספירן פאַר דעם עולם.

עס איז מיר געקומען אויף דעם זינען דער טאָג, ווען מיר האָבן באַגעגנט אַלגינ׳ען אויף דעם וואָקזאַל אין טאָראָנטאָ; איך האָב זיך דערמאָנט דעם ערשטן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט; איך האָב זיך דערמאָנט אַלגינ׳ען, ווי איך האָב אים געזען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, און איך האָב גענומען מאָלן פאַר דעם פאַרזאַמלטן עולם דעם פאָרטרעט פון אַלגינ׳ען. איך האָב אַרויסגעפירט דעם שרייבער, דעם פירער, דעם טעאָרעטיקער, דעם קעמפער, דעם ליטעראַטור־קענער, דעם לערער אין קלאַסן, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, און זיכער האָב איך ניט פאַרפעלט אַרויסצופירן דעם טריבון.

עפּעס האָט אין מיר געבראָזיזט אַ באַזונדערער טרייב־כוח; עפּעס האָט אַ פאַרבאָרגענע שטימע מיר אונטערגעזאָגט:

— פאַרפעל ניט צו מאָלן ווי מען דאַרף — עס איז דאָך עפּעס ניט קיין קליינינקייט... דו דאַרפסט די פיגור פון אַלגינ׳ען אויפלעבן!

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער נאָכאַמאָל זיין שטימע, אַז איך פאָלג נאָך זיינע באַוועגונגען. אָט כאַפּט ער זיך פאַר די גלעזער און פאַרריכט זיי, זיי זאָלן זיך האַלטן בעסער. אָט שפּאַרט ער אונטער די הענט אויף די היפּטן און בויגט זיך אויס אין זיינער אַ כאַראַקטעריסטישער פּאָזע, וואָס איז געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פאַרזוך צו פאַרשטעלן פון דעם עולם די שוועריגקייט, וואָס ער האָט געהאַט צו אָטעמען צוליב דער אסטמע, וואָס האָט אים געשטיקט.

איך פרעג:

— איז וואָס איז געווען אַלגין? איז ער געווען דער עיקר אַ שרייבער? איז ער געווען דערהויפּט אַ רעדנער? איז זיין הויפּט כוח באַשטאַנען אין זיין וויסן? איז זיין גלענצענדיגע שפּראַך געווען זיין שטאַרקסט געווער?

און מיין ענטפער איז:

— ער איז געווען אַלץ צוזאַמען — טריבון און שרייבער, לערער און קעמפער, פירער און טוער, ווייל ער איז געווען מיט דעם פאָלק און פאַר דעם פאָלק, ווייל ער האָט אַזוי געבענקט נאָך אַ שענערער וועלט און ווייל ער האָט אַזוי טיף געגלויבט, אַז אָט די וועלט קומט און קיין זאַך וועט ניט אָפּשטעלן איר אָנקומען.

אַלע מיטלען האָט ער אויסגענוצט דאָס צו באַווייזן — ער האָט גערעדט און געשריבן און אויפגעקלערט; ער האָט געוועקט און גערופן

און מאָביליזירט צו דעם קאַמף, וואָס דאַרף דעם מענטשן דערלייזן און דערהויבן. אין זיין קאַמף און אין זיין גלויבן איז ער געוואָרן אַ געליי־טערטער און אַ דערהויבענער.

יענעם אָווגט אין פילאַדעלפיע האָב איך געוואָלט כאָטש אַ ביסל זיך דערהויבן צו אים, כדי פון זיין הויך ניט צו פאַרמינערן.

קאַפּיטל 11.

דער בעבעל־מעמאָריעל־אָוונט און יאַנאָווסקי׳ס לעקציע

ווי אַזוי ווערט אַ מענטש אַנגערעגט צו אַ געוויסן טאַט, אָדער צו אַן אויסוואַל פון אַ באַשטימטער טעטיגקייט, וואָס אַנטשיידעט דעם גאַנצן גאַנג פון זיין לעבן?

אָפט אורטיילט מען לויט אַ באַלדיגער אורזאַך, נאָר דער אמת איז, אַז אַ מענטש ווערט גאָר אָפט באַווירקט פון עטוואָס, וואָס איז פאָרגע־קומען מיט אַ לאַנגער צייט פריער, — פון עפּעס, וואָס ער האָט גאָר פריער ניט באַטראַכט ווי אַ זאַך, וואָס וועט אויף אים האָבן אַ גרויסע ווירקונג און וואָס וועט נאָך אַמאָל באַשטימען זיין צוקונפט.

די באַלדיגע אורזאַך איז בלויז דער לעצטער טראָפּן, וואָס פילט אָן דעם בעכער. מערסטנס זיינען אונזערע אַלע האַנדלונגען אַ רעזולטאַט פון אַנגעזאַמלטע פאַקטאָרן — פון אַ גאַנצער רייע אורזאַכן און ניט פון איין איינציגן צופעליגן פאַל.

ווען מען שטעלט די פראַגע, פאַרוואָס איז איינער געוואָרן אַ לעקטאָר? ווען און ווי אַזוי איז אַריין דער געדאַנק צו זעצן זיך זאַמלען פאַקטן, סאָרטירן זיי, מושטירן זיי, בויען פון זיי אַ געביידע צו באַפעסטיגן געוויסע אנשויאונגען איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן און שלאָגן זיך פאַר געוויסע אמת׳ן — ווער קאָן געבן אַ פּינקטלעכן ענטפער?

אין מיין פאַל איז געווען אַ באַלדיגע אָנרעגונג, ווען עס האָט זיך געוואָלט דערציילן וועגן דער פאַרברעכערישקייט פון דער צאַרישער פּאָ־ליטיק, וואָס האָט פאַרפאָלגט די אידן, וואָס האָט איינגעאָרדנט פּאָגראָמען און וואָס האָט אויסגעפלאַכטן דעם בלוט־בלבול אויף בייליס׳ן.

די ערשטע אַרויסטרעטונג האָט געפירט צו אַ צווייטער און די צווייטע צו אַ דריטער און אַזוי האָט זיך אַנגעהויבן פלעכטן אַ קייט פון טעטיגקייטן, וואָס ציען זיך פון קאַנאַדע ביז דער לענג און ברייט פון גאַנץ אַמעריקע, אָבער עס האָט געמוזט זיין ערגעץ אַן אורזאַך פאַר אַ שטאַרקן דראַנג צו רעדן צו מענטשן, צו לערנען מיט זיי און צו זוכן וועגן ווי אַזוי בעסער צו קאָנען אויפקלערן וויכטיגע געזעלשאַפטלעכע ענינים.

וואָס זשע פאַר אַן אורזאַך איז דאָס געווען? איז ערגעץ אויף דעם לעבנ'ס־וועג עפּעס פאָרגעקומען, וואָס האָט אַנגעצונדן אַ חשק אַרויסצוקומען מיט דעם אייגענעם וואָרט?

זיכער זיינען געווען אַ סך אַזעלכע אורזאַכן, וואָס זיינען אפשר ניט אַלע קלאָר מיט זייער אומדירעקטער ווירקונג; אורזאַכן, וואָס געדענקען זיך גאָר אפשר ניט אַלע; אורזאַכן, וואָס זיינען גאָר אַזוי פאַרנעפּלט, אַז זייער אמת'ע ווירקונג אויף דעם הינטערבאַוואוסטזיין זיינען גאָר אויסגעטייטשט געוואָרן ווי פאַקטאָרן, וואָס האָבן געדאַרפט פירן צו פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן פון די, וואָס האָבן זיך באַקומען.

ווען איך טראַכט אויף צוריק, דאַכט זיך מיר, אַז צווישן אַ סך אַנדערע אורזאַכן האָבן אַ גאָר גרויסע ראָל אין זייער ווירקונג אויף מיר געשפּילט די פאָלגענדיגע צוויי פאַלן:

אַ מעמאָריעל מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַלד באַ מיין אַנקומען אין קאַנאַדע, נאָך דעם גרויסן סאָציאַליסטישן פירער אויגוסט בעבעל, וועלכער איז צו יענער צייט געשטאָרבן, און אַ לעקציע פון ש. יאַנאָווסקי, וואָס איך האָב בייגעוואוינט אין אַ קורצער צייט אַרום.

איך בין געווען אין לאַנד אינגאַנצן געציילטע עטלעכע וואָכן. פאַר מיר איז געווען ביי אַי די מעגלעכקייט צו קאָנען פריי פאַררופן פאַר־זאַמלונגען, אי די שלומפּעדישקייט, מיט וועלכער די ערשטע פאַרזאַמ־לונגען, וואָס איך האָב באַזוכט, האָבן זיך אויסגעצייכנט.

באַ איינעם, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון צאַרישן לאַנד, איז דאָס וואָרט מיטינג נאָך געווען פאַרבונדן אין געדאַנק מיט עפּעס געפערלעכס, מיט דער מעגלעכקייט פון פּאָליציייאישן איבערפאַל, מיט אַ געפיל פון גרויסער אחריות, מיט דער נויטווענדיגקייט אויסצונוצן יעדע מינוט פון דער פאַרזאַמלונג פאַר וויכטיגער אַרבעט. און דאָ — עפּעס אַזאַ וואָכעדיגקייט, אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט, אַזאַ נאַכלעסיגקייט. מען קומט שפּעט; מען הערט זיך ניט איין צו דעם, וואָס עס קומט פאָר באַ דעם מיטינג; מען שפּאַצירט אַרום, — מען פאַרשוועכט, לויט דעם באַגריף

פון דעם ניי־אָנגעקומענעם, די גרויסע פּריווילעגיע פון קאָנען זיך פריי פאַרזאַמלען.

אין די מיטינג־זאַלן איז ניט גאָר ריין; די רעדנער זיינען גאָר ניט פאַרזיכטיג מיט זייער וואָרט, און אָפט פילט זיך, אַז מען רעדט וועגן ענינים, וואָס מען פאַרשטייט ניט.

איז אָט אַזוי נוצט מען דאָס אויס דאָס גרויסע רעכט פון פרייהייט פון פאַרזאַמלונג? עס ווערט פון דעם קאַלעמוטנע אויף דעם האַרצן.

גאָר אַ גרויסע אַנטוישונג איז געווען דער אָוונט אין אָנדענק פון אויגוסט בעבעל. דאָ האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אַ ווירדיגע באַציאונג, אַן ערנסט וואָרט, אַ פּאַסיגע אָפּשאַצונג, נאָר געווען איז פּונקט דער היפּוך: אַ סקאַרבאָווע וואָדעוויל־פּראָגראַם, אויפגעפירט פון דריט־ראַנגיגע אַמאַטאָרן; רעדעס אין עפּעס אַ קוידערדיגן אידיש און, צו־לעצט, אַ רעדע אויף רוסיש, וואָס איז גאָר געווען אַ פאַרזעעניש.

דער רעדנער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

— וו' סעוואָדניאשני טאַק סקאַזאַט וועטשער, קאָגדאַ טאַק סקאַזאַט אומער בעבעל — אין דעם היינטיגן, אַזוי צו־זאָגן, אָוונט, ווען עס איז, אַזוי צו־זאָגן, געשטאָרבן בעבעל.

אוי האָט דאָס געגריצלט אין די אויערן פון איינעם, וועלכער איז נאָר וואָס אַריבערגעקומען פון אַן אַנדער וועלט, וואו אַ וואָרט צום פאָלק איז געהאַלטן געוואָרן אַזוי הייליג.

אפשר האָט דעמאָלט זיך שוין אַריינגע'גנב'עט אַ נאָך ניט קלאָ־רער פאַרלאַנג צו פּרובירן זאָגן אויף אַן אַנדער אופן. אפשר האָט דע־מאָלט שוין ערגעץ אין הינטערבאַוואוסטזיין זיך איינגעגנורעט אַן אימ־פּעראַטיוו: נעם און זאָג אַנדערש!

און אָט איז געקומען אַן אָוונט, ווען אין שטאָט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ לעקציע מיט אַ שיינענדיגן שטערן „פון די שטאָטן" — מיט דעם אַנערקענטן פירער פון די אַנאַרכיסטן, ש. יאַנאָווסקי. זאָל ער מיר מוחל זיין דאָרט, וואו ער ליגט ערגעץ אין זיין אייביגער רו, און ווייל ער איז שוין אָוועק פון אונזער זינדיגער ערד, וועל איך זיך קיין סך ניט פאַרשפּרייטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ סאָרט לעקציע דאָס איז געווען. איך וועל בלויז אַרויסברענגען איין עפּיזאָד.

ווען די לעקציע איז פאַרענדיגט געוואָרן, האָב איך זיך געווענדעט צו אַ גרופּע באַקענטע אַרום מיר מיט אומגעפער די פאָלגנדיגע ווער־טער:

— איז אָט דאָס רופט מען באַ איך אַן אַ לעקציע? מיט אַזאַ באַגאַזש וואָגט עס אַ מענטש אַרויסצוטרעטן פאַר אַן עולם? מיט אַזאַ זאָגעכץ פאַרנעמט מען עס אַן אָוונט?

— הייסט עס, אַז איך, יונגערמאַן, געפעלט מיין לעקציע טאַקע גאָר גאָרניט?!

איך האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען, אַז יאַנאָווסקי שטייט הינטער מיינע פּלייצעס. זיכער האָב איך ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרלאַנג אים פּערזענלעך צו באַליידיגן, אָדער ווי צו־טאָן. וואָלט איך געוווּסט, אַז ער שטייט דאָ דערביי, וואָלט איך זיכער גאָר ניט געזאָגט. באָר אַז ער האָט געהערט, אַז מען רעדט וועגן אים, האָט ער דאָך ניט געדאַרפט שטיין און זיך אונטערהערן.

ביידע זאַכן האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך ווייטיג — סיי דאָס, וואָס איך האָב, ניט ווילנדיג, באַליידיגט אַ מענטשן, סיי דאָס, וואָס אַ מענטש איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מען זאָגט וועגן אים.

איז אפשר דער פאַרדרוס אויף זיך אַליין געווען אַ סטימול צו נעמען טראַכטן ווי צו רעדן אויף אַן אַנדער אופן? איז אפשר דער ווייטיג פאַר דער געפאַלנקייט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געהאַנדלט ניט־עטיש, געווען אַ וואָרענונג: דו וועסט זיך דאַרפן אויסלערנען האַלטן לעקציעס און זיך שטענדיג אויסהיטן פון ניט־עטישער האַנדלונג.

עס איז אויך אָנגעוואַקסן פאַרדרוס געגן דער שרייענדיגער רעקלאַמע, מיט וועלכער עס ווערט באַגלייט יעדער אַרויסטריט פון אומוויכטיגע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, און, איבערהויפּט, דער ביליגער אופן פון קלאַפּן אין די פּויקן צו מינדערוויכטיגע צוזאַמענקונפטן.

האָט דאָס אפשר אויך געווירקט צו צינדן דעם חשק צו נעמען טאָן אַרבעט אויף אַן אַנדער אופן צו שאַפן רעספּעקט צו אַ פאַרזאַמלונג, צו אַ רעדנער, צו אַ לעקציע.

עס זיינען אַוועק אַ סך יאָרן; די וועלט איז דורכגעגאַנגען דורך גרויסע שטורעמס; עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע היסטאָרישע ענדערונגען; גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן זיינען אויסגעוואַקסן פאַר אַלע, וועלכע פירן אַ קאַמף געגן רעאַקציע, געגן שאָוויניזם, געגן מלחמות, געגן עקספּלואַטאַציע און געגן דער דערנידערונג פון דעם מענטשן — געגן אַלץ, וואָס וויל שלעפּן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק. עס

איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיגקייט מיט נאָך מער ענערגיע, מיט נאָך מער אחריות צו קעמפן פאַר די דעמאָקראַטישע רעכט פון די מאַסן, פאַר אייניגקייט פון די פעלקער פון דער וועלט, פאַר פריינדשאַפט מיט דעם לאַנד, וואו עס בויט זיך אַ נייַ לעבן פון פרייהייט און גליק פאַר אַ משפּחה פון אויסגעגלייכטע און פאַרברידערטע פעלקער, צווישן וועלכע דאָס אידישע פאָלק פאַרנעמט אַ בכבוד'יגן פּלאַץ. די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אָפּגערוקט ווייט אויף צוריק, נאָר אָפט אין דער מיט פון ברויזנ־דיגער טעטיגקייט, אויף דעם וועג צו אַ לעקציע, אַמאָל נאָך אַ שטורעמ־דיגער פאַרזאַמלונג, אַמאָל אויף אַ באַן, וואָס פירט ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט, — גיט פּלוצלונג אַ בליץ־אויף אין זכרון:

— וו׳ סעוואָדניאַשני טאַק סקאַזאַט וועטשער... (אין דעם היינטיגן, אַזוי צו זאָגן, אָוונט...) אָדער עס דערמאַנט זיך אָט אַזוי אָן אַ וועלכער ניט איז פאַרבינדונג אַ קול: „הייסט עס, אַז אייך, יונגערמאַן, געפעלט מיין לעקציע טאַקע גאָר גאָרניט?

איז גיי ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי ווערט אַ מענטש אַנגע־רעגט צו אַ געוויסן טאַט, אָדער צו אַן אויסוואַל פון אַ באַשטימטער טעטיג־קייט, וואָס אַנטשיידעט דעם גאַנצן גאַנג פון זיין לעבן? ווי אַזוי ווערט מען אַ לעקטאָר?

צווייטער טייל

אויף דער ערד פון אָנקל סעם

קאַפּיטל 12.

איך קום קיין טשאַטאַנוגאַ נאָך האַלבער נאַכט

שנייען, רעגנס, אַלערליי ענדערונגען אין דעם וועטער צום ערגערן און צום בעסערן — דאָס אַלץ האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אין לויף פון יאָרן פון אַרומפאָרן איבער'ן לאַנד, נאָר אַזאַ זאַווערוכע, ווי די, וואָס האָט אויסגעבראָכן באַ מיין צופאָרן צו טשאַטאַנוגאַ, — דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען.

די באַן איז געבליבן שטיין. די הורבעס שניי אַרום די וואַגאָנען זיינען געוואָרן אַלץ העכער און העכער. אין אָנהויב איז געווען שטיל אין דרויסן. דער שניי איז עפּעס ווי פון זיך אַליין געוואַקסן און געוואַקסן, נאָר ווען עס איז אַריבער אַ שעה און צוויי און די פּאַסאַזשירן האָבן מיט ציטערניש געהאַלטן אין איין פרעגן איינער באַ דעם צווייטן:

— וואָס זשע וועט זיין פון דעם? וואָס זשע טוט מען גאָר ניט? פאַרוואָס שיקט מען ניט אַרויס נאָך הילף? — איז פּלוצלונג געוואָרן טומלדיג אין דרויסן. מען האָט דערהערט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייפט און באַלד האָט אַ צווייטער געענטפערט. מיר האָבן אַלע באַשלאָסן, אַז דאָס איז אָנגעקומען אַ רעטונג־בריגאַדע אַרויסצושלעפּן אונזער פאַרדרוזנעטע באַן. באַלד איז אָבער ווידער שטיל געוואָרן און די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער פאַרלאָרן דעם מוט.

פריער פלעגן די קאָנדוקטאָרן מיט זיכערקייט אין טאָן דערקלערן:

— מיר וועלן באַלד קאָנען פאָרן ווייטער. עס איז אָנגעקומען אַן „עמוירדזשענסי סקוואַד".

ער איז אָבער ניט געקומען אַזוי שנעל אָט דער באַלד. ווען די באַן האָט ענדלעך אַ סאָפּנדיגע און מיט גרויס מי זיך אָפּגעריסן פון דעם פּלאַץ, וואו זי איז געבליבן שטעקן צוליב דעם שניי־שטורעם, איז שוין

געווען שטאָק־פינסטער, כּמעט אָפּפאָרן פון דאַנענד האָט מען באַ נאָר־מאָלע באַדינגונגען געזאָלט אָרום מיטאָג צייט. עס מיינט, אַז מען האָט דאָ פאַרלאָרן אַ היבשע פיר שעה צייט. אויב די באַן זאָל אַפילו גיין מיט איר אַנגעצייכנטער געוויינלעכער שנעלקייט, וועט זי שוין קיין טשאַטאַנוגאַ אַריינקומען ניט זעקס אין אָוונט, נאָר אָרום צען אַ זייגער. דאָס מיינט, אַז די מענטשן, וועלכע וועלן קומען צו דער לעקציע, וועלן שוין צו יענער צייט לאַנג האָבן פאַרלאָזן דעם זאַל.

פאָרן אַ לאַנגע רייזע, זיין שוין אַזוי נאָענט צו דער שטאָט און פאַרלירן די געלעגנהייט צו האַלטן דאָרט די אַנגעצייכנטע לעקציע און אַנטוישן דעם פאַרזאַמלטן עולם — דאָס איז זיכער געווען אַ גרויסער ווייטיג. נאָר זיצן אין אַ באַן און ציילן די מינוטן און די סעקונדן און פרובירן ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אויסרעכענען צי איז אפשר מעגלעך, אַז דער עולם זאָל פאָרט ניט אַוועק איידער איך קום אָן — אָט דאָס איבערטראַכטן איז געווען נאָך מער פּיינלעך ווי דער גאַנצער טאָג פון זיצן אין דער באַן אין אומבאַשטימטקייט אין מיטן פעלד. לויפט דורך אַ געדאַנק אַזוי: אויב דאָ איז געווען אַזאַ זאַווערוכע, האָט זי וואַרשיינלעך אויך דערגרייכט ביז טשאַטאַנוגאַ. איז גאָר מעגלעך, אַז דאָרט איז קיינער ניט געקומען און קיינעם וועט ניט אויסקומען צו אַנטוישן. נאָר ווידער קומט אַ געדאַנק: האָט דאָך די זאַווערוכע דאָ זיך שוין לאַנג געענדיגט און דאָרט איז דאָך שוין אויך מסתּמא נאָך אַלעמען. אויב אַזוי, זיינען דאָך מענטשן יאָ געקומען. און ווידער קומט אַ געדאַנק: אַז די מענטשן האָבן אַליין איבערגעלעבט אָט דעם שניי־שטורעם, פאַרשטייען זיי דאָך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער באַן, און וועלכער איך פאָר צו זיי. און אַז זיי פאַרשטייען, וועלן זיי דאָך ניט אַנטלויפן, נאָר זיי וועלן וואַרטן אַביסל. איז דאָך מעגלעך, אַז איך וועל זיי נאָך טרעפן.

זאָל איך שיקן אַ טעלעגראַמע, אָדער איך זאָל ניט שיקן? צוליב וואָס שיקן אַ טעלעגראַמע? די צייטונגען האָבן דאָך געוויס אָנגעזאָגט וועגן דעם, אַז די באַן — און מסתּמא אַלע אַנדערע באַנען אין אָט דער געגנט — איז פאַררוזנעט געוואָרן צוליב דעם שניי. ניין, קיין טעלעגראַמע דאַרף מען ניט שיקן. און וואָס אויב די מענטשן דאָרט וועלן גאָר צווייפלען צי פאָר איך איבערהויפּט היינט דאָ צו זיי? וואָס אויב זיי וועלן אַפילו גאָר ניט וועלן גלויבן שפּעטער, אַז איך בין יאָ געפאָרן, נאָר איך האָב ניט געקאָנט אָנקומען אין צייט? מען דאַרף יאָ שיקן אַ טעלעגראַמע.

אַזוי שלאָג איך זיך מיט דער דעה — יאָ טעלעגראַמע, ניט טעלעגראַמע, און ענדלעך באַשליס איך יאָ צו שיקן אַ טעלעגראַמע, נאָר ווען איך פרעג דעם קאָנדוקטאָר, צי מיר וועלן באַלד צופאָרן צו אַ סטאַנציע, פון וואַנענד מען קאָן שיקן אַ טעלעגראַמע, גיט ער מיר אַן ענטפער, פון וועלכן עס נעמט זיך שוין באַ מיר אײַנגאַנצן אָפּ מײַן קוראַזש.

— אַלע דראָטן ביז טשאַטאַנוגאַ זײַנען איבערגעריסן און מען וועט זיי, וואַרשײַנלעך, ניט פאַרריכטן פריער ווי מאָרגן אין דער פרי.

איך בלײַב זיצן אַן אויסגעשעפּטער ווי איך וואָלט דורכגעפירט עפּעס זייער אַ שווערע אַרבעט. מיר דאַכט זיך איצטער, אַז עס איז נאַריש אָט דאָס גאַנצע סאָפּען פון דער באַן. בעסער וואָלט זי שוין דאָ געבליבן שטיין איבער נאַכט.

איך פּרוביר פאַרמאַכן די אויגן און זיך צווינגען אײַנצודרעמלען, כדי צו פאַרטרײַבן פון זיך די געדאַנקען וועגן די מענטשן, וועלכע זיצן דאָרט אַנטוישט און וואַרטן און וועלכע וועלן זיך ניט דערוואַרטן, נאָר קיין דרעמל קומט ניט. דער געדאַנק לאָזט ניט אָפּ: נאַ דיר גאָר אַ שניי־שטורעם, נאַ דיר גאָר אַזאַ אַנשיקעניש. קיינער וועט ניט גלויבן, אַז איך בין טאַקע געפאָרן. שפּעט בײַנאַכט וועט אַפילו ניט זײַן צו וועמען צו רעדן, און פאַרטאָג מוז מען שוין פאָרן ווייטער.

לויט דער פאַרלאָרענער צײַט האָט די באַן געזאָלט אָנקומען אין טשאַטאַנוגאַ אַרום צען אין אָוונט, נאָר די רעלסן זײַנען געוועזן צו גליטשיג, אין אײניגע פלעצער האָט מען ווידער געדאַרפט וואַרטן ביז הורבעס שניי זײַנען אָפּגערייניגט געוואָרן, און ווען מיר זײַנען ענדלעך אָנגעקומען אין טשאַטאַנוגאַ, איז שוין געווען האַלבע נאַכט.

מײַן פּלאַן איז שוין באַ מיר געווען אַ פאַרטיגער — איך וועל פאָרן אין אַ האָטעל און דאָרט איבערשלאָפן אַ פינף שעה און אַרום זעקס פאַרטאָג וועל איך פאָרן ווייטער. איך וועל איבערשיקן דורך דער אָרטיגער פּאָסט אַ בריוו און אַלץ דערקלערן. די אָרטיגע טוער וועלן זען, אַז איך בין געוועזן אין שטאָט און זיי וועלן אַלץ פאַרשטיין.

אַרויסקומענדיג פון דער באַן, האָב איך זיך באַלד געלאָזט צו אַ טעקסי אויף צו פאָרן צו אַ האָטעל, נאָר דאָ האָב איך פּלוצלונג דערהערט מײַן נאָמען און אין אַ מינוט אַרום בין איך געוועזן אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע פון אַ מאַן־פינף. זיי זײַנען אַלע געוועזן אויפגעלייגט און געלאַכט אויף אַ קול. איינער פון זיי האָט באַ מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס

רענצל פון דער האַנט; צוויי האָבן מיך גענומען אונטער די הענט און מיך געפירט צו אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז דאָ ניט ווייט געשטאַנען. זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, נאָר ניט געוואַרט אויף מיין ענטפער.

— נו, אַ רייזע האָט איר, מסתמא, געהאַט. ווי אַזוי איז דאָס צו־געגאַנגען? — האָט איינער אַרויסגעזאָגט און אַ צווייטער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן. אַזאַ זאַווערוכע! אַזאַ זאַווערוכע! שוין אַכציק יאָר אַזאַ שטורעם דאָ ניט געווען!

— וואָס איז געוואָרן מיט דעם עולם? איז עמיצער געקומען צו דער לעקציע? האָט מען זיי דערקלערט פאַרוואָס איך בין ניט געקומען?

אויף דעם האָבן עפּעס אַלע מיינע באַגלייטער אַרויסגעמורמלט ניט קיין קלאָרן ענטפער, וואָס איז געווען אומגעפער אַזוי:

— וואָס זאָרגט איר זיך וועגן דעם? מילא, טראַכט ניט וועגן דעם איצט. עס איז דאָך ניט אייער שולד.

איז אָבער יאָ געווען אַן עולם, צי עס איז ניט געווען? אויף דעם האָב איך טאַקע קיין ענטפער ניט געקראָגן. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז מיינע באַגלייטער דערזאָגן עפּעס ניט אַבזיכטלעך. נאָר וואָס דאָס איז, האָט מיר שוין אייגנטלעך ניט געאַרט, ווייל עס איז דאָך שוין סיי ווי געווען נאָך האַלבער נאַכט.

מיר זיינען צוגעפאָרן צו אַ גרויסער פּריוואַטער הויז. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז דער פאַקט, אַז דאָס הויז איז געווען אויסערגעוויינלעך העל באַלויכטן. עס איז געווען ליכטיג אין אַלע פענסטער און פון דרויסן האָט געברענט די עלעקטרישע באַלויכ־טונג אויף דעם גאַניק, וואָס האָט געפירט צו דעם פראָנט־אַריינגאַנג.

— דאָ וואוינען די דייגעמאַנס. זיי זיינען באַשטאַנען, אַז איר זאָלט קומען צו זיי.

איך האָב גאָר ניט געפרעגט, נאָר באַ מיר אין געדאַנק איז געווען איין גרויסע פראַגע:

— צוליב וואָס אָט די גאַנצע אילומינאַציע? צוליב וואָס אַזאַ באַלויכטונג אין מיטן דער נאַכט?

ערשט ווען איך בין אַריין אין הויז און דערזען אַ גרויסן עולם, האָב איך זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר. וואַרטן אין זאַל, וואו עס האָט

געזאָלט דורכגעפירט ווערן די לעקציע, האָט מען שוין אַזוי שפּעט ניט געקאָנט, האָבן די דיינעמאַנס פאַרגעשלאָגן זייער הויז. אין דרויסן האָט מען באַלויכטן דעם צופאַר, אַז אַלע זאָלן זעען ווי אַריינצוקומען, און מען האָט אַזוי די באַלויכטונג איבערגעלאָזט. אינעווייניג האָט מען באַלויכטן אַלע צימערן, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן זיך אומעטום פילן באַקוועם.

מען האָט מיר ניט אויסגעזאָגט וועגן די פאַרזאַמלטע דאָ, כדי מיר צו מאַכן אַ סורפּריז.

— נו, האָט איר זיך גאָר געריכט אויף אַזאַ זאַך? האָט איר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס זיינען דאָ בעלנים צו זיצן ביז נאָך האַלבער נאַכט און וואַרטן אויף אַ „לעקטשורער"? באַ אייך אין ניו יאָרק וואָלט אַזאַ זאַך אויך מעגלעך געווען?

איך האָב זיך געמוזט מודה זיין, אַז אין ניו יאָרק וואָלט אַזאַ זאַך ניט מעגלעך געווען. איך האָב זיי באַדאַנקט און זיך פּרובירט אַנטשול־דיגן פאַר דעם, וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט און פאַר דעם, וואָס עס וועט ניט זיין קיין לעקציע, ווייל איך מוז נאָך פאַרטאָג אַוועקפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט.

— וואָס זשע הייסט עס וועט ניט זיין קיין לעקציע? צוליב וואָס זשע זיצט מען דאָ אַ גאַנצן אָוונט? עס איז טאַקע צופיל אפשר צו פאַרלאַנגען פון אַ לעקטאָר, אַז ער זאָל אינמיטן דער נאַכט האַלטן אַ לעקציע. אפשר זייט איר אויסגעמאַטערט און איר ווילט גאָר רוען, נאָר מיר האָבן דאָך אַזוי לאַנג געוואַרט. אודאי לאָזן מיר דאָס איבער צו אייך. איר קאָנט טאָן ווי איר ווילט.

דערהערט, אַז די פאַרזאַמלטע דאָ זיינען גרייט אויסצוהערן אַ לעקציע אין מיטן דער נאַכט, האָב איך זיי געוואָלט זאָגן, אַז אַפילו ווען איך זאָל דאַרפן פאַרלירן צען נעכט שלאָף, וואָלט איך זיי ניט אַנטוישט און ניט נאָר דאָס — איך האָב זיי געוואָלט זאָגן, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל זיך ניט געפילט אַזוי מונטער און אַז איך בין נאָך קיינמאָל ניט צוגעטראָטן צו אַ לעקציע מיט אַזאַ חשק, ווי איצט, זעענדיג אַט דעם פיינעם עולם פאַרזאַמלט דאָ אַזוי שפּעט ־ביינאַכט. געזאָגט האָב איך דאָס ניט. איך האָב בלויז דערקלערט, אַז איך וועל מיט פאַרגעניגן האַלטן מיין צוגעזאָגטע לעקציע. איידער אָבער איך בין צוגעטראָטן צו דער לעקציע, האָב איך געמוזט פאַלגן און „עפּעס איבערכאַפּן".

מען האָט זיך אויסגעזעצט, ווער וואו עס האָט געפונען אַ פּלאַץ. עס איז געוואָרן שטיל און איך בין צוגעטראָטן צו דער לעקציע. דערנאָך זיינען געווען פראַגן. מיר האָבן אַלע פאַרגעסן, אַז די נאַכט שטייט ניט, נאָר ענדלעך, ווען איך האָב זיך דערמאַנט און אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער, האָט עמיצער זיך אָנגערופן:

— וואָס קוקט איר אויף דעם זייגער? וועגן שלאָפן קאָן דאָך שוין סיי ווי קיין רייד ניט זיין. מיר האָבן גענוג צייט ביז אייער באַן וועט אָפּגיין.

דאָס האָבן זיי שוין, ווייזט אויס, נאָך פריער געהאַט באַשלאָסן, אַז מען וועט שוין אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט.

— זאָל זיין גענוג פראַגן, — האָט אויסגערופן די הויכע, שטאַלטנע, שיינע דיינעמאַן, אויף וועלכער קיינער וואָלט ניט געזאָגט, אַז זי איז שוין אַ באָבע.

— איצט דאַרף מען עפּעס עסן. אַ מענטש האָט זיך גענוג אָנגעגערעדט. געפאָרן אַ גאַנצן טאָג און מאָרגן ווידער פאָרן פון פרי ביז אויף דער נאַכט. גענוג! — האָט דער ליבער, גוטמוטיגער דיינעמאַן אונטערשטיצט די פאָדערונג פון זיין פרוי, אַז מען זאָל ענדיגן די פראַגן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמת׳ע סעודה. מען האָט געגעסן און געטרונקען; געזונגען און געלאַכט; דערציילט וויצן און ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל דערמאָנט ווי אַזוי מען האָט מיך איבערראַשט מיט דעם סורפּריז. מען האָט זיך געפילט גוט — עס איז געווען אַן אמת׳ער יום־טוב.

דערנאָך זיינען אַלע באַשטאַנען מיטצופאָרן צו דעם וואָקזאַל. קיינמאָל האָט נאָך מסתמא טשאַטאַנוגא ניט געזען אַזאַ סאָרט פריילעכן עולם פאַרטאָג אויף דעם וואָקזאַל. און אַרויסבאַגלייט האָט מען דאָ עפּעס ניט קיין יונג פּאָרל, וואָס פאָרט אַוועק אויף אַ „האָנימון”, נאָר באַגלייט האָט מען דאָ איין פּאַסאַזשיר מיט עפּעס זייער אַ מאָגער רענצל.

האָבן די וואָקזאַל־אָנגעשטעלטע זיך געוואונדערט, נאָר זיי האָבן זיך, דאַכט זיך, אויך אָנגעשטעקט מיט דעם געפיל פון געזונטער פרייד, וואָס האָט באַהערשט די אַלע, וואָס זיינען דאָ געווען פאַרזאַמלט. עפּעס איז געווען אַזויפיל יוגנטלעכס אין די לאַכנדיגע געזיכטער און אין די פריילעכע אויגן, אַז ניט ווילנדיג האָט יעדער איינער זיך געקאָנט דער־

פילן פריידיג, קוקנדיג אויף אָט די מענטשן אין אָט דער פרימאָרגן־שעה דאָ אויף דעם וואָקזאַל.

מיר איז געווען גוט אויף דעם האַרצן. פאַרגעסן איז געווען דער נעכטיגער שניי־שטורעם און דאָס אומגעדולדיגע וואַרטן אין לויף פון לאַנגע שטונדן. ניט געווען קיין מידקייט אין קערפּער, פונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט אַוועק אַ נאַכט אָן אַ טראָפּן שלאָפן.

— די נאַכט וועלן מיר לאַנג געדענקען, — האָט איינער נאָך דעם צווייטן ווידערהאָלט, געזעגענענדיג זיך מיט מיר.

יאָ, אויך איך וועל אָט די נאַכט לאַנג ניט פאַרגעסן.

קאַפּיטל 13.

דער מסור איז געפאַלן טויט

דער „באָס" האָט געכריפּעט און געסאָפּעט אויף די גליטשיגע באַר־גיגע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו דעם רעזאָרט־שטעטל מאָנטיסעלאָ. אַ שניי, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַלן און וואָס איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער, האָט געמאַכט די רייזע אַלץ שווערער. בשעת אין איינצעלנע פלעצער האָט דער ווינט אָנגעהורבעט דעם שניי אַזוי, אַז די רעדער זיינען אין אים פאַררוזנעט געוואָרן, איז אין אַנדערע פלעצער דער שניי אינגאַנצן אַראָפּגעבלאָזן געוואָרן און דער וועג איז געווען איין שטיק גלאָז. איבער וועלכן דער „באָס" האָט זיך געגליטשט אָן אַן אָנהאַלט. דאָ און דאָרט האָט צווישן די פּאַסאַזשירן זיך געהערט אַן אויסרוף פון שרעק יעדן מאָל ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט גליטשט מען זיך אַראָפּ פון דעם וועג און... דאָרט איז אַ טאָל באַ דער זייט, פון וואַנען מען וועט שוין קיין גאַנצע ניט אַרויס.

די נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פריער ווי געוויינלעך צוליב די שווערע וואָלקנס, האָט נאָך פאַרגרעסערט די זאָרג וועגן עפּעס שרעקלעכס, וואָס אָט די רייזע קאָן נאָך ברענגען. מען האָט זיך אָבער גערוקט צוביסלעך אַלץ ווייטער און אָט איז מען שוין אויף דעם לעצטן בערגל, וואָס געפינט זיך באַם אַריינפאָר אין דעם שטעטל. בלויז זיך אַראָפּלאָזן פון דעם בערגל און באַלד וועלן אַ לויכט־טאָן די לאָמפּן פון דער מעין־סטריט און עס וועט זיין אַ וואַרעמע סביבה פון נאָענטע חברים און דער באַלויכטענער זאַל, וואָס איז אַזוי באַקאַנט פון די באַזוכן אין פריערדיגע ווינטער־סעזאָנען; עס וועלן זיין באַקאַנטע געזיכטער און צוהערער, און אָט די גאַנצע רייזע אין דעם שניי־שטורעם וועט פאַרגעסן ווערן.

ווינטער האָבן די אידישע פאַרמערס מער פרייע צייט ווי אין די זומער־חדשים, ווען זיי זיינען פאַרנומען מיט די וואַקאַציע־געסט; ווינטער קומען די אידישע פאַרמערס זיך צוזאַמען צו אַ לעקציע, און אַזאַ אָוונט ברענגט געוויינלעך צוזאַמען די, וועלכע געפינען זיך אַפילו אין די וויטסטע ווינקלען פון דער גרויסער טעריטאָריע פון די קעטסקיל־בערג. וועלן זיי אָבער קומען אין אַזאַ זאַווערוכע?

אַט־די געדאַנקען זיינען מיט אַמאָל איבערגעריסן געוואָרן ווען דער „באָס" איז פּלוצלונג געבליבן שטיין, בשעת פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן קולות פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט לאַמטערנעס אין די הענט זיך געדרייט פון אַלע זייטן. זיי האָבן דורך די מיט־שניי־פאַרבלאָזענע פענסטער געהאַט דעם אויסזען פון עפּעס אויסטערלישע פיגורן.

דער טרייבער פון דעם „באָס" איז אַרויס זיך דערקונדיגן וואָס דאָ קומט פאָר, און עס האָט זיך דערהערט זיין שטימע, וואָס האָט געקלונגען פאַרדעמפט אין דעם פייפנדיקן ווינט:

— וואָס ראַנג, באַדי?

עמיצער האָט אַ בורטשע געטאָן אַן ענטפער, וואָס עס איז געווען שווער צו דערהערן. דער טרייבער האָט זיך אָוועקגעלאָזט ערגעץ אין דער נאַכט אַריין.

דורך די קליינע רינגעלעך, וואָס דער וואַרעמער אָטעם און די הענט האָבן אָפּגערייניגט אין די שויבן, האָט מען געקענט זען, אַז די משונה־אויסקוקנדיגע מענטשן מיט די לאַמטערנעס אין די הענט זיינען געווען אָנגעפּעלצטע סטעיט־טרופּערס, וואָס האָבן פּרובירט פאַנאַנדערצופּלאָנטערן דעם קנויל פון פאַרקער, וואָס האָט זיך דאָ פאַרמירט צוליב עפּעס אַן אורזאַך, וואָס די פּאַסאַזשירן פון דעם „באָס" האָבן דערווייל נישט געוואוסט.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַרג־אַראָפּ באַם אַריינפאָר אין שטעטל האָבן עטלעכע אויטאָמאָבילן זיך צוזאַמענגעשטויסן און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קנויל, וואָס איז זייער שווער אויפצעוויקלען.

עס איז אויך ניט געווען צו־וואַרעם אין דעם „באָס", און די האַלבע שעה, וואָס עס איז אויסגעקומען צו זיצן און וואַרטן אין אומבאַוואוסטקייט, האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביגקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בלוט וועט פאַרפרוירן ווערן אין די אָדערן.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער טרייבער. ער האָט נאָך עפּעס אַריינגעשריען אין דער נאַכט, פאַרענדיגנדיג אַ געשפּרעך מיט עמיצן. ער

האָט זיך איינגעמאַשטשעט אין זיין פּלאַץ, האָט אַ דריק־געטאָן אויף עטלעכע קנעפּלעך, האָט אַ פּרעס־געטאָן מיט׳ן פוס אויף דעם פּעדאַל, האָט אַ ציי־געטאָן אַ הענטל און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם גליטשן באַרג־אַראָפּ אין שטעטל אַריין.

דער ערשטער געדאַנק איז געווען: נו, און אָט איז שוין פאַרענדיגט די רייזע, נאָר איז דאָס ניט געווען אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן? ווער ווייסט קומען אין אַזאַ נאַכט? עס איז דאָך ממש אַ געפאַר זיך אַרויסצולאָזן אויף אָט־די וועגן.

באַ דער סטאַנציע זיינען געווען עטלעכע חברים. עס האָט אויסגע־קוקט מאָדנע וואָס זיי זיינען ניט באַזאָרגט. דער שמייכל אויף זייערע פּנים׳ער האָט אַרויסגערופן אַ צווייפל צי מאַכן זיי ניט קיין אָנשטעל אויף צו פאַרדעקן זייער אומרואיגקייט וועגן אַן אָוונט, וואָס וועט זיין אַ דורכפאַל.

— וואָס דענקט איר, עס וועט היינט עמיצער זיין באַ דער לעקציע?

— האָב איך זיי באַלד געפרעגט.

— זיכער וועט זיין אַ פיינער עולם. זאָרגט גאָר ניט וועגן דעם. די זאַווערוכע וועט אונזערע לייט ניט אָפּשרעקן.

מען איז אַוועק טרינקען טיי און ערשט נאָכדעם האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָבילן און מען איז געפאָרן אין דעם דערבייאיגן שטעטל סאַוט פאָלסבורג, וואו עס געפינט זיך דער „דזשואיש קאָמיוניטי סענטער״.

צווישן דער גרופּע באַגלייטער איז געווען איין חבר, וואָס איז געווען מער אויפגעלייגט ווי אַלע אַנדערע. זיין צעפלאַמט געזיכט און זיינע בלייאַסקענדיגע אויגן האָבן געאָטעמט מיט פריידיגן אָפּטימיזם. פון דעם אופן ווי אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים, ווי מען האָט זיך צוגע־הערט צו דעם, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, און ווי מען האָט אָפּט זיך געווענדעט צו אים מיט פראַגן וועגן איינצעלהייטן פון דעם אָוונט, איז געווען קלאָר, אַז ער איז די נשמה פון דער אָרטיגער גרופּע טוער און אַז מען באַטראַכט אים פאַר אַ דערפאַרענעם אָרגאַניזאַטאָר, וואָס ווייסט וואָס און ווען מען דאַרף טאָן אויף צו זיכערן דעם דערפאָלג פון אַן אונ־טערנעמונג.

ווען מיר האָבן זיך שוין איינגעמאַשטשעט אין אויטאָמאָביל, האָט ער מיר געגומען דערקלערן ווי אַזוי די לעקציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן, ווי מען האָט פאַרקויפט בילעטן אין פאָראויס און ווי דער עולם איז פאַר־

אינטערעסירט אין דער טעמע, וואס האט צו טאן מיט דער לייזונג פון דער נאציאנאלער פראגע אין סאוועטן־פארבאנד.

—איר וועט זען, — רופט אויס מיט באגייסטערונג מיין אפטימיסט מיט די רויטע באקן — עס וועלן אפילו זיין רעכטע אויך. זיי קומען שטעלן פראגן. נו, זאלן זיי!

עס איז באמת געווען א גרויסע איבערראשונג ווען צו דער באשטימטער צייט האט זיך דער זאל אנגעפילט מיט א גרויסן עולם.

— וואס האב איך אייך געזאגט!? — האט זיך צו מיר געווענדעט מיין אפטימיסטישער באגלייטער. זיינע בליאסקענדיגע אויגן האבן זיך נאך מער צעפינקלט.

אז אן עולם קומט אין אזא נאכט, איז די פאראנטווארטלעכקייט פון דעם לעקטאר נאך א גרעסערע. מען מוז ארויסברענגען פאר זיי די באטרעפנדיגע פראגע אזוי, אז דאס פארהאנדלטע קאפיטל געשיכטע זאל ארויסוואקסן אין דער גאנצער גרויס פון די וויכטיגע ענדערונגען אין דעם לעבן פון אלע באפרייטע פעלקער און פון די מיליאנען אידן, וועלכע זיינען געווארן מיט מענטשן גלייך. מען מוז אויפבויען פון די פאקטן א סאלידע געביידע אזוי, אז די צוהערער זאלן אי נאכפאלגן מיט אינטערעס די לעקציע, אי זיי זאלן קענען אוועקטראגן בא זיך אין זכרון דאס געזאגטע און זיי זאלן וועגן דעם דערציילן צו די, וועלכע זיינען דא ניטא; און די צוהערער זאלן אויך קענען זיך באוואפענען מיט ארגומענטן געגן די שונאים, וועלכע פרובירן צונישט צו מאכן און צו פאר־חושך'ן דאס נייע לעבן פון די געזונט־געווארענע אידן אין סאוועטישן לאנד.

ווען דער לעקטאר פילט אזוי וועגן זיין אויפגאבע און ווען ער זעט ווי דער גאנצער עולם זיצט און הערט זיך איין מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט, ווערט מעגלעך, אז די לעקציע זאל זיך אויספורעמען אין א סטרוקטורישער גאנצקייט, וואס טאר ניט און וואס ווערט ניט איבערגעריסן.

פלוצלונג צעקלינגט זיך ערגעץ א טעלעפאן. איינע פון די חבר'טעס, וואס זיינען געזעסן בא דער טיר און פארקויפט בילעטן צו דער לעקציע, לויפט ארויס פון זאל. אין א מינוט ארום קומט זי אריין און גייט גלייך צו צו מיין באגלייטער, וועלכער איז פונקט ווי די אנדערע געזעסן און אויפמערקזאם זיך איינגעהערט צו דער לעקציע. די פרוי רוימט אים איין א סוד אין אויער. זיינע בליאסקנדיגע אויגן ווענדן זיך צו מיר און טאקע

גלייך לאָזט ער זיך צו דער פלאַטפאָרמע. אַלע בליקן זיינען געווענדעט צו אים. ער בעט מיך זיך צובויגן און ער זאָגט אָפּגעהאַקט:

— מען האָט ערשט טעלעפאָנירט, אַז דער אַמעריקען לידזשאָן גייט אָהער אָפּברעכן דעם מיטינג.

וואָס זשע טוט מען? דערציילן דעם עולם וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ריזיקירן, אַז עס זאָל באַלד ווערן אַ געוודער? אפשר בעסער גאָר־נישט זאָגן און וואַרטן און זען וואָס עס וועט פּאַרקומען אין דער לעצטער מינוט? און אפשר וועט דאָס פירן צו אַ פּאַניק?

דער באַזונדערער חוש, וואָס ווערט געשאַפן ווען מען איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם, וואָס עס וועט פּאַסירן מיט אַנדערע, — אָט דער חוש האָט אונטערגעזאָגט, אַז דער בעסטער וועג איז צו דערציילן דעם עולם און אים צוגרייטן צו דעם, וואָס דאָ קאָן באַלד פּאַרקומען.

— זאָלן אַלע זיין פולשטענדיק רואיג און ווייזן אַ מוסטער פון זעלבסט־דיסציפּלין, — האָב איך זיך געווענדעט צו דער פאַרזאַמלונג אויף ענגליש — מען גיט מיר איבער, אַז אַ גרופּע פון דעם אַמעריקען לידזשאָן קלייבט זיך אָפּצוברעכן אונזער פאַרזאַמלונג. איך בעט אַלעמען זיין רואיג און איבערלאָזן בלויז צו מיר צו פאַרהאַנדלען מיט די, וועלכע וועלן קומען אָהער. איך בין זיכער, אַז עס וועט זיך מיר איינגעבן צו איבערצייגן די לידזשאָנערס, אַז זיי זאָלן רעספּעקטירן אונזערע רעכט פון אַמעריקאַנער בירגער, אויב אַפילו זיי שטימען ניט איין מיט אונזערע געדאַנקען, און זיי זאָלן אויך זיך ניט נעמען קיין פלעק מיט אַ וועלכן ניט איז אומגעזעצלעכן טאַט.

איך האָב אַבזיכטלעך געזאָגט די עטלעכע ווערטער אין ענגליש, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז אויב אין זאַל געפינען זיך פון פריער־צוגע־שיקטע סימפּאַטיזירער פון די, וועלכע ווילן דאָ דורכפירן אַ פּאָגראָם, זאָלן זיי באַצייטנס אַנטוואָפנט ווערן דורך אַן אַפּיל צו זייער פליכט אַלס בירגער און מיט אַן אָנווייזונג, אַז זייער געפּלאַנטער טאַט איז אומגע־זעצלעך.

מען האָט געקענט דערפילן ווי אַזוי דער גאַנצער עולם איז דורכ־געדרונגען געוואָרן מיט געשפּאַנטקייט, מיט שרעק און מיט צאָרן. איך אַליין האָב, נאַטירלעך, אויך ניט געפילט גאָר געהויבן וועגן דער פּער־ספּעקטיוו פון אַן אָפּגעבראָכענעם מיטינג, פון בענקלעך, וואָס פליען אין דער לופטן; פון פאַרצווייפלטע געשרייען פון פרויען און אפשר פון פאַרוואונדעטע מענטשן. מיין פליכט איז אָבער געווען קלאָר — האַלטן

די פאַרזאַמלטע אין אָרדענונג און זיי דערמוטיקן מיט מיין אייגענעם ביי־שפּיל פון זיכערקייט אין זיך. נאָר גיי זיי באַ זיך זיכער, אַז די פיס האָבן זיך אונטער און אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אויף אַרויסצושפּרינגען. אָבער פון ערגעץ קומט אַ באַזונדערער כוח; פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין קומט אַ שטימע: נעם זיך אין די הענט, ווייל דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך צו אַט די אַלע מענטשן און פאַר אַט די אַלע מענטשן.

די לעקציע גייט אָן. עס פילט זיך, אַז דער עולם הערט זיך צו צו יעדן שאָרך, נאָר קיינער קומט ניט, די טיר עפנט זיך ניט און פון דרויסן קומט אויך ניט קיין סימן פון קיין טומל.

קיינער איז טאַקע ניט געקומען. נאָך דער לעקציע זיינען געווען פראַגן, נאָר דער עולם האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַלץ פאַרענדיקן, כדי צו קענען זיך אומקערן צו דער אייך־איינציקער פראַגע: וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? ווער האָט טעלעפאָנירט? וואָס האָט מען גע־זאָגט? ווי אַזוי איז די זאַך אַריבער אַזוי גלאַט?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט טעלעפאָנירט אַ געוויסער אינשורענס אַגענט. וועלכער איז גוט באַקאַנט אין שטעטל אַלס אַ פאַר־ביסענער שונא פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָך מיט עטלעכע טעג פאַר דער לעקציע האָט ער זיך באַרימט פאַר אייניקע מענטשן, אַז עס וועט קיין לעקציע ניט זיין — ער וועט שוין זאָרגן וועגן דעם, אַז עפּעס זאָל פאַסירן.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן — רופט זיך אָן מיין באַ־גלייטער מיט די בליאַסקענדיקע אויגן — דאָס האָט ער מסתמא אַליין גערופן דעם לידזשאָן און פאַר׳מסור׳ט די לעקציע.

מען איז אַוועק אין אַ הויז פון חברים צו פאַרברענגען און מען האָט באַלד אָפּגעשטופּט דעם אינצידענט אין אַ זייט און גענומען רעדן וועגן אַנדערע ענינים. שפּעט באַנאַכט איז מען זיך צעגאַנגען. אַלע זיינען געווען צופרידן וואָס דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען ניט־געשטערט.

אויף מאָרגן, ווען איך בין שוין געזעסן אין „באַס״, האָב איך דער־זען ווי מיין באַגלייטער מיט די רויטע באַקן לויפט אַ פאַרסאָפּעטער און פאָכעט מיט דער האַנט צו דעם טרייבער, אַז ער זאָל וואַרטן. דער טרייבער, וועלכער האָט שוין גענומען דריקן קנעפּלעך און האָט שוין געשטעלט זיין פוס אויף דעם פּעדאַל, כדי זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, האָט אַראָפּגענומען די האַנט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פוס און האָט

געעפנט די טיר פון „באָס", מיינענדיג, אַז דאָס לויפט אַ פאַרשפּעטיגטער פּאַסאַזשיר.

מיין באַקאַנטער איז צוגעלאָפן און האָט אויסגעשריען, אַריינשטעקנ־דיג דעם קאָפּ:

— דער מסור, וואָס האָט נעכטן טעלעפאָנירט צום לידזשאַן און צו אונז, איז באַנאַכט געפאַלן און געשטאָרבן.

דער טרייבער איז געוואָרן אין כעס, דערזעענדיג, אַז דער פּאַרסאָ־פּעטער מענטש איז גאָר ניט קיין פּאַסאַזשיר. מיט אַ רוגזה האָט ער פאַרמאַכט די טיר, האָט מיט כעס אַ דריק־געטאָן די קנעפּלעך, אַ שטעל־געטאָן מיט אויפגערעגטקייט זיין פוס אויפ׳ן פּעדאַל און מיט אויסער־געוויינלעכער שנעלקייט אַ ריס־געטאָן אַ הענטל און מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

מיט אַ צייט שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער מסור האָט טאַקע זיך געווענדעט צום לידזשאַן, אַז מען זאָל גיין אָפּברעכן די לעקציע. ווען מען האָט אים דאָרט געשיקט צום טייוול, האָט ער טעלעפאָנירט, האָפנדיג, אַז מען וועט זיך דערשרעקן און פאַנאַנדערלאָזן דעם מיטינג. עס איז געווען פאַר אים אַן אָוונט פון גרויס אויפרעגונג. גייענדיג צו זיך אַהיים שפּעט באַנאַכט, איז ער געפאַלן און איז שוין מער ניט אויפגע־שטאַנען.

קאַפּיטל 14.

איך זוך אַ מיטינג אין שיקאַגאָ אין מיטן דער נאַכט און האַלט דערנאָך אַ רעדע ביז פאַרטאָג

דאָס איז געווען די לעצטע קאָנווענשאָן פון דער פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. דאָ איז געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצופירן אָט די קליינע אָרגאַניזאַציע אויף אַ ברייטן וועג. נאָענט צו 5,000 מיטגלידער האָבן ערשט געהאַט פאַרלאָזן דעם אַרבעטער רינג, וואו עס איז געוואָרן ענג אין די קלאַמערן פון אַ רעאַקציאָנערער פירערשאַפט, וואָס האָט זיי גענומען פאַרפאָלגן אויף יעדן שריט. זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, גרייט אַריינצוקומען און אַריינטראָגן מיט זיך זייער ענערגיע און זייער ווילן צו טאָן וויכטיגע אַרבעט.

עס זיינען געהאַט אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען איידער עס איז גערופן געוואָרן די קאָנווענשאָן. עס האָט אויסגעקוקט, אַז אַלץ וועט זיך איינאָרדענען אויף דעם בעסטן אופן. די קליינע אָרגאַניזאַציע וועט זיך צעבליען און וועט ווערן אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע. דאָס וואָלט געווען אַ לאָגישע אַנטוויקלונג. דאָס וואָלט געווען אי געזונט, אי אַ שטאָלץ פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען צוליב אַ סך סיבות געקרעמפּט אין לויף פון אַ סך יאָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פירער וועלן זיך אָנכאַפּן אין דער געלעגענהייט און אַלץ וועט גיין ווי געשמירט.

אַזוי האָט זיך געדאַכט לויט אַלע געזעצן פון לאָגיק, נאָר די פירער פון דעם אינדעפּענדענט האָבן, ווייזט אויס, באַשלאָסן צו האַנדלען דוקא געגן דעם גראַדן שכל און פאַרוואַרפן אַלע פאָדערונגען פון לאָגיק. מיר,

די דעלעגאַטן באַ דער קאָנווענשאָן, האָבן בשום אופן ניט געקאָנט פאַר־שטיין פאַרוואָס די מענטשן ווילן דוקא שטעלן אַלץ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. אָנגעשטויסן האָבן מיר זיך, אַז זיי זיינען שוין אַנטשלאָסן ניט אַריינצו־לאָזן די מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דעם אַרבעטער רינג. מיר האָבן אַפילו גוט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ האַנדלונג איז וואָר־שיינלעך אַ רעזולטאַט פון פאַרהאַנדלונגען מיט דעם אַרבעטער רינג, נאָר מיר האָבן זיך זיכער ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס האַנדלט זיך פּראָסט און פּשוט וועגן אַ פאַרראַט — וועגן אַן אָפּמאַך ניט נאָר ניט אַריינצונעמען קיין נייע מיטגלידער, נאָר צו פאַרשאַכערן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע און זי איינס און צוויי ליקווידירן. ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט וועגן אָט דעם פאַררעטערישן אָפּמאַך, האָבן מיר נאָך פּרובירט דעבאַטירן און אַרגומענטירן און באַווייזן און איבערצייגן, אַז מען דאַרף פירן די אָרגאַ־ניזאַציע אויף אַ וועג צו ווייטערדיגן וואוקס און דערגרייכונגען.

דער ערשטער טאָג פון דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ האָט שוין באַוויזן, אַז די, וועלכע האָבן אין לויף פון יאָרן געהאַלטן דעם אינדע־פּענדענט אין זייערע הענט, דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט. זיי האָבן געשטעלט משונה'דיגע פאָדערונגען; זיי האָבן געהאַט ווילדע טענות; זיי האָבן עפּעס געזאָגט און ניט דערזאָגט. מיר האָבן געוואוסט, אַז זיי האַלטן אָפּ באַראַטונגען צווישן זיך פאַר די זיצונגען און צווישן די זיצונגען. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן ביינאַכט אַ זיצונג פון אַלע פּראָגרעסיווע דעלעגאַטן, כדי צו באַשליסן ווי אַזוי מיר זאָלן זיך האַלטן אין באַצוג צו אָט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט אַלס פירער, נאָר וועלכע האָבן אין דערווירקלעכקייט ניט געפירט, נאָר געזוכט צו פאַרפירן אין אַ בלאָטע.

עס איז געווען באַשטימט, אַז איך זאָל האַלטן אַ פאָרטראָג פאַר די לינקע דעלעגאַטן און פאָרשלאָגן אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם פאַר אונזער פליגל. עס איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך צו דערגרייכן איינסקייט צווישן אַלע, וואָס זיינען ניט געווען מיט דער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז געווען אַ געמישטער עלעמענט מיט פאַרשיידענע באַגריפן וועגן דעם, וואָס מען דאַרף טאָן אויף צו פאַרזיכערן דעם וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע און אויף אַרויסצופירן זי אויף אַ ברייטן וועג פון וויכטיגער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט.

עס זיינען דאָ געווען אומצופרידענע, וועלכע האָבן באַלאַנגט אין לאַגער פון די פּועלי ציון; עס זיינען געווען אַרבעטער, וועלכע זיינען

אין די יוניאָנס גשטאַנען נאָענט צו דעם לינקן פליגל; עס זיינען דאָ אויך געווען פשוט'ע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אינסטינקטיוו אָנגע־טאַפּט, אַז דער אמת איז ניט אויף דער זייט פון די פּאַטענטירטע פירער. מיר איז געווען באַשערט צו זיין דער איינציגער אויסגעשפּראָכענער לינקער צווישן דער גאַנצער גרופּע. זיי האָבן אַלע געוואוסט, אַז איך בין אַ מיטאַרבעטער פון דער איינציגער אַרבעטער־צייטונג און זיי האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ פאַרטרעטער פון דער באַוועגונג, וועלכער אַט די צייטונג דינט. דער ביינאַכטיגער מיטינג איז קיין סוד ניט געווען, ווייל אויך דער צווייטער צד, ווי געזאָגט, האָט געהאַלטן קאָקוסן.

דאַרף זיך אַזוי מאַכן, אַז דער מיטינג, וואָס איז געווען געפּלאַנט אויף שפּעט ביינאַכט, איז אין דער לעצטער מינוט אַריבערגעפירט גע־וואָרן פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געזאָלט געהאַלטן ווערן, אין אַן אַנדער פּלאַץ.

עפּעס דורך אַ טעות האָט מען מיר געגעבן ניט קיין ריכטיגן אַדרעס און איך בין געבליבן אין מיטן שיקאַגאָ, ניט וויסנדיג וואוהין צו גיין, דאָס איינציגע, וואָס איך האָב געוואוסט אויף זיכער, איז אַז דער מיטינג איז ערגעץ אויף דיוויזשאָן סטריט. עס איז געווען פּונקט ווי צו זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. דיוויזשאָן איז אַ לאַנגע גאַס, וואָס ציט זיך אויף אַ סך מיילן. צו דער צו איז עס נאָך ביינאַכט און עס איז פשוט אַ געפאַר אַרומצודרייען זיך ערגעץ אויף אַ פּוסטער גאַס איינער אַליין. פרעגן איז אויך ניטאָ באַ וועמען, ווייל מען זעט דאָ ניט קיין לעבעדיגן נפש אין קיין רעזידענץ־גאַס נאָך האַלבער נאַכט. וואָס זשע טוט מען? גיין זיך לייגן שלאָפן קאָן איך ניט. איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געשענקט פאַר ניט מאַכן כאָטש אַן ערנסטן פאַרזוך צו געפינען דעם מיטינג. איך טראַכט און טראַכט און דערטראַכט זיך צו אַ געדאַנק. מיט יאָרן צוריק בין איך געווען באַ אַ מיטינג אין אַ הערצל־זאַל אויף קאַליפאָרניע סטריט. איך דערמאָן זיך, אַז אַט די גאַס קרייצט זיך איבער מיט דיוויזשאָן. דאָ איז אויך דאָ אַ פּאַרק דערביי. איך דערמאָן זיך אויך, אַז מען האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז די מערסטע איינוואוינער אַרום אַט דעם פּאַרק זיינען אידן. איך באַשליס צוצופאָרן צו אַט דעם פּונקט. אפשר וועל איך דאָרט עפּעס אויסגעפינען.

ווען איך בין אַראָפּ פון דעם טראַמוואַי אויף דעם ווינקל פון דיוויזשאָן און קאַליפאָרניע, איז שוין געווען אַרום צוויי באַנאַכט. איך האָב זיך געלאָזט גיין מיט האַסטיגע טריט איבער דיוויזשאָן סטריט, איינהערנדיג

זיך צו דער שטילקייט פון דער נאַכט. איך האָב מורא געהאַט צו דער־הערן די טריט פון אַ פאַרבייגייער, ווייל אַט די שטאָט האָט דאָך געקראָגן אַ שלעכטע רעפּוטאַציע — דאָ, האָט מען דערציילט, מאַכט מען איבער־פאַלן; מען באַראַבעוועט; מען דערמאָרדעט. גלייכצייטיג האָב איך זיך איינגעהערט צי קומט ניט פון ערגעץ אַ טומל פון אַ פאַרזאַמלונג. איך האָב געטראָפן. אָפּגייענדיג עטלעכע בלאָק, האָב איך דערהערט שטימען. איך האָב אין דער פינסטער אַנגעטאַפּט דעם אַריינגאַנג און געפונען די טרעפּ אין אַ שטאָק־פינסטערן קאָרידאָר. אויף דעם צווייטן שטאָק איז געווען דער מיטינג, וואָס איך האָב געזוכט.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איך בין אריין אין דעם אָנ־געררויכערטן צימער. דאָ איז ניט געווען מער קיין פאַרזאַמלונג פון אַן איינהייטלעכער גרופּע. עס האָט אויסגעקוקט, אַז דאָ זיינען פאַרזאַמלט ביטערע געגנער, ווייל מען האָט געהאַלטן אין שיסן שפּיזיגע ווערטער איינער אין דעם צווייטן. אַלע זיינען געווען צעקאָכט. אַלע האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן די רעקלעך, ווייל אין צימער איז געווען הייס, דערשטיקט צו ווערן. אייניגע זיינען שוין געווען הייזעריג פון דעם פאַר־זוך איבערצושרייען די אַנדערע. דער פאָרזיצער האָט געקלאַפּט אין טיש, נאָר קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט.

איך בין אַ מינוט געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אַ געפּלעפּטער, נאָר באַלד איז געקומען דער באַשלוס וואָס צו טאָן. איך בין צוגעגאַנגען צום פאָרזיצער און אים געבעטן מיר דערלויבן באַלד צו רעדן.

ווער אַט דער צעבויטעטער עולם זיך איינשטילן? ווועלן אַט די צעהיצטע געמיטער זיך באַרואיגן? וועלן זיי אָפּשטעלן די קריגערייען, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין באַזונדערע גרופּקעלעך? ווי אַזוי ציט מען צו זייער אויפמערקזאַמקייט כאָטש אויף איין מינוט?

מען מוז פּרובירן. קיין קונצן קאָן מען דאָ ניט באַוויזן. וועלן זיי נאָר אָנהויבן צולייגן אַן אויער, וועט שוין אַלץ אַוועק ווי געשמירט. אָבער פון וואָס הויבט מען אָן? שרייען אויף זיי? שטראָפן זיי? בעטן זיך באַ זיי?

ניין, דאָס וועט ניט טויגן. מען מוז צוטראַכטן עפּעס אַן אַנדער צוגאַנג.

איך הויב אָן דווקא ניט הויך און זייער לאַנגזאַם:

—איך האָב געבלאָנדזשעט. חברים, איך וויל אייך דערציילן ווי אַזוי איך האָב אָן אַן אַדרעס געפונען אַט דעם פּלאַץ.

איך האָב אָט די פּראָזע ווידערהאָלט צוויי מאָל. אין אָנהויב האָבן די סאַמע נאָענטסטע לעבן טיש זיך אָנגעהויבן איינהערן. דערנאָך זיינען שטיל געוואָרן נאָך עטלעכע; באַלד איז אין צימער געוועזן אַ פולשטענדיגע שטילקייט. עס איז שוין ניט געוועזן שווער פאָרצוזעצן.

מען האָט אַביסל געלאַכט וועגן דער געשיכטע פון דעם בלאַנדזשען, נאָר באַלד איז געקומען די פיל ערנסטערע געשיכטע פון דעם, וואָס פאַר אַן אויפגאַבע מיר האָבן פאַר זיך און ווי לעכערלעך עס איז און ווי ניט־דערלויבבאַר עס איז צו נעמען זיך אמפּערן איינער מיט דעם צווייטן, אנשטאָט צו האַנדלען לויט אַ געמיינשאַפטלעך־אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם.

וואָס זשע איז די פּראָגראַם און וואָס דאַרף מען טאָן?

עס איז ניט געוועזן נויטיג דאָ עפּעס מחדש צו זיין. נאָך מיט וואָכן פאַר דער קאָנווענשאָן זיינען אַלע פּראָבלעמען אַרומגערעדט געוואָרן אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען. די אישוס זיינען געוועזן קלאָר. באַ דער קאָנווענשאָן זיינען אויך קלאָר געוואָרן די מעטאָדן און אַ טייל פון די צילן פון דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס האָט באַטראַכט די אָרגאַניזאַציע אַלס איר פּריוואַט אייגנטום. וואָס מען האָט באַדאַרפט טאָן איצט, איז נאָך אַמאָל צו באַווייזן, אַז אונזער פּראָגראַם איז ניט נאָר אין איינקלאַנג מיט די בעסטע אינטערעסן פון דעם פּראָטערנאַלן אָרדן, נאָר אַ דאַנק אונזער צוגאַנג וועט אויך מעגלעך ווערן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל קאָנען בעסער דינען די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע.

דער עולם איז געוועזן אויפגערעגט, וועט זיין בעסער פאַר אים, אַז דער אַנאַליז וועט דויערן אַ ביסל לענגער — וועט דערווייל זיין צייט זיך אָפּצוקילן. און אַז דער עולם ווייזט ניט אַרויס קיין אומגעדולד, טאָ צו וואָס זיך איילן? אַ חוץ דעם ווערט דאָך דאָ באַשלאָסן דער גורל פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס קאָן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דעם אידישן לעבן, טאָ דאַרף מען ניט דורכלאָזן קיין איין פאַקט, וואָס קאָן באַווירקן די אַנטשיידונג, וואָס דאַרף דאָ געמאַכט ווערן; מען דאַרף דורכגיין די געשיכטע פון דעם אינדעפּענדענט; מען דאַרף דורכבלעטערן די געשיכטע פון דעם אַריינקומען אין דער אָרגאַניזאַציע אין די לעצטע יאָרן פון אַ פרישן עלעמענט; מען דאַרף דורכלופטערן די גאַנצע געשיכטע פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען ביז דער קאָנווענשאָן געפירט געוואָרן וועגן אריינעמען די נייע מיטגלידער; מען דאַרף אַנאַליזירן דעם צושטאַנד, וואָס הערשט אין אַרבעטער רינג; מען דאַרף אַנאַליזירן וואָס עס זיינען די געזעלשאַפטלעכע כוחות אויף דער אידישער גאַס און מיט

ווען מען עס קאָן און עס דאַרף גיין דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, ווען מען זאָל אים נאָר לאָזן זיך צעבליען.

דאָ איז ניט קיין ענין פון איבערדערציילן וואָס דער עולם האָט געזאָגט צום שלוס פון דעם אַנאַליז, ווייל ניט דער פּערזענלעכער דערפאָלג איז דאָ וויכטיג. וויכטיג דאָ איז צו אונטערשטרייכן דעם כוח פון דעם איבערצייגנדיגן וואָרט. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז קיין איין האַנט האָט זיך ניט אויפגעהויבן געגן דער פאַרגעשלאָגענער רעזאָלוציע פאַר אַ געאייניגטן אַרויסטריט באַ דער קאָנווענשאָן אויף מאָרגן.

מען איז פריילעכע אַרויס אויף'ן גאַס. עס האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

— מיר וועלן צו דער זיצונג פון דער קאָנווענשאָן שוין גיין ניט מאָרגן, נאָר היינט, — האָט עמיצער זיך אָנגערופן.

— זעט נאָר, עס טאָגט שוין — האָבן עטלעכע שטימען געזאָגט מיט אַמאָל.

דער גרויסער דערפאָלג פון דער ביינאַכטיגער באַראַטונג האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן באַ די זיצונגען פון דער קאָנווענשאָן. די פּאַרראַסטעטע פירערשאַפט איז געשלאָגן געוואָרן אין אַלע אירע פּאַרזוכן צו שלעפּן די אָרגאַניזאַציע אויף צוריק. דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אויסכאַפּן, אָדער אויסקאָנקורירן די פירערשאַפט. מיר האָבן אַפילו געוואָלט צוזאָגן די פריערדיגע פירער, אַז קיינער פון אונז וועט ניט אָננעמען קיין אַמט, אַבי זיי זאָלן זיך ניט שטעלן אין וועג פון אויסברייטערן די אָרגאַניזאַציע. ווען זיי זיינען ניט איינגעגאַנגען אויף קיינע פאַרשלאָגן, האָט די קאָנווענשאָן געשטימט געגן זיי. דעמאָלט האָבן זיי ערשט אַרויסגעוויזן זייער אמת'ן פּנים. זיי האָבן זיך געווענדעט צו אַ געריכט און אַרויסגעקראָגן אַן אינדזשאַנקשאָן. דערנאָך איז געקומען אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ קעלער־שטיבל אין באָסטאָן. דאָרט האָב איך די פּאַרראַסטעטע מענטשן געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן אָנטאָן אַ „סטרעיט דזשעקעט" אויף דער קליינער פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלן זיי זי איינגאַנצן דערשטיקן, נאָר דאָס וועט ניט שטערן אין דער גרינדונג פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט וואַקסן און וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע.

זאָל שוין דאָ דערמאָנט ווערן דער פינאַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מענטשן האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך מיט דעם אַרבעטער רינג. אייניגע

האָבן געקראָגן געלטלעכע פאַרגיטיגונג פאַר אויפגעבן די אַמטן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן; אַנדערע, ווי אַ געוויסער דאָקטאָר, האָבן אויס־געפירט זייער אַמביציע, סטראַשענדיג, אַז „בלויז איבער זייער טויטן קערפּער וועלן די לינקע אַריינגיין אין אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג".

זיי זיינען שוין טויט. דער אינדעפּענדענט איז שוין טויט. עס זיינען שוין לאַנג טויט געזעלשאַפטלעך יענע אַלע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין וועג פון אַ פּראָגרעסיווער פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. די, וועמען מען האָט ניט געלאָזט אַריינבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין דעם איינגעדאַרטן אינ־דעפּענדענט, האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע זיך גענומען צו דער אַרבעט און אויפגעבויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וואָס איז אַ משפּחה פון די אָרדנס פון 14 נאַציאָנאַלע גרופּן, צווישן וועלכע דער אידישער פּראָטערנאַלער פּאָלקס־אָרדן איז אַ גאָר וויכטיגער זייל. עס איז אין געציילטע עטלעכע יאָר אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, בליענדיגע און ווירקענדיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר זיך נאָך גאָר גרויסע פּערספּעקטיוון.

וויפיל פון די, וועלכע געניסן איצט פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, און וואָס פרייען זיך מיט איר וואוקס, געדענקען, אָדער וויסן אַפילו וועגן יענע יאָרן פון קאַמף, און וועגן יענער נאַכט אין שיקאַגאָ, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ קער אין דער געשיכטע פון אידישן פּראָטערנאַליזם אין אַמעריקע?

קאַפּיטל 15.

אַ געהילף פון דיסטריקט אַטוירני רייסט איבער מיין לעקציע

דער גרויסער האָטעל אויף דעם הויכן באַרג איז באַזאָרגט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס אַ רעזאָרט־פּלאַץ קען נאָר צוטראַכטן. אַ חוץ אַ גרויסן לעיק מיט פיל־קאָלירטע שיפלעך און מיט אַ שטאַב פון געניטע שווימער אַלס וועכטער, וואָס דאַרפן זאָרגן, אַז עס זאָל, חלילה, קיין זאַך ניט פּאַסירן מיט די שווימער — זייגען דאָ אויך דאָ ספּעציעלע ספּאָרט־פּעלדער פאַר די פאַרשיידענסטע פאָרמען פון ספּאָרט־פאַרווייליגנען, אויך פּראַכטפול־אויסגעשטאַטענע צימערן פאַר קאָרטן־שפּיל און באַקוועמע בענק, שאָקל־שטולן און געפּלאַכטענע אטאמאנען, צעוואָרפן איבער די ברייטע ווערענדעס, איבער זון־באַגאָסענע לאָנקעס און אין בלומען־איינ־געטונקענע אַלייען. עס איז אַן אמת׳ער גן עדן פּלאַץ.

און פריער פון אַלץ און איבער אַלץ קומט דאָ דער ענין — עסן. מען עסט דאָ אין דער פרי און בייטאָג און אין אָוונט; מען עסט צווישן די מאָלצייטן און אויך פאַר האַלבער נאַכט און נאָך האַלבער נאַכט. מען עסט באַ געדעקטע טישן, צו וועלכע דאָס עסן ווערט דערלאַנגט פון אָפיציאַנטן אין מונדירן; און מען עסט, אַריינכאַפּנדיג זיך אין קיך, און מען רופט עס אַן אַ נאַש; און מען עסט אויך ספּעציעלע, זייער קאָסט־באַרע פרוכטן און שאָקאָלאַדן, וואָס מען ברענגט מיט זיך פון שטאָט, אָדער וואָס מען קויפט אין דער שיין־אויסגעשטאַטעטער קראָם, וואָס דער האָטעל פאַרמאָגט. הכלל, עס איז דאָ הימל און ערד און עסן.

פאַרווייליגונג איז דאָ אויך גאָר אַ וויכטיגער ענין. דער האָטעל פאַרמאָגט אַן אייגענעם אָרקעסטער, אַ צאָל זינגער, אויך אַ צערעמאָניע־מייסטער, וועלכער איז אַ קאָמבינאַציע פון פּאַיאַץ און קאָנפעראַנסיע.

איז פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט ציט זיך אַ קייט פון עסן און פאַרווײַלן זיך און פון פאַרווײַלן זיך און עסן. איז דען אַ וואונדער וואָס דער אייגנטימער, וועלכער איז גראָד זייער אַ סימפּאַטישער מענטש און אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַ הויכער מאָס פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט צו די אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער איז פאַרבונדן, — איז דען אַ וואונדער וואָס ער בעט זיך:

— צו וועמען וועט איר דאָ רעדן? אַט די מענטשן ווילן דען עפּעס וויסן? זיי גייט דען אָן דאָס לעבן פון די אידן אין ווייטע לענדער? זיי אַרט דען צי מען מאַכט פּאָגראָמען אויף אידן אין פּוילן, צי מען גיט אידן אַ לאַנד אין בירא־בידזשאַן? צי עס איז דאָ אַ אידישע קולטור, צי עס איז ניטאָ. זיי ווייסן דען אַפילו מיט וואָס מען עסט עס? זיי זיינען אָנגעפּרעסן און צו זעלבסטצופרידן. פאָלגט מיך און רעדט דאָ גאָר ניט. עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט!

נאָר אַז אונזער קאָמיטע איז באַשטאַנען און אַז מיר האָבן דער־קלערט, אַז עס איז אונזער חוב צו רעדן צו אַלע אידן, האָט דער האָטעל־אייגנטימער צוגעשטימט אַז איך זאָל קריגן אַ דריי פערטל שעה צו באַ־לויכטן די באַדייטונג פון דער נאָר וואָס פּראָקלאַמירטער אידישער אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאַן.

— איר זאָלט זיך אָבער ניט נאַרן, אַז אייער לעקציע דאָ וועט ברענגען עפּעס ממשות׳דיגעס, — האָט ער געוואָרנט — איר וועט נאָך דאַרפן זיין צופרידן אויב דער עולם וועט איינגאַנצן ניט פאַרלאָזן דעם זאַל ווען איר וועט אָנהויבן רעדן. זיי האָבן פיינט רעדעס. עסן האָבן זיי ליב, נאָר עסן.

מיר האָבן צו יענער צייט געפירט אַ קאַמפּאַניע צו זאַמלען אונטער־שריפטן אין אַ גאָלדענעם בוך, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן איבערצושיקן קיין מאָסקווע דורך דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע מיט אַן אויסדרוק פון אנערקענונג פאַר דעם גרויסן היסטאָרישן אַקט פון דער סאָוועטן־מלוכה, וואָס האָט געגעבן די אידן אין בירא־בידזשאַן די מעג־לעכקייט צו בויען אַן אייגענע אויטאָנאָמע רעגירונג.

אין דעם בוך האָבן מיר שוין געהאַט אונטערשריפטן פון פּראָמי־נענטע אידן, ווי אויך פון פּראָמינענטע קריסטן, צווישן זיי גאָווערנאָרס, ריכטער און נאָך און אויך באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן געשטרעבט צו קריגן וואָס מער באַגריסונגען, כדי דורך אַט דער טעטיגקייט אויפצוּוועקן דעם באַוואוסטזיין באַ ברייטע שיכטן פון די

אידן אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן באַגרייפן, אַז דאָס קאַפּיטל בירא־בידזשאַן איז אַ גרויסער היסטאָרישער ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק און איז גלייכצייטיג אַ צייכן פון דעם, ווי אַזוי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע. אונזער ציל האָט אונז דערפאַר געפירט צו רעדן צו אַלע אידן, אָפּגעזען פון זייער סאָציאַלן שטאַנד און פון זייער פּאָליטישער אַנגעהעריגקייט. מיר זיינען דערפאַר געווען פאַראינטערעסירט צו רעדן אויך צו די אידן אין אָט דעם רייכן זומער־רעזאָרט.

די געלעגנהייט צו האַלטן מיין לעקציע האָב איך געקראָגן ערשט אַרום עלף אַ זייגער ביינאַכט אין דער צייט ווען אַ טויזנט־קעפּיגער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אין דער קאַסינא צו דעם רעגולערן האַלב־וועכנט־לעכן קאָנצערט.

עס האָט שוין אָפּגעשפּילט דער אָרקעסטער ; עס האָבן שוין אָפּגע־טאַנצט טענצער ; עס האָבן שוין אָפּגעזונגען זינגער און דער צערע־מאָניע־מייסטער האָט שוין אויסגעטרייסלט אַ טוץ פּוילע און צווידייטיגע וויצן און עס האָט שוין געהאַלטן באַם איבערגיין צום לעצטן טייל, ווען מען טראָגט אויף שנעל אַרויס די בענקלעך און ווען דער גאַנצער עולם לאָזט זיך אַוועק טאַנצן, דעמאָלט האָט דער צערעמאָניע־מייסטער זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— אַי גירלי פאַרגאַט, ווי העוו עי דזשואיש ספּיקער היר טונאַיט. (איך האָב שיעור פאַרגעסן, מיר האָבן דאָ היינט אָוונט אַ אידישן רעד־נער.)

נאָך אַזאַ פאָרשטעלן מיך איז טאַקע געווען גאָר גרויס די געפאַר, וועגן וועלכער דער אייגענטימער האָט געהאַט געוואָרנט, אַז דער עולם זאָל פאַרלאָזן דעם זאַל. עס האָט זיך געפאָדערט עפּעס אַ צויבער־וואָרט, אַ צויבער־קלאַנג, עפּעס אַ מאַגישער כוח צו פאַרהאַלטן דעם עולם, אַז ער זאָל כאָטש הערן די ערשטע עטלעכע ווערטער. אפשר וועלן די אַנדערע, אויסהערנדיג עטלעכע ווערטער, אויך וועלן הערן ווייטער. נאָר ווי אַזוי פאַרהאַלט מען זיי? ווי אַזוי מאַכט מען אַז נאָך אָט די אַלע ווילדע טענץ און דזשעז־לידלעך, וואָס זיינען דאָ פאַרגעבראַכט געוואָרן, זאָלן מענטשן וועלן איינזיצן אויף זייערע ערטער און נאָך אין אַזאַ שפּעטער שעה פון דער נאַכט און נאָך דעמאָלט, ווען זיי ווילן גאָר זיך אַוועקלאָזן טאַנצן.

אַן אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט, אַז דאָס בעסטע וועט דאָ זיין אַ דירעקטער צוגאַנג צו דעם ענין — אַן וועלכע ניט איז אריינפירן און אַן וועלכע ניט איז פאַרזוכן צו אַנטשולדיגן זיך פאַר צונעמען צייט אין אַזאַ שפּעטער שעה.

איך האָב אָנגעהויבן אַזוי:

— מיר האָבן זוכה געווען צו לעבן אין אַ צייט, ווען האָרעפּאַשנע אידן לייגן דעם פונדאַמענט פון אַן אייגענער מלוכה. דאָס קומט פאָר אויף דעם טייך אמור אין דעם וויטן מזרח, אין דעם לאַנד, וואָס הייסט בירא־בידזשאַן. וועגן דעם וויל איך צו אייך היינט רעדן.

עס האָט געווירקט. דער עולם איז געבליבן זיצן. גאַנץ קלאָר האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פאַרוואונדערטער אויסרוף פון אַ פרויען־שטימע:

— דאָנג'ט הי מין פּאַלעסטיין? (מיינט ער ניט פּאַלעסטינע?).

עס איז, נאַטירלעך, געווען נויטיג אויסצונוצן דעם מאָמענט פון אויפ־מערקזאַמקייט אויף אַזאַ אופן, אַז דער עולם זאָל ווערן נאָך מער פאַר־אינטערעסירט און אַז די געשפּאַנטקייט זאָל זיך ניט איבעררייסן אויף קיין איין מאָמענט. טאָ זאָל זיך צעוויקלען פאַר זיי דאָס בילד פון די ערשטע איינוואַנדערער, וואָס זיינען אַרויסגעשטיגן פון דער באַן אויף דעם פּיצל וואָקזאַלכל אין דער קליינער טיכאָנקאַיאַ; זאָלן זיי זען די ערשטע טריט פון די אידן אויף דער בירא־בידזשאַנער ערד — די זעלבע אידן, וועלכע זיינען ערשט נעכטען געווען מנחם מענדלס און שטעקל־דרייער; זאָלן זיי זיך אַריינטראַכטן אין דער געטרייער אַרבעט פון דער סאָוועטן־מלוכה, וועלכע האָט אָט די אידן געגעבן די ברייטסטע שטיצע, האָבנדיג צוטרוי, אַז באַ די געהעריגע גינסטיגע באַדינגונגען וועלן זיי ווערן פּראָדוקטיווע ערד־אַרבעטער און בויער פון אייגענע אינדוסטריען; זאָלן זיי זען די דערגרייכונגען פון די אידן אין בירא־בידזשאַן, וואו עס איז שוין דאָ אַ אידישע מלוכה.

דער עולם איז ניט אַרויס פון זאַל און האָט זיך זייער אויפמערקזאַם איינגעהערט, נאָר ווען איך בין געקומען צו דעם פּונקט וועגן דעם סאָוועטישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע און צו דעם אופן, ווי אַזוי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט די פראַגע געלייזט, איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ עפּעס אַ הויכער און זייער דאַרער פאַרשוין, און, דראָענדיג מיט אַ פינגער צו מיר, האָט ער זיך צעשריען:

— יונגערמאַן, איך קאָן מער ניט שווייגן! דאָס וועט אייך ניט אָפּגיין גלאַטיג! מיר פאַרשטייען וואוהין איר צילט!

— שטעלט אים אָפּ, דאָס איז שרעקלעך, דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע, איך בין אַ געהילף פון דיסטריקט אַטורני און איך פאָדער, אַז עס זאָל דאָ אָפּגעשטעלט ווערן די רויטע פּראָפּאַגאַנדע.

די ווערטער „איי עם ען אַסיסטענט דיסטריקט אַטורני" האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך פאַראורטייל דעם שולדיגן צום טויט!

צווישן עולם איז געוואָרן אַ גערודער; עס איז געווען שווער צו באַשטימען צי איז דער עולם אויף דער זייט פון דעם שטערער, אָדער אויף מיין זייט, נאָר לאַנג וואַרטן און טראַכטן האָט מען ניט געטאָרט. אַזאַ מאָמענט פאָדערט בליץ־שנעלע אָריענטאַציע. מעג דורכלויפן אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז אַזאַ קערל וועט אויספירן זיין סטראַשונעק און וועט באַלד טעלעפאָנירן צו דער סטייט־מיליץ און דאָס וועט מיינען אַרעסט און פאַר־הערן און פאַרלוסט פון ווערטפולער צייט; מעג דורכגיין אַ געדאַנק, אַז אפשר וועט דער אייגענטימער זיך דערשרעקן פאַר אַ מעגלעכן סקאַנ־דאַל און וועט פאָדערן אָפּשטעלן די לעקציע; מעג דורכלויפן אַ געדאַנק, אַז אפשר וועט דער עולם באַלד זיך אַ הויב־טאָן פון די פלעצער און אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם זאַל — מען מוז אָבער האַנדלען שנעל; מען מוז עפּעס טאָן און טאָן, ניט פאַרלירנדיג קיין מינוט. דאָס בעסטע וואָלט געווען אָנווענדן דעם גוט־באַקאַנטן מיטל — אַנשטאָט זיך צו פאַרענטפערן איז צו מאַכן אַן אָנפאַל — אַרויסשטעלן דעם פאַרשויין אין זיין געהעריגער ליכט, נאָר דאָ איז דאָך דאָ אַ געפאַר, אַז אַ פער־זענלעכע אַטאַקע אויף אים קאָן אַרויסרופן צאָרן באַ זיינע פריינט און זיינע נאָענטע — ווער ווייסט וויפיל ער האָט זיי דאָ — און דאָס וועט פירן צו אַ גאָר גרויסן טומל און די לעקציע וועט אַראָפּגעריסן ווערן. דערפאַר איז נויטיג גאָר אַן אַנדערע טאַקטיק. האָב איך זיך געווענדעט צו דעם עולם און געפרעגט:

— זאָל איך דערציילן ווייטער וועגן דעם לעבן פון די אידן אין ביראָ־בידזשאַן? האָט איר מורא אויסצוהערן דאָס, וואָס איך דערצייל? איז דאָס פּראָפּאַגאַנדע, אויב מען דערציילט ווי אַזוי אידן אַרבעטן אויף ערד, בויען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, בויען קולטור־אינסטיטור־ציעס און לערנען זיך ווי צו פירן אַן אייגענע מלוכה?

— איז דאָס פּראָפּאַגאַנדע? דאַרף אַ פרייער אַמעריקאַנער בירגער מורא האָבן דאָס צו זאָגן, אָדער דאָס אויסצוהערן? און ווער איז אַ בע־סערער אַמעריקאַנער — דער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דעם

לעבן פון זיינע ברידער אין אַ ווייטן ווינקל פון דער וועלט, און וועלכער איז גרייט זיי צו העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך — אויב אַפילו מיט בלויז שטודירן זייערע דערגרייכונגען — אָדער דער, וועלכער האָט מורא אַפילו צו הערן וועגן דעם, אַז אידן קאָנען אַזוי בויען און אַזוי שאַפן?

— זאָל איך ווייטער רעדן, אָדער איך זאָל זיך אָפּשטעלן?

— זעצט פאָר! זעצט פאָר! רעדט! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

פאַר מיר איז שוין קלאָר, אַז איך האָב געוואונען די שלאַכט. דער עולם איז געווען געגן דעם שטערער, נאָר יענער האָט דאָס ניט באַגריפן און האָט געוואָלט מאַכן נאָך אַ פאַרזוך איבערצורייסן די לעקציע. ווידער האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען פאָכען מיט די הענט און דראָען מיט דעם פינגער, נאָר איצט האָבן פון אַלע זייטן זיך געהערט אויסרופן:

— סיט דאון! שאַט אַפּ! סיט דאון!

— זעץ זיך אַוועק. נעם איין אַ שטומעניש! זעץ זיך אַוועק!)

עס איז געוואָרן אַ פאַרמעסט צווישן דעם עולם און אַט דעם לאַנגן דאַרן פאַרשוין — ווער וועט וועמען איבערשרייען. ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט זייער אַ גראָטעסקע פיגור. ער האָט אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ ריזיגער רויב־פויגל מיט צעפלאַטערטע פליגל, וואָס וויל זיך אַראָפּ־לאָזן אויף זיין קרבן.

אין דעם דורכגאַנג צווישן דעם עולם האָט זיך באַוויזן די פיגור פון דעם אייגענטימער, וועלכער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער פּלאַטפאָרמע. ער איז ניט אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָר איז געבליבן שטיין אין פראָנט פון איר און האָט זיך געווענדעט צו דעם עולם מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס איז געווען איינגעהאַלטענער צאָרן און אַ באַזונדערע פעסטקייט:

— איך מייד געווינלעך אויס וועלכע ניט איז שטרייט־פראַגן בײַ מיר אין האָטעל; איך דערלאָז קיינמאָל ניט, אַז פון דער פּלאַטפאָרמע דאָ זאָל גערעדט ווערן וועגן ענינים, וועלכע קאָנען אַרויסרופן בייז בלוט; שטערן אָבער אַ רעדנער, וועלכער דערציילט וועגן אַ נײַ קאַפּיטל אין דעם אידישן לעבן, — דאָס וועל איך ניט טאָלערירן. דער רעדנער וועט ווייטער רעדן און מעג דער אומצופרידענער זיין ווער ער איז, וועל איך אים אויפפאָדערן מער ניט צו שטערן.

דער גאַנצער עולם האָט אַפּלאָדירט. דער הויכער פאַרשוין האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון זיין פּלאַץ, און, דראָענדיג שוין ניט מיר, נאָר דעם אייגענטימער, איז ער אַרויס פון דעם זאַל.

מיר האָבן יענעם אָוונט געקראָגן אַזויפיל אונטערשריפטן, אַז אונזערע גרעסטע אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען וואָלטן זיך ניט געקאָנט געווען פאַרשטעלן אַזאַ צאָל.

קאַפּיטל 16.

צען סענט פאַר „בירא־בידזשו"

ווען מען זאָל זיך אָוועקזעצן און אבזיכטלעך וועלן איבערדרייען ווערטער, וואָלט מען קיין מאָל ניט געקאָנט צוטראַכטן אַזעלכע קאָמבינאַציעס, אויף וועלכע עס קומט זיך אויס אָנצושטויסן אין באַרירונג מיט מענטשן. אָפט צוליב איילעניש, אָפט צוליב אומבאַקענטשאַפט מיט אַ געוויס וואָרט, אָפט צוליב אַ פאַרגרייזטער אויסשפּראַך — ווערט דורך די, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מיין דערביי, אויסגעשמידט אַ ניי וואָרט, אַ נייער אויסדרוק, וואָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט קומען אויף דעם זינען. איר שטוינט אָפט ווי אַזוי אַזאַ אויסדרוק האָט געקאָנט געשאַפן ווערן, נאָר איר מוזט אויך אָפט זיך אַליין זאָגן, אז ווען עמיצער זאָל דאָס געוועזן אבזיכטלעך צוטראַכטן, וואָלט דאָס זיכער געווען אַ גאָר געלונגענער איינפאַל.

אַזאַ סאָרט איבערראַשונג האָט מיר אונטערגעטראָגן מיינער אַ באַזוך אין אַ באָסטאָנער קעמפּ אין אַ געוויסן זוניגן זונטאָג. געדאַרפט האָב איך דאָרט האַלטן אַ לעקציע ערשט פאַרנאַכט־צו און דאָ איז נאָך געווען אַ גאַנצער פרייער טאָג, וואָס איך האָב געקאָנט אויסנוצן ווי איך האָב געוואָלט. איז וואָס קאָן נאָך זיין בעסער און מער געוואונטשן, ספּעציעל, ווען אַזעלכע פרייע טעג זיינען אַזוי געציילט און ווען אָט דער טאָג איז אַזוי ליכטיג און וואַרים און זוניג און אָנגעפילט מיט אַזויפיל געשמאַקע ריחות אין אָט דעם קעמפּ באַ אַ טייך, — וואָס קאָן נאָך זיין אָנגעלייגטער. ווי פאַרקלייבן זיך ערגעץ אונטער אַ קוסט, אַראָפּציען פון זיך די מלבושים און לאָזן דעם ווינטל גלעטן די הויט און לאָזן די שטראַלן זי וואַרימען?

ליג איך אַזוי באַקוועם און לייען מיין צייטונג, ערשט עס הערט זיך אַ שווערער טראָט איבער טרוקענע בלעטער. דער טראָט דערנעענטערט

זיך אַלץ מער. דאָס גייט מען גלייך צו מיין באַהעלטעניש. ווי אַזוי האָט עס אַ מענטש גאַר אָפּגעזוכט דעם פּלאַץ? און אָט איז שוין דאָ צווישן די קוסטעס אַ קאָפּ פון אַ הויכן און זייער דאַרן מאַן. ער גיט עפּעס אַ מורמל, וואָס עס דאַרף הייסן אַ באַגריסונג, און אָן צערעמאָניעס טרעט ער גלייך צו צו דעם ענין, צוליב וועלכן ער בראָדזשעט אַרום צווישן די קוסטעס.

— וויל יו גיוו מי טען סענטס פאָר בירא־בידזשו? (וועט איר מיר געבן צען סענט פאַר בירא־בידזשו? דאָ האָט זיך דער נאָמען בירא־בידזשאַן פאַרוואַנדלט אין בירא־בידזשו, וואָס עס מיינט בירא־איד).

אין האַנט האַלט ער אַ זאַמל־בויגן, און איך דערקען גלייך, אַז דאָס איז אַ בויגן מיט באַגריסונגען צו אַ געוויסן יובילײ פון בירא בידזשאַן. דער בויגן איז מיר גוט באַקאַנט, ווייל איך האָב אים אַליין אויסגעאַרבעט און באַשטעלט ביים דרוקער. געפעלט מיר גלייך ווי אַזוי אָט דער נאַאיווער מענטש האָט דעם נאָמען בירא בידזשאַן פאַרענגלישט און אַריינגעגעבן אין אים אַ באַזונדער טייטש, פאַרוואַנדלענדיג אים אין „בירא־בידזשו", און איך באַשליס מיט אים פאַרפירן אַ געשפּרעך, כדי אויסצוגעפינען ווי אַזוי ער איז געקומען צו אַזאַ אויסטייטשונג. עס איז דאָך פאַר מיר קלאָר, אַז דער מענטש ווייסט ניט, אַז איך בין דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרויסגעשיקט אָט די זאַמל־ליסטן, און אַז ער ווייסט ניט, אַז איך וועל דאָ נאָך היינט האַלטן אַ לעקציע טאַקע וועגן אָט דעם, ווי ער רופט עס, „בירא־בידזשו." ווענד איך זיך צו אים זייער פריינדלעך און זאָג אים כמעט אין זעלבן טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— איף יו וואוד טעל מי וואָט איט איז, איי מאַיט גיוו יו טען סענטס. (אויב איר וואָלט מיר געזאָגט וואָס דאָס איז, וואָלט איך אייך אפשר געגעבן די צען סענט.)

נאָר מיין אומבאַקענטער האָט, ווייזט אויס, קיין סך געדולד ניט און זיין ענטפער איז זייער שנעל און איז האַלב אויף ענגליש און האַלב אויף אידיש אַזוי:

דאָנט עסק מי סאָ מעני קוועסטשאָנס; (שטעלט ניט אַזויפיל פראַגן). עס איז גוט פאַר אידן. גיט מיר צען סענט און דאַטס אָל.

— מיין ליבער פריינט, — זאָג איך אים — איך בין ניט געוואוינט צו געבן קיין געלט, סיידן איך ווייס אויף וועלכן צוועק דאָס גייט. דער־

קלערט מיר וואָס דאָס איז ביראָ־בידזשו, וועל איך וויסן ווי צו האַנדלען מיט אייך.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, — מאַכט ער מיט אַ קרומער מינע

— אַז איך וועל בעסער געבן מיינע אייגענע צען סענט, אַבי ניט האָבן צו־טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי איר!

— אָט אַזוי ענטפערט איר אויף אַ פּשוט'ער פראַגע? — ווענד איך זיך אַ דערשטוינטער.

— יאָ, אָט אַזוי ענטפער איך און דאַטס אָל, געפעלט אייך ניט?

גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, דרייט זיך אויס און פאַרשווינדט צווישן די קוסטעס.

די שטימונג, וואָס איז קאַליע געוואָרן אויף אַ מינוט צוליב אָט דער פּאַסירונג, איז אָבער שנעל פאַרשוואונדן. צו ליב און וואַרים איז געווען די זון; צו העל און בלוי איז געווען דער הימל; צופיל ווייַן איז געווען אין דער לופט; צו דערפרישנדיג איז געווען דאָס שווימען אין דעם ברייטן טייך נאָך דעם אָפּרו אין די קוסטעס; צו געשמאַק איז געווען דערנאָך דער מאָלצייט אין דעם האַלב־אָפענעם עס־צימער; צו פריינדלעך און פריילעך זיינען געווען אַלע „קעמפּערס" — צו גוט איז דאָ געווען אין אָט דעם זומער־טאָג, אַז איין ביטערער אינצידענט זאָל אויף לאַנג איבערלאָזן אַ רושם.

פאַרנאַכט־צו, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן ערגעץ ווייט אין וועלדל, אָנצינדנדיג אַ האַלבן הימל צונטער־רויט, האָט דער עולם זיך פאַרזאַמלט אויף אַן אָפן פעלד און איך האָב זיך געשטעלט אויף די טרעפּ פון דער „קאַסינאָ" צו האַלטן מיין לעקציע. בשעת דער פאַר־זיצער האָט דורכגעפירט די פאָרמאַליטעט פון פאָרשטעלן מיך און אין לויף פון מיינע ערשטע ווערטער האָב איך געהאַלטן אין איין זוכן דעם מענטשן, וואָס האָט מיך אויסגעזוכט אין די קוסטעס. ענדלעך האָב איך אים דערקענט צווישן די מענטשן, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע פּאָזעס געזעסן און געלעגן אויף דעם גראָז אין אַ גרויסן האַלבן קרייז, וואָס האָט זיך געשפּרייט ווייט ביז דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן. דער מאַן, ווען איך האָב ענדלעך געפונען צווישן די צוהערער, האָט זיכער אַפילו ניט געהאַט די קלענסטע אַנונג, אַז דער לעקטאָר איז דער זעלבער מענטש, ווען ער האָט אָן אַן אורזאַך אַזוי שלעכט אָפּגעענטפערט.

ווען עס איז שוין געווען פאַרענדיגט דער איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון ביראָ־בידזשאַן, די געשיכטע פון די ערשטע איינוואַנ־

דערער, דער סך הכל פון זייערע דערגרייכונגען, דער פאַרכאַפּנדיגער שנעלער וואוקס, די ברייטע שטיצע פון דער סאָוועטן־מלוכה, דעמאָלט איז געווען נאַטירלעך זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אופן פון דער ברידערלעכער הילף, וואָס קאָן און וואָס דאַרף קומען פון די אַמעריקאַנער אידן. עס איז שוין געווען צוגעגרייט דער באָדן צו צוּוויקלען דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיגקייט צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג וועגן ביראָ־בידזשאַן און אויך ווי דאָס קאָן און דאַרף געטאָן ווערן דורך זאַמלען באַגריסונגען צו אַן אָנקומענדיגן ביראָ־בידזשאַנער יום־טוב.

— און אַז עס קומט צו זאַמלען באַגריסונגען, איז נויטיג שטענדיג צו האַלטן אין געדאַנק — האָב איך דערקלערט — אַז ניט נאָר איז די געזאַמלטע סומע דאָ וויכטיג, נאָר אפשר נאָך וויכטיגער איז די אויפקלערונג, וואָס דאַרף גיין מיט דער ווענדונג פאַר אַ באַגריסונג. יעדער איינער, צו וועלכן מען ווענדעט זיך, קאָן געוואונען ווערן אַלס אַ געטרייער פריינט, אויב מען וועט אים געדולדיג אויפקלערן וועגן דער גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם אויפבוי פון אַ אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע.

און דאָ איז געקומען אַ דערקלערונג וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף ניט האַנדלען באַ דער זאַמלונג פון באַגריסונגען. מען דאַרף ניט זיין אומגעדולדיג; מען דאַרף ניט זיין צופיל פאַראינטערעסירט בלויז אין די עטלעכע סענט; מען דאַרף ניט אויסבעטלען באַ יענעם די באַגריסונג — עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע; עס האַנדלט זיך דאָרט וועגן ווידערגעבורט פון אונזער פאָלק, וואָס האָט טויזנטער יאָרן אַזויפיל געליטן.

— און אָט וועל איך אייך דערציילן וועגן אַ פאַל טאַקע דאָ הײַנט אין קעמפּ.

שוין באַם דערמאָנען די ווערטער „ביראָ־בידזשו”, האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער, נאָר ווען עס איז געקומען צו דעם פּסוק: „איך וועל בעסער געבן מיינע אייגענע צען סענט, אָבי ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי איר”, איז שוין ניט מעגלעך געווען ווייטער אַרויסצורעדן אַ וואָרט. דער אָפּרוף איז געווען אַ ספּאָנטאַנער — ווי עס וואָלט אויסגעשאָסן אַ קאַנאָן.

דער עולם האָט זיך געקייקלט אויף דער ערד פון געלעכטער; מען האָט זיך געהאַלטן באַ די זייטן; קיינער האָט, נאַטירלעך, ניט געוואוסט ווער עס איז געווען דער אומטאַקטישער זאַמלער, נאָר זיין געפליגלט

וואָרט איז אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל: „בירא־בידזשו! בירא־בידזשו! בירא־בידזשו! אַבי ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי איר!"

קוים, קוים האָט זיך מיר איינגעגעבן אַביסל באַרואיגן דעם עולם און פאַרענדיגן מיין פאַרטראַג.

באַם סאַפּער איז געווען גאָר פריילעך, ווייל עס האָט נאָך אַלץ געהערשט די שטימונג, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אין פאַרבינדונג מיט דעם אינצידענט, וואָס איך האָב איבערגעגעבן. און שוין שפּעט אין אָוונט האָט מען נאָך געקאָנט הערן דאָ און דאָרט צווישן פריילעכע, לאַכנדיגע גרופּן, וואָס זיינען געזעסן, אָדער האָבן שפּאַצירט אין פאַר־שיידענע טיילן פון קעמפּ:

— וויל יו גיוו מי טען סענט פאַר „בירא־בידזשו?"

— איך וועל בעסער געבן מיינע אייגענע צען סענט, אַבי ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי איר!

נאָך יעדער אַזאַ פראַזע האָט הילכיג געלעכטער פאַרגאָסן דעם קעמפּ.

קאַפּיטל 17.

מיין ערשטע רעדע אויף דער ראַדיאָ

האָט זיך געמאַכט, אַז מיין ערשטע רעדע אויף דער ראַדיאָ זאָל זיין אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. איך בין פריער קיינמאָל אין אָט דער וויטער שטאָט ניט געווען. זי ליגט אויסער דעם וועג, וואָס איז אויסגעטראָטן פאַר לעקטאָרן פון ניו יאָרק, וועלכע קומען אין די וויטע מערב־געגנטן. מען פאָרט קיין לאָס אַנדזשעלעס; מען פאָרט שוין אויך צו קיין סאַן פראַנציסקא; מען שטאָט אַפילו אָפּ אַ וויזיט אין דעם קליינעם שטעטל פעטאַלומא, וואָס טראָגט מיט רעכט דעם נאָמען פון דעם אייער־קויש פון אַמעריקע, און מען באַוואונדערט שוין אין איין וועג די גרויסע צאָל פון די דאָרטיגע טיכטיגע און דערפאָלגרייכע אידישע עופות־ציכטלער; מען קומט קיין אוקלאַנד, וואָס איז מיט סאַן פראַנציסקאָ ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער; אַפילו קיין סאַן דיעגאָ, אין סאַמע דרום פון דעם קאַליפאָרניער שטאַט פאָרט מען אויך צו, נאָר קיין פּאָרטלאַנד פאָרט מען זייער זעלטן.

בין איך אויך אויף אַ צאָל באַזוכן אין דעם וויטן מערב געווען באַ די ברעגן פון פּאַסיפיק אין דעם גאָלדענעם שטאַט, נאָר צו דער „שטאָט פון רויזן", ווי די פּאָרטלענדער רופן מיט שטאָלץ אָן זייער שטאָט, — אַהין בין איך קיינמאָל פריער ניט געפאָרן. אויף איין רייזע איז אָבער איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם מאַרשרוט אי פּאָרטלאַנד, אָרעגאַן; אי סיאַטל, וואַשינגטאָן. פאָרן אין אַ נייעם פלאַץ איז פאַר מיר אַלע מאָל פאַרבונדן מיט גרויסן נייגיר. וואָס וועט דאָרט אויסקומען צו זען? מיט וואָס טיילט זיך דער נייער פלאַץ אויס פון דעם, וואָס עס איז שוין אויסגעקומען צו זען אין אַנדערע שטעט? וועלכע אינטערעסאַנטע מענטשן

וועט דאָרט אויסקומען אָנצוטרעפן? וואָס איז דאָרט ספּעציפיש אינטערע־סאַנט אין דער לאָקאַלער געזעלשאַפטלעכקייט?

וועגן אַלץ אין דער וועלט האָב איך געטראַכט, פּרובירנדיק צו טרעפן וואָס עס וועט אויסקומען צו באַגעגענען אין פּאָרטלאַנד, נאָר אַז דאָרט וועט מיר אויסקומען צום ערשטן מאָל צו רעדן אויף דער ראַדיאָ — וועגן דעם האָב איך אַפילו ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן. און דאָס ערשטע, וואָס עס האָבן מיר געזאָגט די פריינדלעכע מענטשן, וועלכע זיינען געקו־מען מיך באַגעגענען בא דער באַן, איז געווען די דערקלערונג אין זייער אַ זאַכלעכן טאָן:

— היינט אין אָוונט רעדט איר אין דעם גרויסן טעמפּל. דער ראַבאַי האָט אייך אָפּגעגעבן די צייט, וואָס איז באַשטימט פאַר זיין געוויינלעכער פרייטאָגדיגער דרשה. ער איז זייער פאַראינטערעסירט אין דעם אופן, ווי די אידישע פראַגע איז געלייזט געוואָרן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איר וועט האָבן אַרום אַ שעה צייט פאַר אייער לעקציע. מאָרגן עלף אין דער פרי וועט איר רעדן אויף דער ראַדיאָ. איר האָט אַ פערטל שעה צייט. זונטאָג רעדט איר פאַר דער יוגנט אין ענגליש אין קאָמיוניטי סענטער; אין אָוונט איז אייער לעקציע אויף אידיש אין זאַל פון דער גרויסער שול; מאָנטאָג איז אַ באַראַטונג מיט אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע טוער און דינסטאָג איז אַ באַנקעט.

— מער גאָר ניט? — האָב איך געפרעגט.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, די קלוגע טוער, וואָס איך האָב געמיינט, און זיי האָבן זיך ניט גענומען פאַרענטפערן פאַר איינאָרדענען אַזאַ פּראָגראַם, וואָס וועט מיך האַלטן באַשעפטיגט יעדן טאָג. אין זעלבן טאָן האָבן זיי מיר געענטפערט:

— זאָרגט ניט, אַז איר וועט קומען אַהער אַ צווייטן מאָל, וועלן מיר דאָס פאַרבעסערן און אייך אָנלאָדן נאָך מער.

איז גיי זיי ברוגז אויף אַזעלכע געטרייע טוער, וועלכע ווילן אויס־נוצן דעם גאַסט אויף צו דערגרייכן דעם מאַקסימום רעזולטאַטן.

— מיר וועלן אייך אין פּאָרטלאַנד גוט אָפּהיטן און זען, אַז איר זאָלט האָבן כוח דאָס אַלץ דורכצופירן, — האָבן די שמייכלענדיגע אומ־באַקענטע פאַרזיכערט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר זיינען געוואָרן אויס אומ־באַקענטע. זיי זיינען מיר אַלע זייער געפעלן און איך האָב זיך דערפילט ווי איך וואָלט שוין געווען צווישן זיי אַ לאַנגע צייט.

— דער גאַסט פון די לעקציעס וועט שוין העלפן און אַלץ וועט מוזן זיין אין דער בעסטער אָרדענונג — האָב איך זיי באַרואיגט.

מען האָט געזען, אַז זיי איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווייל זיי האָבן, ווי עס ווייזט אויס, זיך טאַקע אַ ביסל געשראָקן אפשר וועט דער גאַסט זיי דערקלערן, — און נאָך מיט רוגזא — אַז זיי האָבן אים אַ ביסל איבערגעלאָדן.

פיר זיינען זיי געווען. דריי זיינען אַוועק צוריק צו זייער באַשעפ־טיגונג און איינער איז געבליבן מיט מיר „צו ווייזן מיר די שטאָט". איך האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז אים איז ניט אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען מיר ווייזן די שטאָט, ווי ער האָט געוואָלט פאַר מיר אויסרעדן זיין האַרץ. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן זיין געשיכטע באַלד ווי די אַנדערע דריי זיינען אַוועק.

— ווי איר קוקט מיך אָן, וואָלט איר מסתמא קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז איר פאָרט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן, נאָר וויסן דאַרפט איר, אַז איר פאָרט מיט אַ געוועזענעם מיליאָנער. נעמט עס ניט אַלס אַ שפּאַס און באַשטימט ניט, אַז דאָס רעדט צו אייך עפּעס אַ נודניק. איך האָב געהאַט אַ מיליאָן דאָלאַר און פונקט ווי ער איז צו מיר לייכט געקו־מען, אַזוי איז ער פון מיר לייכט אַוועק.

— יאָ, די מעשה איז אַ קורצע. איך האָב געהאַט געאַרבעט אין אַ גראָסערי און גוט פאַרדינט, נאָר די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און די שטונדן זיינען געווען לאַנגע. איך האָב באַ זיך באַשלאָסן, אַז איך וועל ניט אַרבעטן פאַר יענעם און אַז איך וועל עפענען פאַר זיך אַליין אַ געשעפט. דער קער אין מיין לעבן איז געקומען ווען איך האָב געהייראַט. מיין פרוי איז געווען זייער צופרידן פון דעם געדאַנק, אַז איך זאָל עפענען אַן אייגענע קראָם, כאָטש זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק אַליין אויך דאָרט צו אַרבעטן. אפשר איז זי טאַקע געווען די, וואָס האָט גורם געווען, אַז איך זאָל ווערן אַ גביר, און אפשר איז דאָס ניט געווען אין איר זכות, נאָר זיכער האָט זי געפירט צו דעם, אַז איך זאָל אַלץ פאַרלירן. נאָר איך האָב איר קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פאָרוואורף. זי איז באַ מיר טייערער פון אַ מיליאָן דאָלאַר. האָב איך ניט קיין געלט, נאָר אַ לעבן מאָג איך; אַ טייערע טאָכטער האָב איך און ... אָט שטייט זי, מיין ווייבל, און וואַרט אויף מיר.

באַ דעם אַריינגאַנג צו אַ גרויסער קראָם איז געשטאַנען זייער אַ שיינע פרוי, אָנגעטאָן זייער נעט, ניין, טאַקע גאָר מיט גרויסן גלאַנץ. מען

װאָלט בשום אופן ניט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס איז די פרוי פון אַן אַרבעטער, װײַל איר אויסשטאַטונג האָט אויסגעקוקט צו זײַן זײער קאָסטבאַר. װי איך האָב אָבער שפּעטער אויסגעפונען, איז דאָס איר ספּעציאַליטעט צוצו־טראַכטן עלעגאַנטע קלײדער פאַר פּרויען, װאָס קאָנען קײן צו הויכן פּרײַז ניט צאָלן. זי פאַרנעמט אַ װיכטיגע שטעלע טאַקע אין דער קראָם, לעבן װעלכער מיר האָבן זיך באַגעגנט.

— דאָ באַגעגענען מיר זיך יעדן אָװנט און מיר פאָרן צוזאַמען אַהײם, — האָט דער, װעלכער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ געװעזענעם מיליאָנער, מיר געזאָגט.

די פרוי האָט אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט און מיט אַ סך חן געזאָגט:

— דו מײנסט, אַז אַנדערע גײט אָן װען דו און דײַן װײַבל באַ־געגענען זיך?

ער האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט װי אַ אינגל און האָט געענטפערט:

— איך װײס װעמען צו דערצײלן און װער עס װעט פאַרשטײן.

— דערצײלט בעסער װי איז געװען אײַער רײזע. זײַט איר ניט פאַרמאַטערט? מסתמא זײַט איר זײער הונגעריק. עס װעט לאַנג ניט נעמען און מיר װעלן עסן; איך דאַרף נאָר קריגן אין גראָסערי אַ פּאָר קלײניגקײטן. באַ מיר איז שוין אַלץ צוגעגרײט.

— פאָרן מיר צו אײַך איצט? — האָב איך איבערגעפרעגט, װײַל פריער האָט מײַן באַרעדעװודיגער באַגלײטער מיר געזאָגט, אַז מיר פאָרן פריער אין אַ האָטעל.

— מיר װעלן צופאָרן צום הויז, — האָט די פרוי מי רדערקלערט.

— װי איך זע, בין איך אין זיכערע הענט און איך קאָן שוין אַלץ איבערלאָזן צו אײַך.

— פאַרלאָזט זיך אויף אונז, — האָט דער מאַן אַרײַנגעװאָרפן אַ װאָרט — איך מײן אויף מײַן בעסי׳ן. בײַ איר איז אַלץ לויט אַ פּראָגראַם.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קלײן נעט שטיבל צװישן בלומען. די פרוי איז אויסגעשטיגן און מיר זײַנען געפאָרן װײַטער.

איך האָב זיך געװאונדערט װאָס אין דער אַנװעזנהײט פון זײַן פרוי האָט מײַן נײַער באַקענטער מער קײן װאָרט ניט דערמאָנט װעגן זײַן מיליאָן, נאָר װען ער האָט פאַרגעזעצט זײַן געשיכטע אַזוי שנעל, װי די פרוי איז אַװעק, איז פאַר מיר קלאָר געװאָרן די אורזאַך.

— איך האָב געאַרבעט אין מיין ניי־געעפנטער קראָם ווי אַ טייוול. צי איך האָב געוואָלט ווייזן מיין בעסי'ן, אַז איך וועל זיין אַ דערפאָלג, צי איך האָב געוואָלט גוט פאַרדינען אויף צו קאָנען פאַר איר באַזאָרגן דאָס שענסטע, צי עס איז געווען אַ ביסל איר מזל, ווי די זאַך זאָל ניט זיין — עס איז מיר אַוועק גוט. טראָגט דער טייוול אַן אַ ריעל עסטייט אַגענט, וואָס רעדט מיך צו צו דינגען אַ קראָם, וואָס האָט זיך נאָר וואָס גע־האָט אָפּגעליידיגט איין בלאָק פון מיר. פאָלג איך אים און עפן נאָך אַ קראָם. דאָרט האָב איך אַריינגעשטעלט מיינעם אַ פּלימעניק, ווּעמען איך האָב געטרויט ווי זיך אַליין. און עס איז אַוועק גוט. האָט זיך שוין באַ מיר צעברענט דער אַפּעטיט און איך האָב געעפנט נאָך אַ קראָם. צו מאַכן די זאַך קורץ — איך האָב אין פינף יאָר אַרום געהאַט אַ גאַנצע נעץ קראָמען. איך האָב געקאָנט אַריינגיין אין מיין באַנק און קריגן איינס און צוויי קרעדיט אויף פופציג טויזנט דאָלאַר און אפילו אויף הונדערט טויזנט דאָ־לאַר אויך. האָלסעילערס האָבן זיך געבעטן צו נעמען באַ זיי סחורה. די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט. די מענעדזשערס, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, זיינען אַלע געווען געטריי און ערלעך. איך פלעג אַמאָל בעטן באַ בעסין זי זאָל אַריינקומען און אַ קוק־טאָן דאָ און דאָרט, נאָר זי האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן. איצט איז זי געוואָרן פּראַקטיש און אַר־בעט און פאַרדינט און היט אָפּ אַ דאָלאַר, נאָר דעמאָלט איז באַ איר געלט געווען אַזוי ווי בלאָטע. פּלוצלונג האָט זי זיך גאָר אָנגעזעצט אויף מיר, מיר זאָלן פאָרן קיין איראָפּע. זיינען מיר געפאָרן. און ווען מיר זיינען געקומען צוריק, איז שוין אַלץ געווען באַגראָבן. די קראָמען זיינען געווען פאַרשולדיגט. ערגער פון אַלע איז געווען אין דער קראָם, וואו מיין פּלימעניק איז געשטאַנען. הכלל, עס איז געוואָרן אויס מיליאָן. מען האָט אויפגעהערט צו געבן קרעדיט; איך האָב געמוזט צומאַכן איין קראָם נאָך דער צווייטער, און, צולעצט, בין איך געבליבן אָן ברויט. קיינער האָט מיך אַפילו ניט געוואָלט אַריינעמען אין קראָם אַלס אַרבע־טער, ווייל מען האָט מיר ניט געגלויבט, אַז איך וויל טאַקע אַרבעטן. מען האָט פאַרדעכטיגט, אַז דאָס וויל איך אויסגעפינען וועגן אַלע קונדן פון דער באַטרעפנדיגער קראָם און דערנאָך וועל איך די קראָם אויסקאָנקו־רירן.

— בעסי איז אַוועק אַרבעטן; מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך אויך געקראָגן אַרבעט אין אַ האָלסעיל פון פלייש. איך אַרבעט דאָרט ביז

איצט. איז, ווי איר זעט, איז דאָס ניט קיין שפּאַס — איר פאַרט טאַקע מיט איינעם, וועלכער האָט מיט אַן אמת אַמאָל געהאַט אַ מיליאָן.

די מעשה איז טאַקע געווען זייער אינטערעסאַנט, נאָר מיין געדאַנק איז געווען מער פאַרנומען מיט גאָר אַן אַנדערן ענין: מאָרגן דאַרף איך רעדן אויף דער ראַדיאָ. ווי אַזוי רעכנט מען אויס גענוי ווי גרויס עס זאָל זיין די צוגעגרייטע רעדע, אַז עס זאָל ניט דויערן מער פון דער באַשטימטער צייט און עס זאָל ניט אויסקומען צו ענדיגן איידער די צייט איז אַריבער?

און ווי באַשטימט מען ווי צו רעדן, אַז עס זאָל ניט זיין צו הויך און ניט צו שטיל? מען דאַרף דעם ענין גוט דורכטראַכטן, זאָג איך צו זיך אַליין, נאָר גיי טראַכט, אַז מיין באַגלייטער האַלט אין איין רעדן. אָט קומען מיר אין האָטעל; פון דאָרט פאָרן מיר צו אים אין הויז עסן; באַלד פון דאָרט דאַרף איך גיין אין טעמפּל האַלטן אַ רעדע; דערנאָך וועט מען גיין טרינקען קאַווע אין אַ רעסטאָראַן; פון וועג זיך אויסרוען דאַרף מען אויך, און מאָרגן 11 אין דער פרי דאַרף איך שוין רעדן אויף דער ראַדיאָ!

ווער האָט אויסגעטראַכט ראַדיאָס?!

באַמערקט מיין באַגלייטער מיין צושטאַנד און ער זאָגט:

— איך האָב אייך שוין גענוג אַנגעדולט דעם קאָפּ. מסתמא קריכט אייך מיין געשיכטע גאָר ניט אין קאָפּ אַריין. עס האָט זיך אָבער געוואָלט אויסרעדן דאָס האַרץ.

אין האָטעל פאַרבלייבן מיר ניט לאַנג, ווייל ווי נאָר מיר זיינען אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואָס איך האָב געקראָגן, האָט שוין געקלונגען דער טעלעפאָן און מיין באַגלייטער׳ס ווייבל האָט שוין דערמאָנט, אַז עס איז ניטאָ קיין סך צייט, ווייל מען מוז זיין אין טעמפּל צו דער מינוט און מען מוז נאָך פריער אָפּעסן.

דער מאָלצייט איז געווען זייער געשמאַקפול צוגעגרייט. מיין באַגלייטער׳ס וואוינונג איז געווען — הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. עס האָט געגליכטן אין יעדן ווינקעלע. עס איז אַלץ געווען ניט נאָר זויבער, נאָר אַלץ איז געווען אויסערגעוויינלעך געשמאַקפול. עס האָט זיך געפילט די האַנט אי פון אַ גוטער באַלעבאָסטע, אי פון אַ מענטשן מיט אַ גרויסן קינסטלערישן חוש. די בעסי איז געווען ניט נאָר אַ בריה אויף קליידלעך, נאָר זי וואָלט וואַרשיינלעך אויך געווען דערפאָלגרייך אַלס אַ ספּעציאַליסטקע אין דעקאָרירן וואוינונגען. זי

וואָלט מסתמא אַריינגעטראָגן איר טאַלאַנט אין אַלץ, צו וואָס זי וואָלט זיך נאָר גענומען.

מיר זיינען געקומען אין טעמפּל. דער ראַבאַי איז געווען אַ גאָר יונגער בחור און ער האָט באַ זיך אין אָפּיס אויסגעזען ניט ווי קיין ראַבאַי, גאָר ווי אַ יונגער סטודענט. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר מינוט אין אַ געשפּרעך וועגן די אידן אין ביראָ־בידזשאַן. לויט די פראַגן, וואָס דער ראַבאַי האָט מיר געשטעלט, איז געווען קענטיג, אַז ער פאָלגט נאָך אַנטוויקלונגען אין דעם לעבן פון די סאָוועטישע אידן. ער האָט באַדויערט וואָס די צייט דערלויבט ניט קיין לענגערן געשפּרעך און האָט דערקלערט, אַז מיר דאַרפן שוין גיין צו דעם גאָטעס־דינסט אין טעמפּל. ער האָט אויפגעהויבן פון זיין טיש אַ סידור׳ל און האָט עס מיר געגעבן אין האַנט. איך האָב אים ניט געוואָלט פאַרשעמען און דאָס גענומען, נאָר אַזוי ווי איך האָב זיך ניט געקליבן צו באַנוצן מיט דעם, האָב איך אויף דעם וועג ערגעץ אין אַ קאָרידאָר צווישן דעם ראַבאַי׳ס אָפּיס און דעם אינערלעכן טעמפּל אַוועקגעלייגט דאָס סידור׳ל אויף אַ טיש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. דער ראַבאַי איז באַשטאַנען, אַז איך זאָל זיך זעצן מיט אים אויף דעם באַלעמער לעבן דעם ארון קודש. און פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז איך האָב ניט דאָס סידור׳ל באַ זיך אין האַנט. ער איז אויף שנעל צוגעקומען און מיר צוגעטראָגן אַן אַנדער סידור׳ל. אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין דער אַנוועזנהייט פון דעם גאַנצן עולם, האָב איך ווידער ניט געקאָנט אָפּזאָגן דעם ראַבאַי און גענומען דאָס סידור׳ל באַ אים פון דער האַנט און דאָס אַוועקגעלייגט לעבן זיך אויף דעם טיש. די גאַנצע צייט וואָס דער ראַבאַי האָט אָנגעפירט זיין צערעמאָניע, האָט ער אויף מיר געוואָרפן בליקן און ממש מיר געגעבן צו פילן, אַז ער וואונדערט זיך פאַרוואָס איך באַנוץ זיך ניט מיט דעם סידור׳ל.

זיינע בליקן זיינען מיר ווייניג וואָס אָנגעגאַנגען, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז דער עולם וועט ניט דערוואַרטן, אַז צוליב דעם, וואָס איינער וויל צו זיי רעדן אויף אַ וויכטיגער טעמע, מוז ער שוין אויך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער האַנדלט פונקט ווי זיי אין זאַכן, צו וועלכע ער האָט אַן אַנדער צוגאַנג.

עס איז געקומען די צייט מיך פאָרצושטעלן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אין דעם טאָן פון דעם ראַבאַי אונטערגעכאַפּט עפּעס אַ קלאַנג פון דער ניט־דערזאָגטער אומצופרידנהייט מיט מיר, נאָר איך האָב צו דעם קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. מיר איז געווען

וויכטיג קלאָר אַרויסצוברענגען אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן אָט דעם עולם — אַן עולם פון אַ סאָרט, צו וועלכן עס קומט זעלטן אויס צו רעדן וועגן סאָוועטישע אידן און וועגן דער סאָוועטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

זיכער זיינען אָט די מענטשן פאַר׳סמ׳ט פון אַ סך פאָראורטיילן געגן דעם אַרבעטער־לאַנד; זיכער באַטראַכטן זיי יעדן איינעם, וואָס האָט אַ גוט וואָרט פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר שיעור ניט אַ מאָסקווער אַגענט, נאָר אויב זיי האָבן שוין צוגעשטימט יאָ צו הערן אַזאַ רעדנער, איז מוז מען זיי פּרובירן אויפקלערן אַזוי, אַז זיי זאָלן עפענען די אויגן.

די פראַגן, וואָס זיינען געקומען נאָך דער לעקציע, האָבן מיך איבערצייגט, אַז די אַרבעט איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. איך בין געווען גאָר צופרידן פון דער זעלטענער געלעגנהייט, וואָס איך האָב געקראָגן צו רעדן צו אָט די אידן אין אַ טעמפּל.

נאָך דער לעקציע האָב איך באַדאַנקט דעם ראַבאַי. ער איז נאָך אַלץ געווען אָנגעבלאָזן, נאָר, זעענדיג ווי זיינע אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים דריקן מיר די האַנט, האָט ער אויך צו מיר צוגעשמייכלט און האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט מיט אַ האַלבן מויל.

איך האָב באַדאַנקט די טוער, מיט וועלכע מיר זיינען געגאַנגען טרינקען טיי, און איך האָב זיי געזאָגט אין אַ שפּאַס:

— פאַר דער געלעגנהייט וואָס איר האָט געשאַפן, אַז איך זאָל קאָנען רעדן אין טעמפּל, קומט אייך אַ מעדאַל, נאָר ווער האָט אויסגע־טראַכט די רעדע אויף דער ראַדיאָ? ווער דאַרף אַ רעדע אויף דער ראַדיאָ? ווער וועט זיך צוהערן צו אַ רעדע וועגן אידן? פאַר אָט דער רעדע האָב איך מורא.

זיי זיינען געווען זיכער, אַז איך מיין דאָס ניט און אַז איך שפּאַס בלויז. ווי דערשטוינט וואָלטן זיי מסתמא געוואָרן ווען זיי וויסן, אַז איך מיין דאָס טאַקע מיט דעם גאַנצן האַרצן און אַז איך בין טאַקע באַ־אומרואיגט וועגן דער רעדע אויף דער ראַדיאָ.

ענדלעך בין איך אַליין באַ זיך אין צימער. עס איז שוין צוויי באַנאַכט. אפשר אָפּלייגן אַלץ ביז אין דער פרי? דעמאָלט וועל איך אָנשרייבן די רעדע און פּרובירן זי איבערלייענען און זען וויפיל צייט עס דויערט. מען דאַרף דאָך רוען. אין באַן געשלאָפן אַזוי ווייניג, ווייל ווי נאָר די זון האָט אַ שיין־געטאָן און עס האָבן פאַר די פענסטער פון שלאָף־וואַגאָן זיך אַ טראָג־געטאָן די גיגאַנטישע אָרעגאָנער סאָסנעס, איז

שוין ניט געווען מעגלעך איינצושלאָפן. עס האָט זיך געוואָלט שלינגען און שלינגען מער פון אָט דער שיינקייט. די וועלדער זיינען געלאָפן באַרג אַרויף, און אָט זיינען די בערג פאַרשוואונדן און עס האָבן זיך באַוויזן טיפע טאָלן מיט די זעלבע געדיכטע וועלדער פון ריזיגע סאָסנעס, וואָס האָבן געהויבן זייערע שטאַמען צו דער זון. ווי האָט מען געקאָנט זיך דערלויבן צו פאַרשלאָפן אַזעלכע פּאַנאָראַמעס?

ליג ניט אָפּ! — זאָגט אונטער אַ שטימע — גיב זיך ניט אונטער צו פוילקייט. די וויכטיגקייט פון דיין אויפגאַבע קומט פריער פון אַלץ.

זעץ איך זיך שוין צום טיש און שרייב און שרייב. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין צופיל מאַטעריאַל. נאָר ווען איך נעם דאָס לייענען, ווייזט מיין זייגער, אַז עס האָט געדויערט בלויז 12 מינוט. און אפשר האָב איך געלייענט צו שנעל? לייען איך נאָך אַמאָל און צייל די ווערטער. איצט דויערט שוין די רעדע 16 מינוט. פאַרוואָס אָבער לייענען געציילטע ווערטער? דאָס טויג ניט. שרייב איך איבער, שרייב צו און מעק אויס און שרייב ווידער צו. ענדלעך לייען איך אין אַ געוויינ־לעכן, ניט צו שנעלן און ניט צו לאַנגזאַמען טעמפּאָ, און עס באַקומט זיך נאָענט צו 15 מינוט.

האָב איך שוין די רעדע, נאָר דאָס האַרץ איז נאָך אַלץ ניט באַרו־איגט. ווי שטעלט מען זיך אַוועק אין אַ ליידיגן צימער און מען רעדט צו די ווענט? און וואָס אויב מיין שטימע וועט ניט קלינגען אין דעם מיקראָפאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין? און וואָס אויב עס וועט זיך פּלוצ־לונג פאַרוועלן אויסהוסטן?

איך בין שוין יענע נאַכט רואיג ניט געשלאָפן. קוים דערצויגן ביז אין דער פרי. עס איז געקומען מיין נעכטיגער באַריידעוודיגער באַגלייטער און מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן פרישטיק. ער האָט געזען, אַז איך בין אומרואיג און האָט פאַקטיש קיין סך ניט גערעדט. ווען מיר זיינען אַריין אין דער ראַדיאָ־סטאַנציע און איך האָב דערזען די פאַרשיידענע צימערלעך, וואו מען איז געזעסן און געשטאַנען לעבן מיקראָפאָנען, ווען איך האָב זיך גענומען צוקוקן ווי מען אָרדענט איין, אַז בשעת איינער רעדט אויף דער ראַדיאָ אין איין צימערל, וואַרט שוין אַ צווייטער אין אַ צווייט צימערל אָנצוהויבן אַזוי שנעל ווי דער פריער־דיגער ענדיגט; ווען איך האָב זיך גענומען צוקוקן צו די סיגנאַלן, וואָס די מענטשן באַ די אַפּאַראַטן גיבן איינער דעם צווייטן, און ווי אַלץ גייט צו שנעל, פּינקטלעך און אָן גערויש — בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון

אָט דער אַטמאָספּערע און מיין שרעק איז פאַרשוואונדן. איך האָב שוין געפילט, אַז איך וועל מיין אויפגאַבע קאָנען דורכפירן אָן נערוועזיטעט.

אָט שטיי איך שוין בײַ אַ מיקראָפאָן און וואַרט. פון אונטער אַ גלעזערן ווענטל גיט אַ בחור מיר אַ צייכן אָנצוהויבן, און איך האַלט מיין רעדע. און מאָדנע: איך פיל ווי דאָ וואָלטן געזעסן אַ סך מענטשן. איך רעד צו זיי דירעקט און פּרוביר זיין איבערצייגנדיג. איך רעד צו זיי ווי דאָ וואָלט געווען אַ קלאַס; איך פּרוביר אויפקלערן אַלץ, אַז בײַ קיינעם זאָל קיין ספק ניט בלייבן.

אָפּגערעדט, דערפיל איך זיך גאָר גוט. עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

— זייער גוט אַרויסגעקומען, — זאָגט מיר מיין באַגלייטער, וועלכער האָט אין אַ צווייט צימערל זיך איינגעהערט צו דער רעדע. מיר איז אָבער ניט געווען גענוג זיין מיינונג. איך האָב געוואָלט הערן פון אַנדערע און וויסן צי האָט מען מיך געהערט און ווי האָט עס געקלונגען. אַלע האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן גוט געהערט און אַז עס האָט געקלונגען גוט.

און כאָטש איך בין שוין געווען איינגאַנצן באַרואיגט, האָב איך נאָך אַלץ ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם געדאַנק, וואָס האָט אַלע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: האָט מען טאַקע געהערט גוט? האָט טאַקע די שטימע געקלונגען נאַטירלעך? האָט די רעדע טאַקע געמאַכט אַן איינדרוק? האָט מיין רעדן ניט געקלונגען אָנגעצויגן?

שפּעטער איז אויסגעקומען צו רעדן אויף דער ראַדיאָ אין אַ סך אַנדערע שטעט. עס איז פאַרשוואונדן די מורא און דאָס איבערטראַכטן, נאָר אַלע מאָל, ווען עס שווימט אַרויף אין זכרון יענער פרימאָרגן און יענע ערשטע רעדע, לויפט דורך דער זעלבער געדאַנק: ווי אַזוי האָט עס געקלונגען? אָט שטיי איך אין דעם ליידיגן צימערל און רעד אַריין אין דעם מיקראָפאָן. איז דאָס ניט לעכערלעך צו שטיין און רעדן אין דער פּוסטקייט אַריין? איז דען מעגלעך, אַז איך האָב דעמאָלט גערעדט נאַטירלעך? האָט דאָס רעדן טאַקע געמאַכט אַן איינדרוק? איז די גאַנצע זאַך ניט אַרויסגעקומען אָנגעצויגן?

קאפיטל 18.

הינטער טירן און פענסטער, דורכגעלעכערטע פון קוילן

געווען זיינען אַלערליי צייטן אין דעם קאַמף געגן רעאַקציע, געגן פאַשיזם, פאַר פריינדשאַפט צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַ פאַר־שטענדיגונג וועגן זיין לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. עס איז אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט אַרויסטרעטונגען פון שונאים — אַמאָל ביטערע אַרויסטרעטונגען, באַגלייט מיט ברייזוויליגע ליגנס און מיט אַלערליי וואַנזיניגע אויסטראַכטענישן, — נאָר אייניגע אַרויסטרעטונגען פון די שונאים זיינען דערגאַנגען ביז פשוט׳ע מאָרד־העצעס און ביז פאָגראָם־פּראַקטיק.

אין לויף פון איינער אַ קאַמפּאַניע, געריכטעט געגן אונז, בין איך אָנגעקומען קיין דעטרויט, וואָס איז געווען איינער פון די פּונקטן אויף אַ רייזע איבער דעם גאַנצן לאַנד. באַ מיין ערשטער באַגעגעניש מיט די נאָענטע פריינט איז שוין פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָ איז די לאַגע ערגער, ווי אין אַלע שטעט, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהאַט באַזוכט.

— מיר וועלן מסתמא ניט קאָנען דורכפירן די לעקציע — האָבן מיר אייניגע דערקלערט מיט אַ דערדריקטן געמיט.

— עס איז אפשר בעסער ניט צו האַלטן די לעקציע, ווייל ווער ווייסט אויף וואָס די צעווילדעוועטע שונאים זיינען פעאיג. אָט האָבן זיי נעכטן געשאָסן דורך די פענסטער און די טירן פון אונזער אַרבעטער־קלוב — האָבן מיר אַנדערע געזאָגט.

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז מענטשן וועלן דערגיין צו אַזאַ משוגעת? — האָבן אַנדערע גערעדט, פאַרברעכנדיק די הענט.

— איך וועל האַלטן די לעקציע — האָב איך קאַטעגאָריש דער־קלערט דער גרופּע, וואָס האָט מיך באַגעגנט, — קומט ווייזט מיר דעם קלוב.

די געבײַדע פון דעם קלוב איז געווען אויף אַ געשעפט־גאַס. מען האָט מיר ניט געדאַרפט אָנווײַזן וואו דער קלוב איז געווען, ווײַל נאָך פון ווײַטנס האָב איך דערזען ווי עס שטייט אַ גרופּע מענטשן און טײַטלט אויף די ווענט פון אַ געבײַדע. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר מיט וואָס עס אינטערעסירן זיך דאָ די נײַגעריגע. זיי האָבן געטײַטלט אויף די פענסטער און אויף דער טיר, וואָס זײַנען געווען דורכגעלעכערט פון רעוואָלווער־קוילן.

— עס איז נאָך גוט, וואָס קיינער איז דאָ ניט געווען, אַ ניט וואָלטן דאָך מענטשן געווען פאַרלאָרן זייערע לעבנס, — האָט געזאָגט איינער פון דעם עולם.

— איר זעט? — האָט אָפּגעהאַקט געפרעגט איינער פון מײַנע באַגלייטער.

אין דער פראַגע איז געווען אויך אַ מין געבעט, ווי דער פראַגע־שטעלער וואָלט וועלן ווידער זיך אַרויסזאָגן קעגן דורכפירן די לעקציע.

— איך זע, — האָב איך געענטפערט, — קומט! אויב עס איז יאָ אַזוי, דאַרף מען ערשט האַלטן די לעקציע. זאָרגט זיך ניט. צו קיין פאַרזאַמלונג פון אַ גרויסן עולם וועלן זיי ניט וואַגן קומען. זיי זײַנען בלויז בריות צו שיסן אין דער פינסטער פון דער נאַכט, ווען קיינער שטייט ניט אויף דער וואַך. באַ דער לעקציע וועלן מיר אַכטונג געבן און קיינער וועט ניט שטערן.

— און טאָמער וועט דער עולם זיך דערשרעקן און וועט גאָר אינגאַנצן ניט קומען?

— און טאָמער וועט זײַן אַן ערד־ציטערניש און מיר וועלן גאָר אַלע פאַרשלונגען ווערן?

מער האָט מען שוין קיין פראַגן ניט געשטעלט, ווײַל עס איז געווען קלאָר, אַז די מאַיאָריטעט פון די אָרטיגע טוער איז אַנטשלאָסן דורכ־צופירן די לעקציע, און איך בין געווען אינגאַנצן אויף זייער זײַט, ניט געבנדיג די צווייפלער די מינדסטע שטיצע.

די לעקציע איז אײַנבאַרופן געוואָרן אין דעם זאַל פון די אידישע סטאָליערעס, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ זײַטיג שמאָל געסל. צוקומענדיג צו דער ציגעלנער געבײַדע מיט איר נידעריגער ברייטער

טיר, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַן אַריינגאַנג צו אַ קליינשטעטלדיג פּאָב־ריקל, האָב איך אַ טראַכט־געטאָן: און אפשר וועט דאָ טאַקע היינט קיינער ניט זיין?

אַריינקומענדיג, האָב איך אָבער געהאַט אַן אָנגענעמע איבערראַ־שונג — דער זאַל איז געווען געפּאַקט. עס איז פשוט געווען שווער פאַר מיר זיך דורכצושטופּן צו דער פּלאַטפאָרמע, ווייל דער דורכגאַנג איז געווען פאַרפּאַקט מיט מענטשן. דער עולם האָט פּרובירט זיך צונויפ־דריקן צו דער וואַנט און מאַכן פאַר מיר מעגלעך דורכצוגיין, נאָר מען איז געשטאַנען אַזוי געדיכט, אַז איך האָב קוים, קוים זיך דערשלאָגן צו דער פּלאַטפאָרמע.

די עטלעכע מינוט, וואָס עס האָט געדויערט דער פּראָצעס פון צוקומען פון דער טיר ביז דער פּלאַטפאָרמע, זיינען געווען אַ גרויסע דערפאַרונג און אַן אינספּיראַציע, ווייל יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן וועגן דער איצטיגער פאַרזאַמלונג און וועגן דער שיסעריי פריער מיט אַן אָוונט.

— זאָלן זיי איצט קומען אַ קוק־טאָן! זיי האָבן געמיינט מען וועט זיך דערשרעקן!

— שיסערס!

— זאָגט זיי היינט אַריין אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן צו געדענקן!

— נו, וואָס וועלן איצט זאָגן די, וועלכע האָבן געצווייפלט אין דעם עולם?

אַזוי האָט מען מיך באַגלייט אַ גאַנצע צייט מיט באַמערקונגען, אין וועלכע עס איז געווען אי זיכערקייט, אי שטאָלץ, אי פרייד.

די שטימונג האָט, נאַטירלעך, זיך איבערגעגעבן אויך צו מיר. כאָטש יעדער טראָט צו דער פּלאַטפאָרמע איז געווען זייער שווער, האָב איך אָבער מיט יעדן נייעם טראָט זיך דערפילט אַלץ מער דערהויבן. עס איז גוט צו זיין צווישן מענטשן, וועלכע האָבן אַזאַ גלויבן אין זייער אמת, און וועלכע לאָזן זיך ניט אָנשרעקן אפילו דורך גענגסטער־מעטאָדן.

איך האָב געהאַלטן מיין לעקציע אין אַן אַטמאָספערע פון געשפּאַנ־טער שטילקייט. האָט דען אָט דער עולם בלויז זיך איינגעהערט צו מיין לעקציע? ער האָט דאָך גלייכצייטיג מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם זיך אויך איינגעהערט צי קומט ניט עפּעס פאַר אין דרויסן, צי דערנעענטערט זיך ניט אַ באַנדע, וואָס וויל פּרובירן אָפּברעכן דעם מיטינג. די שטילקייט

איז דערפאַר געווען אַ מאָדנע. עס האָט זיך געפילט ווי די לופט איז עלעקטריזירט מיט געשפּאַנטער דערוואַרטונג.

אַט דאָס האָט זיך אויך געפילט אין דעם אופן, ווי דער עולם האָט באַ געוויסע מאָמענטן אַפּלאָדירט. עס איז ניט געווען קיין געוויינלעך אַפּלאָ־דירן, נאָר עפּעס ווי דער עולם וואָלט אַלע מאָל אויסגעשאָסן אין אַ שונא, אויסרופנדיק:

— נאַ, אָט האָסטו דיר! נאַ, ווער צעפּלאַצט! נאַ, זע, מען האָט זיך פאַר דיר ניט דערשראָקן!

לויט דער פאַרשטענדיגונג מיט די אָרטיגע טוער, האָב איך באַ־דאַרפט ענדיגן מיט אַן אַפּיל פאַר געלט. די פראַגן האָבן געדאַרפט קומען נאָך דעם אַפּיל. איך האָב געענדיגט מיין לעקציע און האָב גענומען דערקלערן, אַז איך האָב נאָך אַן אויפגאַבע דורכצופירן, נאָר דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. דער עולם האָט מיך ניט געלאָזט פאַרענדיגן מיין פראַזע און האָט גענומען טראָגן געלט צו דער פּלאַט־פאָרמע. דאָס איז געווען דער אופן, ווי די מענטשן האָבן געוויזן דעם איבערפלוס פון זייערע געפילן, וואָס האָבן זיך געריסן צום אויסדרוק. מען האָט דאָס געלט געלייגט באַ מיינע פיס אויף דער פּלאַטפאָרמע. קיינער פון די געבער האָט ניט געוואַרט, אַז מען זאָל דערמאָנען זיין נאָמען; מען האָט געטראָגן געלט פון אַלע זייטן; די אויגן באַ אַלעמען האָבן געשיינט; געזיכטער זיינען געווען צעפלאַמט; אַלע זיינען געשטאַנען אויף די פיס — מען האָט געפילט, אַז דאָ קומט איצט פאָר אַן אַקט פון גרויסער באַ־דייטונג — אַן ענטפער אַלע שונאים.

ענדלעך האָט דער שטראָם פון דעם עולם צו דער פּלאַטפאָרמע זיך אָפּגעשטעלט; די אַלע שטייענדיגע, וועלכע האָבן געהאַט פּלעצער, האָבן גענומען זיך אַוועקזעצן; די קאָמיטע האָט גענומען ציילן די בייטראָגן; איך האָב געבעטן דעם פאָרזיצער ער זאָל צוטרעטן אויפנעמען פראַגן, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַם שטעלן די פראַגן איז דער עולם נאָך אַלץ געווען אין דער זעלבער שטימונג פון געשפּאַנטער דערוואַרטונג, ווי אין לויף פון דער לעקציע. דער פּראָצעס פון דער זאַמלונג און די פרייד, וואָס האָט דערביי געהערשט, האָבן, ווייזט אויס, נאָך אַלץ ניט אויסגעליידיגט די עלעקטריזירטע לופט.

ענטפערנדיק אויף די פראַגן, האָב איך פּרובירט אַרויספירן דעם עולם פון אָט דער שטימונג, נאָר עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז דאָס איז אַן דערפאָלג, נאָר אָט האָבן די פראַגן זיך פאַרענדיגט און אַ

פּאַרטרעטער פון דער קאָמיטע איז אַרויפגעקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע צו אַנאָנסירן וויפיל עס איז געזאַמלט געוואָרן. ער האָט אָנגעגעבן די סומע, וואָס איז געווען אַ סך מאָל גרעסער, ווי די סומע, וואָס ווערט דאָ געוויינלעך געזאַמלט באַ אַזאַ צוזאַמענקונפט, און ווי נאָר דער עולם האָט דערהערט אָט דעם רעזולטאַט, האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַרטויבנדיגער אפּלאָדיס און עס האָבן זיך דערהערט פריידיגע אויסרופן, וועלכע עס איז געווען שווער צו פאַנאַנדערקלייבן. די טוער, וואָס זיינען געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן געגליכטן פון פרייד און האָבן זיך געטיילט מיט אַזעלכע באַמערקונגען:

— אָט דאָס הייסט געהאַנדלט!

— זאָלן זיי וויסן!

— איצט וועלן זיי צעפּיקעט ווערן!

מען איז געשטאַנען אין רעדלעך; מען איז געשטאַנען אויף בענקלעך; מען האָט זיך געדריקט די הענט; מען האָט ווידערהאָלט די ציפער פון דער געזאַמלטער סומע — מען האָט זיך געפרייט מיט דעם אייגענעם אויפטו און מיט דעם פּאַטש אין פּנים, וואָס מען האָט געגעבן דעם שונא.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז דער עולם איז אַרויס פון דעם זאַל. איך בין געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון אַ גרויסער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען, אַז מען זאָל גיין צוזאַמען „פּאַרברענגען".

— נאָר איידער מיר גייען ערגעץ, לאָמיר פריער צוגיין צו אונזער קלוב — האָט עמיצער אין דער גרופּע אויסגערופן.

— יאָ! יאָ! יאָ!, — האָבן צענדליגער שטימען ווידערהאָלט — לאָמיר גיין צום קלוב.

מיר זיינען אַלע אַוועק אויף דער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די געביידע פון דעם קלוב. מיר זיינען צוגעקומען צו דעם פּלאַץ און געקוקט אויף די שויבן און די טירן, וואָס זיינען געווען דורכגעלעכערט פון קוילן, נאָר איצט האָט שוין דער עולם געפילט גאָר אַנדערש, ווי דעם זעלבן טאָג אין דער פרי, ווען מיר זיינען דאָ געשטאַנען.

— אַ... אויף זיי! — האָט עמיצער פּלוצלונג אויסגערופן.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט און עמיצער האָט געזאָגט:

— די ערגסטע קללה פאַר זיי איז דאָס, וואָס זיי האָבן אונז ניט געקאָנט טעראָריזירן.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען די גרופּע, צווישן וועלכער איך האָב זיך געפונען, האָט גענומען זיך פאַנאַנדערגיין פון דער וואוינונג פון איינעם פון די פריינט, וואו מען האָט אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט באַ אַ סעודה און באַ געזאַנג.

איינּיגע האָבן אָבער געפילט ווי נאָך אַלץ צו זיין צוזאַמען מיט דעם לעקטאָר און נאָך אַלץ איינצוהאַלטן די שטימונג פון יום־טוב. איז מען געפאָרן צום „בעל אייל", מען האָט, פאַרנדיג אַהין און צוריק, געזונגען פריילעכע לידער. דערנאָך איז מען ערשט אַוועק פרישטיגן צוזאַמען.

וואָלט עמיצער פון די „שיסער" דאָ געווען, וואָלט ער זיך איבער־צייגט, אַז דאָס שיסן האָט געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג פון דעם, וואָס די שונאים האָבן דערוואַרטעט.

פּרובירן אָנצושרעקן אומדערשראָקענע, מיינט בלויז נאָך מער פאַרשטאַרקן זייער גייסט.

קאַפּיטל 19.

אין אַן עראָפּלאַן קיין דעטרויט נאָך דעם טאַטנ׳ס לויה

אין שיקאַגאָ איז געשטאָרבן דער טאַטע. אין דעטרויט האָט געוואַרט אַ פייערלעכער מיטינג.

איז אַנשטאָט צו פאָרן פון ניו יאָרק צו דעם יום־טוב אין דעטרויט, זאָל די באַן מיך פירן וואָס שנעלער און מיך ברענגען צו דעם טאַטנ׳ס לויה אין שיקאַגאָ.

יאָגט זיך און שלענגלט זיך די באַן פון איין שטאָט צו דער צווייטער; שניידט זיך דורך פילאַדעלפיע און לויפט פאַרביי האַריסבורג; טראָגט זיך דורך פעלדער און דורך וועלדער; שטופּט אויף שנעל אָפּ פון זיך פיצלעך שטעטלעך. עס שווינדלען פאַר די אויגן גאַסן; עס קייקלען זיך אַוועק שטיבלעך; ער שטייגן אַריין פּאַסאַזשירן און אַנדערע שטייגן אַרויס. נאָר דאָס אויג קוקט און זעט גאָר ניט, און דער מוח איז פאַר־נומען מיט איין געדאַנק: דאָרט ליגט דער טאַטע אויף זיין טויטן־בעט.

וויפיל ווייטיג אָט דער ליבער מענטש האָט איבערגעטראָגן אין זיין לעבן. אָט שטייט ער פאַר מיר ווען ער געזעגנט זיך צו פאָרן קיין קאַנאַדע. די מאַמע וויינט; די קינדער וויינען; עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע שטוב וויינט. נאָר ער איז ווי פאַרשטיינערט און זיין געזיכט איז פאַרגליווערט אין אַ שמייכל, וואָס איז קיינמאָל באַ מיר ניט אַרויס פון זינען. אין דעם שמייכל איז געווען ווי עפּעס אַ פראַגע: קאָן מען דען עפּעס טאָן? איז דען דאָ אַן אויסוועג? וואָס וועט שוין העלפן, אַז מען וועט וויינען?

דער שמייכל האָט אַן ווערטער ווידערהאָלט די פראַזע, וואָס איז אַזוי געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים:

— קינדערלעך, אַט אַזוי איז עס; וואָס קאָן מען טאָן?!

ער האָט געקושט די קינדער און דער פאַרגליווערטער שמייכל איז ניט אַראָפּ פון זיין געזיכט. ווי אַט דער שמייכל האָט מיר ווי געטאָן, ווי ביטער איך האָב געוויינט און געביסן די קישן בּאַנאַכט ווען איך האָב געטראַכט וועגן אַט דעם שמייכל.

און אַט דערמאָן איך זיך ווי ער האָט אויסגעזען ווען מיר האָבן פאַרשלאָסן די לאָדן און פאַרריגלט די טירן און פאַרהאַלטן דעם אָטעם בשעת עס איז אָנגעקומען די גייעס, אַז אויף דעם מאַרק „האָט זיך שוין אָנגעהויבן" און אַז די פּויערים גייען שוין אויף אונזער גאַס. אַלע מאָל ווען איך פלעג זיך דערמאָנען וועגן דעם פאַרגליווערטן געזיכט פון דעם טאַטן באַ זיין אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע, פלעג איך זיך אויך דער־מאָנען ווי זיין געזיכט איז פונקט אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן מיט צוויי יאָר פאַר דעם, ווען מען האָט זיך פאַרשלאָסן אויס מורא פאַר אַ פּאָגראָם. עס איז געווען אין דעם געזיכט דעמאָלט אי רעזיגנאַציע — דאָס אָנער־קענען פון אַן אומפאַרמיידלעכקייט — און אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ געצווימטן פאַרדרוס און פון ניט קיין אויסגעשריגענעם געשריי.

אַט דערמאָן איך זיך ווי ער זעט אויס אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען איך עפן אויף די טיר, אָנקומענדיק פון איראָפּע צו אים אין הויז אין וויניפּעג. עס איז שפּעט אין אָוונט. ער שטייט און וואַשט זיך די הענט. איך דערזע זיין פּראָפיל און אין שפּיגל דערזע איך זיין ליב גע־זיכט מיט די טייערע שמייכלענדיקע אויגן.

די באַן איז שוין אין אָהייאָ. אַט איז שוין אינדיאַנאַ. עס הויבט שוין אָן צו טאָגן, און מיר דאַכט זיך, אַז די לאַנגע נאַכט וועט זיך גאָר ניט ענדיגן און אַז זי האָט גאָר ניט געהאַט קיין אָנהויב.

פאַרוואָס האָט אַט דער ליבער מענטש אַזוי געליטן? בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ איד. האָט מען באַדאַרפט די מילן האַלטן אויף דעם נאָמען פון דעם פּוילישן שליאַכטיטש, אַנאַניע, און זיך בויגן פאַר אַט דעם אָפּגעדריפּעטן פּריצ׳ל און אים אָנגרייטן באַ זיינע באַזוכן געפילטע פיש און יויך מיט לאָקשן און שטענדיג ציטערן טאָמער נעמט ער און זאָגט גאָר, אַז די געשעפטן זיינען טאַקע זיינע, ווייל זיי זיינען דאָך סיי ווי אויף זיין נאָמען. ווייס די מלוכה, אַז עס איז אַן אָנשטעל, אַז דאָס פּריצ׳ל פאַרמאָגט ניט קיין פאַרבויגענעם שילינגער און אַז מען האָט אים אַרויסגענומען פון זיין באַגרעבעניש און אים אויסגעקליידעט און אים געגעבן אַ בריטשקע מיט אַ שיין פערדל און אַ טרייבער, אַז ער

זאָל אויסקוקן ווי אַן אמת'ער פּריץ. ווייס דער ריכטער, וועלכער פּילט אויס די פּאַפּירן, לויט וועלכע דער טאַטע און די פעטערס זיינען אָנגעשטעלטע באַ דעם „פּריץ", אַז אין אמת'ן איז ער גאָר אָנגעשטעלט באַ זיי. ווייסן די אייגענטימער פון די מאַיאָנטקעס, וואו די מילן ווערן אַרענדירט, אַז ניט דער „פּריץ" אַנאַניע, נאָר די פינף אידן זיינען די פירער פון די געשעפטן, נאָר אַלע מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען זעט ניט און מען ווייסט ניט, ווייל דער צאַר האָט פאַרבאָטן אידן צו קויפן, אָדער צו אַרענדירן געשעפטן אין די דערפער.

פירט מען די געשעפטן, נאָר מען מוז צאָלן כאַבאַר אויף אַלע זייטן; פירט מען די געשעפטן און מען הענגט שטענדיג אויף אַ האָר; פירט מען די געשעפטן און מען האָט ניט קיין רואיגע מינוט.

בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ איד האָט ער צוגעקוקט ווי די קינדער, וועלכע האָבן געגאַרט זיך צו לערנען, זיינען ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן אין די שולן. ראָזע רייסט זיך אין אוניווערזיטעט, נאָר זי קומט אָן אַהין נאָך גרויסע ליידן ערשט ווען דער טאַטע איז שוין אין קאַנאַדע. רעבעקאַ טראָגט דעם זעלבן פאַרגליווערטן שמייכל ווי דער טאַטע, אין דעם טאָג ווען מען דערקלערט איר, אַז זי קאָן ניט אַריינטרעטן אין גימנאַזיע. עס איז דער זעלבער אויסדרוק אויף איר ליב קינדערש געזיכט — אַן אויסדרוק, וואָס זאָגט: אָט אַזוי איז עס; וואָס קאָן מען טאָן?!

לערנען די קינדער איינער דעם צווייטן; גאָר אָפט איז אין שטוב ניטאָ קיין שטיקל ברויט, און אָן ווערטער זאָגן טאַטנ'ס בליקן: אוי, ווי עס טוט וויי!

אין קאַנאַדע זיינען ניטאָ קיין געזעצן געגן אידן, נאָר וואָס קאָן טאָן אַ פרעמדער מענטש אין אַ ניי לאַנד? וואָס קאָן טאָן אַ איד מיט אַ באָרד, וואָס האָט ניט קיין מלאָכה און וואָס ווייסט ניט די שפּראַך פון די אַרומיגע? ער פּעדלט. ער אַרבעט פון פאַרטאָג ביז באַנאַכט. אַן אויסגעשעפּטער קומט ער שפּעט באַנאַכט אַ היים, נאָר אין הויז וויל ער אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין לאַסט, וואָס ער טראָגט אַ גאַנצן טאָג. ער וויל און ער באַוויזט צו האַלטן זיך ווי דאָס לעבן וואָלט אים גאָר קיין קלעפּ ניט געגעבן. ווי שיין אָט די האַנדלונג זיינע איז און ווי ליבער און נאָך טייערער ער איז אונז פאַר אָט דעם פאַרזוך זיינעם אַראָפּצוואַרפן פון זיך יעדן אָוונט זיין שווערע מאַסע פון טעגלעכן פּיין, אויסגלייכן זיך און אַרויפציען אויף זיך אַ יום־טוב'דיגן גלאַנץ — אַן אמת'ע נשמה יתירה.

ער ווערט צעקלאַפּט צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן אין אַ טראַמוויי. מוטיג טראָגט ער זיינע וויטיגן אין לויף פון לאַנגע וואָכן אין שפּיטאָל. ערשט ווען ער שטעלט זיך צוריק אויף די פיס, שרייבט ער וועגן דעם צו אונז קיין איראָפּע. אָט דער אומגליקספאַל האָט אָנט־שיידעט דעם וויטערדיגן גאַנג פון אונזער לעבן. אויב עס איז נאָך פריער געווען אַ צווייפל, צי מיר זאָלן פאָרן צו דעם טאַטן, צי ער זאָל קומען צו אונז, איז איצט, נאָכדעם, ווי עס איז אָנגעקומען די נייעס פון זיין אומגליקספאַל אין דעם טראַמוויי, שוין פאַר אונז געוואָרן קלאָר, אַז מיר פאָרן צו אים, ווייל ער איז גאָר אפשר אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער קאָן ניט פאָרן אויף קיין לאַנגער רייזע. מיר האָבן אים צו שטאַרק ליב געהאַט, אַז מען זאָל קאָנען לאַנג איבערטראַכטן. אַלע קאָנען דאָך אָבער ניט פאָרן, ווייל די פאַמיליע איז גרויס, בלייבט די מאַמע מיט דער עלטערער שוועסטער און מיט דריי קליינע קינדער אין דער היים און איך, — אַלס דער עלטסטער זון פאַר מיר צוויי קליינע שוועסטערלעך צו דעם טאַטן און צו דער שוועסטער און די דריי קלענערע ברידערלעך, וועלכע זיינען אין קאַנאַדע. ווער האָט זיך גערעכנט, אַז אָט צעפּלאַקערט זיך באַלד אַ וועלט־מלחמה און מיר וועלן זיין צעריסן גאַנצע זיבן יאָר?

די באַן קלאַפּט אויס איר מאָנאָטאָנעם ריטם און אין קאָפּ קלאַפּט איין געדאַנק: דאָרט אין שיקאַגאָ ליגט דער ליבער טאַטע איצט אויף זיין טויטן־בעט. פאַרמאַכט זיינען געוואָרן די אויגן, וואָס זיינען געווען פול מיט גוטסקייט; איך וועל מער ניט הערן די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַזויפיל וואַרימקייט און אַזויפיל געטריישאַפט — די ווערטער, מיט וועלכע ער פלעגט מיך באַגעגענען באַ מיין יעדן באַזוך: — וואָס מאַכסטו, שלמה? וואָס מאַכסטו, מיין קינד?

אוי, ווי אָט דער מענטש האָט געליטן! געווען אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע צו די קינדער העכער זיבן יאָר. קיינמאָל ניט קיין וואָרט פון כעס, קיינמאָל ניט קיין אויפרעגונג, קיינמאָל ניט קיין פאַרביטערטקייט, נאָר שטענדיג אַלץ פאַר די קינדער, שטענדיג אַלץ פאַר דעם אָפּגעריסענעם צווייג פון דער פאַמיליע וויט דאָרט ערגעץ, וואו עס איז אַמאָל געווען אונזער היים.

— שלמה מיין קינד, מען דאַרף שוין שיקן דער מאַמען עטלעכע דאָלאַר.

און די באַנקן און די שיפס־קאָנטאָרן האָבן גענומען דאָס געלט. איך האָב געוואוסט, אַז עס איז אָנגעגאַנגען אַ שרעקלעכער שווינדל מיט דעם

איבערשיקן דאָס געלט. אָפּט האָט מען דאָס געלט אינגאַנצן ניט אָפּגע־שיקט; אָפּט האָט מען אויסגעצאָלט אַ העלפט, דורכפירנדיג אַלערליי מאַניפּולאַציעס מיט דער וואַלוטע, נאָר דאָרט זיינען דאָך געווען די אייגענע, וואָס האָבן אַזוי געליטן, איז אויב זיי וועלן אַפילו קריגן אַ פערטל פון דעם, וואָס מען שיקט, איז דאָך אַלץ בעסער איידער גאָרניט.

איין באַנק האָט אַפילו געמוזט אומקערן צוריק די גאַנצע סומע, וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען איבערצושיקן, ווייל איר שווינדל איז געווען שוין צו גרויס, נאָר שיקן האָט מען אַלץ ניט אויפגעהערט, און ווידער און אָבער פלעגט דער טאַטע זאָגן:

— שלמה מיין קינד...

— איך האָב שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט און איך האָב נאָך אים מער ליב געהאַט פאַר זיין גרעניצלאָזער גוטסקייט און פאַר זיין געטריישאַפט צו אונז אַלעמען.

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק... די באַן קלאַפּט; די באַן הוידעט זיך; די באַן לויפט אַרויף אויף אַ בריק און צעלאָזט זיך איבער אַ פעלד, און איך קוק אַרויס פון דעם פענסטער אין דער פּאַרטאָגיגער וועלט אַריין און אַ גערדאַנק עגבערט אין קאָפּ: אַט הויבט זיך אָן אַ טאָג אָן דעם טאַטן. איך וועל שוין קיינמאָל באַם אָנקומען אין שיקאַגאָ ניט אַרויסקוקן אויף דער פריידיגער מינוט ווען איך וועל דערזען זיין ליב און ווירדיג געזיכט.

ווי ער האָט געוויינט ווען דער ברודער איז געשטאָרבן. עס איז אַ שוידער צו־קוקן ווען אַ טאַטע באַוויינט זיין יונגן זון.

— וואָלט כאָטש די מאַמע דאָ געווען צו זען איר קינד אין דער לעצטער מינוט — האָט ער דורך זיינע שלוכצן אַרויסגערעדט — זי וועט דאָך שוין קיינמאָל וואָוען ניט זען.

אויך דעמאָלט האָט ער בלויז געטראַכט וועגן אַנדערע און ניט וועגן זיך.

איך בין ניט געווען מיט אים און מיט דער מאַמען ווען אונזער ראָזע — אונזער שטאָלץ — איז אויסגעגאַנגען. און כאָטש די מאַמע איז מיר געווען ניט ווייניגער טייער, איז מיין האַרץ אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, טראַכטנדיג וועגן דעם, וואָס פאַר אַ קלאַפּ ראָזעס טויט איז געווען פאַר דעם טאַטן.

ליבער, טייערער טאַטע, אַט איז שוין גערי, אינדיאַנא, באַלד וועט אַנלויפן דאָס פאַרשטעטל פון שיקאַגאָ — ענגלוואוד — און איך וועל זיין לעבן דיר, לעבן דיין טויטן־בעט.

אַ פייף, אַ טרייסל, אַ סקריטש פון אייזן, און די באַן בלייבט שטיין. ווי פאַרווײנט עס קוקט איצט אויס דער אַרום. ווי ליב עס פלעגט מיר זיין אַרויסצושטייגן אַט דאָ אין ענגלוואוד — אויף דעם וואקזאַלכל, וואָס געפינט זיך אויף דער 63־טער גאַס. אין געציילטע מינוטן פלעג איך שוין זיין אין הויז. דאָרט זיצט דער טאַטע און לייענט אַ צייטונג, צע־בויפלייגענדיק זי אַזוי, אַז פאַר די אויגן זאָל זיין בלויז איין שפּאַלט פון דער צייטונג.

איך האָב זיך ניט גערעכנט, אַז עמיצער וועט קומען מיך באַגעגענען, נאָר אַט שטייט מיין טייערער דוד און וואַרט דאָ אויף מיר. ליבער ברו־דער מיינער, דו האָסט גוט געטאָן וואָס דו ביסט געקומען אַהער, ווייל מיט דיין קומען האָסטו לייכטער געמאַכט פאַר מיר דעם שווערן וועג אין דעם נייעם טאָג אַריין, וואָס מיר דאַרפן ביידע אָנהויבן היינט.

מיר נעמען זיך אַרום אָן ווערטער. און אַז דער איינגערער ברודער וויינט ניט, איז ווי זאָל איך, דער עלטסטער אין דער פאַמיליע, זיך ניט שטאַרקן?

— די מאַמע איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם טאַטנ׳ס צימער — דערציילט מיר דוד.

— אויף אַלע אונזערע ווענדונגען, אַז זי זאָל גיין זיך צולייגן אין אַ צווייטן צימער, האָט זי געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן:

— אַז מען האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן צוזאַמען, דאַרף מען די לעצטע עטלעכע שעה אויך זיין איינער לעבן דעם צווייטן.

געטראָפן האָב איך זי זיצנדיק אין איר בעט. זי איז געווען בלאַס ווי קאַלך, אירע אויגן זיינען געווען טרוקן, נאָר רויט פון אויסגעוויינטע טרערן.

אין זיין בעט איז געלעגן דער טאַטע מיט זיין פּנים אויפגעדעקט. ער האָט אויסגעקוקט פּונקט ווי ער וואָלט געשלאָפן. באַם בעט זיינען געשטאַנען די ליבע שוועסטער, ווי צוויי טרייע וועכטערינס, און דער ברודער פון דעטרויט.

— אָט אַזוי, אַז כמעט אַלע קינדער זיינען דאָ דאָ, איז דאָס אַ גרויסער כבוד פאַר דעם טאַטן, — האָט די מאַמע זיך געווענדעט צו אונז.

קיינער האָט גאָר ניט געזאָגט. איך האָב געדריקט די האַנט פון מיין ליבן באַרגין; צוגעדריקט די קעפּ פון די טייערע שוועסטער צו מיין האַרץ, און אַן ווערטער און אָן געוויין האָבן מיר געקלאָגט אויף אונזער פאַרלוסט.

עס זיינען געקומען געטרייע חברים און נאָענטע פריינט. עס איז געקומען דער טומל פון דער לויה — פון דעם אַרויסטראָגן פון דעם ארון, פון פירן די מאַמע צו דעם אויטאָמאָביל און עס איז געקומען די רייזע אויף דעם פעלד.

גלייכצייטיג איז זיך אָנגעגאַנגען דאָס לעבן פון דער ראַשיגער שטאָט; דער משוגענער געלאָף האָט אויסגעקוקט אַזוי ווילד בשעת מיר זיינען געפאָרן צו לייגן אין זיין אייביגער רו אונזער ליבן טאַטן.

אָט שטייט אַ באַקאַנטע טוערין פון דער באַוועגונג און וואַרט אויף אַ טראַמוויי. זי ווייסט ניט, אַז איך בין דאָ ערשט דורכגעפאָרן, באַגלייטענדיג מיין טאַטן צו'ם בית עולם.

זיי האָבן אים אָפט געזען, די חברים, ווען ער פלעגט קומען מיט מיר צו מיינע מיטינגען. זיי האָבן אים אַלע ליב געהאַט און גערעדט צו אים זייער וואַרים. זייער ווייניג פון זיי וויסן אין אָט דעם אין דער פרי, אַז זיינע ליבע אויגן זיינען שוין צוגעמאַכט, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל אים ניט זען באַ די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען באַ זיי אין שטאָט, צו וועלכע מיר קומט אויס צו קומען.

דער קבר איז שוין גרייט. דער קאַסטן איז שנעל אַראָפּגעלאָזט. די ערד איז פאַרשאָטן — אַ מענטש איז אַוועק פון דער וועלט!

דאָ האָט די מאַמע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און מיר האָבן אַלע מיטגעוויינט מיט איר. מען מוז איבעררייסן אָט דעם געוויין, כדי הערצער זאָלן ניט ווערן צעריסן. עמיצער פון אונז שלאָגט פאָר, אַז מיר זאָלן פאָרן צוריק אַ היים. נאָך אַ בליק אויף דעם פרישן בערגל און מיר גייען אַוועק פון דעם פעלד, צו וועלכן עס וועט שטענדיג זיך טראָגן אונזער געדאַנק.

די זון ברענט. די שטאָט רוישט אין איר גלייכגילטיגקייט, און פלוצלונג רייסט זיך דורך אַ געדאַנק: וואָס וועט זיין היינט אין דערטרויט? וואָס וועט זיין מיט דער פייערונג דאָרט היינט אָונט?

דער טאַטע וואָלט דאָך געוויס געוואָלט, אַז איך זאָל ניט צוזאַמענברעכן אונטער קיינע באַדינגונגען. ער האָט דאָך שטענדיג

געוואָלט זען זיין שלמה׳ן אַ שטאַרקן און אַ פעסטן. יאָ, איך וועל דאָס טאָן אין זיין אָנדענק. איך וועל זיין אין צייט צו דער פייערונג.

— מאַמע, דו ווייסט דאָך, אַז איך דאַרף היינט זיין אין דעטרויט. איך וואָלט וועלן פאָרן אַהין, זאָל איך?

— יאָ, שלמה, געוויס, פאָר. דאָס לעבן דאַרף אָנגיין און די אַרבעט, וואָס מען דאַרף טאָן, טאָר ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

מענטשן בלייבן שטיין און קוקן ווי איך קוש די מאַמע אין מיטן גאַס. וואָס גייען מיך אָן זייערע בליקן?

אויף דעם טעלעפאָן ענטפערט מען, אַז אין אַ שעה אַרום פליט אָפּ אַן עראָפּלאַן קיין דעטרויט. מיר זיינען גאַנץ ווייט פון דעם פלי־פעלד, נאָר דער אויטאָמאָביל יאָגט און מיר קומען אין צייט.

עס איז שווער געזעגענען זיך מיט אייגענע אין דעם טאָג פון דעם טאַטנ׳ס לויה, נאָר איך טראַכט באַ זיך, אַז אפשר וועט אָט דאָס שנעלע אָפּפאָרן זיין פאַר זיי לייכטער ווי אַ טאָג־צוויי פון אומענדלעכן טרויער פון אַלעמען צוזאַמען אונטער איין דאַך.

עס גיבן זיך אַ טראָג פאַר די אויגן די געזיכטער פון די נאָענטע און טייערע, און אָט בין איך שוין הויך איבער שיקאַגאָ, און באַלד איז שוין פון דער שטאָט קיין זכר ניטאָ.

דער הימל איז בלוי; די לופט איז פריש; דער טייך באַ דעטרויט בלאַסקעט אין דער זון ווי אַ ריזיגער שפּיגל, נאָר מיין האַרץ איז אַזוי צעגויפּגעדריקט און פאַר די אויגן שפּרייט זיך אַזאַ פינסטערניש.

גוט האָט געטאָן דער פאַרזיצער, וועלכער האָט אויסגעפילט מיין פאַרלאַנג, אַז ער זאָל דעם עולם גאָר ניט זאָגן וועגן מיין פערזענלעכן ווייטיג און וועגן דעם, אַז איך בין אַן אבל.

ווי אַזוי זשע קאָן מען רעדן וועגן אַ יום־טוב אין אַ שטימונג ווען דאָס האַרץ ווערט צעריסן? ווי אַזוי קאָן מען אויף איין מינוט ניט טראַכטן וועגן די צוויי בעטן, וואָס איך האָב געזען דעם זעלבן אין דער פרי? ווי קאָן אַרויס פון קאָפּ דאָס געשטאַלט פון דער מאַמע ווי זי איז געזעסן אין בעט אַ בלאַסע מיט רויטע אויגן?

אָבער דער יום־טוב איז דאָך צוליב אַ ניי לעבן פון אידן, וועלכע וועלן ניט דאַרפן, ווי דער טאַטע און די מאַמע, פאַרוואָגלט ווערן אין אַ וועלט, וואו זיי זיינען געוועזן אַזוי פאַרלאָרן. דער יום־טוב איז דאָך אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס אידישע פאַמיליעס וועלן קאָנען לעבן אין זיכערקייט און אין פרייד. דאָרט, אויף דער בירא־בידזשאַנער ערד,

זיינען דאָך פונקט אַט אַזעלכע אידן ווי מיין טאַטע און אַט אַזעלכע מאַמעס ווי מיינע. זייער פרייד איז דאָך אונזער פרייד. וועל איך דערשטיקן מיין אייגענעם ווייטיג. זאָל מיין טרויער זיך ניט אַרויסרייסן און זיך ניט באַווייזן מיט דעם מינדסטן צייכן, נאָר זאָל די פרייד פון דעם נייעם לעבן זיך אַנטפּלעקן דורך מיין וואָרט.

איך ווייס ניט ווי איך האָב גערעדט, נאָר מיר דאַכט, אַז וואָס גרעסער עס איז געווען מיין ווייטיג און וואָס שטאַרקער די טרערן האָבן זיך געריסן און וואָס פעסטער עס איז געווען מיין ווילן זיך ניט אַרויסצוגעבן, אַלץ העכער האָט זיך צעטראָגן דער אָנזאָג פון דעם נייעם לעבן, אַלץ ברייטער האָט זיך צעוויקלט די פּאַנאָראַמע פון די פּיאָנערישע דערגרייכונגען און פון די ליכטיקע אויסזיכטן פאַר די בויער פון דעם געזיכערטן לעבן.

מיין לעקציע האָט זיך געענדיקט; איך בין געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט. דער עולם האָט, ווייזט אויס, אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָ איז געווען עפּעס אַ נייער טאָן, וואָס איז זיי ביז איצט ניט געווען באַקענט.

דער פאָרזיצער האָט זיי ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן. איצט האָט ער זיי דערציילט, אַז איך בין געקומען אויף אַן עראָפּלאַן גלייך פון דעם טאַטנ׳ס לויה.

און עס איז געווען אַזאַ קאָנטראַסט צו דעם גערויש פון אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געטרייסלט דעם זאַל מיט אַ מינוט צוריק, און צווישן דער שטילקייט, וואָס האָט מיטאַמאָל אַלץ איינגעשלונגען.

דערנאָך זיינען געווען וואַרימע אויסדרוקן פון מיטגעפיל, חברישע האַנטדרוקן אָן ווערטער, טרערן אין אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַזאַ געטריישאַפט, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרזיכערן, אַז זיי טיילן דעם ווייטיג, און אויפריכטיגע אָפּגעהאַקטע ווערטער באַם געזעגענען זיך:

— גיט אויף זיך אַכטונג... מיר דאַרפן אייך האָבן... טוט מוטיג ווייטער אייער אַרבעט... זייט געזונט... זייט געזונט... מיר וועלן דעם אָוונט קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

קאַפּיטל 20.

אין דער נאַכט פון פוירל האַרבאָר

פריער מיט אַ טאָג בין איך געפלויגן פון לאָס אַנדזשעלעס קיין סאַן פראַנציסקא צו זיין באַם אַנקומען פון ליטווינאָוו׳ן אַלס נייעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע.

אַז דער פריערדיגער אויסלאַנדס קאָמיסאַר ווערט געשיקט אַלס אַמבאַסאַדאָר, איז זיין מיסיע זיכער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. ער איז געווען אין דעם צענטער פון דעם קאַמף באַ דער פעלקער־ליגע צו ראַטעווען די וועלט פון אַ צווייטער בלוט־באָד. אין נאָמען פון זיין לאַנד האָט ער פאַרגעשלאָגן אנטוואָפנונג. ער האָט געפאָדערט, אַז אויב עס איז ניט מעגלעך קיין פולע אנטוואָפנונג, זאָל כאָטש דורכגעפירט ווערן טיילווייזע אנטוואָפנונג. ער האָט גערופן צו פאַרהיטן דעם פרידן און האָט געוואָרנט, אַז דער שלום איז אומצעטיילבאַר און אַז בלויז קאָלעקטיווע זיכערקייט וועט דעם פרידן פאַרהיטן. ער איז געווען אין די פאָדערשטע רייען פון דעם קאַמף געגן די נאַצישע פאַרכאַפּערישע אַמביציעס. זיין שטים האָט זיך געהערט מעכטיג געגן דעם, וואָס מען האָט דערלאָזט, אַז שפּאַניע זאָל דערשטיקט ווערן אין די לאַפּעס פון די פאַשיסטן. ער האָט גערופן צו ראַטעווען טשעכאָסלאָוואַקיע. און אָט קומט אָט דער מענטש אַהער צו פאַרטרעטן זיין לאַנד. פריער איז ער דאָ געווען צו פאַרהאַנדלען וועגן דער אנערקענונג, און איצט ווערט ער געשיקט צו זיין דאָ דער אַמבאַסאַדאָר. די לאַגע מוז זיין זייער אַן ערנסטע, ווען זיין לאַנד מאַכט אַזאַ שריט.

וואָס זשע וועט ער זאָגן, אָט דער גרויסער דיפּלאָמאַט, באַ זיין אָנ־קומען אַהער? צו וואָס וועט פירן זיין אַרבעט דאָ אין אָט דעם מאָמענט,

ווען זיין לאַנד איז שוין העכער פינף חדשים אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט געגן דעם בלוטיגסטן שונא אין דער וועלט?

ווי וועט ער אויפגענומען ווערן? וואָס איז זיין גרוס פון אַזיע, וואו עס לויערט אַ שונא אויף אונזער לאַנד?

ביז דער לעצטער מינוט איז ניט געווען באַשטימט צי וועט זיין פאַר מיר אַ פּלאַץ אויף אַן עראָפּלאַן קיין סאַן פראַנציסקאָ, אָדער ניט. ווענן שלאָפן האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין, ווייל יעדע מינוט האָט געקאָנט אָנקומען דער טעלעפאָנישער אָנזאָג, אַז עס איז דאָ פּלאַץ צו פליען. ווי קאָן מען גאָר ריזיקירן צו פאַרשלאָפן אַזאַ געלעגנהייט?! אָט צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן. עס איז דאָ אַ פּלאַץ. דורך די לאָס אַנדזשעלעסער גאַסן, וואָס זיינען ווי אויסגעשטאָרבן אין אָט די באַנאַכטיגע שטונדן, טראָג איך זיך צום פלי־פעלד. יעדע מינוט קוקט אויס ווי אַן אייביגקייט. מיר דאַכט זיך נאָר, אַז מיר וועלן פאַרשפעטיגן און איך וועל פאַרפעלן צו זיין בשעת דער „קליפּער", וואָס ברענגט ליטווינאָוו'ן פון אַזיע, וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דעם טרעזשור איילאַנד אין סאַן פראַנציסקאָ.

איך האָב ניט פאַרשפעטיגט. עס איז נאָך אויסגעקומען צו וואַרטן, נאָר אָט לאָזט זיך אַראָפּ דער זילבערנער פויגל, וואָס האָט געבראַכט דעם נייעם אַמבאַסאַדאָר פון דעם גרויסן סאָוועטישן לאַנד צו אונזער גרויסער אַמעריקע. עס איז געווען ניט איבערטריבן צו זאָגן, אַז דו ביסט אַן עדות פון דעם, ווי עס ווערט געשאַפן געשיכטע, ווייל דאָ האָבן די צוויי גרעסטע לענדער אין דער וועלט זיך דערלאַנגט די הענט. פון זייער פריינדשאַפט הענגט אָפּ דער מאָרגן פון דער וועלט.

צווישן די פראַגן, וואָס מען האָט געשטעלט ליטווינאָוו'ן, איז אויך געווען אַ פראַגע וועגן דעם, צי וועט יאַפּאַן דערקלערן קריג צו אַמעריקע. דער געניטער דיפּלאָמאַט האָט אויף דער פראַגע ניט געענטפערט, זאָגנדיג, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט פון די וואָלקנס, נאָר אין זיין טאָן איז געווען עפּעס, וואָס האָט געזאָגט: און צוליב וואָס פרעגט איר נאָך וועגן אַן ענין, וואָס איז שוין באַשטימט?

עס זיינען אויך געווען נאַרישע, לעכערלעכע פראַגן, למשל, ווער איז ליטווינאָוו'ס סאַמע באַליבטע אַקטריסע אין האָליוואוד און נאָך אַזוינע פראַגן, דאָס האָט מען געפרעגט באַ איינעם פון די גרעסטע וועלט־דיפּלאָמאַטן און אין אַ צייט, ווען די וועלט האָט געברענט. וויפיל קלוגשאַפט און טאַקט אָט דער מענטש האָט אַרויסגעוויזן באַם אָפּטרייסלען זיך פון אָט די נאַרישע — און אפשר אַבזיכטלעך געשטעלטע פראַגן.

אויף מאָרגן, ווען איך בין גאַנץ פרי אָנגעקומען צוריק קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָט זיך שוין ברייט געטראָגן די נייעס וועגן דעם יאַפּאַנישן פאַרברעכן אין פוירל האַרבאַר.

דער טאָג איז אַריבער אין גרויס אויפרעגונג. עס איז געווען שווער צו באַשטימען וואוהין פריער צו גיין און וואָס פריער צו זען. מען דאַרף אומבאַדינגט זען דעם יאַפּאַנישן קוואַרטאַל, וואָס איז דאָ אין שטאָט אַזאַ גרויסער. מען דאַרף זיין אין די שטעטלעך באַם ים און באַאָבאַכטן ווי די באַפעלקערונג באַנעמט זיך דאָרט. מען מוז צולויפן צו דעם וואָקזאַל און באַטראַכטן וואָס דאָרט טוט זיך און זען צי צעלויפן זיך ניט קיין מענטשן אין שרעק פאַר אַ מעגלעכן יאַפּאַנישן אָנפאַל אויף דעם אַמע־ריקאַנישן פּאַסיפישן ברעג.

די שטאָט איז געגאַנגען כּאַדאַראַם. אַלע מינוט זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן נייע קלאַנגען. אַט האָט מען איבערגעגעבן, אַז אַלע וועגן, וואָס פירן צום ים, ווערן אָפּגעשלאָסן. אַט איז געקומען די נייעס, אַז מען האָט אָפּגעשלאָסן דעם יאַפּאַנישן קוואַרטאַל. מענטשן זיינען געלאָפן פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער, וועלנדיג אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן. דער געדראַנג אויף די וועגן איז געווען אַ שרעקלעכער, נאָר עס האָט זיך געפילט אַ גרעסערע מאָס פון געדולד, ווי געוויינלעך. די אָנקו־מענדיגע געפאַר האָט אַלעמען ווי פאַראייניגט און קיינער האָט זיך ניט געוואָרפן אויף קיינעם מיט זידלערייען, ווי עס פלעגט געוויינלעך פאָר־קומען אין אַזעלכע פאַלן, ווען מען האָט אַ מאָל געמוזט צוליב עפּעס אַן אורזאַך שטיין אַ האַלבע שעה אויף איין פלאַץ איידער מען האָט געקאָנט מאַכן עטלעכע טריט פאָראויס.

אין אָוונט האָב איך געדאַרפט באַ אַ באַנקעט זיך געזעגענען מיט אַלע פריינט נאָך אַ וואָך פון לעקציעס אין שטאָט.

אַ באַנקעט אין דער נאַכט, ווען אונזער לאַנד איז איבערגעפאַלן גע־וואָרן פון אַ געפערלעכן שונא. אַ באַנקעט אין אַ נאַכט נאָך אַ שטורעמ־דיגן טאָג, ווען די נערוון באַ אַלעמען זיינען אָנגעצויגן ביז דער העכסטער מאָס.

ווער וועט קומען? וואָס זאָל מען דאָ זאָגן? די נאָענטסטע האָבן ניט פאַרפעלט צו קומען. די מערסטע האָבן געוויס מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס.

ווען מען האָט זיך אויסגעזעצט באַ די טישן, האָט זיך באַלד דער־פילט, אַז דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער אָוונט. קיינער האָט ניט געוואָלט עסן און קיינער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין הויך וואָרט. עס איז ווי געהאַנגען אַ וואָלקן איבער׳ן קאָפּ. איז דאָס דען אַן אָוונט צו באַנ־קעטעווען? קאָן דען איינגיין שפּייז איצט? קאָן מען זאָגן וואַרימע ווערטער ביים געזעגענען זיך ווען עס פרעסט דער געדאַנק באַ די, וועלכע פאַרבלייבן דאָ אין שטאָט, אַז אפשר וועלן זיי מאָרגן באַהאָגלט ווערן פון דעם שונא׳ס באָמבעס?

מען האָט געמוזט צערייסן אָט די אָנגעצויגענע שטימונג. עס איז געווען נויטיג צו זאָגן אַ וואָרט פון דערמוטיגונג. איך האָב זיך אויפ־געהויבן צו רעדן.

אין דעם בליק פון אַלע פאַרזאַמלטע איז געווען איין און דער זעלבער אויסדרוק: עס איז שווער אויף דעם האַרצן; די לאַגע איז אומבאַוואוסט; ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין? וואָלט ניט געווען בעסער גאָר ניט צו זאָגן?

איך האָב גערעדט וועגן דעם פאַרברעכן פון דעם אָנפאַלער. איך האָב אויך גערופן ניט צו דערלויבן זיך צו נעמען נקמה פון די אָרטיגע יאַפּאַנעזער, נאָר איבערצולאָזן צו דעם געזעץ צו האַנדלען מיט זיי. איך האָב גערעדט וועגן דעם, אַז אַלץ דאַרף אַוועקגעלייגט ווערן אין אַ זייט און אַז אַלע כוחות דאַרפן פאַראייניגט ווערן צו פאַרטיידיגן דאָס לאַנד.

— אונזער לאַנד איז אין קריג, — האָב איך דערקלערט — מיר מוזן שאַפן אַ שטאָלענע וואַנט פון שוץ פאַר אונזער לאַנד און אָפּגעבן אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, — אויב נויטיג, אונזערע לעבנס אויך — אויף צו דערפירן אָט דעם קאַמף צו אַ זיגרייכן סוף.

איך האָב גערעדט וועגן דעם, אַז מיר וועלן באַלד ווערן שותפים מיט דעם סאָוועטישן לאַנד אין זיין קריג געגן די נאַציס און אַז די פאַר־אייניגונג פון אָט די צוויי מעכטיגע לענדער וועט באַוויזן וואונדער.

איך האָב געוואונשן די פריינט אין לאָס אַנדזשעלעס, אַז זייער שטאָט זאָל קיינמאָל ניט פאַרזוכן דעם טעם פון קיין באָמבעס און אַז מיר זאָלן איינגיכן זיין צוזאַמען באַ דער פייערונג פון אַ זיגרייכן סוף פון דער מלחמה.

די שטימונג האָט זיך געביטן. אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אַלע האָבן זיך געריסן עפּעס צו זאָגן, נאָר ווי מאָדנע עס זיינען געווען דע־

מאָלט די רעדעס. דאַכט זיך יעדער איינער רעדט אַזוי פשוט, נאָר יעדנס וואָרט קלינגט ווי אַ שבועה; יעדער איינער האָט אויף אַזאַ, אָדער אַנדער אופן, זיך געשוואוירן צו דערפילן זיין חוב.

אין אַ קורצער ווייל בין איך שוין געזעסן אויף אַ באַן, וואָס האָט מיך געפירט צוריק צו מזרח, נאָר ניט דעמאָלט און ניט אַ סך טעג און חדשים שפּעטער האָב איך געקאָנט פאַרגעסן די שטימונג בײַ אָט דעם מאָדנעם באַנקעט אין דעם אָוונט פון פוירל האַרבאָר און די ווערטער פון די פאַרזאַמלטע, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט, אַז אַלע באַגרייפן, אַז אין אָט דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, וואָס וועט אַנטשיידן ניט נאָר דעם גורל פון אונזער לאַנד, נאָר דעם גורל פון דער גאַנצער וועלט.

קאַפּיטל 21.

אַ לעקציע אין אַ "בלעק־אאוט"

די צייט איז געווען אַ שווערע. פון די פראָנטן איז געקומען נייעס, פון וועלכער עס איז געווען ביטער אויפ'ן האַרצן. כאָטש די לאָגיק האָט פאַרזיכערט, אַז געגן דעם שונא זאַמלט זיך אָן אַזאַ ריזיגע קאָמבינאַציע פון כוחות, וואָס וועט אים צעברעכן, איז ער אָבער דערווייל געגאַנגען אַלץ ווייטער אויף דעם וועג פון גרויסע זיגן און פון אומבאַשטראָפטע פאַרברעכנס.

עס איז געווען אין האַרבסט פון דעם דריטן יאָר פון קריג. עס איז נאָך געווען ערב דער אַליאירטער אינוואַזיע אין אַפריקע און ערב די שלאַכטן, וואָס האָבן שפּעטער פאַראייביגט דעם נאָמען פון סטאַלינגראַד. אייראָפּע איז געלעגן באַם שונא אין די לאַפּעס. דער ווידערשטאַנד פון די פאַרשקלאַפטע פעלקער איז נאָך געווען ווייניג אָרגאַניזירט, און אומעטום האָבן די אָקופּאַנטן גענומען הונדערטער לעבנס פאַר יעדן איינעם פון זייערע היצלעס, וואָס איז פון די אונטערדריקטע אָפּגעראַמט געוואָרן פון וועג.

אין יענער צייט צו רעדן צו מענטשן און צו מוטיגן זיי — איז געווען גאָר ניט קיין לייכטע זאַך. עס האָט זיך געפאָדערט גלויבן אין דעם מענטשנ'ס אַנטשלאָסנקייט צו ראַטעווען די וועלט פון אַ פינסטערער נאַכט, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַלץ ברייטער און ווייטער. עס האָט זיך געפאָדערט אַ הויכע מאָס פון צוטרוי צו די מאַסן און אַ זיכערקייט, אַז זיי וועלן אומעטום אַרבעטן שווערער, קעמפן בעסער און ניט שוינען זייערע לעבנס אין דעם קאַמף, וואָס אַנטשיידעט דעם גורל פון דער וועלט אויף הונדערטער יאָרן. מען האָט געמוזט גלויבן, אַז די אייניגקייט פון די פאַרבינדעטע פעלקער וועט וואָס ווייטער ווערן אַלץ פעסטער און וועט ניט צעריסן ווערן דורך קיינע מאַכינאַציעס פון דעם שונא און פון זיינע פאַרשטעלטע אַרויסהעלפער. מען האָט געמוזט האָבן אַ קלאָרן באַגריף

וועגן דעם מהות פון דער נאַקעטער ברוטאַלער מאַכט פון דעם שונא און איינזען, אַז כּל זמן עס זיינען געווען טריאומפן, האָט די ברוטאַלע מאַכט געקאָנט האַלטן צוזאַמען ריזיגע מחנות פאַר'שכור'טע מערדער, נאָר אַזוי שנעל, ווי עס וועט זיך אָנהויבן זייער באַרג־אַראָפּ און זיי וועלן אָנהויבן קריגן קלעפּ, וועלן זיי אָנהויבן לויפן ווי די ראַצן און זייער גאַנצע געביידע וועט צוזאַמענברעכן. מען האָט גערעדט אַרויסברענגען די אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַז עס זאָל אויסוואַקסן אַזאַ פינסטערער כוח ווי דער נאַציזם, און די אורזאַכן, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז עס זאָל ענדלעך געשאַפן ווערן אַ פאַראייניגטער כוח אויף אים צו פאַרניכטן.

דער עולם פלעגט קומען הערן אַ וואָרט פון דערמוטיגונג, נאָר די געדריקטע שטימונג האָט זיך גאַנץ קלאָר געלאָזט פילן. עס איז ניט געווען קיין פאַרצווייפלונג. עס האָט ניט געהערשט קיין היסטעריע פון האָפענונגסלאָזיגקייט. עס איז ניט פאַרגעקומען קיין אַרויסטריט אויף צו ווידערשפּרעכן, נאָר עפּעס אין דעם בליק פון די מענטשן, אין זייער האַלטן זיך און אין דעם אופן, ווי זיי האָבן פאַרזיכטיג פאַרמולירט זייערע פראַגן, — אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס באַזונדערס, וואָס איז שווער געווען צו כאַראַקטעריזירן, נאָר וואָס וואָלט זיך אפשר געקאָנט אַרייננפאַסן אין דער ראַם פון דעם אויסדרוק: פאַרטאַיעטער אָטעם.

אַזוי פילט מען ווען מען שטייט בײַ דעם קראַנקן־בעט פון אַ גאָר נאָענטן מענטשן. מען טוט וואָס מען קאָן; מען לויפט; מען באַזאָרגט וואָס מען דאַרף; נאָר ווען מען בלייבט שטיין אויף איין מינוט, גיט אַ פאַרדריק דאָס האַרץ און עס גיט אַ ברען אַ געדאַנק: און אפשר איז שוין צו שפּעט...?

מען לאָזט ניט דער געדאַנק זאָל באַהערשן; מען פאַרטויבט זיך אַליין מיט אַרבעט; מען רעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט וועגן דעם, וואָס האָט ערשט דורכגעבליצט אין מוח; מען פאַרטאַיעט דעם אָטעם.

אָט אַזוי פילט מען ווען מען זעט ווי עס רוקט זיך אָן אַ קאַטאַס־טראָפע. מען איז אין אַן אויטאָמאָביל. פון ווייטנס טראָגט זיך אַ באַן, און עס איז אַ פראַגע צי מען וועט אַריבערשניידן דעם וועג איידער דער ריזיגער סאָפּענדיגער מאָנסטער וועט פאַרביידונערן, אָדער ניט. אָט האַלט מען אויסגעשפּרייט אַ נעץ און אַ מענטש שפּרינגט פון אַ הויכן שטאָק פון אַ ברענענדיגער געביידע. בײַ יעדן איינעם פון אָט די מאָ־

מענטשן פון גרויל און שרעק האָט מען איין דעם אָטעם און מען האָט מורא אַרויסצולאָזען אַ קלאַנג, פּונקט ווי דאָס וואָלט געקאָנט פירן צו דעם, אַז דער אומגליק זאָל נאָך פאַרגרעסערט ווערן.

און אַלע מאָל, ווען בּאַ אַ לעקציע אין אַט דער שווערער צייט פלעגט אויסקומען צו באָאָבּאַכטן אַט אַזאַ פּאַרטאַיעטן אָטעם בּאַ דעם עולם, פלעגט זיך פאָדערן אַ גרויסע מאָס פון זעלבּסט־קאָנטראָל צו קאָנען אָנ־גיין מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אָנגעצייכנטער טעמע.

איז נאָך דאָס אַליין ניט געווען גענוג, מאַכט זיך, אַז פּונקט אין מיטן פון אַ לעקציע צעפייפן זיך די סירענעס, וואָס זאָגן אָן, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר פון אַ באָמבּע־איבּערפאַל. מען לעשט אויס די באַלייכטונג און מען בלייבּט אין דער פינסטער. קיינער קאָן ניט זאָגן צי איז דאָס בּלויז אַ פּראָבּע־סיגנאַל, צי איז דאָס טאַקע דער אָנזאָג פון אַ ווירקלעכן איבּערפאַל. כאָטש די צוהערער זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכטער פינסטערניש, פילט זיך אָבער זייער אַנוועזנהייט און אויף עפּעס אַן אומבּאַגרייפלעכן אופן גיט זיך איבּער ווי אַן עלעקטרישער שטראָם זייער אָנגעצויגענע שטימונג.

מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַט די שטימונג זאָל לאַנג אָנהאַלטן. מען מוז פאָרזעצן די לעקציע און דערמוטיגן אַט די מענטשן און דורך דעם אויך זיך אַליין.

עס גייט אַוועק אַ פערטל שעה און עס ווערט נאָך אַלץ ניט ליכטיג; עס קייקלען זיך נאָך מינוטן, וואָס קוקן אויס זייער לאַנג, און עס הערט זיך נאָך אַלץ ניט קיין סיגנאַל, אַז מען מעג שוין ווידער מאַכן ליכטיג. אין קאָפּ לויפט דורך אַ געדאַנק: אפשר פאַלן שוין ערגעץ אין אַ ווייטן טייל פון שטאָט באָמבּעס, וואָס מען הערט דאָ נאָך ניט? אפשר וועט דאָ נאָענט אויך באַלד אַ קראַך טאָן אַ באָמבּע? אפשר זיינען שוין דאָ פאַרוואונדעטע און טויטע?

זאָל אָבער זיך ניט אָפּשטעלן דאָס וואָרט. איצט איז אַזוי נויטיג צו דערמוטיגן אַט די מענטשן און זיי באַווייזן, אַז קיין זאַך קאָן שוין דעם שונא ניט ראַטעווען. זאָל פאַרבּייגיין דער חשבון פון די כוחות פון די קעמפער פאַר פרייהייט געגן די כוחות פון די פאַרשקלאַפער; זאָל זיך ציען דאָס צעטל פון די כוחות, וואָס פירן אַן אונטערערדישן קאַמף; זאָל זיך צעוויקלען דאָס צעטל פון די פאַרבּרעכנס פון דעם פאַרהאַסטן שונא; זאָלן אויפבּליצן די אומשטערבּלעכע ווערטער פון יעדן איינעם פון די פירער פון די מעכטיגע לענדער, וואָס גייען

צוזאַמען אין געמיינזאַמען קאַמף; זאָל קלאָר ווערן די גרויסע ענדערונג אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע, וואָס האָט באַ איר ווענד־פונקט אין דעם טאָג פון דעם מערדערישן איבערפאַל אויף דעם אַרבעטער־לאַנד דערקלערט צו די פעלקער פון אַט דעם לאַנד: ניט געגן אייך וועט גיין די וועלט, נאָר מיט אייך צו פאַרטיידיגן אַלץ, וואָס איז ליב און טייער דער מענטשהייט! ניט דעם שונא וועט געגעבן ווערן הילף אייך צו פאַרשקלאַפן, נאָר אויף אייער זייט וועט זיך שטעלן יעדער פרייהייט־ליבנדיק פאָלק, כדי זוכה צו זיין מיט אייך צוזאַמען צו שלאָגן אַט דעם שונא ביז ער וועט אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן און אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד!

עס האָט זיך דאָ אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט דער רעטאָרישער אויס־דרוק, אַז וואָס פינסטערער די נאַכט, אַלץ פריידיגער וועט זיין דער אָנקומענדיגער ליכטיגער טאָג און אַלץ גרעסער וועט זיין דער יובל באַם אָנקום פון דעם זיג.

באַ אַט די ווערטער איז די לופט דורכגעשניטן געוואָרן פון אַ פייף, וואָס האָט זיך געציקלט און געציקלט, אָנזאָגנדיג, אַז מען מעג שוין ווידער מאַכן ליכטיג.

און דאָ האָב איך דערזען די פּנימער פון די מענטשן, צו וועלכע איך האָב גערעדט אין דער פינסטער. איך בין געבליבן דערשטוינט, ווייל דוקא זיצנדיג איצט אין דער פינסטער און איינהערנדיג זיך צו דער לעקציע, האָבן די מענטשן ווי עפּעס פאַרטריבן פון זיך זייער מורא און האָבן זיך באַפרייט פון אַט דעם באַזונדערן געמיט־צושטאַנד, וואָס איך האָב באַצייכנט אַלס „פאַרטאַיעטער אָטעם".

אין אָנהויב האָט מיך אַט די אומדערוואַרטעטע ענדערונג איבער־געשראָקן, נאָר ווען דער עולם האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון די פּלעצער און האָט מיט פריילעכע קלאַנגען פאַרהילכט דעם זאַל, איז קלאָר גע־וואָרן, אַז אַט די מענטשן האָבן איצט דעם פולן גלויבן, אַז מען קאָן דעם שונא שלאָגן. עס איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז זיי זיינען איצט בעסער צוגעגרייט צו טאָן זייער חלק אַרבעט אויף צו דערפירן צו דעם שונא'ס מפּלה.

זייער שטימונג האָט, נאַטירלעך, זיך באַלד איבערגעגעבן אויך צו מיר. אין זיך האָב איך געטראַכט: האָב איך מיט אַ פּאָר שעה פריער זיך גאָר געקאָנט פאַרשטעלן אַזאַ אָוונט און אַזאַ באַלוינונג פאַר מיין אַרבעט?

קאַפּיטל 22.

איך רעד אין אַ קירכע און עס לאַטקעס באַ אַ דיאַק

אַז מען גיט אַן אַדרעס מיט אַ נומער פון אַ גאַס ערגעץ אין באַלטי־מאָר, איז ווי ווערט גאָר פלוצלונג איינפאַלן, אַז דאָס איז אַ קירכע, וואו איך וועל דאַרפן האַלטן מיין לעקציע פאַר רוסן וועגן דעם קוואַל, פון וועלכן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד שעפט זיין וואונדערבאַרן כוח צו שלאָגן די מערדערישע נאַציס.

אויף וויפיל מיר איז געווען באַקאַנט, זיינען די, צו וועלכע איך בין געפאָרן האַלטן די לעקציע, גאָר קנאַפּע קירכן־גייער. ווען איך בין צוגע־קומען צו דער גאַס, וואָס איך האָב געזוכט, און דערזען, אַז דער נומער, וואָס איז מיר אָנגעגעבן געוואָרן, איז גאָר אויף אַ קירכע, האָב איך באַ־שלאָסן, אַז עפּעס איז דאָ ניט ריכטיג — מסתמא האָט מען מיר געגעבן אַ שלעכטן אַדרעס. איך בין איינמאָל צוגעקומען צו דער קירכע און אַוועק פון דאָרטן; איך בין אַ צווייטן מאָל צוגעקומען און זיך איינגע־קוקט אין די מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אַריינגיין אַהין, נאָר איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט באַשטימען, צי דאָס זיינען מענטשן, וועלכע גייען תפילה־טאָן, אָדער דאָס וועלן זיין מיינע היינטיגע צוהערער.

האָב איך געקוקט און געקוקט און בשום אופן ניט געקאָנט קומען צו קיין באַשלוס. אָט גייט אַריין אַ מענטש פון נידעריגן וואוקס. ער איז אַ ברייטפּלייציגער, פאַרמאָגט אַ גרויסן קאָפּ און גייט מיט די שווערע טריט פון איינעם, וועלכער האָט פלאַכע פיס, וואָס ער האָט געוויס גע־קראָגן פון שטיין אויף זיי לאַנגע שטונדן ערגעץ אין אַ שאָפּ אַלס אַ פרעסער, אָדער ערגעץ אין אַ קראָם אַלס אַ פליישׁ־האַקער. איז ווער

ווייסט אים צוליב וואָס ער גייט דאָ איצט אַריין אין אָט דער קירכע? קוקן קוקט ער אויס אַ סך מער ווי אַ קירכן־גייער, איידער ווי אַ באַזו־כער פון לעקציעס. נאָר ווער קאָן זאָגן אויף זיכער וואָס ער איז און וואָס ער איז ניט?

און אָט גייט אַ מאַן מיט אַ פרוי. פון וויטנס וואָלט מען שוין זיכער געקאָנט באַשטימען, אַז זיי גייען תפילה־טאָן, נאָר אַז מען זעט זיי פון דער נאָענט, קאָן מען שוין אַזאַ זאַך ניט באַשטימען. זיי לאַכן עפּעס אַזוי געשמאַק און אַזוי ערדיש, אַז מען קאָן זיי בשום אופן ניט צענויפפאָרן מיט די, וועלכע זיינען שטענדיגע קירכן־גייער און וועלכע טראָגן אַזאַ ערנסטע מינע באַם צוגאַנג צו דער שוועל פון גאָטס־הויז.

איז וואוהין זשע דאַרף איך פאָרט גיין, אויב דער אַדרעס, וואָס איך האָב באַ זיך, איז ניט קיין ריכטיגער?

מיין דילעמע איז פאַר מיר שנעל געשליכטעט געוואָרן, ווען איינער פון די, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אַריינגיין אין דער קירכע, האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַמערקנדיג, ווייזט אויס, מיין פאַרלעגנהייט, און האָט געפרעגט:

— זייט איר אפשר דער לעקטאָר?

— יאָ, איז אָט דאָ וועט זיין די לעקציע? — האָב איך געפרעגט.

— אָט דאָ, וואו זשע? טאַקע אָט דאָ! קומט אַריין. איך וועל אייך ווייזן ווי צו גיין צום דיאַק.

איך בין נאָכגעגאַנגען און דער אומבאַקאַנטער האָט מיך געפירט טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ דורך אַלערליי געדרייטע קאָרידאָרן און שמאָלע דורכגאַנגען. ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען צו טרעפּ אין אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דרויסן. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ און מיין וועג־ווייזער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. עס האָט געדויערט אַ מינוט־דריי ביז די טיר האָט זיך געגעבן אַן עפן און עס האָט זיך באַוויזן אַ רויט־האָריגער קאָפּ פון אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז זיין באַשפּרענקלט פּנים און זיינע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי דערשראָקן. אַזעלכע אויגן זיינען געווײנלעך אַ צייכן אָדער פון לאַנגע יאָרן פון הונגער, אָדער פון עפּעס אַ טיפער מורא, וואָס לאָזט ניט אָפּ אויף קיין מינוט.

מיין וועג־ווייזער האָט אים וואַרים באַגריסט און האָט מיט פרייד אויסגערופן:

— אָט האָב איך דעם לעקטאָר צו דיר געבראַכט, פאַנטעלעאָן וואַ־סיליעוויטש.

— קומט אַריין, קומט אַריין, — האָט דער מאַן מיט די גרויסע, דערשראָקענע אויגן געזאָגט — באַ מיר איז דאָ ניט אַזוי אַלץ אין אָרדענונג. איר וועט אַנטשולדיגן. איר ווייסט דאָך, אַ הויז אָן אַ פרוי איז קיינמאָל ניט אין אָרדענונג. איך בין דאָ דער דיאַק. די קירכע דאַרף איך האַלטן ריין. אין אונזער קירכן־שול לערן איך מיט די קינדער זינגען — טאָ וועגן בלייבט שוין דאָ צייט אויף דעם אייגענעם ווינקל אַכטונג צו געבן? קומט זעצט זיך אָט דאָ. איך וועל באַלד פאַרענדיגן מיין עסן. עס איז נאָך דאָ צייט. דער עולם קומט זיך צוזאַמען שפּעט.

ער איז געווען אַ באַרעדעוודיגער, אָט דער דיאַק. איך האָב זיך באַלד דערוואוסט, אַז ער וועט זיין פאָרזיצער באַ מיין היינטיגער לעקציע און אַז ער האָט געהאַט אַ סך צו־טאָן מיט דעם איינאָרדענען פון דעם צוזאַמענקונפט, באַ וועלכן עס וועלן זיין אי גלויביגע, אי די, וועלכע שטעלן געוויינלעך ניט אַריין קיין פוס אין קיין קירכע.

— אַז אַלע וועלן זיין צוזאַמען, וועלן זיי מאַכן גרעסערע בייטראָגן פאַר דער הילף, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן פאַר די רוסישע קינדער, — האָט ער דערקלערט מיט אַ פעסטן טאָן, ווי ער וואָלט דאָ ניט אַרויסגע־בראַכט קיין השערה, נאָר ווי ער וואָלט דערקלערט עפּעס אַ געזעץ פון דער נאַטור.

— זיכער וועלן היינט זיין גרויסע בייטראַגן, — האָט זיך אַריינ־געמישט מיין וועג־וויזער, — אַלע וועלן דערלאַנגען הילף מיט אַ ברייטער האַנט.

דער דיאַק האָט אויף שנעל געשלונגען זיין שפּייז צו פאַרענדיגן זיין עסן וואָס שנעלער און האָט געזופּט מיט גרויסע שלונגען זיין קאַווע. פּלוצלונג האָט ער זיך געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ מיט ביידע הענט און האָט אויסגערופן אַ פאַרצווייפלטער:

אי קאַקאָי זשע יאַ גאָסטיעפּריאימני כאָזאַין! (און וואָס פאַר גאַסטפריינדלעכער ווירט איך בין!)

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן מיר אָנבאָטן די לאַטקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין עסן.

איך האָב אים באַדאַנקט און דערקלערט, אַז סיי ווי עס איך ניט אין דער לעצטער מינוט פאַר אַ לעקציע און אַז זיין מיין אַליין איז שוין אויך גוט. ער האָט זיך אָבער ניט באַרואיגט און איז באַשטאַנען, אַז

איך זאָל אים צוזאָגן, אַז נאָך דער לעקציע וועל איך צוריק קומען צו אים אין זיין וואוינונג און ער וועט מיר ווייזן וואָס עס מיינען אמת'ע לאַטקעס — און טאַקע פרישע אויך.

— איצט, אַז איר זאָלט אַפילו וועלן, איז דאָך שוין כמעט גאָרניט געבליבן. איך וועל שפּעטער אַ מאַך־טאָן לאַטקעס, וועט דאָס זיין פון לאַטקע־לאַנד. ביר האָב איך אויך. איר מוזט מיר צוזאָגן צו קומען פאַרזוכן מיינע לאַטקעס.

איך האָב אים צוגעזאָגט און מיר זיינען אַרויס פון זיין וואוינונג. דעם מאָל האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ און מיר זיינען גלייך אַריין דורך אַ זייטיגער טיר אין דער קירכע. פאַרוואָס מיר האָבן פריער זיך געדאַרפט דרייען דורך אַלערליי קאָרידאָרן און דורכגאַנגען — איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד.

די קירכע, וואָס איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, איז געווען אָנגעפּאַקט. דער דיאַק האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און האָט דערקלערט, אַז דער לעקטאָר פון ניו יאָרק וועט רעדן וועגן דעם סאָוועטישן ווידערשטאַנד און וועגן דעם אויסזיכט פון דעם קאַמף, וואָס דאָס טייערע געבורטס־לאַנד (דאָראָגאַיאַ ראָדינאַ) פירט געגן אַ גרויזאַמען שונא.

דער אופן, ווי ער האָט עטלעכע מאָל באַטאָנט דאָס וואָרט „ראָדינאַ", האָט עלעקטריזירט דעם עולם. עס האָט זיך געפילט, אַז די מענטשן דאָ אין אָט דעם מאָמענט טראַכטן וועגן דעם ווייטן לאַנד, וואָס זיי האָבן שוין אַזוי לאַנג פאַרלאָזן, ווי זיי וואָלטן דאָרט איצט געווען.

אָט די שטימונג האָט זיך אויך איבערגעגעבן צו מיר. איך האָב ניט געוואָלט פאַרשפּרייטן קיין פאַלשע אילוזיעס און מאַכן די לאַגע לייכטער, ווי זי איז געווען, נאָר כאָטש דאָס זיינען געווען גרויזאַמע צייטן, ווען דער שונא איז געגאַנגען אַלץ טיפער אין דעם סאָוועטישן לאַנד, זיינען שוין אָבער אויך געווען סימנים פון דעם גרויסן ווידערשטאַנד, וואָס האָט באַם שונא געצאַפּט אַ סך בלוט, און וואָס האָט ענדלעך צעבראָכן זיין רוקן. וועגן אָט דעם שטאָלענעם ווידערשטאַנד האָב איך גערעדט מיט פולער זיכערקייט.

איך האָב גערעדט וועגן די קוואַלן פון דעם סאָוועטישן כוח: די אייניגקייט פון זיינע מאַסן, די פאַרברידערטע משפּחה פון זיינע פעלקער, די אייניגקייט פון דעם פאָלק און פון דער אַרמיי מיט דער מלוכה, די גרעניצלאָזע ליבע פון די סאָוועטישע מענטשן צו זייער נייעם לעבן פון ליכט און וויסן און פריידי פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער, די גרויסע שנאה

צו דעם שונא און צו זיין באַרבאַריזם און די פעסטע אַנטשלאָסנקייט מיט די אייגענע הענט אַלץ צו פאַרניכטן, אַבי עס זאָל דעם שונא קיין נוצן ניט קאָנען ברענגען.

איך האָב געבלעטערט די יאָרן פון דעם אויפבוי. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון די פינף־יאָר־פּלענער. איך האָב דורכגעפירט אַ גאַלעריי פון סטאַכאַנאָווצעס און איזאַטאָווצעס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לעבן פון די באַזונדערע סאָוועטישע רעפּובליקן און אויף זייער גרויסן פאַרשריט. איך האָב געפרעגט צי װעלן אַט די מיליאָנען, וועלכע האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון פרייהייט און גליק, זיך לאָזן פאַרשקלאַפן. כאָטש איך האָב מיין פראַגע געשטעלט ניט אין דער דערוואַרטונג צו קריגן אַן ענטפער, ווייל איך האָב זיך געקליבן אַליין צו געבן דעם ענטפער, האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ מעכטיגער דונער פון דעם גאַנצן עולם:

— קיינמאָל ניט!

די ווענט פון דער קירכע האָבן געציטערט פון דעם אויסרוף.

איך האָב גענומען ברענגען ביישפּילן פון דעם גלענצענדיגן קאַמף פון דער רויטער אַרמיי און פון די העלדישע מעשים פון די פּאַרטיזאַנען און איך האָב געפרעגט, צי קאָן מען דען אַזאַ ווידערשטאַנד און אַזאַ קאַמף באַזיגן?

ווידער האָט דער עולם ניט געוואַרט ביז איך וועל ענטפערן, נאָר ער האָט אַליין געענטפערט מיט אַ מעכטיגן אויסרוף:

— ניין! ניין! ניין!

איך האָב אַרויסגעבראַכט די געענדערטע לאַגע אין דער וועלט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אייניגקייט, וואָס ווערט אויסגעשמידט צווישן די גרעסטע פרייהייט־ליבנדיגע לענדער אין דער וועלט געגן דעם בונד פון די דריי פינסטערע פאַשיסטישע מלוכות און די לאַפּיטוטן, וואָס שלעפּן זיך נאָך נאָך דער „אַקס".

כאָטש איך האָב זיך ניט דערלויבט צו זאָגן קיין נביאות, האָב איך אָבער געקאָנט זיך דערלויבן צו באַהויפּטן, אַז ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די קרבנות, ווי לאַנג עס זאָל ניט דויערן דער קאַמף, דער פינסטערער פאַשיזם מוז פאַרלירן.

עס איז שוין ניט געווען נויטיג צו מאַכן קיין ספּעציעלן אַפּיל פאַר געלט. דער עולם איז שוין געווען אין דער נויטיגער שטימונג אויף אָפּ־

צוגעבן אַלץ, כדי צו העלפֿן שלאָגן דעם שונא פֿון דעם געבורט־לאַנד און דעם שונא פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

עס האָט אַ שטראָם־געטאָן מיט פֿינף און צוואַנציק דאָלאַרדיקע ביישטייערן, מיט צוואַנציקער און מיט צענערלעך. אויף דער בינע זיינען אַרויפֿגעקומען צוויי מיטגלידער פֿון דעם קאָמיטעט און צוזאַמען מיט זיי האָב איך און דער דיאַק קוים באַוויזן צו נעמען די פּאַפּירלעך, וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען.

עס איז געווען אַ זאַמלונג, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. אין מיטן פֿון אָט דעם גאַנצן טומל און געדרענג האָט דער דיאַק באַוויזן מיר אַריינרוימען אין אויער:

— איר זעט אָט דעם ברייטפּלייציקן, אָרים־געקליידעטן, ניט־הויכן מאַן? ער איז אַ „לינקער״; ער איז אַ בעקער; ער האָט שוין ביז איצט צוגעטראָגן העכער צוויי טויזנט דאָלאַר. קיין שטיקל מלבוש פֿאַרגינט ער זיך ניט, נאָר ער גיט אַלץ אָפּ פֿאַר דער הילף פֿון דעם געבורט־לאַנד.

דאָס איז געווען איינער פֿון די, וועגן וועלכע איך האָב פֿריער ניט געקאָנט באַשטימען צוליב וועלכן צוועק ער באַטרעט די שוועל פֿון דער קירכע. איז ער גאָר אַ „לינקער״ און נאָך וואָס פֿאַר אַ „לינקער״!

נאָך דער זאַמלונג זיינען געווען פֿראַגן צו דער לעקציע. ווי געוויינלעך, שטעלן רוסישע אַרבעטער און פּאָלקס־מענטשן אַ סך פֿראַגן. זייערע פֿראַגן זיינען זייער טרעפֿלעכע און וויכטיקע. עס איז אַ גרויסער פֿאַרגעניגן פֿאַר אַ לעקטאָר צו זען לויט די פֿראַגן, אַז דער עולם האָט זיך זייער גוט איינגעהערט און האָט גוט באַנומען די לעקציע.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָוונט ווען איך האָב פֿאַרענדיקט מיט די פֿראַגן. דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צו דעם אַרויסגאַנג און אַ טייל האָט מיך אַרומגערינגלט, ווי עס פֿירט זיך, שטעלנדיק „פּריוואַטע״ און „זייטיקע״ פֿראַגן. איך האָב געדולדיק גע־ענטפֿערט, נאָר דאָ האָב איך דערפֿילט ווי דער דיאַק שלעפּט מיך ביים אָרעם. איך האָב שוין געהאַט אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן דעם צוזאָג צו גיין צו אים עסן לאַטקעס, נאָר ער האָט אָבער ניט פֿאַרגעסן.

איך האָב זיך ווי ניט איז און מיט זיין הילף אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון דעם מענטשן־קנויל. צוזאַמען מיט אַ צאָל מענטשן פֿון דער פֿאַראייניגטער הילף־קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לינקע אַרבעטער און פֿון די קירכן־מיטגלידער, זיינען מיר אַוועק אין דעם דיאַק׳ס שטיבל.

מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך בשעת דער דיאַק האָט זיך ערגעץ געפּאָרעט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אויף דעם טיש האָבן זיך באַוויזן לאַטקעס און גלעזער ביר. עס איז געווען אַ פריילעכע סעודה. מען האָט זיך געוואונשן צו דערלעבן אַ שנעלן זיג און צו הערן גוטע גרוסן פון דעם לאַנד, וואָס האָט געפירט אַזאַ מסירות נפש'דיגען קאַמף.

— נאַשאַ וואַזמיאַט! נאַשאַ וואַזמיאַט! — האָבן עטלעכע שטימען גלייכצייטיג אויסגעשריען דעם כאַראַקטעריסטישן רוסישן אויסדרוק, וואָס באַדייט אומגעפער — אונזער צד וועט זיגן.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט ווען איך בין געקומען אויף דעם וואָקזאַל צו פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק. בײַ מיר אין די אויערן האָט געקלונגען דער אויסרוף: נאַשאַ וואַזמיאַט! פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דער דיאַק מיט זיין באַשפּרענקלטן פּנים; איך האָב אים געזען ווי ער דערלאַנגט די לאַטקעס צום טיש; איך האָב זיך דערמאָנט די אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין דער קירכע בשעת דער לעקציע, און איך האָב זיך געטראַכט:

— וואָסערע וואונדער מיר האָבן פאַר זיך — אַ איד האַלט אַ לעקציע אין אַ קירכע; דער דיאַק איז מכבד דעם אידן מיט לאַטקעס; איד און קריסטן טרינקען צוזאַמען פאַר דעם זיג פון דעם ווייטן לאַנד, וואָס איז זיי אַלעמען נאָענט און וואָס איז איצט די האָפענונג פון דער מענטשהייט.

גרויסער סאָוועטן־פאַרבאַנד, עס איז דאָך ניט מעגלעך, אַז אָט די גרויסע האָפענונגען פון דער מענטשהייט זאָלן אָפּגענאַרט ווערן! עס איז דאָך ניט מעגלעך, אַז די נאַצישע נאַכט זאָל זיגן איבער דיין ליכטיגן טאָג!

די באַן יאָגט זיך דורך ווילמינגטאָן, טשעסטער און פילאַדעלפיע — אַלץ נענטער און נענטער צו ניו יאָרק, און בײַ מיר גייט ניט אַרויס פון קאָפּ די רויטע געביידע פון דער קירכע און דער לאַנגער און דאַרער דיאַק מיט זיינע גרויסע דערשראָקענע אויגן.

דער פּלאַץ פון דער לעקציע און די סעודה נאָך איר — דאָס זיינען צייכנס פון אַ נייער צייט.

קאַפּיטל 23.

צווישן רוסן אין ניו ענגלאַנד

צוליב וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו רעדן באַ רוסן אין פינף שטעט אין לויף פון צוויי טעג, ווייס איך אַליין ניט. אפשר איז דאָ געווען דער פאַרלאַנג צו זען צי מען קאָן דאָס טאַקע דורכפירן, און אפשר איז דאָ געווען דער סטימול פון אַ געדאַנק, וואָס האָט אונטערגעזאָגט, אַז עס איז דאָך געוויס אַ גאָר אינטערעסאַנטע איבערלעבונג צו זיין אין פינף באַזונדערע פונקטן; זיך טרעפן מיט פאַרשיידענע מענטשן; באַוויזן קומען אין יעדן שטעטל אין דער באַשטימטער צייט — און אַלץ בלויז אין די צוויי טעג פון שבת און זונטאָג. דער זונטאָג האָט אויסגעקוקט צו זיין גאָר אינטערעסאַנט — אַ לעקציע אין דער פרי, אַ צווייטע באַטאָג און אַ דריטע אין אָוונט — אין דריי פאַרשיידענע פונקטן.

עס איז טאַקע געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. כאָטש עס איז כמעט אומעטום אָן איינהייטלעכער עלעמענטן, פאַרמאָגט אָבער יעדע גרופּע עפּעס אייגנאַרטיגעס.

די רוסישע קאָלאָניע ווערט שטופּנוויז איינגעשרומפּן. די יוגנט רעדט ניט קיין רוסיש און דערווייטערט זיך שנעל פון די עלטערן און פון זייערע אינטערעסן. דאָס איז אַלגעמיין אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו עס לעבן רוסן דאָ אין לאַנד. נאָך מיט אַ צען יאָר צוריק, אויף איינעם פון מיינע באַזוכן אין לאָס אַנדזשעלעס, האָב איך באַשלאָסן צו באַקענען זיך מיט דער דאָרטיגער רוסישער סעקטע פון מאָלאָקאַנען. מען האָט דאָך מיר אַזויפיל אָנדערציילט וועגן זייערע זיטן, וועגן דעם, ווי זיי האַלטן ריינלעכקייט פאַר געטלעכקייט, און ווי זיי פּראַקטיצירן די ריינלעכקייט אין זייער טאָג־טעגלעך לעבן; וועגן זייערע עטישע באַגריפן, לויט וועלכע אָפּנאַרן דעם צווייטן איז דער גרעסטער פאַר־

ברעכן; און וועגן זייער אופן פון דורכפירן זייער גאָטעס־דינסט אָן וועלכע ניט איז צערעמאָניעס, אַז מען קאָן פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען פאַרזאַמלט מענטשן אין אַ פלאַץ, וואו זיי רופן אָן „גאָט׳ס שטוב", נאָר מען קאָן מיינען, אַז דאָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען קרובים און פריינט צו עמיצן צוגאַסט אין אַ ניי־אויסגעווייסטן צימער.

און דאָס ערשטע, וואָס האָט די פאַטריאַרכאַלע רוסן, וועלכע האָבן אַלע געטראָגן לאַנגע בערד, און וועלכע זיינען געווען הויכע און מיט ברייטע פלייצעס, מאַכנדיג דעם איינדרוק פון סאָלידע דעמבעס, — דאָס ערשטע, אויף וואָס זיי האָבן זיך גענומען פאַרקלאָגן צו אַ פרעמדן, איז געווען דאָס אַוועקגיין פון דער יוגנט.

אויב דאָס איז געווען אמת מיט צען יאָר צוריק און נאָך באַ אַזאַ אין זיך איינגעשלאָסענער גרופּע ווי די מאַלאקאנעז, איז שוין פאַרשטענדלעך, אַז ביי דער דורכשניטלעכער גרופּע רוסן איז די אבוועזנהייט פון דער יוגנט שוין געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. זעט מען טאַקע אומעטום נאָר אַ מינדערהייט פון מיטליאָריגע און אַ גאָר גרויסע צאָל פון עלטערע מענער און פרויען. ניט אַלע פון זיי זיינען רוסן. דאָ האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן מענטשן פון פאַרשיידענער אָפּשטאַמונג — אוקראַינער, פאָליאַקן, רוטענער פון גאַליציע, ווייסרוסן און אויך סערבן און בולגאַרן. אין לויף פון יאָרן האָבן זיך זייערע שפּראַכן דערנעענטערט און עס איז פון זיי אַלע אויספורמירט געוואָרן עפּעס אַ מאָדנער דיאַלעקט, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס רוסיש. איז שוין אָט דער צונויפמיש פון לשונות אין זיך אַליין זייער אינטערעסאַנט. איינער רעדט רוסיש מיט אַ צוגאָב פון אוקראַינישע ווערטער; אַ צווייטער — מיט אַ געמיש פון פּויליש, אַ דריטער — מיט אַזאַ ניט רעכענען זיך מיט גראַמאַטישע כללים, אַז עס באַקומט זיך עפּעס גאָר אויסטערלישעס. זיי זיינען אָבער אַלע שווערע האָרעפּאַשניקעס און זיי האָבן אַ גאָר גוטע באַציאונג צו דעם לאַנד, וואו די מערסטע פון זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. אפשר זיינען זיי ניט אַלע פון סאַמע אָנהויב געווען פריינט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אין לויף פון יאָרן זיינען זיי אַלע געקומען צו דעם געדאַנק, אַז דאָס נייע לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גוט פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסן און אַז דאָס נייע לאַנד פאַרדינט די פריינטשאַפט פון יעדן האָרעפּאַשנעם מענטשן. איינס נאָר האָט אַ טייל פון אָט דער קאָלאָניע נאָך ניט באַנומען — דעם פאַקט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז טאַקע ניטאָ מער קיין אַנטיסעמיטיזם און אַז עס איז אַ שאַנדע פאַר אַ פריינט פון אָט

דעם לאַנד נאָך אַלץ צו וואַרימען אַנטיסעמיטישע געפילן באַ זיך אין ברוסט.

צי עס איז דערפאַר, וואָס אַ טייל פון אַט די מענטשן האָט פאַר־טראָגן אַהער פון די צאַרישע צייטן אַנטיסעמיטישע געפילן, וואָס האָבן זיך דאָ ניט אויסגעוועפּט, אָדער עס איז דערפאַר, וואָס אין די קליינע שטעטלעך לעבן אַט די רוסן אין אַן אַטמאָספערע פון צוריקגעשטאַנענע מענטשן, וועלכע ווערן דאָ פאַרסמט פון אַ היימישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַ סך חוצפה׳דיגער און אויסגעשפּראָכענער ווי די רעאַקציע און אַנ־טיסעמיטיזם אין די גרויסע שטעט, — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, נאָר די פאָרגעשריטענע צווישן די רוסן זיינען גאַנץ באַוואוסטזיניג וועגן אַט דעם איבל און זיי וואָרענען דעם לעקטאָר, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן „אַריינצימבלען” ווען עס קומט. די וואָרענונג איז אָבער אַן אומ־נויטיגע, ווייל די דערשיינונג איז אַזאַ ברייטפאַרשפּרייטע, אַז ווען מען זאָל אַפילו וועלן זי פאַרטושן, וואָלט זיך דאָס אויך ניט איינגעגעבן.

דאָ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער גראַד פון אַנטיסעמיטיזם ביי דער, אָדער ביי אַ צווייטער גרופּע, איז אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דעם, ווי וויט זי איז פון פּראָגרעסיוון געדאַנק און פון אַנגעהעריגקייט צו פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. וואָס מער איינער איז דורכגעדרונגען מיט פּראָגרעסיווע אידייען, וואָס מער איינער לייענט די פּראָגרעסיווע פּרעסע און וואָס נעענטער איינער שטייט צו די אויסגעהאַלטענע פּראָג־רעסיווע אָרגאַניזאַציעס צווישן דער רוסישער באַפעלקערונג — שוין אָפּגערעדט פון די, וועלכע זיינען מיטגלידער פון רוסישע פּראָגרעסיווע פּראָטערנאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס — וואָס ענגער איינער איז פאַר־בונדן מיט דעם קאַמף געגן רעאַקציע, מיט דעם קאַמף געגן פאַשיזם און מיט דעם קאַמף פאַר פריינדשאַפט צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַלץ מער איז אַזאַ רוס ניט נאָר פריי פון יעדן רעשטל פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר ער איז אויך אַלץ מער אַן אַנטשלאָסענער קעמפער געגן דעם אַנטיסע־מיטיזם, וואָס האַלט זיך נאָך — אויב אַפילו אין אַ פאַרשטעלטער פאָרמע — צווישן די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון דער רוסישער קאָלאָניע.

אַזעלכע פּראָגרעסיווע רוסן זיינען די ערשטע צו פאָדערן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם — אַפילו אין מילדסטן אויסדרוק — זאָל אַרויסגעשטעלט ווערן אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט.

ניט קיין אַנדערער ווי אַ רוס, וועלכער איז, פאַרבייגייענדיג, אַ זעל־טענער קענער פון דער אידישער שפּראַך, האָט שטענדיג אין איין טענה׳ען

מיט מיר, אַז עס ווערט ניט געטאָן גענוג אויף אויסצוברענען דעם אַנטי־סעמיטיזם מיטן וואָרצל.

אַ צווייטער רוסישער חבר, — אַ זשורנאַליסט — וועלכער האָט מערערע מאָל אַרומגערייזט דאָס לאַנד און וועלכער איז גוט באַקענט מיט דער רוסישער קאָלאָניע, האָט מיר געזאָגט אַט וואָס אויף מיין פראַגע, צי וועט ניט אויסגעטייטשט ווערן שלעכט מיין איבערגעבן איניגע מאַניפעסטאַציעס פון אַנטיסעמיטיזם און צי וועלן זיך שונאים ניט אָנכאַפּן אין דעם און אָנהויבן טייטלען — זעט, וויפיל אַנטיסעמיטיזם עס איז נאָך דאָ! — ער האָט מיר געזאָגט אַזוי:

— ווען עס טוט דאָס אַ פריינט אָן דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו איבער־טרייבן, אָדער צו מינימיזירן אָט דעם צושטאַנד, קאָן עס בלויז פירן צו דעם, אַז עס זאָל העלפן די באַוואוסטזיניגע בעסער אויפצוקלערן די אומ־באַוואוסטזיניגע. מורא האָבן איז ניטאָ פאַר וואָס.

וועל איך טאַקע פּרובירן דאָ איבערגעבן צוויי אויסדרוקן פון אַנטי־סעמיטיזם. נאָר איידער איך דערצייל וועגן זיי, מוז איך דערמאָנען, אַז אין צייט פון קריג איז אויסגעקומען צו רעדן צו פאַרשיידענע עלעמענטן און אויפטרעטן באַ אָרגאַניזאַציעס, באַ וועלכע איך וואָלט אין אַנדערע באַדינגונגען מסתמא גאָר ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן. אין יענער צייט איז געווען נויטיג צו וועקן מענטשן, אַז זיי זאָלן געבן בלוט פאַר דעם רויטן קרייץ, זיי זאָלן קויפן מלחמה־באָנדס און זיי זאָלן שטיצן די רעליף־אַקציעס — ספּעציעל פאַר דעם לאַנד, וואָס האָט געבראַכט די גרעסטע קרבנות. אָט די אַרבעט האָט מיך געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט אַלערליי עלעמענטן און, באַטירלעך, אויך מיט אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם סם פון אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אָט דער מכה, ווען אין איינער פון די פינף שטעט, וואו איך האָב געדאַרפט האַלטן לעקציעס, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אין איין סוף וואָך, האָט דער פאָרזיצער דוקא געוואָלט מיך פאָרשטעלן מיט פאַראַד אויף דעם אמת׳ן רוסישן שטייגער, אָנגעבנדיג מיין ערשטן נאָמען און דעם טאַטנ׳ס נאָמען. איך האָב זיך געבעטן באַ אים, אַז עס איז ניט נויטיג, זאָל ער פשוט מיך פאָרשטעלן אַלס אַלמאַזאָוו, און דאָס וועט זיין גענוג. ער איז אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז איך זאָל אים געבן מיין „אימיאַ אי אָטשעסטוואָ". איז גיי דער־צייל אים אַ מעשה, אַז דער טאַטע און די מאַמע האָבן מיך גערופן שלמה; לויט די צאַרישע מעטריקעס האָב איך געהייסן שליאָמאַ; אין

קאַנאַדע האָט דער טאַטע באַם אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרט מיך פאַרשריבן אַלס סעם; דאָ רופט מיך די גאַנצע משפחה סאָל, ווי איך בין אויך פאַר־צייכנט באַ אַנקל סעם. און וואָס זאָל איך שוין זאָגן וועגן מיין טאַטן, וועמעס נאָמען עס איז געווען שמואל מרדכי; וועמעס רוסישער פּאַס־פּאָרט האָט אים באַצייכנט אַלס שמול; וועמען די מאַמע האָט גערופן שמילי; און וועמען מען האָט אויף דער אַמעריקאַנער ערד אויך גערופן סעם.

האָב איך געטראַכט און געטראַכט און האָב זיך דערמאָנט, אַז אין די קינדער־יאָרן האָט מיינער אַ לערער אין דער ערשטער מלוכה־שול מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך רופן סאָלאָמאָן סאַמואילאָוויטש. האָב איך דעם פּאַרזיצער, וואָס איז צוגעשטאַנען צו מיר, געזאָגט, אַז אויב ער וויל דווקא מיין ערשטן נאָמען און דעם נאָמען פון מיין טאַטן, קאָן ער דערקלערן, אַז איך הייס סאָלאָמאָן סאַמואילאָוויטש.

עפּעס איז איבער דעם געזיכט פון דעם פּאַרזיצער דורכגעלאָפן אַ שאָטן. אין זיינע אויגן איז עפּעס אויסגעלאָשן געוואָרן דער גלאַנץ. ער האָט אויף שנעל אָפּגעכאַפּט:

— איך האָב דעם פאַרגעניגן אייך פאָרצושטעלן דעם לעקטאָר אַלמאַזאָוו.

דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז לויט מיין פאַמיליע נאָמען האָט דער פּאַרזיצער אָנגענומען, אַז איך בין אַ רוס, נאָר ווען ער האָט דערהערט די צוויי ווערטער סאָלאָמאָן סאַמואילאָוויטש און עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז איך בין אַ איד, האָט ער זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז ער האָט אַפילו ניט פּרובירט פאָרשטעלן זיין פאַראורטייל און האָט בלויז אָנגע־געבן מיין פאַמיליע־נאָמען.

די צווייטע דערפאַרונג — און טאַקע דעם זעלבן טאָג — איז געווען פון אַ נאָך מער אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. איך בין אין דעם באַטרעפנדיגן שטעטל אָנגעקומען מיט אַ באַס. פון דאָרט האָב איך געדאַרפט מיט אַ באַן פאָרן אין אַ צווייטן פּלאַץ. פאַר מיר איז געווען וויכטיג פעסטצושטעלן גענוי ווען די באַן גייט אָפּ. מיין באַס האָט מיך געבראַכט כמעט צו דער טיר פון דער פּלאַץ, וואו איך האָב געדאַרפט האַלטן מיין לעקציע. איך האָב באַ די צוהערער, וועלכע זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט, אויסגעפרעגט ווי ווייט עס איז צום וואָקזאַל, און איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך וויל צוגיין אויסצוגעפינען וועגן מיין באַן. איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט זיך אַרויסגערופן מיטגיין

מיט מיר און מיר ווייזן דעם וועג. כאָטש איך האָב זיך ניט געגוויטיגט אין קיין באַגלייטער, ווייל לויט די דערקלערונגען, וואָס מען האָט מיר דאָ געגעבן, איז דער וואָקזאַל געווען בלויז אַ בלאָק־צען פון דעם פּלאַץ, וואו מיר האָבן זיך געפונען, נאָר אַז אַ מענטש רופט זיך אַרויס און איז גרייט צו זיין אַ באַגלייטער, קאָן מען זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין פריינטלעכן אָנבאָט. זאָל זיין, אַז ער וויל גיין מיט דעם לעקטאָר, ווייל ער וויל אַריינ־כאַפּן אַ פּריוואַטע פראַגע, אָדער ער וויל, ווי עס פּאַסירט געוויינלעך, עפּעס דערציילן פון זיין אייגן לעבן — איז זאָל ער.

עס איז טאַקע לאַנג ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. ער האָט באַלד זיך גענומען רעדן וועגן זיך. ער איז שוין אין אַמעריקע 30 יאָר. ער האָט געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט איינער אַליין דער׳הרג׳עט 26 דייטשן, וועלכע זיינען געווען אין אַ גרופּע, און צו וועלכע ער האָט אומבאַמערקט זיך אונ־טערגע׳גנב׳עט און זיי אויפגעריסן מיט אַ האַנט־גראַנאַט. ער האָט אַ מעדאַל פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ער איז אויך געווען פאַר־וואונדעט אין פוס און ער האָט אַ גרויסע וואונד. ער קריגט אַ שטענדיגע פּענסיע פון דער רעגירונג — ניט קיין גרויסע פּענסיע, נאָר בעסער ווי גאָר ניט. אָט וועט ער מיר טאַקע באַלד אָט דאָ ווייזן זיין וואונד. ער שטעלט זיך אָפּ און איז שוין גרייט צו פאַרקאַשערן די קאָלאַשווע פון זיינע הויזן, נאָר איך פאַרזיכער אים, אַז איך גלויב אים אויפ׳ן וואָרט און אַז עס איז ניט נויטיג צו ווייזן די וואונד אין מיטן גאַס.

מיר קומען אויף דעם וואָקזאַל, וואו איך קריג די נויטיגע אינ־פאָרמאַציע, און מיר לאָזן זיך גיין צוריק צום זאַל, וואו די לעקציע דאַרף געהאַלטן ווערן. מיין באַגלייטער האָט שוין, ווייזט אויס, אויסגעשעפּט זיין גאַנצן מאַטעריאַל און ער ווייסט ניט וועגן וואָס נאָך מיט מיר צו פירן זיין שמועס. דאָ פאַלט אים פּלוצלונג איין אַ נייער געדאַנק און ער נעמט זיך פאַרקלאָגן אויף דעם, וואָס די קירכע, וואָס האָט אויפגעבויט אַ נייע געביידע, וואו עס איז דאָ אַ גרויסער זאַל, פאַרדינגט אָט דעם זאַל צו אַלע־מען — אַפילו צו אידן. — ווסיעם סדאַיוט, דאזשע זשידאַם סדאַיוט, ווסיעם!

עס איז געווען קלאָר, אַז ער ווייסט ניט, אַז איך בין אַ איד. דאָס האָט ער געוויס געוואָלט זיך אויספּיינען פאַר מיר, באַווייזנדיג, אַז ער האָט אַ האַרץ אויף אידן, נאָר אים האָט זיך אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אַז נאָך דעם זעלבן אָוונט וועט ער דערפאַר האָבן אַ ביטערן אָפּשניט.

ביי זיך טראַכט איך: וואָלט אַט דער מענטש באַלאַנגט צו אַ פּראָ־גרעסיווער אָרגאַניזאַציע, וואָלט שוין ביי אים ניט געווען אַזאַ באַציאונג צו אידן.

איך דערמאָן זיך דעם רוסישן חבר, וועלכער האָט ערשט מיט אַן אָונט פריער אין אַן אַנדער שטאָט אַרויסגעוויזן אַזאַ געטרייע פריינטלעכ־קייט, איינלאַדנדיג מיך צו זיך אין הויז אויף נאַכטלעגער נאָך דער לעקציע. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ איד, נאָר דאָס האָט אין דער מינדסטער מאָס ניט געשטערט ניט אים און ניט זיין פרוי אַרויסצואווייזן אַזויפיל וואַרימקייט, ווי צו אַן אייגענעם ברודער. ווי גוט עס איז געווען צו פאַר־ברענגען מיט אַט די מענטשן, ווייל זיי זיינען באַהערשט פון די זעלבע פּראָגרעסיווע אידייען, וואָס פאַרבינדן אונז אַלעמען אין איין משפחה.

און פריער מיט אַ וואָך איז אויסגעקומען צו פאָרן נאָך אַ לעקציע ביי פּראָגרעסיווע רוסן — אין אַ דערבייאיגער שטאָט צו האַלטן אַ צוויי־טע לעקציע. איך האָב געזאָלט נעמען אַ „באָס" און פאָרן צו מיין באַ־שטימטן פּונקט.

— ניין, חבר, די רייזע מיט דעם „באָס" וועט אייך אויסמאַטערן — האָט זיך צו מיר געווענדעט איינער פון די אַנוועזנדע. איך וועל אייך צופירן מיט מיין אויטאָמאָביל.

— וואָס הייסט איר וועט פאָרן 65 מייל און דערנאָך וועט איר ביי־נאַכט זיך שלעפּן אַליין צוריק! — האָב איך פּרובירט זיך אָפּבעטן ביי אים — איר וועט דאָך דאַרפן מאַכן אַ רייזע פון 130 מייל. מיט גאַזאָלין איז דאָך אין דער איצטיגער מלחמה־צייט אויך ניט אַזוי לייכט. צו וואָס דאַרפט איר דאָס?

— איר האָט זיך ביי אונז פאַרדינט. אייער אַרבעט צו שמידן אַ כוח געגן פאַשיזם — פאַרדינט מיר זאָלן כאָטש פאַר אייך טאָן אַזאַ קליינינקייט.

— אַזאַ קליינינקייט! — האָב איך פּרובירט זיך אַמפּערן, נאָר עס איז געווען אומזיסט. כאָטש ער האָט געדאַרפט אויפשטיין גאַנץ פרי צו גיין צו דער אַרבעט, האָט ער זיך צעשמייכלט גאָר פריילעך ווען איך האָב ענדלעך אָנגענומען זיין אָנבאָט.

אַט וועגן אַט די מוסטערן פון טייערע חברים און פריינט צווישן די רוסן האָב איך געטראַכט, גייענדיג ביי דעם זייט פון אַט דעם פאַרשויך, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס צעכראַסטעט מיט זיין אַנטיסעמיטישן אויס־דרוק.

איך קאָנטראָליר זיך אים ניט צו זאָגן באַלד וואָס איך טראַכט וועגן אים און וועגן זיין באַנוצן דאָס העסלעכע וואָרט „זשיד", נאָר אַזוי ווי מיין לעקציע איז וועגן שיקן הילף דעם סאָוועטישן לאַנד, גיב איך שוין אָפּ אַ גרויסן טייל צו דער באַלויכטונג פון דער פראַגע, ווי אַזוי אַט דאָס לאַנד איז געבויט, ווי עס ווערט רעגירט פון אַלע פעלקער, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געגעבן פרייהייט און גלייכהייט אַלע זיינע פעלקער און ווי אַזוי ער האָט אויסגעבררענט דעם סם פון אַנטיסעמיטיזם.

איך שטעל זיך אָפּ ברייטער אויף דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך אויף דעם אופן, ווי אַט דער סם צעפרעסט די אַלע, וועלכע פאַלן אַרונטער אונטער זיין ווירקונג. איך ברענג אַרויס געשיכטלעכע פאַקטן וועגן דעם, ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז באַנוצט געוואָרן אויף אָפּצונאַרן די מאַסן. איך דערפיר מיין אויפקלערונג ביז אונזער צייט. און איך קום צו צו דעם זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם פון די נאַציס.

זיכער איז אין מיין רעדן געווען צאָרן, פאַראַכטונג און פייער, נאָר בלויז איינער פון צווישן די פאַרזאַמלטע האָט געוואוסט, אַז דאָ איז געווען אַ ספּעציעלע אָנרעגונג צו רעדן אַזוי ברייט וועגן אַט דעם ענין צווישן מענטשן, וועלכע האָבן לויט זייערע אַנדערע אָנשויאונגען געדאַרפט זיין פריי פון אַט דעם סם און אין אַזאַ לעקציע זיך ניט נויטיגן.

צום וואקזאַל האָבן מיך באַגלייט אַנדערע. מיין פריערדיגער באַגלייטער איז באַלד נאָך דער לעקציע פאַרשוואונדן.

קאַפּיטל 24.

אַ פּריוואַטע לעקציע פאַר 13 טויזנט דאָלאַר

עס איז געווען אַ הייסער, אַ ברענענדיגער, אַ שטיקנדיגער טאָג — איי־נער פון יענע זומער־טעג אין ניו־יאָרק, ווען עס איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטע־מען; ווען די העמד קלעפּט זיך צום לייב; ווען עס דאַכט זיך, אַז עס גייען אויס די לעצטע כוחות; ווען עס פאַרלירט זיך שוין אַפילו דער ווילן עפּעס צו טאָן אויף צו פאַרלייכטערן די לאַגע. אין אַזאַ טאָג האָט אין מיין טיר עמיצער אָנגעקלאַפּט און אויף מיין ענטפער: קאָם אין! — איז מיט ניט־דרייסטע טריט אַריינגעקומען צו מיר אין אָפיס אַן עלטערער מענטש אין אָפּגעטראָגענע קליידער. מיט עפּעס אַ באַזונדערער פאַרלאָרנקייט, ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז מען וועט אים איבערהאַקן די רייד, האָט ער מיט איין אָטעם געזאָגט אַזוי:

— איך וויל איבערלאָזן אַ ירושה און איך ווייס ניט צי זאָל איך אָנ־שרייבן אַ צוואה לטובת דעם „איקאָר”, אָדער איך זאָל דאָס טאָן לטובת די ציוניסטן.

עפּעס מאָדנעס איז געווען אין אָט דעם מענטשן; אָט דאָס מאָדנעס האָט דערציילט וועגן אַ סך ליידן און האָט גיכער דערמאָנט אין אָרימקייט און נויט, איידער אין וועלכע ניט איז ערדישע פאַרמעגנס. אָט דער איינ־דרוק פון אַ מענטשן אין נויט האָט געמאַכט פאַרגעסן אי די היץ, אי דעם פאַרלאַנג צו זיין אַליין און ניט אויסרעדן צו קיינעם קיין וואָרט, כדי ניט צו דאַרפן מאַכן וועלכע ניט איז אָנשטרענגונג.

איך האָב אים געבעטן זיך זעצן און אים דערווייל באַטראַכט. עס איז נאָך מער באַפעסטיגט געוואָרן דער ערשטער איינדרוק, אַז אָט דער מענטש האָט ניט קיין גראָשן באַ דער נשמה און אַז זיין באַהויפּטונג וועגן אַ ירושה, וואָס ער וויל איבערלאָזן, איז מסתמא ניט מער, ווי אַ פּראָדוקט פון

אַ קראַנקער פאַנטאַזיע. עס איז נאָך גרעסער געוואָרן דער געפיל פון רחמנות צו אָט דעם אומבאַקענטן, ווען איך האָב באַמערקט ווי שווערע טראָפּנס שווייס באַדעקן זיין געזיכט. עס איז אים, ווייזט אויס, ניט אָנגעקומען לייכט צו קומען אַהער אין אָט דעם סמאָליענדיגן טאָג און עס איז אים אפשר פונקט אַזוי שווער אויך אָנגעקומען צו זאָגן די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגערעדט.

איך האָב אים דערקלערט, אַז וועגן די ציוניסטן וועל איך גאָר ניט זאָגן, ווייל עס איז דאָך ניט קיין ענין פון זאָגן אויף זיי אבזיכטלעך עפּעס, וואָס זאָל זייער אַרבעט אַרויסשטעלן אין אַ שלעכטער ליכט, כדי אים אָפּצורעדן פון אָנשרייבן אַ צואה פאַר זיי.

— ווען איך וואָלט אַזאַ זאַך געטאָן — האָב איך אים דערקלערט — וואָלט איר דאָך בלויז געקאָנט באַשטימען, אַז איך האָב אַ ספּעציעלן אינטערעס און אַ קרעמערישן צוגאַנג פון וועלן געווינען אַ קונד. איך וועל דערפאַר איבערלאָזן, אַז איר זאָלט וועגן די ציוניסטן אויסגעפינען באַ די ציוניסטן זעלבסט. איך וועל זיך באַנוגענען מיט דערקלערן בלויז וועגן אונזער אויפגאַבע און וועגן דעם אופן, ווי מיר טוען אונזער אַרבעט.

איך האָב גענומען צעוויקלען אַ בילד פון דעם לעבן פון די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך האָב געבלעטערט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך האָב געהאַלטן אַ לעקציע פּונקט ווי דאָ וואָלט געווען אַ גרויסער עולם, אָדער אַ גוט־באַזוכטער קלאַס פון נייגיריגע סטודענטן. און אַז איך האָב שוין געהאַט פאַר זיך אַ באַשטימטע אויפגאַבע, איז שוין פאַרגעסן געוואָרן די היץ און עס האָט שוין אויך ניט אויסגעמאַכט וואָס באַ זיך אין געדאַנק האָב איך פעסט באַשלאָסן, אַז אָט דער מאַן, וואָס זיצט לעבן מיר און הערט זיך איין אַזוי אויפמערקזאַם, איז אַ קבצן אין זיבן פאַלעס און אַז זיין געשיכטע וועגן אַ געפּלאַנטער צואה איז בלויז געווען אַן אויסרייד — כאָטש איך ווייס ניט צוליב וואָס ער האָט אַזאַ אויסרייד געדאַרפט — צו קאָנען אַריינקומען אַהער און צו קריגן אינפאָרמאַציע וועגן בירא בידזשאַן און וועגן די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך האָב אָנגעוויזן אונזער אויפגאַבע צו שאַפן פריינטשאַפט מיט די סאָוועטישע אידן און צו באַקענען די אַמעריקאַנער אידן מיט דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָפט האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע. מיט יעדער נייער פראַגע זיינער איז דער מענטש מיר געוואָרן אַלץ מער אינטערעסאַנט. עפּעס איז

געוועזן סיי אין דעם אופן, ווי ער האָט זיינע פראַגן געשטעלט, סיי אין דעם אינהאַלט זייערן — עפּעס, וואָס האָט מיך אַלץ מער און מער פאַר־אינטריגירט. געפרעגט האָט ער זייער פאַרזיכטיק, כמעט ציילנדיק זיינע ווערטער. געווען זיינען די פראַגן זיינע זייער טרעפלעכע און האָבן געוויזן, אַז דער מענטש באַזיצט אינטעליגענץ און אַז די פראַגן, וואָס ער שטעלט, זיינען באַ אים ניט קיין צופעליגע, נאָר אַז ער האָט שוין וועגן די זעלבע פראַגן פריער געטראַכט.

עס זיינען אומבאַמערקט אַוועק צוויי שעה צייט. ווען איך האָב געענ־דיגט, האָב איך מיט אַ פראַגע אין מיין בליק אַ קוק־געטאָן אויף דעם אומבאַקאַנטן. ער האָט פאַרשטאַנען מיין בליק און האָט מיר דערקלערט אָט וואָס:

— איך וועל אָנשרייבן אַ צוואה לטובת אייער אָרגאַניזאַציע. האָט איר אַן אייגענעם לאָיער? אויב יאָ, ווען קאָן איך גיין צו אים?

איך האָב אים געזאָגט, אַז אונזער וויצע פאַרזיצער איז אונזער לאָיער און אַז איך קאָן, אויב ער וויל, טעלעפאָנירן און פרעגן פאַר אַן אַפּאָינט־מענט.

דער אומבאַקענטער האָט אויסגעדריקט זיין וואונש, אַז איך זאָל טאַקע באַלד טעלעפאָנירן. אין זיין אַנוועזנהייט האָב איך אָנגעקלונגען און האָב דעם לאָיער דערקלערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— זאָל ער באַלד קומען, — האָט דער לאָיער דערקלערט, — איך וועל וואַרטן אויף אים. ווי הייסט ער?

— דער לאָיער פרעגט וואָס איז אייער נאָמען און ער זאָגט, אַז איר קאָנט באַלד קומען צו אים, אויב איר ווילט.

— זאָגט אים, אַז איך הייס סלאָוט, זאָגט אים, אַז איך וועל זיין באַ אים אין אַ שעה אַרום.

איך האָב איבערגעגעבן דעם לאָיער דעם ענטפער, דערנאָך האָב איך זיך געזעגנט מיט דעם אומבאַקענטן, וועמעס נאָמען עס האָט אויך געקלונגען אַזוי פרעמד, און איך האָב זיך דערפילט נאָך מער אויסגע־שעפּט פון דער היץ, ווי איידער דער פרעמדער איז אַריין צו מיר אין אָפיס.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך אָנגעקלונגען צום לאָיער און געפרעגט צי דער מיסטער סלאָוט איז געווען באַ אים. יאָ, ער איז געווען, האָט דער לאָיער דערקלערט; ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז דער סלאָוט איז אַ געוועזענער ציין־דאָקטאָר, וועלכער פּראַקטיצירט ניט

מער. קיין צוואה האָט ער ניט אָנגעשריבן. נאָך דעם, ווי ער האָט באַ דעם לאַיער אויך אויסגעפּרעגט אַ סך זאַכן וועגן אונזער אָרגאַניזאַציע, האָט ער דערקלערט, אַז ער וויל זיך נאָך איבערלייגן וועגן דעם גאַנצן ענין.

אויף מיין פראַגע, צי האָלט ניט דער לאַיער, אַז די גאַנצע זאַך האָט גאָר ניט די ווערט, איז זיין ענטפער געווען זייער אַ פעסטער:

— איך בין זיכער, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט עפּעס אַ סאָרט פּסיכאָפּאַטיע; דער מענטש האָט זיכער ניט קיין שום פאַרמעגן; די גאַנצע געשיכטע מיט דער צוואה האָט גאָר ניט די ווערט; דער דר. סלאָוט וועט מסתמא זיך שוין מער קיינמאָל ניט ווייזן.

ער האָט זיך אָבער יאָ געוויזן. אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז ער געקומען צום לאַיער און האָט דיקטירט זיין צוואה. דער אינהאַלט איז געווען פּונקט אַזוי ניט־געוויינלעך, ווי אַט דער מאָדנער מענטש אַליין.

ער האָט אַלץ אָפּגעשריבן פאַר דעם „איקאַר"; ער האָט פּינקטלעך אָנגעוויזן וויפיל מען וועט דאַרפן אויסצאָלן יעדן איינעם פון אַ צאָל קרובים און ער האָט אַריינגעשריבן אַ פּונקט, אַז די אָרגאַניזאַציע דאַרף אים איינאָרדענען אַן אַנשטענדיגע לויה אויף איר חשבון.

— וואָס זשע פאַרמאָגט ער? — האָב איך געפרעגט דעם לאַיער

— פון וואַנען וועלן מיר נעמען אויף צו צאָלן די קרובים און נאָך דורכ־פירן אַ לויה אויך?

הערנדיג דעם ענטפער פון דעם לאַיער, האָב איך זיך געקאָנט פאָר־שטעלן ווי זיינע רייד ווערן באַגלייט פון זיין כאַראַקטעריסטישן גוט־מוטיגן שמייכל און מיט אַ צוואָוואונק פון אַן אויג.

— קיין געלט האָט ער אינגאַנצן ניט; ער פאַרמאָגט אַ צאָל אַקציעס, וואָס זענען אויס צו זיין ווערטלאָז, נאָר אונז וועט ניט אויסקומען צו צאָלן קיינעם קיין סענט, אויב די אַקציעס וועלן ניט אַריינברענגען אַ געוויסע באַשטימטע סומע. וואָס אנבאַלאַנגט די אויסגאַבן אויף דער לויה, אויף דעם מוזן מיר ריזיקירן. דאָס איז געווען אַ פּונקט, אויף וועלכן דער ירושה־איבערלאָזער איז באַשטאַנען.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן מיט אַ חדשים־דריי שפּעטער דערהער איך אין טעלעפאָן די שטימע פון דעם לאַיער און ער זאָגט:

— דו יו רעמעמבער דר. סלאָוט?

(געדענקט איר דעם דאָקטאָר סלאָוט?)

פון דעם אופן, ווי ער האָט געשטעלט די פראַגע, איז מיר באַלד געוואָרן קלאָר, אַז דאָס טעלעפאָנירט ער מיר איבערצוגעבן וועגן דעם טויט פון דעם דאָקטאָר. אַזוי איז טאַקע געווען. אויף מאָרגן האָבן מיר דורכגעפירט אַ שיינע לויה, וואָס האָט דער אָרגאַניזאַציע געקאָסט אַ פּאָאַר הונדערט דאָלאַר.

באַ דער לויה זיינען געווען עטלעכע קרובים פון דעם דאָקטאָר און געציילטע עטלעכע פריינט זיינע. פון זיי האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער האָט געליטן פון אַ קענסער אין האַלדז און אַז ער האָט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע.

די קרובים האָבן באַדאַנקט פאַר דער ווירדיגער לויה און פאַר די עטלעכע האַרציגע ווערטער, וואָס זיינען פון אונזער פאָרזיצער געזאָגט געוואָרן באַ דעם אָפענעם ארון.

און פון דעמאָלט האָט זיך אַוועקגעקייקלט אַ גאַנץ יאָר צייט. דער לאָיער האָט גענומען ליקווידירן די אַקציעס. זיי זיינען געווען פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין יעדן שטאַט אין לאַנד — טאַקע בוכשטעבלעך פון יעדן איינעם פון די 48 שטאַטן. מען האָט געדאַרפט אין יעדן שטאַט באַזונדער אַריינגעבן פּאַפּירן; מען האָט געדאַרפט דורכפירן אומצאָליגע פאָרמאַליטעטן אויף צו רעגיסטרירן אין יעדן שטאַט די צוואה, אויף צו קריגן די געהעריגע געריכט־דערלויבעניש צו ליקווידירן די אַקציעס, אויף צו באַצאָלן די נויטיגע ירושה־שטייערן און קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוציען דאָס געלט.

ווען אַלץ איז געווען געשליכטעט און אַלע קרובים האָבן שוין געקראָגן די סומען, וואָס זיינען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן; ווען עס זיינען געדעקט געוואָרן אַלע אויסגאַבן פאַר די לאָיערס, וואָס האָבן גע־האַנדלט אין די פאַרשיידענע שטאַטן אויף דעם אויפטראַג פון אונזער לאָיער דאָ; ווען עס זיינען אַרונטערגערעכנט געוואָרן אַלע צאָלונגען — זייער באַשיידענע — צו אונזער לאָיער און די אויסגאַבן אויף דער לויה — איז געבליבן די נעטע סומע פון 13 טויזנט דאָלאַר. פאַר אָט דעם געלט איז געקויפט געוואָרן אַ דרוקעריי, וואָס איז אָפּגעשיקט גע־וואָרן קיין בירא בידזשאַן.

מיר האָבן באַשטעלט ספּעציעלע מעטאַלענע פּלאַטן מיט דעם נאָמען פון דר. סלאוט און זיי אָנגעקלאַפּט אויף יעדער מאַשין צו פאַר־אייביגן זיין נאָמען אין דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע.

באַם אונטערשרייבן די צוואה האָט דר. סלאָוט דערקלערט דעם לאַיער, אַז ער האָט זיך אבזיכטלעך אָנגעטאָן אין אָפּגעלאָזענע מלבושים ווען ער איז געגאַנגען צו אונז אין אָפיס, כדי צו זען וואָס פאַר אַן אויפ־נאַמע ער וועט קריגן. ער האָט דאָס זעלבע פּראָבירט אין איניגע אַנדע־רע אָרגאַניזאַציעס און מען האָט אים זייער גראָב באַהאַנדלט. ער האָט דערקלערט, אַז די אויפנאַמע בא אונז און די געדולדיגע און פריינטלעכע ענטפערס אויף אַלע זיינע פראַגן און מיין אויספירלעכע דערקלערונג וועגן אונזער טעטיגקייט — האָבן אים שטאַרק באַווירקט און דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אונז איבערצולאָזן זיין ירושה.

און אַט אַזוי האָט מיינע אַ פּריוואַטע לעקציע אַריינגעבראַכט אַ גרויסע סומע, פאַר וועלכער עס איז מעגלעך געוואָרן צו שיקן אַ שיינע מתנה די אידן אין ווייטן בירא בידזשאַן און אויך פאַראייביגן דאָרט דעם נאָמען פון זייער אַ מאָדנעם, נאָר גאָר אינטערעסאַנטן מענטשן.

קאַפּיטל 25.

פאַרוואָס־זשע האָט מען אַרעסטירט זיין אַלטע מאַמע?

אומגעלומפּערט און ווילד זיינען די רייד פון די שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די איצטיגע טעג. נאָר דאָס איז גאָר ניט צו פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס די שונאים פלעגן זיך דערלויבן צו זאָגן מיט יאָרן צוריק. עס איז ניט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל די פאַרלוימדער צוימען אין זייער וויסטער אַרבעט פון שאַפן שטימונג געגן דעם יונגן סאָוועטישן רעזשים. אויף סאָוועטן־העצעס האָט מען געקענט מאַכן קאַריערעס; פאַר סאָוועטן־העצעס האָט מען געקראָגן אי געלט, אי כבוד; ספּעציעלע ליגן־פאַבריקן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די הויפּט־שטעט פון אַ סך לענדער; הינטער די העצעס אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען געקענט באַהאַלטן אַ סך טונקעלע טאַטן; אין די הויכע פענסטער איז סאָוועטן־פרעסערייַ געווען אַן אָנגעלייגטער אַרטיקל; מיט קליינע אויסנאַמען האָט די גאַנצע פּרעסע אין אַלע לענדער זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן די ווילדסטע אויסטראַכטענישן וועגן דעם אַרבעטער־לאַנד. מיט איין וואָרט, סאָוועטן־העצערייַ איז געווען אַ גאַנגבאַרע סחורה.

באַ די, וועלכע האָבן אין לויף פון חדשים און יאָרן זיך אָנגעלייענט די שרייבעכצן אין די צייטונגען, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף פאַרלוימדן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, — באַ אָט־די לייענער האָט זיך נאַטירלעכערוויז אויסגעפורעמט דער באַגריף, אַז אין סאָוועטישן לאַנד עסט מען קינדער, מען דערשיסט אומשולדיגע מענטשן, מען גייט אַרום אין טראַנטעס און מען איז באַוואַקסן מיט לאַנגע בערד, וואָס דערגרייכן ביז די קני. צו דעם קומט נאָך צו די באַרימטע געשיכטע וועגן נאַציאָנאַליזירטע פרויען, וועגן פאַרברענטע ביכער און נאָך און נאָך פון דעם

זעלבן סאָרט. עס איז דערפאַר גאָר ניט קיין וואונדער, אַז די פאַרפירטע האָבן שוין אַלץ אָנגענומען פאַר גוט געלט און קיין זאַך האָט זיי שוין ניט געקענט דערשטוינען. זיי זיינען געווען גרייט צו גלויבן אַלץ, וואָס מען האָט זיי דערציילט וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כאָטש דאָס האָט געמיינט אָנצונעמען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שטייט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ.

אַ גוטן ביישפּיל פון דעם איז מיר אויסגעקומען צו קריגן צום סוף פון מיינער אַ לעקציע, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן עלטערער איד און האָט מיט אַפּגעהאַקטע ווערטער געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— אויב איר זאָגט, אַז דאָרט בויט זיך אַ לעבן פון יושר, איז ווי שיקט זיך עס וואָס מען האָט מיין אַלטע מאַמע אַרעסטירט? ווי איר זעט, בין איך שוין אַליין ניט קיין יונגערמאַנטשיק און מיין מאַמע איז שוין אַלט 80 יאָר. וואָס האָט מען געהאַט צו איר?

טאָקע, וואָס האָט מען געקענט האָבן צו אַן אַלטיטשקער פרוי פון 80 יאָר? וואָס איז זי עפּעס אַ פאַרשווערערין געגן דעם יונגן לאַנד געוואָרן? האָט זי אפשר געוואָלט פאַרנעמען לענינס פּלאַץ?

מען האָט געקענט זען, אַז דער גאַנצער עולם האָט אָנגעשפּיצט די אויערן מיט אַ ספּעציעלן נייגיר, ווי אייגער זאָגט: נו, ווי וועט איר זיך איצט אַרויסדרייען? אָט האָט איר די ריכטיגע פראַגע און פּרובירט פאַר־ענטפערן וואָס מען פרעגט אייך!

ווי דערשטוינט איז אָבער דער עולם געבליבן, ווען אנשטאט צו אָפּלייקענען אָדער צו פאַרענטפערן, האָב איך גאָר געזאָגט אַזוי:

— איך קען ניט ענטפערן אויף אייער פראַגע פאַרוואָס מען האָט אַרעסטירט אייער אַלטע מאַמע. עס איז מעגלעך, אַז עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ טעות צוליב עפּעס אַ פלאַנטער פון נעמען. עס איז מעגלעך, אַז אַ געוויסער באַאַמטער האָט געהאַנדלט ניט ריכטיג. עס איז אַפילו מעגלעך, אַז אַ שונא האָט זיך איינגעוואָרימט אין אַ געוויסער פּאָזיציע און איז באַגאַנגען אַזאַ אַקט, כדי צו דיסקרעדיטירן די מלוכה. עס איז אַן איבערגאַנג־צייט און אַלץ קען פּאַסירן. איין זאַך ווייס איך אָבער אויף זיכער, אַז עס איז ניטאָ קיין געזעץ אין סאָוועטישן לאַנד, אַז ווען אַ מאַמע ווערט אַלט 80 יאָר, זאָל זי אַרעסטירט ווערן.

דער אַלטער איד האָט זיך ניט באַנוגנט מיט מיין ענטפער. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און מיט מער דרייסטקייט ווי פריער זיך אָנגערופן:

— איצט זע איך, אַז איר זייט אַן אָרנטלעכער מענטש. איר גיט צו, אַז איר קענט ניט ענטפערן אויף מיין פראַגע פאַרוואָס מען האָט אַרעס־טירט מיין מאַמע. אָט האָט מען אַרעסטירט מיין ברודער, איז וועגן דעם פרעג איך גאָר ניט, נאָר פאַרוואָס מען האָט אַרעסטירט די מאַמע מיינע — אָט דאָס הויב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

ער האָט פאַרענדיגט און האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אַוועק מיט אַמאָל מיט עפּעס אַן אויסדרוק פון טריאומף אין זיין שטימע און אין זיין באַנע־מען זיך.

— און פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט אייער ברודער ? — האָב איך אים געפרעגט.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ ווי אַן אַרונטערגעשאָסענער און האָט אויסגעשריען :

— איך זאָג דאָך אייך אַליין, אַז וועגן דעם האָב איך קיין טענות ניט, טאָ וואָס הויבט איר זיך אָן דערפרעגן : פאַרוואָס ? פאַרוואָס ?

דער אַלטער איז געווען גאָר צעקאָכט און מיט זיין יעדן וואָרט איז זיין כעס אַלץ מער געשטיגן, נאָר איך האָב אים ניט אָפּגעלאָזט און באַשטאַנען, אַז ער זאָל פּאַרט דערציילן די אורזאַכן, צוליב וועלכע זיין ברודער איז אַרעסטירט געוואָרן.

— וואָס גייט אייך אָן מיין ברודער ? — האָט ער זיך געקאָכט — איך האָב אייך דאָך געפרעגט וועגן מיין מאַמען און איר האָט זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם ברודער.

— אפשר האָט דער אַרעסט פון אייער ברודער עפּעס צו טאָן מיט דעם אַרעסט פון אייער מוטער ? — האָב איך אָנגעהויבן דערקלערן פאַר־וואָס איך באַשטיי ער זאָל דערציילן די אורזאַך פון זיין ברודער׳ס אַרעסט; נאָר איידער איך האָב צייט געהאַט אַרויסצורעדן מיינע עטלעכע ווערטער, איז דער צעקאָכטער אַלטער שוין גאָר אַרויס פון די כלים און האָט אַ צעפלאַמטער צעפירט מיט די הענט און אויסגערופן :

—אַבי איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַן ערלעכער מענטש. איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן מיין ברודער און ער לאָזט מיך שוין ניט אָפּ : פאַרוואָס ? פאַרוואָס ? פאַרוואָס ? טאָ נאָט אייך און טשעפּעט זיך ניט מער : מיין ברודער איז געווען אַן אָפיצער אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט פאַרקויפט פלענער צו פּוילן. איז וועגן דעם פרעג איך גאָר ניט. איך פאַרשטיי פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט.

אָבער פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט די מאַמע מיינע — אָט־דאָס וויל איך וויסן!

— און אפשר האָט אייער מאַמע עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דעם? אייער ברודער האָט פאַרקויפט פלענער אין צייט פון אַ מלחמה מיט פוילן. פאַר אַזעלכע זאַכן דערשיסט מען אין אַ סך לענדער באַלד אויפ׳ן פּלאַץ נאָך אַ קורצן פעלד־געריכט. איר דאַרפט זיך שעצן גליקלעך וואָס איר האָט נאָך אייער ברודער. ווי עס ווייזט אויס האָט די סאָוועטן־מלוכה זיך באַצויגן צו אים זייער מילד.

— נו, זאָג איך דאָך טאַקע, אַז וועגן זיין אַרעסט שטעל איך ניט קיין פראַגן, — האָט דער אַלטער געזאָגט שוין אַביסל ווייכער, נאָר פאַרט נאָך פּרובירט זיך אַמפּערן מיט מיר. מען האָט געקענט זען, אַז ער וואָלט שוין פאַרגעצויגן, אַז דער גאַנצער ענין מיט זיין פראַגע זאָל קומען צו אַ שלוס.

— און אפשר האָט אייער מוטער פאָרט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט דער האַנדלונג פון אייער ברודער? — האָב איך זיך געהאַלטן בײַ מיינס, נאָר דאָ האָט שוין באַם אַלטן, ווייזט אויס, אינגאַנצן געפּלאַצט זיין געדולד און ער האָט מיט אַ באַנומען קול אויסגעשריען:

— האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דאָס זעלבע: וואָס האָט אייער מוטער געהאַט צו טאָן מיט דעם? וואָס האָט אייער מוטער געהאַט צו טאָן מיט דעם?

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט, נאָכקרימענדיג ווי אַזוי איך האָב זיי אַרויסגערעדט.

— וואָס האָט זי געהאַט צו טאָן מיט דעם, אַז בסך־הכל איז זי כמעט אינגאַנצן בלינד! מען האָט איר אַריינגעגייט די פלענער אין קליידל, איז זי געפאָרן מיט זיי איבער דער גרעניץ. דאָטס אַל!

דער זאַל האָט זיך געוויגט פון געלעכטער. איך האָב שוין גאָר ניט געדאַרפט ענטפערן, נאָר דער אַלטער האָט, ווייזט אויס, גאָר ניט געקענט באַנעמען פאַרוואָס דער עולם לאַכט אַזוי הילכיג און פאַרוואָס אַלע בליקן זיינען געווענדעט מיט שפּאָט צו אים און ניט צו מיר.

קאַפּיטל 26.

אַן אָפּנהאַרציגע פראַגע און אַן אָפּנהאַרציגער ענטפער

וואָלט מיר עמיצער געגומען באַווייזן, אַז עס איז מעגלעך צו האַלטן צוויי לעקציעס אין איין אָוונט, וואָלט איך זיכער זיך געשפּאַרט, אַז אַזאַ זאַך איז ניט מעגלעך. איך וואָלט געענטפערט, אַז דער עולם קאָן ניט אָנהאַלטן זיין אינטערעס צו לאַנג, און אויב אַ לעקציע זאָל זיך פאַר־ציען צו לאַנג — און ווער רעדט נאָך וועגן אָנהויבן אַ צווייטע לעקציע באַלד נאָך דעם, ווי איינע האָט זיך פאַראויס געהאַט פאַרענדיגט — דעמאָלט וואָלט דער עולם פּשוט איינגעשלאָפן, אָדער ער וואָלט פאַר־לאָזן דעם זאַל. מיר איז אָבער אויסגעקומען צו האַלטן צוויי לעקציעס אין איין אָוונט און דער עולם איז ניט נאָר ניט אַוועק און ניט איינגע־שלאָפן, נאָר אַלע זיינען געזעסן און זיך איינגעהערט מיט דער גרעס־טער געשפּאַנטקייט.

די גאַנצע זאַך איז געקומען גאַר אומדערוואַרטעט אין דער צייט פון די פראַגן נאָך דער לעקציע. אַ מיטליאָריגע פרוי האָט זיך אויפ־געהויבן צו שטעלן אַ פראַגע. אַ מינוט איז אַוועק איידער זי האָט אָנגעהויבן רעדן. דאָס האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז איר פעלט דרייסטקייט צו זאָגן וואָס זי וויל. ווען זי האָט אָבער אָנגעהויבן רעדן, זיינען אירע ווערטער אַרויסגעקומען אַן דעם מינדסטן אָנדייט אויף ניט־דרייסטקייט. איר שטימע איז געווען זייער אַן אנגענעמע און מען האָט גלייך געקאָנט דערפילן, אַז זי מאַכט אַ ספּעציעלע אָנשטרייננגונג, אַז אויך איר פראַגע זאָל זיין פּונקט אַזוי אנגענעם און זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן שלעכט.

— איך וויל אייך פרעגן פון וואַנענד נעמט זיך צו אייך די זיכער־קייט, אַז עס איז טאַקע בשום אופן ניט מעגלעך, אַז דער סאָוועטן־פאַר־באַנד זאָל אַראָפּ פון די רעלסן און זאָל נאָך זיין אָפּמאַך מיט היטלער'ן ניט פאַרנעמען זיך אויף אַן אַנדער וועג? איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אַ פריינט, נאָר פונדעסטוועגן גריזשעט אַ צווייפל. ווי קאָנט איר זיין אַזוי זיכער? קאָן איבערהויפּט זיין אַזאַ זאַך, ווי פולשטענדיגע זיכערקייט היינטיגע צייטן?

אַלע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף איר. זי האָט זיך לאַנגזאַם אָוועקגעזעצט. זי האָט פאַרמאָגט אַ שיין געזיכט, וואָס האָט אויסגע־קוקט גאַר יונג, ניט געקוקט אויף אירע שניי־ווייסע האָר. אָט דאָס געזיכט האָט אָנגענומען אַ באַזונדערן אויסדרוק נאָך דעם, ווי זי האָט פאַרענדיגט די פראַגע. עס איז אין אָט דעם געזיכט געווען עפּעס מאָנענ־דיגעס — עפּעס, וואָס איז ענלעך צו דעם אויסדרוק אויף דעם געזיכט פון אַ מוטער, וואָס פרעגט איבער באַ אַ דאָקטאָר וועגן דעם צושטאַנד פון איר קראַנק קינד.

אַזאַ ערנסטקייט פאָדערט אַן ערנסטן צוגאַנג; אויף אַ פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, פאָדערט זיך גאָר אַ באַזונדער ענטפער. די אָפנהאַרציגקייט פון דער פרוי האָט געפאָדערט פונקט אַזאַ אָפנהאַרציגן ענטפער.

איך האָב דערקלערט, אַז איך וואָלט וועלן ענטפערן אויף אָט דער פראַגע גאָר ברייט, נאָר עס איז דאָך שוין אַזוי שפּעט און קיינער וועט דאָך ניט וועלן זיצן און אויסהערן אַ צווייטע לעקציע, ווייל אַ ברייטער ענט־פער וועט מוזן זיין כמעט אַ צווייטע לעקציע.

— מיר וועלן זיצן! מיר וועלן ניט אַוועקגיין! רעדט! רעדט!

— האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

איך האָב גענומען ענטפערן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מאָדנע שטילקייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער עולם איז געווען נאָך מער אויפמערקזאַם, ווי אין דער ערשטער העלפט פון דעם אָוונט. זאָל זיין, אַז דער טאָן און די האַלטונג פון אָט דער פרוי מיט די ווייסע האָר האָט עס געשאַפן אַזאַ אַטמאָספערע? זאָל עס זיין, אַז איר פראַגע האָט באַ אַלעמען אַרויסגערופן אַזאַ טיפן אינטערעס? ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז אין זאַל געווען אַזאַ שטילקייט, ווי דער עולם וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און אַזאַ שטילקייט ליגן אַרויף אַ באַזונ־דערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דעם לעקטאָר. איך האָב גענומען צעגלידערן דעם סאַמע עצם פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַרויסשיילן דאָס סאַמע קערנדיגסטע אין זיין עקזיסטענץ. איך האָב אין דער פאָרמע פון פראַגן גענומען צעגלידערן יעדן איינעם באַזונדערן הויפּט־פאַקטאָר פון דעם סאָוועטישן רעזשים.

— די ערד באַלאַנגט צו די, וועלכע באַאַרבעטן זי. קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ צוריקקער צו דעם צושטאַנד פון גרויסע מאַיאָנטקעס אין די הענט פון געציילטע?

די אינדוסטריען זיינען דאָס אייגנטום פון דעם פאָלק. איז מעג־לעך, אַז מען זאָל די פאַבריקן איבערגעבן אין די הענט פון פּריוואַטע אייגנטימער?

עס איז ניטאָ קיין זכר פון קיין אַדעליגע; עס זיינען ניטאָ קיינע פּריווילעגירטע קאַסטעס. איז מעגלעך, אַז מען זאָל מיט די אייגענע הענט זיי נעמען באַשאַפן?

ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונג; ניטאָ קיין אויסדערוויילט פאָלק; ניטאָ קיין פּריווילעגירטע שפּראַך און קולטור, נאָר אַלע שפּראַכן און קולטורן זיינען גלייך און אַלצאיינס טייער. איז מעגלעך, אַז מען זאָל דאָס אַלץ אומבייטן?

גרויסע און ברייטע וועגן זיינען אויסגעפלאַסטערט געוואָרן פאַר דער יוגנט צו גיין צו אַ צוקונפט פון גליק און פרייד. קאָן מען אַט דאָס אַלץ אָפּמעקן?

די פרוי איז געוואָרן פריי ווי אין קיין לאַנד אין דער וועלט; אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דעם לאַנד איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער שלייער, וואָס די פרוי האָט געמוזט טראָגן. קאָן מען זיך פאָר־שטעלן, אַז מען זאָל די פרוי צוריק פאַרשקלאַפן?

אויף דעם באָדן פון אַ פאָלקס־ווירטשאַפט, וואָס דינט דעם פאָלק, איז אויסגעוואַקסן די פאָלקס־מאַכט, וואָס האָט אויף דעם געביט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק געמאַכט אַ סוף צו אַלע פריער־פּראַקטי־צירטע דורך די צאַרן מעטאָדן פון אינטריגעס און אימפּעריאַליסטישע אוואַנטורעס. איז מעגלעך, אַז דאָס אַלץ זאָל געענדערט ווערן?

וואָס הייסט צווייפלען? צווייפלען הייסט: ניט גלויבן, אַז אַט די אַלע דערגרייכונגען זיינען טאַקע פונדאַמענטאַל און אַז זיי זיינען אַריינגע־וואַקסן אין די טיפענישן פון דעם באַוואוסטזיין פון די סאָוועטישע פעל־

קער אַזוי, אַז קיין כוח קאָן שוין צו דעם אַלטן צוריק ניט פירן. צווייפלען מיינט: אָננעמען, אַז אַלץ, וואָס איז אויפגעבויט און דערגרייכט געוואָרן, איז ניט מער ווי עפּעס אַ קאַפּריז פון עמיצן. הייַנט האָט דער עמיצער געוואָלט — זייַנען דאָ קאָלעקטיוון און בילדונג און פרייהייט; מאָרגן וועט דער עמיצער וועלן און — עס וועלן זיין אויס קאָלעקטיוון און אויס אַלגעמיינע בילדונג און אויס נאַציאָנאַלע פאַרברידערונג און אויס פרייד און אויס גליק.

און ווער איז דער עמיצער, וואָס קאָן דאָס טאָן? ווער קאָן גאָר וועלן טאָן אַזאַ זאַך, ווען עס וואָלט אַפילו געווען מעגלעך דאָס אויס־צופירן?

כדי קלאָרער אַרויסצוברענגען די אוממעגלעכקייט פון אַ צוריק־קער צו דעם אַלטן אָדער אַפילו פון אַ קליינעם אָפּנויג פון דעם וועג, אויף וועלכן דאָס נייַע לעבן האָט זיך פאַרנומען, האָב איך דורכגעבלע־טערט די געשיכטע פון די יאָרן פון גרויסע שוועריגקייטן און האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אופן, ווי די שוועריגקייטן זייַנען באַזייטיגט געוואָרן; איך האָב געבלעטערט די געשיכטע פון די נייַע בויאונגען, פון דער ראָל פון דער יוגנט, פון דעם מסירת נפש'דיגן העראָאיזם פון די אַרבעטנדיגע אויף יעדן געביט, פון דעם אופן, ווי עס איז געבויט געוואָרן דער דניעפּרסטראָי, קאָמסאָמאָלסק, דער וואַסער־וועג צו מאָסקווע, די אייזנבאַן טורקסיב, די מאָסקווער סאַבוועי, די פּאַראַלעלע באַן־ליניע איבער דער לענג פון סיביר, די אויטאָמאָביל־ און טראַקטאָר זאַוואָדן און נאָך און נאָך.

וויפיל עס איז דאָ געווען געטריישאַפט און ליבע צו דעם לאַנד און, דער עיקר, פאַרשטאַנד, אַז דאָס ווערט געבויט פאַר דעם גליק פון אַלע־מען! וויפיל באַוואוסטזיין און אָנטשלאָסנקייט און געטריישאַפט עס איז געווען אין דער אָנשטרענגונג צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען — אין דער אָנשטרענגונג, וואָס גייט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון סטאַכאַנאָוויזם!

איז דאָס אַלץ אויבנאויפיג? איז דאָס אַלץ פאַרבייגייענדיג? איז דאָס אַלץ עמיצנס אַ קאַפּריז?

און די גרויסע קולטור־דערגרייכונגען, די נייַע קולטור־ווערטן, די גרויסע פעלקער־פריינדשאַפט, די מיליאָנען אויסגעגלייכטע רוקנס, די מעכטיגע פאַרטיי פון פאָלק, די פאַרצווייגטע קלובן, די דרייסיג מיליאָן אַרבעטער אין יוניאָנס — דאָס אַלץ איז עפּעס אַ שטויבעלע, וואָס מען

קאָן אַוועקבלאָזן? דאָס זיינען דאָך מעכטיגע פעלזן, וואָס קיין כוח אין דער וועלט וועט ניט קאָנען רירן פון אָרט. דאָס זיינען דאָך דערגריי־כונגען, וואָס זיינען געקויפט געוואָרן מיט ליידן און מיט פּיין, און דאָס פאָלק וועט זיי ניט אָפּגעבן פאַר קיין שום פּרייז און אונטער קיין שום דרוק.

ניין, צווייפלען זיינען ניט באַרעכטיגט! עס קאָן געמאַכט ווערן אַ טעות דאָ און דאָרט; עס קאָן זיין אַ מאָמענט ווען געוויסע האַנדלונגען זיינען ניט פאַרשטענדלעך, נאָר עס איז זיכער און קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער פונדאַמענט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד בלייבט פעסט און זיין שפּאַן איז פאָראויס און ניט צוריק.

עס איז שוין געוועזן זייער שפּעט ווען די צווייטע לעקציע האָט זיך געענדיגט, נאָר דער עולם האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן אַוועקגיין. עס האָבן געשיינט אויגן; עס האָבן געלויכטן געזיכטער, נאָר מער ווי באַ אַלעמען האָבן געלויכטן די אויגן און עס האָט געשיינט דאָס געזיכט פון דער שיינער פרוי מיט די גרויע האָר. אָט דערנענטערט זי זיך צו מיר. אַלע אויגן באַגלייטן זי. איר שפּאַן איז אַזוי מאַיעסטעטיש. זי דערלאַנגט מיר די האַנט. מיר ווערן אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן טייל פון דעם עולם. קוקנדיג מיר אין די אויגן, פאַרהאַלט זי איר האַנט אין מיינער און זאָגט אַרויס מיט איר קלינגענדיגער שטימע:

— איך דאַנק אייך! איך דאַנק אייך! עס איז באַ מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן!

קאַפּיטל 27.

נאַכטלעגער אונטערוועגנס

אויב עמיצער איז מקנא אַ אידישן לעקטאָר, וועלכער פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ, ווייסט ער מסתמא ניט וואָס עס מיינט אַ נאַכט־לעגער אונטערוועגנס. די צרה נעמט זיך ניט, חלילה, פון דעם, וואָס עס פעלן אויס האָטעלן אין אַמעריקע. אדרבה, האָטעלן זיינען דאָ איבער־געננוג און אַפילו גאַנץ צוגענגלעך, נאָר דעם לעקטאָר קומט אויס צו ליידן פון צופיל פריינטשאַפט. מען איז אים אַזוי געטריי און מען איז צו אים אַזוי פריינטלעך, אַז מען לאָזט אים ניט גיין אין קיין האָטעל.

— וואָס הייסט איר וועט גאָר גיין אין אַ האָטעל? באַ אונז זיינען דאָ קאַרג צימערן, וואו איר קאָנט זיך פילן ווי אין דער היים? אַ שיינעם פּנים וואָלט דאָס געהאַט, מיר זאָלן לאָזן אונזערן אַ לעקטאָר אין אַ האָטעל גאָר אַוועקצוגיין! נאַ דיר גאָר אַ האָטעל!

נאָך דעם, ווי איר הערט אויס אַזאַ דערקלערונג, מוזט איר שוין זיין אַן אמת'ער גזלן, אַז איר זאָלט קאָנען זיך אויפהויבן און אַוועקגיין אין אַ האָטעל. דאָ זיינען מענטשן צו אייך אַזוי פריינדלעך און מען זאָגט אייך צו, אַז איר וועט זיך קאָנען פילן ווי באַ זיך אין דער היים, און איר וועט גאָר נעמען און זיך איינשפּאַרן, אַז איר ווילט דוקא אַ האָטעל. ווי קאָן מען זיין אַזאַ...?

פאַר דער לעקציע מוזט איר גיין עסן מיט אייגענע, נאָר דאָס מיינט ניט, אַז איר וועט נעכטיגן אין דער זעלבער הויז, וואו איר עסט. אייערע זאַכן האָט מען שוין באַ אייך צוגענומען אונטערן האַנט. איר וואָלט וועלן עפּעס אַרויסנעמען פון אייער באַגאַזש — אַ בוך, אַ נאָטיץ־ביכל, נאָר עמיצער איז שוין מיט אייער באַגאַזש אַוועקגעפאָרן אין אַ הויז, וואו איר וועט נעכטיגן — אויב איר דאַרפט דאָס זייער נויטיג האָבן, וועלן מיר צושיקן עמיצן דאָס ברענגען, — פאַרזיכערט מען אייך מיט דער גרעסטער גרייטקייט אייך צו דינען, נאָר איר באַשליסט, אַז עס

איז ניט ריכטיג צו מיסברויכן מיט דער גוטסקייט פון אַט די וואוילע מענטשן, וועלכע זוכן נאָר אייער טובה, און איר דערקלערט זיי, אַז איר וועט זיך שוין באַגיין אָן די זאַכן ביז נאָך דער לעקציע.

צווישן דעם מאָלצייט, מיט וועלכן מען האָט אייך מכבד געווען, און דער לעקציע פרעגט מען דערוויילע באַ אייך אויס וואָס עס הערט זיך אין דער גרויסער שטאָט און וואָס עס מאַכט דער און דער שרייבער און ווי איז דאָס געזונט פון דעם און דעם לעקטאָר און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

נאָך דער לעקציע גייט מען טרינקען קאַווע. דאָס פאַרציט זיך געוויינלעך גאַנץ שפּעט, נאָר ערשט נאָכדעם, ווען איר געפינט שוין אויס צו וועמען פון די אַרומיגע איר גייט שלאָפן, הויבט זיך אָן אַ סדרה פון „פּריוואַטע שמועסן״. עס הויבט זיך אָן נאָך אויף דעם וועג צו דעם נאַכטלעגער.

— איצט, אַז מיר זיינען יאָ דאָ אַליין, וויל איך אויסנוצן די געלעגענ־הייט און אייך שטעלן פּריוואַט אַ פראַגע. פריער האָט מען אייך צופיל געגנודיעט, האָב איך ניט געוואָלט אַריינקומען מיט מיין פראַגע.

דאָס איז ערשט אַ פאָרשפּיל צו דעם, וואָס עס וועט זיין אין הויז. דאָרט איז אָפט באַרעדעוודיג אי דער בעל הבית, אי זיין בעסערע העלפט, נאָר עס איז געגנוג אַז אָפילו איינער פון זיי רעדט, ווייל דאָס מיינט געוויינלעך אָפּזיצן ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

— איז וואָס זיצט מען אַזוי, מען דאַרף עפּעס נעמען אין מויל אַריין. וואָס וואָלט איר בעסער וועלן — טיי, אָדער קאַווע? שעמט זיך ניט, איר קאָנט קריגן וואָס איר ווילט.

איר פּרובירט זאָגן, אַז אייגנטלעך ווילט איר גאָרניט, נאָר דאָס וויל מען אָפילו ניט הערן.

— גייט שוין גייט, וואָס קאָן שאַטן אַ גלעזעלע קאַווע? און אַז עס איז שפּעט, איז וואָס? איר זייט דאָך ניט ווי יענער לעקטאָר ב., וועלכער קייט בלויז גראָז און האָט מורא עפּעס צו עסן פאַר׳ן שלאָפן גיין. פריער וועלן מיר נעמען אַ ביסעלע בראָנפן און צובייסן מיט אַ פיין שטיקעלע וואורשט און דערנאָך וועלן מיר טרינקען קאַווע.

און אַז מען טרינקט לחיים און מען עסט וואורשט און מען פאַר־טרינקט דערנאָך מיט קאַווע און מען עסט נאָך „פּאַי״ אויף דערצו, איז ווי קאָן מען זיצן און שווייגן און ניט ענטפערן אויף פראַגן, וואָס מען שטעלט אייך. ציט זיך אַזוי אַ שעה נאָך אַ שעה און עס איז שוין דריי

פאַרטאָג און עס איז שוין פיר. די אויגן קלעפּן זיך אייך. איר דער־מאָנט זיך, אַז מאָרגן אָוונט וועט איר אין אַ צווייטער שטאָט מסתמא דאַרפן פונקט אַזוי אָפּזיצן נאָך אַ באַנאַכטיקער סעודה און עס באַשלאָגט אייך אַ קאַלטער שווייס. ענדלעך קאָנט איר שוין מער ניט אויסזיצן און איר הויבט זיך אויף פון אייער פּלאַץ און דערקלערט מיט אַזויפיל טאַקט און געדולד, ווי נאָר אייערע לעצטע כוחות דערלויבן אייך, אַבי מען זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז איר זייט שוין טאַקע אויף אַן אמת אינגאַנצן אויס־געשעפּט:

— נו, עס איז צייט צו גיין שלאָפן. מאָרגן איזווידער אַ טאָג פון אַרבעט. איר דאַרפט אויך אויפשטיין פרי.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? עס איז אַזוי זעלטן דאָ אַ געלעגענ־הייט צו האָבן אַזאַ פּריוואַטן געשפּרעך מיט אַן אייגענעם לעקטאָר, אַז עס ווילט זיך גאָר ניט גיין שלאָפן. מיר גייען קיינמאָל ניט שלאָפן פרי. זיצט נאָך אַ ביסל, איר וועט זיך שוין אויסשלאָפן אין באַן.

דאָ מוז מען שוין אַרויסווייזן כאַראַקטער און דערקלערן אַנטשלאָסן:

— עס איז שוין שפּעט. זייט אַ גוטער און ווייזט מיר וואו איך וועל שלאָפן.

גאָר אָפט זיצט די באַלעבאָסטע ניט אויס ביז דעם סוף פון דעם באַנאַכטיגן געשפּרעך; גאָר אָפט איז זי אַ מליץ יושר פאַר דעם גאַסט און בעט זיך בײַ איר מאַן:

— אפשר וואָלט געוועזן גענוג. אַ מענטש איז זיך אָנגעפּאָרן אַ גאַנצן טאָג און זיך אָנגערעדט אַ גאַנצן אָוונט, מעג מען דאָך געבן אַ מענטשן אַ געלעגנהייט זיך אויסרוען.

— רוען! רוען! ווער האָט עס צייט צו טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן?! דער לעקטאָר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז מען זאָל ניט שלאָפן און ניט רוען, טאָ וואָס קומסטו אַרײַן מיט אַזעלכע רייד?

איז מילא די שפּעטע געשפּרעכן און די פּריוואַטע פראַגן. נאָר ווען עס קומט צום געלעגער — דאָ הויבט זיך שוין אָן גאָר אַ נייע חתונה. איר געפינט אויס, אַז איר זייט אין צימער ניט אַליין.

— איר האָט דאָך גאָר ניט געגן דעם, וואָס דאָ שלאָפט אויך אונזער מיזיניקל?

אַ ברירה האָט איר?

דאָס „מיזיניקל" איז אַ גרויסער בחור'עץ, וועלכער האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך די קאָלדרע און ליגט מיט דעם קאָפּ אויף דעם סאַמע

ראַנד פון בעט און כראַפּעט אויף אַ קול. זיך אויסשלאָפן די נאַכט וועט איר שוין ניט.

אין אַ צווייטן פּלאַץ גייט עס צו אַנדערש. דאָרט דערקלערט מען אייך:

— אַט דאָ האָט איר אַ צימער פאַר זיך אַליין; קיינער וועט אייך ניט שטערן און איר קאָנט שלאָפן ביז ווי שפּעט איר ווילט. יאָ, אין דער פרי וועלן די קינדער אַריינקומען נעמען זייערע ביכער. זיי וועלן אייך ניט שטערן. איר קאָנט שלאָפן וויפיל איר ווילט.

איז נאָך איידער איר זייט אָפּגעשלאָפן אַ דריי שעה, דערהערט איר ווי די טיר עפנט זיך מיט אַ סקריפּ און עס קומט אַריין אַ מיידעלע מיט פאַרקעמטע צעפּעלעך. באַלד ווי זי גייט אַרויס, קומען אַריין צוויי אינגעלעך, וועלכע האַלטן די הענטלעך בײַ די מײַלער, נאָר אַט האָבן זיי אַ קוק געטאָן איינער אויף דעם צווייטן און באַלד ברעכן זיי אויס אין אַ געלעכטער.

דער שלאָף איז שוין אַוועק. ווער ווייסט צי וועט מען כאָטש מאָרגן זיך קאָנען אויסשלאָפן?

אויף מאָרגן איז די סדרה מיט דעם פּריוואַטן געשפּרעך שפּעט בײַ נאַכט פּונקט די זעלבע, ווי מיט אַ נאַכט פריער, נאָר ווען עס קומט צום שלאָפן, פירט מען דיך אַזש דריי עטאַזשן העכער.

— דאָ וועט איר זיין איינער אַליין. אַ גוטע נאַכט. שלאָפט געזונט.

נאָר ווי קאָן מען שלאָפן, אַז עס שטייט דאָ אַ בעט, וואָס איז ניט באַנוצט געוואָרן, ווי עס ווייזט אויס, שוין חדשים לאַנג, און די קאָלדרע און דער ליילעך... בעסער ניט צו רעדן וועגן זיי.

וואוהין צו גיין אין מיטן דער נאַכט ווייסטו ניט; וואו זיך אַהינ־צוטאָן האָסטו ניט; אין בעט זיך לייגן קאָנסטו ניט — זעצסטו זיך צו אויף אַן עק בענקל און עס עקן זיך דיר די כוחות צו שלאָפן און דו בעטסט עס זאָל שוין וואָס שנעלער קומען דער אינדערפרי צו קאָנען אַנטלויפן פון אַט דעם צימער און פון אַט דער גרויסער פריינטשאַפט, צוליב וועלכער מען האָט דיך ניט געלאָזט גיין אין אַ האָטעל.

און ווי האָבן אידן געזאָגט: אַ גוטער גוי פאַרלענגערט דעם גלות. וואָלסטו שוין באַשלאָסן בײַ זיך, אַז אונטער קיינע באַדינגונגען וועסטו ניט גיין אין אַ פּריוואַטער הויז אויף נאַכטלעגער, לאָדט מען דיך אָבער איין אין אַ הויז, וואו עס וואַרט אויף דיר אַ ליכטיגער, ציכטיגער און מיט־געשמאַק־אויסגעשטאַטעטער צימער. ניט נאָר איז דער צודעק פון

בעט שיין פאַרבויגן און עס בלאַנקט אַרויס דאָס ציכטיגע בעט־וועש, נאָר עס ליגט אויך אָנגעגרייט אַ פּאָר פּידזשאַמעס. דורך אַן אָפענער טיר זעט זיך אַ וואַשצימער — אַ פּריוואַטער און דיר צו דינסט.

און באַ אַט דער פאַמיליע פאַרציט מען ניט קיין לאַנגע געשפּרעכן נאָך האַלבער נאַכט.

— מיר וועלן אייך ניט פאַרהאַלטן. איר גייט אין אייער צימער. איר קאָנט לייענען אויב איר ווילט, איר קאָנט גלייך גיין שלאָפן. איר קאָנט שלאָפן שפּעט. איר וועט קיינעם ניט שטערן און קיינער וועט אייך ניט שטערן. פילט זיך ווי באַ זיך אין דער היים.

און דווקא אין אַזאַ הויז פון ניט־פאַרמעגלעכע, קאָן אַ צימערל אַזוי דופטן און אַלץ קאָן זיין מיט אַזאַ געשמאַק.

פאַרסטו יאָר נאָך יאָר; עס בייטן זיך שטעט און עס טוישן זיך קוואַרטירן און דו באַשליסט ענדלעך אויף דעם שטייגער פון שלום־עליכמ'ס איד, וועלכער האָט דערקלערט, אַז „פון אַלע מילכיגע מאכלים איז דאָס בעסטע אַ שטיקל פלייש", אַז פון אַלע גוטע און פיינע נאַכט־לעגערס איז אַ האָטעל פאָרט דער בעסטער פלאַץ.

אָבער ווי מיידט מען אויס די געפאַר צו באַליידיגן מענטשן, וועלכע מיינען גוט? ווי דרייט מען זיך אויס פון זייער אָנבאָט אויף נאַכטלעגער?

אויף דעם זיינען שוין דאָ אַלערליי מיטלען, וועלכע לעקטאָרן לער־נען אויס איינער דעם צווייטן. נאָר פריער — אַ געשיכטע פון איינעם, חבר ו., וועלכער איז נאָך ניט געווען אָנגעלערנט. ער דערציילט אַזוי:

— ס'איז שוין געווען פיר פאַרטאָג. איך האָב אַזוי געוואָלט שלאָפן, אַז איך האָב געפילט, אַז איך קאָן אוועקפאַלן יעדע מינוט. ניט נאָר האָט זיך ניט געזען קיין סוף צו דעם געשפּרעך, נאָר איך האָב שוין אויך געזען, אַז אפילו אין דער פרי וועל איך דאָרט קיין אָפּרו ניט האָבן. האָב איך פלוצלונג זיך געגעבן אַ כאַפּ און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ „טאַים טעיבל" און אויף שנעל אויסגערופן: „איך זע, אַז איך האָב אַ באַן איצט. דאָס וועט פאַר מיר זיין בעסער, ווי צו פאַרן מאָרגן אַ גאַנצן טאָג. זייט אַ גוטער און פירט מיך צו צו דעם וואָקזאַל".

— וואָס אַזאַ איילעניש? וואָס עפּעס פלוצלונג? — האָט דער דערשטוינטער באַלעבאָס גענומען זיך דערפרעגן, נאָר איך האָב אים ניט געגעבן קיין געלעגנהייט לאַנג צו רעדן. איך האָב אַ כאַפּ־געטאָן מיין רענצל און זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין ברירה, האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל און האָט מיך צוגע־

פירט צום וואָקזאַל, וואָס איז געווען דאָ דערביי. ער האָט געוואָלט וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען מיין באַן (און קיין באַן איז גאָר אין דער צייט ניט געווען), האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז איך שאַץ אָפּ זיין גוטסקייט און בין באַשטאַנען אַז ער זאָל פאָרן אַ היים. ווי נאָר ער איז אַוועק, האָב איך טשוואָלאָם זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ האָטעל. אוי איז מיר געווען גוט!

לערנט איין לעקטאָר פון דעם צווייטן, אַז איידער מען לאָזט וויסן, אַז מען איז אָנגעקומען, זאָל מען אַריין אין אַ האָטעל און פון דאָרט ערשט טעלעפאָנירן. אויב מען קומט אָן אין אַ שטאָט, וואו אַ קאָמיטע וואַרט אָפּ דעם גאַסט אויף דעם וואָקזאַל, איז דאָס גלייכסטע צו דער־קלערן, אַז מען איז אַ פּאַרקילטער און מען מוז גיין אין אַ האָטעל, כדי קיינעם ניט אָנצושטעקן מיט דער פאַרקילונג אין אַ פּריוואַטער הויז.

עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע מיטלען, נאָר אַלע פירן צו איין ציל — אונטערוועגנס ניט אָננעמען קיין טובות און שלאָפן בלויז אין אַ האָטעל.

אָבער מיט האָטעלן איז אויך ניט אַלע מאָל גלאַטיק. אָט איז אַ פאַל, וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט אין באַלטימאָר:

קיינער איז גראָד ניט צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל גיין צו אים אין הויז שלאָפן. נאָך דער לעקציע איז אַ גאַנצע גרופּע מיטגעפאָרן טרינקען קאַ־ווע, דערנאָך האָט מען מיך צוגעפירט צו אַ האָטעל, זיך צעזעגנט און איך בין מיט אַ לייכטן טראָט אַריין אין דעם האָטעל, וואו איך וועל קענען רויִק איבערשלאָפן די נאַכט. ערשט עס איז ניטאָ קיין צימער, בין איך אַוועק אין אַ צווייטן און אַ דריטן האָטעל — אומעטום די זעלבע געשיכטע: ניטאָ קיין צימער. אין שטאָט ווערט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן פון ספּאָרטלייט און אַלע האָטעלן זיינען פאַרנומען. דערווייל איז שוין אַרום 3 ביינאַכט. גיי איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן און עס דערווייל פרישטיק, דערנאָך נעם איך אַ טעקסי און פאָר אין אַ צווייטן טייל שטאָט, אפשר איז דאָרט דאָ ערגעץ אַ צימער אין אַ האָטעל. נאָר דאָרט איז אויך די זעלבע געשיכטע: קאָנווענשאָן, יו נאָ! (אַ קאָנווענשאָן, איר פאַרשטייט?)

גיי איך שוין ווידער אין אַ רעסטאָראַן. דערנאָך פּרוביר איך מזל אין אַ טערקישער באָד און אַלץ דאָס זעלבע — פאַרנומען, אַנטשולדיגט!

אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט ביז אין דער פרי.

איז ווי מען זעט, מיט האָטעלן אויך ניט אַזוי איי־איי, נאָר פונדעסט־וועגן, אַז מען פאָרט אויף לאַנגע רייזעס, דאַרף מען פאָרט זוכן איינצו־שטיין אין אַ האָטעל.

קאַפּיטל 28.

די דעבאַטע מיט אַ ראַבאַי אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא

אַ ראַבאַי אין אַ יהודימ'שן טעמפּל אין ריטשמאנד האָט אַ לאַנגע צייט געשריבן אַ קאָלום אין זיין אָרטיגער ענגלישער וואָכנבלאַט אונ־טער אַ משונה'דיגן קעפּל — „לחיים", — און ער האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז אָט דער קאָלום וועט אים אַמאָל פאַרשאַפן גרויסע צרות, וואָס וועלן פירן צו דעם, אַז ער זאָל פאַרלירן זיין שטעלע און זאָל מוזן פאַרן זוכן ברויט ערגעץ אַנדערש.

דער אָנהויב פון אָט דער מעשה, וואָס האָט זיך געענדיגט אַזוי מיאוס פאַר דעם ראַבאַי, איז געווען אַזוי: אין אַ שיינעם טאָג קריג איך אַ בריוו פון ריטשמאָנד מיט אַן אויסשניט פון דער דאָרטיגער אידיש־ענגלישער וואָכנבלאַט. עס איז געווען דער קאָלום פון דעם ראַבאַי ה. מיט אַ ציניש און הפקר'דיגן אָפּלאַכן פון ביראָ־בידזשאַן. דער, וועלכער האָט דעם אויסשניט צוגעשיקט, האָט אין זיין בריוו איבערגעגעבן, אַז אַלע פריינט פון בירא בידזשאַן אין ריטשמאנד פילן זיך שרעקלעך געטראָפן פון אָט דעם לייכטזיניגן און אומפאַראַנטוואָרטלעכן אַרויסטריט און זיי האַלטן, אַז עס וואָלט אפשר געווען פאַסנד, אַז איך זאָל ענטפערן אויף אָט דעם שרייבעכץ — און טאַקע אין דער זעלבער וואָכנבלאַט.

איך האָב אויך אַזוי געהאַלטן און האָב טאַקע באַלד אָנגעשריבן אַן ענטפער אין דער פאָרמע פון אַן אָפענעם בריוו. אין מיין ענטפער האָב איך געפאָדערט פון דעם ראַבאַי, אַז ער זאָל אָננעמען אַן עפנטלעכע דע־באַטע איבער דער פראַגע צי איז בירא־בידזשאַן אַן ענין, וואָס מען מעג פאַר'חוזק'ן; צי ווערט דאָרט געבויט אַ בופער־שטאַט צווישן סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און יאַפּאַן — ווי ער האָט געהאַט באַהויפּטעט — און צי פאַרשיקט מען אַהין אידן — ווי ער האָט עס דערקלערט. אין מיין אויפ־

פּאַדערונג האָב איך אויך אָנגעוויזן, אַז איך בין גרייט צו קומען דעבאַ־טירן מיט דעם ראַבאַי אין זיין אייגענעם טעמפּל צווישן זיינע אייגענע מענטשן.

די צייטונג אין ריטשמאָנד האָט באַלד אָפּגעדרוקט מיין אָפענעם בריוו און דער ראַבאַי ה. האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן און האָט באַלד געענטפערט, אַז ער נעמט אָן די דעבאַטע. מיר האָבן זיך געאייניגט אויף אַ דאַטום און אויף דעם, אַז די דעבאַטע זאָל זיין טאַקע אין דעם ראַבאַי׳ס טעמפּל.

אין דעם באַשטימטן זונטאָג בין איך געזעסן אין דער באַן, וואָס האָט מיך געפירט צו דער ווייטער שטאָט. ווי אין אַלע פריערדיגע פּילצאָליגע רייזעס אויף אָט דעם וועג האָב איך ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן די גרויסע דערגרייכונג פון דער טעכניק, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מען זאָל קאָנען אין בלויז דריי און אַ האַלב שעה צייט דורכלויפן די שטרעקע פון 225 מייל צווישן ניו יאָרק און וואַשינגטאָן און אין אַ פּאָר שעה אַרום שוין זיין ווייט־וויט אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניאַ.

איך האָב אויך ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן די שטופּענווייזע ענדערונג אין דעם קלימאַט. אָט איז ערשט געווען ניו יאָרק, איינגעוויקלט אין אַ טיפן שניי און מיט אַ גאַנץ נשקשה׳דיגן פראָסט, און אָט איז שוין באַ באַלטימאָר דער שניי אינגאַנצן פאַרשוואונדן און אין וואַשינגטאָן שמעקט שוין מיט אָנהויב פרילינג און אין ריטשמאָנד גייט מען גאָר אָן אויבער־מאַנטלען.

געהאַט האָב איך מיט זיך דעם גרויסן פּאַק פּאַפּיר, וואָס אַ זונטאָג־נומער פון דער ניו יאָרקער „טאַימס" פאַרמאָגט, און איך האָב זייער אויפמערקזאַם גענומען לייענען אַן אַרטיקל פון דזשאָזעף דעיוויס, דעם דעמאָלסטדיגן אַמבאַסאַדאָר פון אַמעריקע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דעי־וויס האָט נאָר־וואָס געהאַט זיך אומגעקערט פון אַ רייזע איבער אַ צאָל סאָוועטישע אינדוסטריעלע דיסטריקטן און ער האָט זיין אַרטיקל געוויד־מעט דער פראַגע פון די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די סאָוועטישע פאַבריקן.

און אָט אַזוי צווישן דער באַוואונדערונג פון דער שנעלקייט פון דער באַן, פון די ענדערונגען אין דעם דרויסנדיגן לאַנדשאַפט און פון דעם קלימאַט און צווישן דעם פאַרכאַפּנדיגן אינטערעס פון דעיוויסעס אַר־טיקל — איז די רייזע אַריבער כמעט אומבאַמערקט, און אָט בין איך שוין אויף דעם גוט־באַקאַנטן וואָקזאַל אין ריטשמאָנד צווישן די כאַלו־

פעס אויף אַ גאַס, וואָס הייסט דוקא מעין סטריט, כאָטש זי איז ניט די הויפּט־גאַס.

עס וואָרט אַ גרופּע געטרייע פריינט; ווי אַלע מאָל מוז איך אויס־הערן די דערקלערונג, אַז עס איז אַ שאָד וואָס איך בין ניט אָנגעקומען אויף דעם שיינעם וואָקזאַל אויף בראָוד סטריט; מען גיט מיר אויך איבער אַז „די גאַנצע שטאָט גייט כּאַדאָראַם" איבער דער דעבאַטע.

אין אָוונט האָב איך זיך טאַקע איבערצייגט, אַז די דעבאַטע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. דער גרויסער טעמפּל, וואו דער ראַבאַי ה. האָט „געפּראַוועט דינסט", איז געווען איבערגעפּאַקט.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט דער ראַבאַי זיך שוין געפונען אין דער הויך אויף דעם באַלעמער, צו וועלכן עס האָבן געפירט אַ צענדליג טרעפּ. מיר האָבן אויף שנעל זיך פאַרשטענדיגט וועגן דער פּראָצעדור פון דער דעבאַטע און דער ראַבאַי האָט, ווי ער האָט פאַרלאַנגט, דער ערשטער גענקראָגן דאָס וואָרט.

איך האָב געהאַט געבראַכט מיט זיך אַ צאָל דאָקומענטן וועגן בּיראָ־בּידזשאַן, האָב איך גענומען זיי אויסלייגן אויף מיין טיש — ניט אויבן־אָן, נאָר באַ די טרעפּ צו דעם באַלעמער אין פראָנט פון דעם עולם. איך האָב גענומען אויסלייגן די דאָקומענטן אין דער אָרדענונג, אין וועל־כער איך האָב זיי געדאַרפט באַנוצן אין לויף פון מיינע אַרגומענטן. מיין אָפּאָנענט האָט אויף זיין טיש קיין זאַך ניט געהאַט. איך האָב בלויז באַמערקט, אַז ער האַלט אין האַנט אַ ביכעלע אין גרויע טאָוולען.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערהערט, אַז אַנשטאָט צו באַהאַנדלען די פראַגע פון דעם זייער יונגן אידישן ישוב אין בּיראָ־בּידזשאַן, האָט מיין געגנער זיך גאָר פאַרנומען צו זידלען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף דעם שוידערלעכסטן אופן און גאָר ניט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע, וואָס די דעבאַטע האָט באַדאַרפט פאַרהאַנדלען, נאָר מיט דער פראַגע פון דעם לעבנס־סטענדאַרד פון די סאָוועטישע אַרבעטער.

דער ראַבאַי האָט געמאָלן אַ בילד פון כמעט נאַקעטער נויט, אין וועלכער עס לעבן די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט באַ־קלאָגט זייער לוין, וואָס איז לויט זיינע רייד געווען זייער מיזעראַבל. ער האָט מיט שאָדן־פרייד גערעדט וועגן דעם, אַז אין דעם אַרבעטער־לאַנד (ער האָט ניט פאַרפעלט צו וויזן מיט זיין אינטאָנאַציע, אַז אָט דער

נאָמען איז ניט קיין פאַרדינטער און איז בלויז אַ חוזק) — אַז אין אַט דעם אַרבעטער־לאַנד איז דער אַרבעטער פאַרשקלאַפּט און האָט ניט קיין שום דעה אין דער ווירטשאַפט פון דעם לאַנד.

דער אויספיר האָט געזאָלט זיין, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד טויג ניט און דערפאַר טויג ניט קיין זאַך, וואָס ווערט דאָרט אונטערנומען. אויף צו באַשטעטיגן דעם קלאָגעדיגן טעזיס האָט דער ראַבאַי אַ צעעפן געטאָן דאָס ביכעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און האָט פּאַטעטיש אויסגערופן:

— נאָט, זעט וואָס עס שרייבט אַ באַרימטער אידישער זשורנאַליסט, וועלכער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען וואָס דאָרט קומט פאָר. ער איז אַ סאָציאַליסט, מיינד יו!

דער „סאָציאַליסט", וואָס האָט געזאָלט דעם ראַבאַי צודינען אין זיין אַטאַקע אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז געווען מ. אַשעראָוויטש, איינער פון די זיילן פון דעם „פאָרווערטס". אי באַ אַט דעם גאַליגן שרייבער, אי באַ דעם „פאָרווערטס" איז סאָוועטן־האַס שוין דערגאַנגען ביז אַ פּונקט פון משוגעת.

אין מיין ערשטן וואָרט האָב איך געהאַט די גאָר־ניט־שווערע אויפגאַבע צו באַווייזן ווי לעכערלעך עס איז געווען אַלץ, וואָס מיין אַפּאָנענט האָט געזאָגט וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע אַרבעטער. איך האָב אין שפּאַס געזאָגט, אַז מסתמא איז אונזער דעבאַטע באַטראַכט געוואָרן אַלס אַזאַ וויכטיגער ענין און אַז מסתמא האָט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע געוואוסט, אַז דער ראַבאַי ה. וועט אַנשטאָט צו רעדן וועגן ביראָ־בידזשאַן זיך גאָר פאַרנעמען מיט דער לאַגע פון די סאָוועטישע אַרבעטער, — אַז דער אַמבאַסאַדאָר האָט צוגעשיקט אַ ספּעציעלן אַרטיקל, וואָס איז טאַקע אַט היינט געדרוקט אין דער ניו יאָרקער „טאַימס".

איך האָב ציטירט עטלעכע שטעלן, וואָס האָבן געזאָגט פּונקט דעם היפּוך פון דעם, וואָס דער ראַבאַי האָט מיט אַזויפיל פּאַטאָס ערשט דאָ אַרויסגעבראַכט. סיי די געשיכטע וועגן נאַקעטער נויט, ווי אויך די מעשה וועגן אַ נידעריגן לוין און וועגן ניט האָבן קיין דעה אין דער ווירטשאַפט — זיינען צעשמעטערט געוואָרן דורך די זייער אויפריכטיגע און זייער קלאָרע דערקלערונגען אין דעם אַרטיקל פון דעיוויס'ן.

מיין אַפּאָנענט איז געשפּרונגען פון דער הויט. ער האָט פּרובירט מאַכן צווישן־רופן, נאָר איך האָב אים ניט געלאָזט זיך באַנוצן מיט

אבסטרוקציעס. נאָך דעם ערשטן צווישן־רוף האָב איך בלויז געוואָרפן אויף אים אַ זייטיגן בליק און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט אין מיינע רייד; נאָך דעם צווייטן אויסרוף האָב איך זיך געווענדעט צו אים און זייער לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— דיס איז אינטעררופשן נאַמבער טו! (דאָס איז דער איבער־רייס נומער צוויי).

ווען ער האָט פּרובירט נאָכאַמאָל מאַכן אַ צווישן־רוף, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און זייער לאַנגזאַם און זייער עמפאַטיש דער־קלערט:

— מיסטער טשערמאַן, דיס איז אינטעררופשאַן נאַמבער טרי ענד לעט אַס האָפּ דעט איט איז אינטעררופשאַן נאַמבער לעסט, איי וואָנט נאָ מאָר אָוו דיס, פּליז! (הער פאָרזיצער, דאָס איז דער איבעררייס נומער דריי. לאָמיר האָפן, אַז דאָס איז אויך נומער — מער ניט. איך בעט אייך, זאָל נעמען צו דעם אַ סוף!)

— דאַטס ראַיט! דאַטס ראַיט! דאָנט אינטעררופּט! (ריכטיג, ריכטיג, רייסט מער ניט איבער!)

דער ראַבאַי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ווען איך בין אַריבערגעגאַנגען צו באַהאַנדלען בירא־בידזשאַן און האָב געפרעגט פאַר־וואָס האָט מיין געשעצטער אָפּאָנענט ניט געפונען פאַר נויטיג צו רעדן וועגן אָט דעם ענין, צוליב וועלכן מיר דעבאַטירן דאָ, האָט ער זיך ווי צוזאַמענגעצויגן, נאָר ווען עס איז געקומען זיין ריי ווידער צו רעדן, האָט ער אַלץ געטאָן דאָס זעלבע, ווי אין אָנהויב, — געשימפּט אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; געשאָלטן סטאַלינען און איבערגעקייט דאָס, וואָס אַלע אַנטי־סאָוועטישע צייטונגען האָבן שוין אַזויפיל מאָל און מיט אַזוי־פיל גאַל ווידערהאָלט אין זייער צעיושעטן האַס.

מיין ענטפער צום שלוס איז געווען אינגאַנצן וועגן בירא־בידזשאַן, כאָטש דער ראַבאַי האָט בירא־בידזשאַן כמעט ניט אָנגערירט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו באַקענען אַ גרויסן עולם מיט דעם נייעם קאַפּיטל אין דעם אידישן לעבן — אַן עולם, וואָס האָט ביז דער־מאָלט ניט געהאַט קיין אַנדער געלעגנהייט אָט די אינפאָרמאַציע צו קריגן — און איך האָב די געלעגנהייט אויסגענוצט אין דער פולער מאָס.

דער עולם האָט גאַנץ קלאָר געוויזן אויף וועמעס זייט עס זיינען געווען זיינע סימפּאַטיעס צום שלוס פון דער דעבאַטע. עס איז פשוט

געווען אַ רחמנות צוצוזען ווי דער ראַבאַי איז געזעסן אַ פאַרשעמטער אין דער הויך אויף דעם באַלעמער. קיינער איז צו אים אַפילו ניט צוגעגאַנגען אויסצורײדן צו אים אַ וואָרט.

צווישן די אַלע, יונגע און אַלטע, וועלכע זיינען צוגעקומען זיך באַ־גריסן מיט מיר, איז געווען איינע אַ יונגע פרוי, וואָס האָט אַ שעמעוודיגע מיר דערקלערט:

— איך בין מיסעס ה.. מיר טוט ווי פאַר מיין מאַן און פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך היינט דאָ אַרויסגעשטעלט אין אַזאַ שלעכטער ליכט. ער איז ניט געווען צוגעגרייט, בשעת איר, ווי מען זעט, זייט באַוואפנט מיט פאַקטן. איר האָט אים געגעבן וואָס אים איז געקומען. איך האָב זיך אָבער באַ אים געבעטן ער זאָל זיך ניט באַנוצן מיט דעם מיאוס׳ן ביכעלע.

זי איז געשטאַנען אַ פאַררויטלטע און אַלע אַרום האָבן אויף איר געקוקט מיט מיטלייד, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי איז די פרוי פון דעם ראַבאַי, וועלכער שרייבט אַ קאָלום אונטער דעם קעפל „לחיים״, און אַז היינט איז דאָ באַוויזן געוואָרן, אַז דער ראַבאַי הויבט ניט אָן צו וויסן קיין זאַך וועגן דעם ענין בירא־בידזשאַן, וועגן וועלכן ער האָט אין איינעם פון זיינע קאָלומס זיך אַזוי כוואַטסקע צעלאָזט.

דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען דער סוף פון דער מעשה. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען די נייעס, אַז דער ראַבאַי האָט געמוזט אויפגעבן זיין שטעלע, ווייל די באַלעבאַטים פון דעם טעמפּל האָבן אים דערקלערט, אַז ער האָט זיך ניט באַדאַרפט אונטערנעמען צו שרייבן און צו דעבאַטירן וועגן אַן ענין, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי ווייניג געוואוסט.

אַן ברויט איז מסתמא דער ראַבאַי ניט געבליבן, נאָר צו שרייבן און דעבאַטירן האָט ער שוין געוויס פאַרזאָגט אַ צענטן.

קאַפּיטל 29.

מען וויל איך זאָל האַלטן אַ רעדע פאַר חתן-כלה

עפּעס האָט מיר אויסגעקוקט מאָדנע אַט די גאַנצע צוגרייטונג צו אַ באַנקעט אין אַ פּריוואַטער הויז אין אַ זונטאָג בייטאָג.

אַ באַנקעט באַלד נאָך אַ לעקציע — דאָס איז איינגעפירט; אַ באַנקעט אויף מאָרגן נאָך דער לעקציע — דאָס איז אַ געוויינלעכע זאַך; אַפילו אַ באַנקעט, פון וועלכן מען גייט גלייך צו דער לעקציע — דאָס איז אויך אָנגענומען, נאָר אַ באַנקעט אין מיטן טאָג און נאָך אין אַ פּריוואַטער הויז — דאָס האָט מיר אויסגעקוקט עפּעס פאַרדעכטיג, נאָר געווי וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט האָב איך ניט געקאָנט באַנעמען.

לויט דעם אופן, ווי דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע פון הויז, וואו איך בין איינגעשטאַנען און וואו דער באַנקעט האָט געזאָלט זיין, האָבן גערעדט צווישן זיך מיט האַלבע רייד, האָב איך אָנגענומען, אַז עפּעס איז דאָ פאַרבונדן אַן ענין, וואָס איך בין וועגן אים ניט אינפאָר־מירט, און וועלכן מען האַלט דערווייל פון מיר אַ סוד, נאָר איך האָב גאָר ניט געפרעגט און געוואַרט ביז עס וועט אַלץ פון זיך אַליין קלאָר ווערן.

אַז מען פאָרט אַרום איבער דעם לאַנד, שטויסט מען זיך אָן אויף אַלערליי מענטשן און מען ווערט אָפט געשטעלט אין אַ לאַגע, אַז עס ווילט זיך שטעלן פראַגן און אויסגעפינען זאַכן, נאָר דאָס בעסטע — ווי די דערפאַרונג האָט געלערנט — איז ניט צו שטעלן קיינע פראַגן און וואַרטן געדולדיג ביז זאַכן וועלן ווי ניט איז קלאָר ווערן.

האָב איך באַשלאָסן דעם מאָל אויך צו זיין געדולדיג, צו וואַרטן און גאָר ניט פרעגן.

שוין אַפּילו דער אופן, ווי דער טיש איז אויסגעשטעלט געוואָרן, איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש. צוליב וואָס האָט מען עס אַוועקגע־שטעלט צווײ בענקלעך אין אויבן־אָן? ווער זײנען עס די צוויי ספּע־ציעלע געסט, פאַר וועלכע מען האָט די צוויי פּלעצער צוגעגרייט? נאָר, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מיין באַשלוס געווען ניט צו פרעגן, און איך האָב קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איך האָב זיך בלויז געוואונדערט פאַרוואָס די באַלעבאַטים פון הויז זאָגן מיר אַליין ניט אויס די באַדייטונג פון אַט אַזאַ מאָדנער איינאָרדענונג. נאָר איך האָב זיי אַפּילו קיין אָנדייט ניט געגעבן, אַז מיך וואונדערט דאָ עפּעס.

די ראַדיאָ איז געגאַנגען אין פולן שוואונג; אַ קאַקאָפאָניע פון דזשעז האָט זיך געביטן מיט נודנע רעדעס און מיט פלאַכע נײַעסן; דאָס רעדעוודיגע קעסטל האָט געגנוי באַהאַנדלט די מיטלען געגן שוויצן און געגן האָר, וואָס לאָזן זיך ניט גלאַט פאַרקעמען; שטימעס גלאַטינקע און שטימעס הייזעריקלעכע האָבן דערציילט וועגן צײַן־פּראָשעק און וועגן נאַכט־העמדער — עס איז געגאַנגען אַן אומאויפהערלעכער שטראָם. צווישן אַט דעם שטראָם, פון וועלכן עס איז ניט געווען וואוהין צו אַנטלויפן, און צווישן דעם אָפּגעהאַקטן רעדן פון די באַלעבאַטים פון הויז צווישן זיך האָב איך זיך פּרובירט פאַרטיפן אין אַ צײַטונג. נאָר עס איז געווען אומ־מעגלעך זיך צו קאָנצענטרירן אַפּילו אויף איין אײנציקן זאַץ, ווײַל אַלע מינוט האָבן די באַרעדעוודיגע באַנקעט־צוגרייטער זיך צו מיר געווענ־דעט מיט אַ פראַגע, צי שטייט אַלץ אויף דעם טיש ווי עס באַדאַרף צו זײַן, צי זײַנען די בלומען אין פלאַץ, צי זײַנען די סערוויזן אין אָרדענונג און נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן.

— ווייסן כאָטש אַלע ווען צו קומען? — האָט די פרוי געפרעגט.

— בען, האָסטו אַלעמען אָנגעזאָגט וועגן דער צײַט?

— אָנגעזאָגט, אָנגעזאָגט — האָט דער גוטמוטיגער בען פאַר־זיכערט און האָט, נאָכקרימענדיג דעם פּוילישן אויסשפּראַך פון זײַן פרוי, ווידערהאָלט: זיי ווייסן; זיי ווייסן (וואַיסן).

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן. אייניגע האָט מען פאַר־געשטעלט פאַר מיר. אַנדערע האָב איך געקאָנט פון מײַנע פריערדיגע באַזוכן אין אַט דער שטאָט. זיי האָבן מיר אַלע אויסגעקוקט עפּעס צו יום־טוב׳דיג, נאָר פרעגן וואָס דאָס מיינט האָב איך אַלץ ניט געוואָלט.

איך האָב געהערט ווי אייניגע האָבן געשטעלט פראַגן:

— און זיי זײַנען נאָך ניטאָ?

— ניטאָ. זיי וועלן באַלד קומען. זיי וועלן אַלע קומען צוזאַמען.
ווער זשע איז דער זיי? וועמען דערוואַרטעט מען דאָ איצט? אויף וועמען פרעגן זיך דאָס אַלע נאָך?

עס איז געווען קלאָר, אַז דער באַנקעט איז ניט פאַר מיר, טאָ צוליב וואָס האָט מען אים איינגעאָרדענט גראַד דעם זונטאָג?

ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ פייפן פון אויטאָמאָביל־סירענעס. עטלעכע געסט האָבן אַ קוק־געטאָן דורך די פענסטער און אויסגערופן:

— זיי זיינען דאָ! זיי זיינען געקומען!

אין אַ מינוט אַרום איז אין הויז אַריין אַ גאַנצע כאַפּטע מענטשן. מען האָט זיי אַרומגערינגלט; מען האָט זיך מיט זיי באַגריסט; אין צענטער פון דעם מענטשן־קנויל איז געווען אַ יונג פאָרל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער יונגער מאַן איז מיר אַ ביסל קענטיק פון אַ פריערדיגן באַזוך, נאָר ער איז געווען אַזוי צעפלאַמט און אַזוי אויסגעפּוצט, אַז איך האָב געצווייפלט, צי דאָס איז עס דער זעלבער בחור, וועלכן איך האָב אַמאָל געטראָפן צוזאַמען מיט בעגין מיט אַ פאָר יאָר פריער.

איך בין געווען צופרידן וואָס אין דעם גרויסן טומל האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן מיר און מען האָט אויפגעהערט פירן מענטשן פאַרשטעלן פאַר מיר און מיך פאַר זיי. לאַנג אָבער האָב איך זיך ניט געקאָנט פרייען. ווען מען האָט זיך גענומען אויסזעצן אויף די בענקלעך, אַרום דעם טיש, האָט בעגין זיך פלוצלונג באַוויזן לעבן מיר מיט דעם אויסגעפּוצטן פאָרל און האָט צערעמאָניעל דערקלערט:

— באַקענט זיך — מיין ברודער און זיין כלה. היינט איז די אָפיציעלע „אַנאַנסמענט" פון דער „ענגעידזשמענט".

איז אָט פאַרוואָס מען האָט געשטעלט צוויי שטולן אויבן־אָן! זאָל זיין אַזוי.

עס איז געווען אַ פריילעכע סעודה און עסן און טרינקען איז געווען צוגעגרייט מיט אַ ברייטער האַנט.

ווען מען האָט שוין אַ לאַנגע צייט געהאַט געגעסן און אַ סך מאָל געטרונקען לחיים, האָט בעגין, אַ ביסל אַ פאַרשנאַשקעטער, זיך אויפגעהויבן און דערקלערט:

— אַז מיין ברודער ווערט „ענגעידזשט", איז דאָס אַ גרויסע שמחה באַ מיר. קיין זאַך איז ניט צו טייער. אַלס אַ באַזונדערער „טריט" וועלן מיר איצט הערן אַ באַגריסונג צו חתן־כלה פון אונזער גאַסט.

עפּעס איז מיר מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן. איך האָב דערפילט ווי מיין בלוט איז ממש אָפּגעצויגן געוואָרן פון מיינע הענט און מיינע פיס. עפּעס האָט מיר אַ שווינדל־געטאָן פאַר די אויגן. אין אַ מינוט אַרום האָט מיך באַשלאָגן אַ שוויס. צי דאָס איז געווען די אומדערוואַרטקייט פון אַזאַ אומגעהערטער ווענדונג צו מיר, צי דאָס איז געווען אַ פאַרדרוס צוליב דעם, וואָס מען שטעלט מיך אַוועק אין אַזאַ לאַגע, ניט האָבנדיג זיך אָנגעפרעגט בײַ מיר צי וויל איך גאָר זיך באַטייליגן אין אַזאַ סאָרט צערעמאָניע און צי וויל איך ווערן אַ בעל דרשן בײַ אַ קנס מאָל; צי דאָס איז איבערהויפּט געווען דער רעזולטאַט פון אַ פּראָטעסט געגן דער גאַנצער סודות׳דיגקייט, מיט וועלכער מען האָט אַרומגערינגלט אָט די צוגרייטונג, כדי מען זאָל מיך פּאַקן ניט־צוגעגרייטערהייד, — ווי עס זאָל ניט געווען זיין, איז בײַ מיר מאָמענטאַל געשאַפן געוואָרן אַ פעסטער באַשלוס: איך וועל דאָ ניט רעדן!

— נו?, — האָט דער פאַרשנאַשקעטער באַלעבאָס זיך געווענדעט צו מיר.

און דער גאַנצער עולם און דאָס פּאָרל אויבן־אָן האָבן אַלע אָנגעשטעלט אויף מיר זייערע בליקן. עס איז געוואָרן זייער אומאַנגענעם שטיל. איך האָב געמוזט אויף שנעל באַשליסן וואָס צו טאָן.

דאָס פּאָרל איז שפּעטער אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן. אין אַ קורצער צייט נאָך זייער חתונה האָבן זיי זיך געג׳גט. אין אַ חודש נאָך דעם גט זיינען ביידע אומגעקומען אין דעם זעלבן טאָג אין צוויי באַזונדערע אומגליקספאַלן.

איך וועל דערפאַר ניט דערציילן איצט וואָס איך האָב געפילט צו זיי און צו דעם באַלעבאָס צוליב דער לאַגע, אין וועלכער מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט. איך האָב אנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט צו האַלטן אַ רעדע און האָב אַרויסגעשטאַמלט צווישן די ציין, אַז איך ווינטש דעם פּאָרל אַ סך גליק.

עפּעס האָט דער מאָלצייט זיך שוין נאָכדעם ניט געקלעפּט. בײַ מיר איז פאַרבליבן אַ ביטערער טעם אין מויל. דאָס האָבן, ווייזט אויס, אויך געפילט איניגע פון די געסט, ווייל שפּעטער האָבן מיר עטלעכע פון זיי עס טאַקע דערקלערט:

— אַ „גוירוו" אַ ביסל — צווינגען אַ מענטשן צו האַלטן אַ רעדע בײַ דער פאַרלאָבונג פון צוויי מענטשן, וועלכע ער קען אפילו ניט.

בען אַליין האָט זיך גיך אויסגעניכטערט — און אפשר איז ער גאָר ניט געווען אַזוי פאַרשנאַשקעט, ווי ער האָט זיך געמאַכט — און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, דערקלערנדיק:

— אַנטשולדיגט, איך האָב אפשר ניט געדאַרפט צושטיין צו אייך, אַז איר זאָלט דאָ האַלטן אַ רעדע.

דער ביטערער טעם איז מיר פאַרבליבן אין מויל דעם גאַנצן אָוונט און אויך נאָך דער לעקציע, ווען מען האָט זיך אומגעקערט צוריק אין בען'ס הויז צו פאַרענדיגן דעם אָוונט מיט קאַווע. איך האָב זיך קוים דערוואַרט, אַז דער עולם זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, כדי איך זאָל קאָנען גיין שלאָפן..

גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו דער באַן און באַלד זיינען געווען נייע מענטשן, נייע איינדרוקן, נייע דערפאַרונגען, נייע פּראָבלעמען און אויך נייע פריידן און נייע זאָרגן, נאָר אָפּט — גאָר אָפּט איז מיר געקומען אויף דעם זינען דער באַנקעט אין מיטן זונטאָג. ווידער און אָבער האָב איך געזען פאַר זיך דאָס געזיכט פון דעם גוטמוטיגן בען מיט דעם גלעזעל אין האַנט און געהערט זיינע ווערטער:

— אַז מיין ברודער ווערט „ענגעידזשט", איז דאָס באַ מיר אַ גרויסע שמחה. קיין זאַך איז ניט צו טייער. אַלס אַ ספּעציעלן „טריט" וועלן מיר איצט הערן אַ באַגריסונג צו חתן־כלה פון אונזער גאַסט.

באַ יעדער דערמאָנונג פון אָט דעם אינצידענט פלעג איך ווידער דערפילן דעם זעלבן ביטערן טעם אין מויל.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דער טראַגעדיע, וואָס האָט פאַרענדיגט די לעבנס פון דעם יונגן פּאָרל. מיין פאַרדרום פאַר דעם אינצידענט באַ זייער פאַרלאָבונג האָט זיך אויסגעוועפּט באַ מיר, נאָר גאָר אָפּט טראַכט איך באַ זיך: עס איז גוט וואָס איך האָב באַ יענעם מאָלצייט ניט גערעדט, ווייל אי זייער פרייד, אי זייער אומגליק זיינען געווען זאַכן, וואָס האָבן געהאַט צו־טאָן בלויז מיט זיי אַליין און מער מיט קיינעם ניט. אין אַזעלכע פולשטענדיג פּריוואַטע ענינים טאָר קיין פרעמדער זיך ניט אַריינמישן.

אַ געזונטער אינסטינקט, וואָס אַ לעקטאָר מוז באַזיצן, האָט מיך ניט דערלאָזט צו ווערן אַ בעל דרשן ביי אַ קנס מאָל און האָט מיך געראַטעוועט פון דער ראָל פון אַ מחותן אויף אַ פרעמדער חתונה.

קאַפּיטל 30.

דער לעקטאָר און די צוהערער

קומט פלוצלונג אַ מאָמענט און עס ווילט זיך רעדן אָפנהאַרציג און עס רעדט זיך טאַקע אינטים און אָפנהאַרציג וועגן זאַכן, וואָס געווייגלעך גייט מען זיי פאַרביי און מען זאָגט וועגן זיי גאָרניט, אָדער אויב מען זאָגט יאָ וועגן זיי עפּעס, איז דאָס באַנאַלער שטאָף, אָנגענומענער שטאַמפּ און סקאָרבאָווע פראַזן.

געווען איז אַזאַ מאָמענט בײַ אַ באַנקעט אין שיקאַגאָ, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר מיין אָפּפאָרן פון שטאָט נאָך אַ וואָך פון לעקציעס און באַראַטונגען און געשעפטס־פאַרזאַמלונגען. צוליב עפּעס אַ סיבה איז דער באַנקעט געווען גאָר ניט פון די גרעסטענע; דער ניט־גרויסער עולם האָט זיך געפילט אַנטמוטיגט און אַ ביסל שולדיג און האָט זיך אויך געשראָקן, אַז איך וועל אויף דער שטאָט „טראָגן אַ שווער האַרץ" פאַר דעם ניט־געלונגענעם אָוונט.

איך האָב דערפילט זייער געמיט און האָב בײַ זיך באַשלאָסן פאַרטרייבן זייער שרעק און זיי באַפרייען פון זייער שווערער שטימונג. געגנוי ווי איך וועל דאָס טאָן האָב איך ניט געוואוסט און האָב וועגן קיין באַשטימטן פּלאַן נאָך אַפילו ניט געטראַכט, נאָר עס איז מיר עפּעס מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי גוט און איך האָב זיך דערפילט דורכגעדרונגען מיט עפּעס אַ באַזונדער פרייד אַזוי שנעל, ווי איך האָב בײַ זיך באַשלאָסן צו ענדערן די שטימונג פון די פאַרזאַמלטע.

בײַ מיר איז דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ: וואָס טראַכטן זיי איצט אַלע, אָט די צוהערער מיינע? וואָס טראַכטן זיי געווייגלעך ווען זיי זיצן און הערן זיך צו צו אַ לעקציע אָדער צו אַ רעדע? דאָס האָט מיר געגעבן אַ פּאָדים און איך האָב אָנגעהויבן אויף אַן אופן, וואָס האָט די פאַרזאַמלטע באַלד פאַראינטריגירט.

— איר זייט געוויינלעך זייער שטאַרק מקנא אַ רעדנער. יעדער איינער פון אייך טראַכט געוויס: אַך, ווען איך זאָל קאָנען אַזוי רעדן! ווי גוט עס מוז זיין ווען מען קאָן זיך אַוועקשטעלן און פריי אַרויס־ברענגען געדאַנקען! ווי גוט עס מוז זיין דעם לעקטאָר צו בויען די געביידע פון זיינע געדאַנקען און צו פילן באַ זיך, אַז ער קאָן באַווירקן מענטשן! זיכער טראַכט איר אַזוי, נאָר איר האָט זיך קיינמאָל ניט געשטעלט אין דער לאַגע פון אַ רעדנער. האָט איר אַמאָל אַ טראַכט־געטאָן וועגן דעם, אַז אפשר לעבט ער איבער מאָמענטן פון אַנגסט און זאָרג און צווייפל. שוין דער געדאַנק אַליין, אַז אפשר איז דער באַטרעפנ־דיגער ענין ניט קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן און דער אָונט איז געווען אַרויסגעוואָרפן — שוין אַזאַ געדאַנק אַליין וואַרפט אַריין אין היץ און אין קעלט. און דער צווייפל, וואָס כאַפּט אַמאָל אָן, צי זיינען די ווערטער געווען צוגעגנגלעכע צו דעם עולם, צי איז די שפּראַך געווען קלאָר און פליסיג און צי האָט דער צוהערער זיך ניט געמאַטערט נאָכצופאָלגן דעם געדאַנק — אַזאַ צווייפל איז דאָך גענוג צו באַרויבן דעם רעדנער פון זיין רו אויף אַ גאַנצער ריי טעג. און ווען עס איז אַזוי וויכטיג, אַז אַ געוויסער ענין זאָל פאַרשטאַנען ווערן, ווייל ער האָט אַזאַ גרויסע געזעל־שאַפטלעכע באַדייטונג, קומט אָפט אַריין דער געדאַנק: אפשר האָט מען גאָר געדאַרפט אַנדערש צוגיין צו דער פראַגע? אפשר האָט מען געקאָנט דעם ענין בעסער אויפקלערן און זיין זיכערער מיט דעם אָפּרוף פון די צוהערער? און איצט וועלן אָט די מענטשן, מעגלעך, ניט האַנדלען אין דער געגעבענער פראַגע ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַלץ דערפאַר, וואָס די אויפקלערונג איז ניט געווען קיין פאַסיגע!

— גיט אַ טראַכט, פריינט, וויפיל וויטיג אַזאַ צווייפל קאָן פאַר־אורזאַכן. פּרובירט זיך אַריינטראַכטן אין דעם, וואָס מען לעבט איבער ווען מען הויבט אָן אַזוי באַטראַכטן די אייגענע פליכטן און ווען מען שרעקט זיך, אַז אפשר האָט מען די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער באַטרעפנדיגער לעקציע, ניט דורכגעפירט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— צוהערער טייערע, איר זייט גאָר אָפט מקנא אַ לעקטאָר און איר וואָלט זיך וועלן בייטן מיט אים מיט די פּאָזיציעס — ער זאָל זיצן אין זאַל און איר זאָלט שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער רעדנער פילט אָבער גאָר אָפט, אַז זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַזוי גרויס, אַז

אים איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין, ווייל זיין אַרבעט איז גאָר ניט קיין לייכטע.

אין לויף פון דער צייט, וואָס עס האָט גענומען אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט ביז איצט, איז שוין די שטימונג אין זאַל געוואָרן גאָר אַ נייע. מען האָט זיך צענויפגערוקט; מען האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט; איניגע האָבן געהאַלטן די אויערן אין אַ צענויפגעבויגענער דלאָניע, כדי צו קאָנען בעסער הערן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן אינטימקייט, וואָס אַלע האָבן גלייך דערפילט.

איך האָב גענומען ברענגען ביישפּילן פון יאָרן פון דערפאַרונג, דערציילן וועגן געוויסע ספּעציעלע מאָמענטן, ווען עס איז אַזויפיל אָפּגעהאנגען פון דעם, צי עס וועט זיך איינגעבן געווינען דעם עולם טאָקע באַלד אויף דעם פּלאַץ.

אָט גייען פאַרביי די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך טראָג זיך אַריבער צוריק צו יענע איבערלעבונגען אין לויף פון די קאַמפן, וואָס מיר האָבן געפירט צו באַווייזן דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון דעם קריג. איך רוף אַרויס אין זכרון מאָמענטן, וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט אויפרייס־שטאָף. איך דערמאָן לעקציעס און רעדעס, וואָס האָבן באַדאַרפט דורך אויפקלערונג שאַפן אַ שטאָלענעם ווילן צו האַנדלען אויסגעהאַלטן און אומדערשראָקן.

איך בלעטער די געשיכטע פון דער אַרבעט פון הילף פאַר די מלחמה־געליטענע. איך שטעל זיך אָפּ אויף די מאָמענטן, ווען מען האָט באַדאַרפט פאַר די מענטשן אַרויסברענגען דעם גאַנצן שוידער פון די איבערלעבונגען פון די מלחמה־געטראָפענע, און שאַפן אַ שטימונג, אַז די צוהערער זאָלן זיין גרייט ניט צו געבן עפּעס אַ גראָשן צדקה, נאָר זיי זאָלן זיין גרייט אויף גרויסע קרבנות, כדי כאָטש אויף אַ קליין ביסל צו לינדערן די ליידן פון די, איבער וועמעס קעפּ עס האָט זיך דורכגעקייקלט דער פייערדיגער מלחמה־וואָגן.

און דערנאָך דאָס קאַפּיטל פון דעם קאַמף געגן די פאַרלוימדער פון דעם יונגן אַרבעטער־לאַנד, פון דעם קאַמף געגן די, וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרלייקענען די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען אין יענעם לאַנד אויף דעם געביט פון געזונט־מאַכן דאָס לעבן פון די מיליאָנען פריער־דערשלאָגענע אידן, וועלכע זיינען געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די אַנגסטן פון יעדן אַרויסטריט, אויף דער זאָרג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט בײַ יעדער פראַגע, וואָס האָט

באַדאַרפט באַלויכטן ווערן; אויף דעם צווייפל אין זיך און אויף דעם איבערטראַכטן: וועל איך זאָגן דאָס ריכטיגע וואָרט? וועל איך ווי געהעריג צעקלאַפּן די פּאַרלוימדונגען פון די שונאים? וועל איך איבער־צייגן די צוהערער? וועלן זיי אָננעמען מיינע דערקלערונגען? וועלן זיי בלייבן איבערצייגט?

און אָט האָב איך צוגעפירט צו דעם מאָמענט, ווען עס איז געקומען דער פינסטערער פּאַשיזם, וואָס האָט זיך פאַרנומען אונטערצינדן די גאַנצע וועלט און וואָס האָט אונזער פאָלק פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג און גענומען דערטרינקען אין בלוט מיליאָנען אידן. מען האָט באַדאַרפט אויפוועקן די, וועלכע האָבן ניט געזען די געפאַר; מען האָט באַדאַרפט מאָביליזירן אַלעמען צו אַ קאַמף אויף לעבן און טויט; מען האָט באַ־דאַרפט באַווייזן, אַז אַלע מוזן גיין געאייניגט, אַז אַלע אַלטע חשבונות מוזן פאַרגעסן ווערן און אַז די איינציגע רעטונג איז בלויז אין אַ פאַר־אייניגטן ווידערשטאַנד.

וועט זיך איינגעבן צוצוקומען צו דעם האַרץ און צו דעם געדאַנק פון די, וועלכע ווילן דוקא צעטיילונג? וועט זיך איינגעבן צו צעטרייסלען די גלייכגילטיגע? וועט זיך איינגעבן צוזאַמענצופירן די אידן פון אַלע שאַטירונגען, אַז זיי זאָלן מיט אַ מעכטיגן כח אויפטרייסלען דעם געוויסן פון דער וועלט?

וויפיל מאָל איז אויסגעקומען צו זאָגן זיך אַליין: גריבל זיך ניט! טו וואָס דו קאָנסט — דו מיינסט דאָך זיכער גוט!

— איך האָב מיין שמועס פאַרענדיגט אַזוי:

— ליבע צוהערער, מיינט ניט, אַז דאָס לעבן פון דעם לעקטאָר איז בלויז טריאומף און אַפּלאָדיסמענטן און באַנקעטן — אי פריילעכע, אי אַזעלכע, וואָס הויבן זיך אַמאָל אָן גאַנץ אומעטיג, נאָר וואָס ענדיגן זיך, ווי מיר זעען, פאַרט ניט אומעטיג.

דער עולם האָט געלאַכט. מען האָט זיך געכאַפּט וועגן וועלכע אומ־מעטיגע באַנקעטן איך רעד. פון דער פריערדיגער געדריקטער שטימונג איז שוין קיין זכר ניט געווען.

— טאָ זייט ניט מקנא דעם לעקטאָר, — האָב איך אויסגעפירט — מיינט ניט, אַז זיין אויפגאַבע איז אַ לייכטע און אַז אַ רעדע, אָדער אַ לעקציע, איז בלויז גלאַנץ און גלאָריע. ניין. עס איז אויך מיזאַמע אַר־בעט, זאָרג, גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און גאָר אָפט אַ סך אַ סך האַרץ־ווייטיג.

— האָט אָבער אויך ניט קיין רחמנות אויף דעם לעקטאָר. עס איז אמת, אַז עס זיינען דאָ שוועריגקייטן, — ניט בלויז מיט אומעטיגע באַנקעטן — נאָר דערפאַר איז דאָ אַ הויכע מאָס פון באַפרידיגונג מיט דערגרייכונגען; דערפאַר איז דאָ די מעגלעכקייט צו זען אַ וועלט; צו פילן, אַז דו טוסט אַ וויכטיגע אַרבעט — אַז דו טראָגסט צו — אויף דיין באַשיידענעם אופן — אַ פלעמעלע צו דעם שייטער, וואָס דאַרף צע־טרייבן די פינסטערניש פון דער נאַכט.

— געדענקט, אויף דעם לעקטאָר איז ניט קיין רחמנות — האָב איך פאַרענדיגט.

דער אופן, ווי מען האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט דערנאָך; די רעדעס, וואָס עטלעכע פון די אנוועזענדע האָבן געהאַלטן; און די פרייד, וואָס האָט דאָ אַ גאַנצע צייט געהערשט, האָבן פאַרוואַנדלט אָט דעם פון אָנהויב ניט־געלונגענעם צוזאַמענקונפט אין איינעם פון די סאַמע שענסטע באַנקעטן, באַ וועלכע מיר איז ווען ניט איז אויסגעקומען צו זיין.

קאַפּיטל 31.

אַ לעקציע פאַר צוקונפטיגע ראַבאַיס

אודאי האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון צופרידנקייט צו קריגן אַן איינלאַדונג פון דעם סעמינאַר, וואָס גרייט צו צוקונפטיגע ראַבאַיס, צו קומען און דערציילן דאָרט וועגן דעם נייעם אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. וועלן דאָך אין אַ יאָר־צוויי אָט די איצטיגע סטודענטן שוין האָבן זייערע אייגענע קאָנגרעגיישאָנס און טויזנטער וועלן זיך צוהערן צו זייער וואָרט. טאָ זאָלן זיי וויסן דעם אמת. זיכער זיינען זיי גאָר ווייט פון פריינדשאַפט צו דעם יונגן סאָוועטישן לאַנד, נאָר אַז זיי וועלן וויסן ווי אין דעם נייעם לאַנד לעבט זיך דעם אויסגעגלייכטן אידן, וועט דאָך ניט זיין מעגלעך, אַז אָט די צוקונפטיגע ראַבאַיס זאָלן זיך דערלויבן ווידערהאָלן די פאַרלוימדערישע רייד, וואָס עס רעדן די, וועלכע ווייסן גאָר ניט וועגן וואָס זיי זאָגן.

איז, הייסט עס, פאַר מיר ניט געוועזן קיין נייעס, אַז די, וועלכע לערנען זיך צו ווערן ראַבאַיס, זאָלן זיין ווייט פון פריינדשאַפט צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון וואַנענט טאַקע זאָל צו זיי קומען פריינדשאַפט? די גאַנצע לופט איז דאָך געווען פאַר'סמ'ט מיט גאַליגע פאַרלוימדונגען, מיט בייזוויליגע אויסטראַכטענישן און מיט ביטערער שנאה. די ציי־טונגען האָבן געטאָן זייערס אויף אָט דעם געביט. די ראַדיאָ האָט זיך אויך צוגעפּלייסט. די מואוויס האָבן געוויזן, אַז זיי שטייען אויך ניט אָפּ. דער ביכער־מאַרק איז געווען פאַרפלייצט מיט דעם ערגסטן סאָרט שוואַרצערייען געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אין די געזעצגעבנדיגע קערפּערשאַפטן האָט מען יעדן מיטוואָך און דאָנערשטאָג אויפגעדעקט אַ נייע פאַרשווערונג מצד די „שוידערלעכע סאָוועטן". היינט איז דאָס געווען „דאַמפּינג" — אַ טייוולשער פּלאַן, וואָס מען האָט צוגעשריבן דעם

סאוועטן־פארבאנד — אויף צו פארפלייצן די אמעריקאנער האפנס מיט סאוועטישע סחורות און דורך דעם אראפשטופן די פרייזן צו א קאטאסטראפאלן צושטאנד; מארגן איז דאס געווען א פלאן אפצושטעלן יעדן האנדל מיט אונזער לאנד און פאראורזאכן א גרויסע ארבעטסלאזיגקייט דורך צוריקציען אלע באשטעלונגען אויף מאשינען און אנדערע סחורות פון אמעריקע; שפעטער מיט א טאג איז געווען א נייע אויפדעקונג — אן אומענדלעכע קייט פון די העסלעכסטע און אומפאראנטווארטלעכסטע העצעס, וואס האבן באוויזן צו פאר'סמ'ען די מוחות פון מיליאנען מענטשן. איז ווי איז דא געווען צו דערווארטן, אז יונגע בחורים, וועלכע זיינען אפגעשלאסן פון דער טומלדיגער וועלט אין די ווענט פון זייער סעמינאר און וועלכע קלייבן זיך איבערהויפט ווייניג פאנאנדער אין פאליטישע ענינים, — אז זיי זאלן ניט ארונטערפאלן אונטער דער ווירקונג פון אט דער אנטי־סאוועטישער פראפאגאנדע, ספעציעל ווען אט די סטודענטן זיינען נאך פארקאכטע ציוניסטן און זיי האלטן, אז די סאוועטישע לייזונג פון דער אידישער פראגע איז א מין צו־להכעיס שפיצל דעם ציוניזם? אבער סיי אויף אזא גאליגער געגנערשאפט, ווי אויך אויף אזא פריינדלעכער באציאונג, ווי איך האב דא באגעגנט, האב איך זיך פון דעסטוועגן ניט געריכט. אט די שנאה האט זיך באצויגן ניט בלויז צו דעם סאוועטישן לאנד, נאר אויך צו דעם לעקטאר, וועלכער האט פרובירט דערקלערן א פאזע אין דעם לעבן פון דריי מיליאן סאוועטישע אידן.

וואו איז אהינגעקומען די אנגענומענע העפלעכקייט צו אן איינגעלאדענעם גאסט־רעדנער? וואס איז געווארן פון דער גערימטער אקאדעמישער פרייהייט, וואס פארזיכערט, אז אין די ווענט פון א העכערן לערנאנשטאלט איז דא טאלעראנץ אפילו צו די מיינונגען פון א געגנער און אז מיינונגס־פארשיידענהייטן ווערן אויסגעדראשן ניט מיט פויסטן און אז צו א געגנער ווערט ניט אנגעווענדעט קיין פיש־מארק שפראך, נאר עס ווערן אויסגעפאכטן אידייען־שלאכטן דורך א פרייען אויסטויש פון מיינונגען?

וואס איז פון דעם אלעם געווארן?

מען איז מיר געשפרונגען אין פנים אריין; מען האט געמאכט בייזוויליגע צווישנרופן; מען האט איייניגע מאל געמאכט אבסטרוקציעס, וואס האבן אנגעהאלטן צו עטלעכע מינוט צייט. עס האט אויסגעקוקט, אז מיין לעקציע וועט סוף כל סוף ארונטערגעריסן ווערן. אויב מיר האט זיך איינגעגעבן צו דערפירן מיין לעקציע צו א סוף, איז דאס

געווען בלויז צו פֿאַרדאַנקען דעם פּראָפֿעסאָר, וועלכער איז געווען פֿאַר־זיצער. ער האָט מיט גוטן און מיט בייזן געזוכט צו צוימען די צעיושעטע געמיטער פֿון די סטודענטן. אייניגע פֿון זיי האָט ער פּשוט געוואָרנט, אַז זיי וועלן דיסציפּלינירט ווערן פֿאַר זייער אומפֿאַראַנטוואָרטלעכער באַנע־מונג.

עס איז געקומען די צייט פֿון די פֿראַגן. דאָ האָבן די פֿאַרביסענע געגנער געהאַט אַ גאַר גוטע געלעגנהייט אַרויסצולייגן דעם גאַנצן באַגאַזש פֿון זייער גאַליגער שנאה. מען האָט געשטעלט פֿראַגן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער לעקציע. מען האָט געזוכט אונטער דעם אויסרייד פֿון אַ פֿראַגע אויסצונוצן דעם גאַנצן אַרסענאַל פֿון אַנטי־סאָוועטישע ליגנס. איך האָב זיך ניט געלאָזט פּראָוואָצירן און האָב ניט פֿאַרלאָרן מיין געדולד. אנשטאט צו דערקלערן, ווי עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך באַ נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַז איך וועל ענטפֿערן בלויז אויף די פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין לעקציע, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל פּרובירן ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגן, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען זאָגן:

— איר זעט, ער האָט ניט געוואָלט ענטפֿערן אויף אָט די און די פֿראַגן, ווייל עס איז אים ניט באַקוועם אויף אָט די פֿראַגן צו ענטפֿערן!

די אַטמאָספֿערע איז געווען אָנגעפֿילט מיט האַס, און מיר האָט זיך געוואָלט אַנאַליזירן יעדן איינעם פֿון די פּונקטן, וואָס מען האָט אין אָט דער אַטמאָספֿערע אַרויסגעבראַכט, און באַווייזן די בייזוויליגקייט פֿון דער גאַנצער אַנטי־סאָוועטישער העצע. אָט דערפֿאַר האָב איך זיך אונ־טערנומען צו ענטפֿערן אַפֿילו אויף פֿראַגן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער לעקציע, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהאַט געגעבן.

אין אָט דעם מאָמענט איז צו מיין טיש צוגעקומען איינער פֿון די סטודענטן, טראָגנדיג אַ גלאָז וואַסער. איך האָב אינסטינקטיוו אים צו־געוואָרפֿן די ווערטער, וואָס איך האָב שוין אַזויפֿיל מאָל ווידערהאָלט: אַ דאַנק, איך טרינק ניט קיין וואַסער אין דער צייט פֿון מיין רעדן. איך האָב געמיינט, אַז מיט דעם איז דער ענין געענדיגט. נאָר דער סטודענט איז ניט אָפּגעטראָטן; ער האָט זיך געדרייט אַרום מיר; אָט האָט ער אָוועקגעשטעלט די גלאָז וואַסער אויף דעם טיש און אָט האָט ער די גלאָז צוריקגענומען. עס איז געווען קענטיג, אַז עפּעס וויל ער טאָן, נאָר וואָס ער וויל טאָן איז פֿאַר מיר ניט געווען קלאָר. אין דעם מאָמענט האָט דער פֿאָרזיצער גראַד גענומען איבערפֿרעגן עפּעס באַ איינעם פֿון די

פראַגע־שטעלער. דער סטודענט האָט אויסגענוצט אַט דעם אויגנבליק און, ווידער אַוועקשטעלנדיג די גלאָז אויף דעם טישל, האָט ער באַוויזן זיך אַ בויג־טאָן צו מיר און שטיל אַרויסרעדן:

— זאָרגט זיך ניט, איר האָט דאָ אויך פריינט!

באַ די ענטפערס זיינען די געגנער געשפּרונגען פון זייערע פלעצער נאָך מער, ווי אין לויף פון דער לעקציע, און דער פאָרזיצער האָט געהאַט אַ גאַנץ שווערע אַרבעט זיי צו האַלטן אין צוים. ווען איך האָב געענדיגט, איז צו מיר צוגעקומען דער זעלבער סטודענט, וועלכער האָט געהאַט דערלאַנגט די וואַסער, און האָט מיר אַריינגערוימט אַ סוד: אייניגע פון אונז — די פריינט אייערע — ווילן גיין מיט אייך עסן.

איך האָב צוגעשטימט און מיר זיינען זאַלבע ניין אַוועק אין אַ רעסטאָראַן. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ היבשע פאַר שעה, ווייל יעדער איינער פון אַט די צוקונפטיגע ראַבאַיס האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם, וואָס אים קומט אויס איבערצולעבן צווישן די אַנדערע סטודענטן.

פאַר מיר איז געשטאַנען די פראַגע, צוליב וואָס זשע לערנען זיי גאָר איבערהויפּט אין אַזאַ אַנשטאַלט, און איך האָב זיי דאָס געפרעגט. די ענטפערס זיינען געווען פאַרשיידן און האָבן מיך ניט צופרידנגע־שטעלט, ווייל זיי זיינען ניט געווען איבערצייגנדיג און האָבן געקלונגען זייער פלאַך. אפשר האָבן די סטודענטן דאָס אַליין אויך געפילט, ווייל איינער פון זיי האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן:

— און מעגלעך, אַז מיר וועלן גאָר קיין ראַבאַיס קיינמאָל ניט ווערן.

— און אויב מיר וועלן יאָ ווערן, וועט מען אונז מסתמא זייער שנעל מאַכן אויס, — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער, וועלכער האָט אין לויף פון דעם געשפּרעך זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם וויצלינג אין דער גרופּע.

צי אַט די סטודענטן זיינען שפּעטער געוואָרן ראַבאַיס, צי ניט — דאָס ווייס איך ניט, נאָר אַז אין אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן זיי צו פאַרשלינגען, האָבן זיי זיך ניט געלאָזט פאַר׳סמ׳ען — דאָס איז פאַר מיר געווען קלאָר און זייער דערפרייענדיג.

קאַפּיטל 32.

אַ לעקציע באַ אַ פּיקניק אין אמאהאַ נאָך אַ שטורם

צו יענער צייט האָט נאָך געלעבט דער גוטער, רירעוודיגער און שטענדיג פריילעכער חבר פאַרמאַן, וועלכער איז מיט אַ צייט שפּעטער אומגעקומען אויף אַ שוידערלעכן אופן אין אַן אויטאָמאָביל־עקסידענט. די גינזבורג־ברידער זיינען נאָך געווען יונג און זיינען געווען די נשמה פון אַלע צוזאַמענקונפטן. עס איז געווען אַ פרייד צו פאָרן קיין אָמאַהאַ. די שטאָט איז טאַקע אַ ווייטע, ניט קיין גרויסע און ניט קיין איבעריג אינטערעסאַנטע. נאָר דאָרט רינגלט אייך אַרום אַזויפיל וואַרימקייט, אַז עס ווילט זיך גאָר פון דאָרט ניט אַוועקפאָרן.

ווילט איר זען דעם שבט פון די ווינעבעיגאָ אינדיענס, זייערע וואוינונגען, זייער אופן פון צוגרייטן שפּייז, זייער קליידונג — פירט מען אייך מיילן וויט צו דער רעזערוויישאָן. ווילט איר זען די אָרטיקע סטאָקיאַרדס, פירט מען אייך באַלד אַהין. אפשר ווילט איר זען די אָרטיגע ביבליאָטעק, אפשר ווילט איר אַזוי אַ ביסל אַרויספאָרן פון שטאָט, איר דאַרפט בלויז אַ פּיפּס טאָן, איז שוין דאָ ווער עס זאָל אייך פירן און ווער עס זאָל מיט פאַרגעניגן אייך אויסדערציילן אַלע איינצעלהייטן וועגן די אָרטיגע מערקווירדיגקייטן.

דאָס מאָל וועט אויסקומען צו האַלטן אַ פאָרטראַג באַ אַ פּיקניק. מען פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער עולם און אַז דער פּיקניק וועט זיין אַזוי אינטערעסאַנט, אַז איך וועל אים לאַנג געדענקען. האָב איך אים טאַקע קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— עס וועט דאַכט זיך רעגענען, אפשר וואָלט מען אָפּגעלייגט דעם פּיקניק? — ווענדע איך זיך צו די פאַרמאַנס, באַ וועמען אין הויז איך בין איינגעשטאַנען.

נעמען זיך ביידע מיך איינרעדן, אַז עס איז גאָר ניט.

— אין אָמאהא, דאַרפט איר וויסן, איז אַט איז וואלקענדיג און אַט ווערט ווידער שיין. עס וועט נאָך היינט שיינען די זון אויך.

אַזוי זאָגט די שמייכלענדיגע חבר'טע פּארמאַן. און אַז זי שמייכלט און קוקט אייך גלייך אין די אויגן מיט איר ליבן בליק, זייט איר שוין פולשטענדיג אנטוואפנט.

איך גיב אַ קוק אויף דעם חבר פּארמאַן, וועלכער איז שטאַרק פאַר־שמייעט ביים פּאַקן שפּייז אין קעסטלעך און אין פעקלעך און אין קויש־לעך. ער באַמערקט אַ פראַגע אין מיין בליק און ער גיט אַ זאָג אויף שנעל:

— ווערטער ווי גאָלד! אַזאַ יאָר אויף אונז אַלע ווי שיין עס וועט נאָך זיין.

— זאָג היינט — רופט זי זיך אָן מיט אַ שעלמישן שמייכל.

— היינט! — זאָגט איר נאָך דער מאַן.

מיר לאַכן שוין אַלע. אויף דעם האַרצן ווערט אַזוי גוט צו זען אַט דאָס האַרמאָנישע פּאָרל, זייער געטריישאַפט פון איינעם צום צווייטן, זייער געזונטן אָפּטימיזם און זייער איבערגעבן זיך מיט דעם גאַנצן האַרצן צו דער באַוועגונג, וואָס איז זיי זייער טייער.

עס קומען אָן מענטשן. מען טראָגט אַרויס די פּעק מיט שפּייז. איינער פרעגט, צי עס איז דאָ גענוג פליישׁ. אַן אַנדערער פרעגט, צי האָט מען ניט פאַרגעסן מיטצונעמען מאַסטערד. איינער פרעגט זיך נאָך אויף דעם ביר און אַן אַנדערער האָט איינזיינען צו פרעגן וועגן אייזקרים. פּלוצ־לונג דערמאַנט מען זיך, אַז מען האָט אפשר ניט אָנגעשניטן גענוג ברויט.

לויפט ווידער דער גוטער פּארמאַן און שניידט ברויט. און אַלץ טוט ער מיט אַ טענצל און מיט אונטערברומען אַ לידל און מיט אַריינ־וואַרפן אַ גלייכווערטל. עס פילט זיך, אַז אַלע האָבן פון אים נחת און אַלע וואָלטן וועלן זיין זיכער, אַז איך באַמערק זיין גוטסקייט און זיין פריילעכקייט און זיינע געלונגענע וויצן.

מען איז שוין איינגעמאַשטשעט אין די אויטאָמאָבילן און מען וואַרט בלויז אויף אַ צייכן, אַז מען זאָל זיך לאָזן אין וועג, ווייל מען האָט באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן פאָרן צוזאַמען. פּלוצלונג כאַפּט מען זיך, אַז איין פרוי איז ניטאָ צווישן די אַנוועזנדע. זי האָט ניט קיין אויטאָמאָביל און זי וועט ניט קאָנען זיין באַ דעם פּיקניק, אויב עמיצער וועט ניט קומען זי נעמען.

— וואַרט דאָ צו און איך וועל באַלד זיין צוריק מיט איר — רופט אויס דער רירעוודיגער פּאַרמאַן — עס וועט בלויז דויערן אַ מינוט.

איך זיץ באַ אים אין אויטאָמאָביל און איך פּאַר שוין אויך מיט צו ברענגען די פרוי, וועלכע האָט נאָך געקאַנט פאַרפעלן צו זיין באַם פּיקניק.

עס האָט געדויערט ניט קיין מינוט, נאָר אַרום אַ פערטל שעה, נאָר אַט רירט זיך שוין דער לאַנגער קאַראַוואַן פון אויטאָמאָבילן. מען דרייט זיך דורך די שטאָטישע גאַסן און באַלד איז מען שוין אין פרייען פעלד. מען רעדט; מען לאַכט; מען זינגט — עס הערשט אַ געהויבענע שטימונג. איי דער הימל איז פאַרוואָלקנט, טאָ ווער וועט זיך נעמען פון אַזאַ זאַך צום האַרצן?

פּלוצלונג רופט זיך אָן די עלטערע פרוי, נאָך וועלכער מיר זיינען געפאָרן:

— עס געפעלן מיר ניט אָט די געדיכטע וואָלקנס. איר ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ שטורמס מיר האָבן דאָ אין אָמאַהאַ!

— וואָסערע שטורמס, וועלכע שטורמס? — האָט די גוטע פּאַר־מאַניכע פּרובירט אָוועקפירן דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער רעלס. די עלטערע פרוי האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דעם, וואָס חבר'טע פּאַרמאַן האָט געזאָגט. זי האָט געמיינט, אַז דאָס פרעגט מען באַ איר זי זאָל גענוי אָנרופן די שטורמס, וואָס זי האָט אינזינען, און זי האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ ברייטער דערקלערונג.

— קומט דאָ אָן אַ שטורם, קאָן מען אומקומען. מיר האָבן שוין היינטיגן זומער דאָ געהאַט איין שטורם אַזאַ. ער האָט אויסגעריסן בוי־מער, אַראָפּגעטראָגן דעכער און פאַרפּלייצט די גאַסן. איר שפּילט זיך מיט די שטורמס אין אמאהא!

אין די אַנדערע אויטאָמאָבילן האָט מען, נאַטירלעך, ניט געוואוסט וועגן וואָס עס גייט אָט דער געשפּרעך באַ אונז. פון דאָרט האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן געלעכטער און געזאַנג. נאָר מיר איז שוין ניט אָנגעג־גאַנגען קיין געלעכטער און איך האָב באַטראַכט די טראָפּנדלעך רעגן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַלן. איך האָב געטראַכט, איז דאָס אפשר ניט דער אָנהויב פון איינעם אַזאַ נעבראַסקאַ־שטורם.

דער וועג האָט זיך געדרייט צווישן וועלדלעך און בערגלעך און אָט האָט פּאַרמאַן דערקלערט, אַז עס זעט זיך שוין דער פּלאַץ, וואוהין מיר פאָרן.

— מיר וועלן נאָך היינט האָבן די זון אויך — האָט פּלוצלונג אויס־גערופן די חבר'טע פּאָרמאַן. אין איר טאָן איז אָבער געווען עפּעס, וואָס האָט אַרויסגערופן צו איר רחמנות, ווייל עס האָט זיך געפילט, אַז זי גלויבט אַליין ניט אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, און אַז דאָס פּרובירט זי זיך אַליין לייכטער מאַכן אויף דעם האַרצן.

עס האָבן זיך באַוויזן געביידעס, וואָס זיינען אַ געוויינלעכע דער־שיינונג אויף ספּעציעלע פּיקניק־פּלעצער. אָט איז אַ לענגלעכע געביידע, פאַרצויגן מיט דראָטענע נעצן פון אויבן ביז אַראָפּ אנשטאט ווענט. די געביידע שטייט אויף סלופּעס און אָן ווענט ניט איז פונדאַמענט. צו דער געביידע פירן עטלעכע טרעפּ לענג־אויס דעם גאַנצן פראָנט. אַ האַלבער טוץ טירן פירן אינעווייניג. די טירן זיינען אויך באַקלאַפּט מיט אַ נעץ פון דראָט.

און אָט איז אַ ברונים אונטער אַ דעכל. פון ווייטנס זעען זיך טישן אונטער ביימער, און בענק זיינען צעשטעלט אין אַלע זייטן. קיינער קוקט אָבער ניט צי די טישן אונטער דעם פרייען הימל, נאָר אַלע לויפן צו דער לאַנגער געביידע, ווייל באַם אָנקומען האָט שוין אָנגעהויבן גע־שמאַק צו רעגענען. מיטאַמאָל זיינען עפּעס אַלע געוואָרן זייער ערנסט. מען האָט זיך גענומען טראָגן פון די אויטאָמאָבילן די צוגעגרייטע שפּייז. דער אופן, ווי מען האָט געאַרבעט און ווי מען האָט אונטערגעטריבן איי־נער דעם צווייטן, — האָט קיין גוטעס ניט פאַרשפּראָכן. עס האָט זיך געפילט, אַז די מענטשן דערוואַרטן עפּעס גאָר שלעכטעס, נאָר זיי רעדן ניט וועגן דעם.

פּלוצלונג האָט עמיצער זיך אָנגערופן:

— עס האָט אַ בליץ געטאָן!

— עס האָט ניט געבליצט! עס האָט ניט געבליצט! — האָבן עט־לעכע שטימען מיטאַמאָל פאַרזיכערט.

איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט צו פאַרזיכערן, אַז עס האָט ניט געבליצט, נאָר שפּעטער איז מיר דער ענין קלאָר געוואָרן. אַזוי אַ רעגן אין אמאהא — איז ווי אַ רעגן אין אַלע אַנדערע פּלעצער, נאָר קומט אָן אַן עלעקטרישער שטורם, איז דעמאָלט זאָל מען זיך שוין אויף אַלץ ריכטן.

און אָט האָט געגעבן אַ טראָג זיך אַ בלענדענדיגער זיגזאַגישער פלאַם. עס האָט זיך צעקייקלט אַ דונער, וואָס האָט לאַנג אָפּגעהילכט אין וואַלד; באַלד האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ווינט, וואָס האָט געפייפט

און האָט געדרייט די בוימער, צובויגנדיג זיי צו דער ערד און אויס־דרייענדיג זיי אויף דער זייט. דער הימל איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן און עס איז מיטאַמאָל געוואָרן פינסטער ווי באַנאַכט.

— נאָך ·גוט וואָס מען איז שוין אונטער אַ דאַך — האָט עמיצער זיך אָנגערופן, נאָר איידער די ווערטער זיינען פאַרענדיגט געוואָרן, איז פאַרגעקומען עפּעס משונה'דיגעס. בליצן און דונערן האָבן געצונדן און געטרייסלט דעם אָרום. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס ברענט דער וואַלד דאָ דערבײַ, אַז אָט ברענען שוין די געביידעס דאָ אָרום און דער דאַך אויף דעם קאָפּ. פון מינוט צו מינוט איז דער ווינט געוואָרן אַלץ שטאַרקער. ער האָט געוואָיעט; ער האָט געריסן די בוימער; ער האָט געריסן די דראַטענע נעץ פון די ווענט. דער רעגן האָט געשמיסן און די מענטשן האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן אין מיטן פון דעם גרויסן צימער, כדי צו זיין וואָס ווייטער פון די אָפענע ווענט. און מיטאַמאָל האָט אַ קנאַל געטאָן אַזאַ דונער, אַז עס האָט זיך געדאַכט די ערד האָט אַ ציטער געטאָן; גלייכצייטיג איז צעפליקט געוואָרן די דראַטענע נעץ פון דער פראָנט וואַנט. עס האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט אַ שטראָם פון דעם רעגן טיף אין דעם צימער אַריין און באַלד איז אַראָפּ־געריסן געוואָרן אַ שטיק דאַך און עס האָט שוין געכליופּעט פון אויבן און געפּאַטשט מיט רעגן פון אַלע זייטן.

— די שפּייז! — האָט עמיצער אויסגערופן אין פאַרצווייפלונג.

די טישן זיינען געווען פאַרגאָסן. דאָרט האָבן זיך געוויקט די פליישן און דער אייזקרים, נאָר אָט האָט זיך צעקייקלט אַזאַ דונער, אַז די צענויפגעדריקטע מאַסע האָט זיך אין שרעק אַ רוק געטאָן; עטלעכע האָבן זיך אַ גליטש געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט באַם עק טיש; דער טיש האָט זיך אַ גליטש געטאָן און האָט זיך איבערגעקערט און פון דער גאַנ־צער שפּייז איז געוואָרן איין צעשוואומענע קאַשע, צעבראָכענע פלעשער האָבן זיך אויסגעמישט מיט צעבראָכענע טעלער; פון ביר און אייז קרים און פון קעז און פלייש איז געוואָרן איין בלאָטיגע מאַסע. קיינער האָט אויף דעם זיך אַפילו ניט אומגעקוקט. מען האָט זיך געהאַלטן איינער אין דעם צווייטן, ווייל מען האָט געפילט, אַז אַלעמענס לעבנס זיינען אין געפאַר. פון דערווייטנס האָט מען דערזעען ווי אַ ריזיגער בוים האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אין איין זייט, דערנאָך אין אַ צווייטער און איז מיט אַ קראַך אַ פאַל־געטאָן, ברעכנדיג צווייגן פון אַנדערע בוימער אין זיין פאַלן.

עס זיינען געווען גרויליגע מינוטן, נאָר לאַנג האָט עס ניט געדויערט. עס האָט אויפגעהערט דונערן; דערנאָך זיינען די בליצן געוואָרן זעלטענער; דער ווינט האָט שוין ניט געריסן די ביימער מיט אַזאַ רציחה. און איינס און צוויי האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיגער און ליכטיגער און מיטאָמאָל... עס איז דאָ די זון; דער וואַלד שטייט אַן אויסגעוואָשענער; די לעצטע וואָלקנדלעך טראָגן זיך ערגעץ אויף דעם ראַנד פון דעם הימל; די גראָזן שמעקן מיט אַ פאַר'שכור'דיגן דופט — עס איז גאָר אַ נייע וועלט פאַר די אויגן.

און דאָ ליגט די קאַשע פון דער שפּייז און עס איז אַזאַ טרויעריג בילד. די מענטשן הויבן אָן באַטראַכטן איינער דעם צווייטן און מען לאַכט מיט אַ צעקרימטן געלעכטער. די זומערדיגע קליידער אויף די פרויען זיינען דורכגעווייקט ביז דעם לייב. קעפּ זיינען צעפּאַטלט. די מענער קוקן אויס ווי נאָר וואָס אויסגעצוואָגענע און עס טעלעפּען זיך די רעקלעך און די הויזן, וואָס זיינען שווער פון דער וואַסער, וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט.

— פאָרן באַלד צוריק איז ניט ראַטזאַם — זאָגט עמיצער — די וועגן זיינען איצט זיכער פאַרפלייצט, מען דאַרף צוואַרטן אַ פּאָר שעה ביז די וואַסער וועט זיך אָפּזעצן.

— יאָ, דאָס בעסטע איז אויסצוואַרטן אַ שטיקל צייט — ענטפערט עמיצער פון צווישן עולם. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט געזאָגט דער עלטערער גינזבורג, צו וועמען אַלע הערן זיך אַלע מאָל צו, נאָר זיכער בין איך ניט צי דאָס איז טאַקע געווען זיין קול.

זיך זעצן קאָן מען ניט; עסן איז ניטאָ וואָס; טאָן קאָן מען אויך גאָר ניט. מען שווייגט און די שטימונג איז זייער אַ געדריקטע. לאַנג אַזוי שווייגן קאָן מען ניט, ווייל עס ווערט אומדערטרעגלעך.

— אפשר זאָלן מיר גאָר האָבן די לעקציע? — רופט זיך אָן פאַרמאָן. כאָטש זיין טאָן איז ניט אַזוי מונטער ווי אַלע מאָל, נאָר אַזוי ווי זיין שטימע איז אַלעמאָל אַלעמען צום האַרצן, דערפילט זיך אויך איצט אַ דערלייכטערונג צו הערן אים עפּעס זאָגן.

— אויב דער לעקטאָר וויל; אויב מען קאָן באַ אַזעלכע באַדינגונגען האַלטן אַ לעקציע! — רופן זיך אָפּ עטלעכע מענטשן מיטאַמאָל. אַלע אויגן ווענדן זיך צו מיר. באַשטיין באַשטייט קיינער נישט, נאָר פאַר מיר איז קלאָר, אַז עס וואָלט געווען אַ דערלייכטערונג פאַר אַט די אַלע צעשראָקענע, אויסגעהונגערטע און צעטומלטע מענטשן ווען

זיי זאָלן זיך קאָנען אָפּרייסן אויף אַ שטיקל צייט פון דעם איינדרוק פון דעם נאַר וואָס איבערגעלעבטן.

— איך וועל האַלטן די לעקציע — רוף איך זיך אָן.

צי מען וועט זיך איינהערן אויפמערקזאַם ווייס איך ניט, נאָר אַז בלויז מיין צושטימען צו רעדן האָט שוין אַריינגעטראָגן פרייד, דאָס איז פאַר מיר באַלד קלאָר געוואָרן.

דער אינגערער גינזבורג איז נאָך פריער געווען באַשטימט צו זיין דער פאָרזיצער. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן דעם עולם און — גאָר ניט ווי לויט זיין שטייגער — אָן אַ וואָרים וואָרט, אָדער אַ שפּאַס, האָט ער דערקלערט, אַז די טעמע וועט זיין אַזאַ און אַזאַ און דאָס וואָרט האָט דער לעקטאָר.

ער איז געווען צו קלוג, אַז ער זאָל זיך דערלויבן אין אַזאַ מאָמענט פּרובירן אָנשטעלן אַ לייכטן טאָן. עס וואָלט זיך ניט געווען געקלעפּט. צופיל זיינען אַלע געווען אָנגעשטרענגט; צו ערנסט איז געווען די געפאַר, וואָס מען האָט ערשט איבערגעלעבט; צו נאָענט האָט מען זיך דערפילט איינער צום צווייטן — ווי עס איז אַלעמאָל אין דער צייט פון אַ געמיינשאַפטלעכער געפאַר — און ווען מען איז גאָר נאָענט און אין גרויס געפאַר, שפּאַסט מען ניט איינער אויף דעם חשבון פון דעם צווייטן — וועט דאָך קיינעם ניט קריכן קיין שפּאַס אין קאָפּ אין אַ פאַמיליע, וואו מען איז צעטרייסלט פון אַ פאַרלוסט, וואָס האָט אַלעמען אָנגערירט.

האַלטן אַ לעקציע באַ אַזעלכע באַדינגונגען איז ניט קיין לייכטע זאַך. מען דאַרף געפינען דעם צוגאַנג צו די מוחות און צו די הערצער פון די מענטשן. מען מוז דורך אָן ערנסטן צוגאַנג געווינען דעם צוטרוי פון די מענטשן און גלייכצייטיג צוביסלעך זיי אַרויספירן פון זייער אַטמאָספערע פון נידערגעשלאָגנקייט און פאַרלאָרנקייט.

נאָך קיינמאָל פריער און אויך קיינמאָל ניט דערנאָך האָב איך אַזוי ניט נאָכגעפאָלגט דעם שאָטן אויף יעדן איינציגנס געזיכט; נאָך קיינמאָל האָב איך אַזוי ניט שטודירט באַ מיין רעדן דעם קלענסטן קנייטש אויף יעדן פּנים, דעם אויסדרוק אין יעדנ'ס בליק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרגליווערטקייט הויבט אָן פאַרשווינדן. מען איז שוין געשטאַ־נען פרייער אויף די פיס. מען האָט שוין מער געקוקט אין מיין ריכ־טונג איידער צו קוקן אַלע מאָל אין דרויסן. דאָרטן האָט געשיינט די זון. אויף די גראָזן האָבן געבליאַסקעט ווי דימענטן טראָפּנס רעגן.

איך האָב זיך געגעבן אַ שטעל־אָפּ און פּלוצלונג געפרעגט באַ דעם עולם, צי וואָלט ניט געווען ראַטזאַם איבעררייסן די לעקציע און גיין צו דער זון און צו דער דופטענדיגער לופט.

— זעצט פאַר! רעדט ווייטער! מען דאַרף ניט איבעררייסן!

דער ענטפער איז געקומען ספּאָנטאַן, ווייל די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אומדערוואַרטעט פאַר אַלעמען. איך האָב פאַרגעזעצט מיין לעקציע. איך האָב אויך געדאַרפט אַליין זיך באַפרייען פון די מינוטן פון אַנגסט און פון זאָרג פאַר אַלעמען און פאַר זיך. איך האָב אין דער לעקציע אַריינגעלייגט מער פון זיך ווי באַ געוויינלעכע באַדינגונגען.

עס זיינען געווען פראַגן און ענטפערס. דערנאָך איז מען געפאָרן צוריק און, כאָטש מען איז געווען הונגעריג, האָט מען אַ גאַנצן וועג צוריק געזונגען און געלאַכט און באַם געזעגענען זיך האָבן אַלע אין איין קול ווידערהאָלט:

— געגעסן האָבן מיר ניט, נאָר אַ לעקציע האָבן מיר געהאַט. מיר האָפן, אַז איר וועט אויף אָמאַהאַ ניט האָבן קיין שווער האַרץ.

אַלע זיינען געווען אין אַ גוטער שטימונג. מער פון אַלעמען האָט זיך געפרייט דער גוטער פאַרמאַן. מיין שטימונג איז אויך געוואָרן גאָר לייכט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אפשר איז געווען כדאי איבער־צולעבן אָט די גרוליגע מאָמענטן, אַבי צו קאָנען געבן אָט די מענטשן אַזאַ פריידּ.

קיין שווער האַרץ אויף אָמאהא האָב איך ניט געטראָגן און אַלע מאָל, ווען איך קער זיך אום אין געדאַנק צו יענעם טאָג און צו דעם שטורם, דערמאָן איך זיך די שטימונג באַם געזעגענען זיך מיט אָט די אַלע ליבע פריינט און עס ווערט עפּעס אַזוי וואַרים, אַזוי לייכט און אַזוי גוט אויף דעם האַרצן.

קאַפּיטל 33.

אַן איבערפאַל אויף מיינער אַ לעקציע

אַן איינגעבוירענער געפיל פון גערעכטיגקייט טרייבט אייך צו ווערן אָנגעפילט מיט צאָרן ווען איר קומט פּנים אל פּנים מיט אַ שרייענדיגן אויסדרוק פון אומרעכט. איר זייט גרייט אויף אַלץ צו באַקעמפן אַ האַנדלונג, וואָס איז פאַר אייך דער העכסטער אויסדרוק פון ווילקיר.

אייך ווילט זיך אויסשרייען אייער פּראָטעסט; אייך ווילט זיך ווענדן צו יעדן איינעם מיט אַ פראַגע: ווי קאָן מען גאָר דאָס דולדן? ווי קאָן מען בלייבן רואיג? ווי דערלאָזט מען צו אַזאַ נבלה?

אייך דאַכט זיך, אַז עפּעס איז דאָ פאַרזעען געוואָרן; אייך דאַכט זיך, אַז עפּעס דורך אַ צופאַל האָבן מענטשן פאַרפעלט צו באַנעמען די געפאַר, וואָס עס לויערט אין אָט דער אומגערעכטער האַנדלונג. מען דאַרף בלויז אויפוועקן די מענטשן, מען דאַרף בלויז אַ קלאַפּ־טאָן טרעוואָגע — און עס וועט זיך צעקייקלען ווי אַ דונער אַ מעכטיגער אויס־רוף: ניין! מיר ווילן דאָס ניט דולדן! און עס וועט זיך אַ הויב־טאָן אַ כוח, וואָס וועט אָפּשטעלן די געזעצלאָזיגקייט.

אַזוי פילט יעדער רעכטדענקענדיגער מענטש ווען ער באַגעגנט זיך מיט אַן אומרעכט, וואָס אַ יחיד באַגייט געגן אַ צווייטן; אַזוי פילט יע־דער איינער, וואָס באַזיצט אַ געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַן אומרעכט געגן אַ כלל.

באַ מיין אָנקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אויף איינעם פון מיינע באַזוכן אין יענער שטאָט האָט מען מיר באַלד צוגעטראָגן די נייעס, אַז באַ די לעקציעס קאָן מען זיך ריכטן אויף אַן איבערפאַל פון דעם ספּע־ציעלן פּאָליציי־סקוואַד, וואָס שטייט אונטער דער פירערשאַפט פון איינעם אַ היינס.

— וואָס הייסט אַן איבערפֿאַל? אַט אַזוי אָן אַן אורזאַך? און וואָס איז וועגן געזעץ? און ווער איז דער היינס, וועלכער קאָן טאָן וואָס ער וויל? און וואָס מיינט, ער מאַכט אַן איבערפֿאַל און שפּאַלט קעפּ? אַט אַזוי לייכט איז אָפּגעשאַפֿן געוואָרן יעדע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיע פֿון די רעכט פֿון די בירגער? וואָס טוט זיך דאָ? קיינער פֿאַרטראַכט זיך ניט וועגן דעם, אַז אַזאַ האַנדלונג שטעלט אין געפֿאַר די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט? וואָס הייסט מען שווייגט? וואָס הייסט מען טוט גאָר ניט?

איך האָב געהאַלטן אין איין שטעלן פֿראַגן, נאָר קיינער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט ביז איך האָב געענדיקט. פֿון דעם אופֿן, ווי די אַלע אַרומיקע האָבן אויף מיר געקוקט, איז געווען קלאָר, אַז מיינע פֿראַגן קלינגען אין זייערע אויערן גאָר נאַאיוו.

און אַט האָבן זיי אָנגעהויבן צו דערציילן. זיי האָבן גערעדט מיט צאָרן; זיי האָבן גערעדט מיט פֿאַרקריצטע ציין; זיי האָבן, דערציילנדיק, געפּאַסעוועט די שטאָט־טאַטעס, וועלכע האָבן צוגעשטימט צו די היינס־מעטאָדן; זיי האָבן געשניטן שטיקער פֿון די ביליקע פּאָליטיקאַנעס, וועלכע האָבן אונטער אַלערליי פֿוילע תירוצים זיך אויסגעדרייט פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטער דעם אויסרייד, אַז עס איז בלויז אַן ענין פֿון דעם שטאָטישן פּאָליציי־דעפּאַרטמענט און עס האָט דערפֿאַר ניט צו טאָן ניט מיט די מיטגלידער פֿון דער שטאָטלעכער לעגיסלאַטור און ניט מיט קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן.

— און וואו זיינען די ריכטער? וואו איז די שטאָטישע אינטעליגענץ? און וואָס שווייגן די יוניאָנס? ווי דערלאָזט מען אַזאַ בויאָנסטווע?

ווידער איז געקומען דערזעלבער בליק, וואָס האָט אַזוי קלאָר געזאָגט: ווי נאַאיוו איר זייט עס!

זיי האָבן ווידער דערציילט. זיי האָבן דערציילט פֿון פֿאַרזוכן אויפֿצוּוועקן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג; זיי האָבן דערציילט פֿון דעלעגאַציעס צו יוניאָן־פֿאַרזאַמלונגען; זיי האָבן דערציילט וועגן ווענדונגען צו גייסטלעכע, אַז זיי זאָלן אין די קירכן און סינאַגאָגן אויפֿהויבן זייער שטים געגן די קאָזאַקישע האַנדלונגען; זיי האָבן דערציילט וועגן ווענדונגען צו אַדוואָקאַטן, אַז די גאַנצע לאָיער־פּראָפֿעסיע זאָל זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דער פֿאַרלעצונג פֿון דעם געזעץ — אַלץ איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן. קיינער האָט גאָרניט געוואָלט טאָן; קיינער האָט זיך

ניט געוואָלט איינרייסן מיט דער פּאָליציי; קיינער האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צו אַן ענין, וואָס האָט צו־טאָן מיט די, וועלכע זיינען פאַרשריען אַלס „פּרעמדע" און אַלס „פריינט פון רוסלאַנד".

— און וואָס הייסט מען מאַכט איבערפּאַלן אויף לעקציעס וועגן ליטעראַטור, אויף לעקציעס וועגן דעם אויפבוי פון דעם אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף לעקציעס וועגן דעם קאַמף געגן דער וואַקסנדיגער פאַשיסטישער געפאַר?

האָבן זיי גענומען דערציילן וואָס פאַר אַ ווילדע העצע עס ווערט געפירט אין דער לאָקאַלער רעאַקציאָנערער פּרעסע; האָבן זיי גענומען דערציילן ווי מען רעדט וועגן זייער פּראַכטפולער קאָאָפּעראַטיווער געביידע ווי וועגן דער „פעסטונג פון מאָסקווע"; האָבן זיי גענומען אויסרע־כענען אין וואָס פאַר אַ טיפן זומפּ פון רעאַקציע עס זיינען פאַרקראָכן אַ סך פון די אָרטיגע יוניאָן טוער; האָבן זיי גענומען דערציילן און דער־קלערן ווי עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לינטש־שטימונג אין שטאָט געגן אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן און ווי היינס נוצט אויס אָט דעם צושטאַנד פאַר זיינע כוליגאַנישע איבערפאַלן אויף פרידלעכע פאַרזאַמלונגען.

מען האָט גענומען דערציילן איינצעלהייטן פון היינסעס „אַבלאַוועס". אַזוי און אַזוי איז פאָרגעקומען באַ דעם איבערפאַל אויף דער און דער לעקציע און מען האָט דעם לעקטאָר קוים אַ לעבעדיגן אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון היינסעס קאָזאַקן; אַזוי און אַזוי איז פאָרגעקומען באַ אַ פייערונג פון אַ ליטעראַרישן יובליי; אַזוי און אַזוי איז פאָרגעקומען באַ דעם באַזוך פון דעם און דעם חבר פון ניו יאָרק — עס איז אַ לאַנגע געשיכטע פון אמת'ע פּאָגראָמען מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, היסטערישע געשרייען פון פרויען, צעריסענע קליידער, צעבראָכענע שטולן און... אַרעסטן אַלס צוגאָב.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז עס פילט זיך גאָר פרייליך צו גיין האַלטן אַ לעקציע נאָך דעם, ווי מען הערט אויס אַזאַ געשיכטע, נאָר גיין מוז מען און מען דאַרף נאָך זיך מאַכן האַרץ און געבן אַנדערע קוראַזש, כאָטש עס פילט זיך, ווי די בלוטן ווערן פאַרקילט אין די אָדערן בלויז פון דעם געדאַנק, אַז אָט וועט זיך אַריינרייסן די באַנדע און אָט די גאַנצע פאַר־זאַמלטע מאַסע וועט באַליידיגט און געשלאָגן ווערן.

מען וועט שלאָגן אָט דעם ליבן חבר, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורך דער צאַרישער קאַטאָרגע, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושה

פון דער פאַרצערנדיקער שווינדזוכט, נאָר וואָס האָט ניט באַוויזן צו ברעכן זיין וואונדערבאַרן גייסט. מען וועט שלאָגן אָט די ליבע פרוי, וואָס איז שוין גרוי, נאָר וואָס פאַרמאָגט אַזאַ יוגנטלעכן גייסט. מען וועט שלאָגן אָט דאָס ליבע יונגע פּאָרל, בײַ וועלכן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און זייער ליבע זיינען ביידע אַזוי זיגעוודיג, אַז זיי שטעקן אַלעמען אָן מיט זייער שפּרודלדיגער פריידיגקייט. מען וועט שלאָגן אָט די טוער, וועלכע זיינען געקומען אַהער פון פאַרשיידענע שטעט פון איבער'ן לאַנד. איך קען אַזויפיל פון זיי פּערזענלעך. אָט איז די משפּחה, וואָס איז געקומען פון סעינט לואיס, וואן מען האָט זיי אַלעמען אַזוי ליב געהאָט. אָט זיינען די חברים, וועלכע איך האָב געקענט אין וויניפּעג, וואו זיי זיינען נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק שוין געווען געטרייע סאָלדאַטן אין די רייען פון די קעמפער פאַר יושר און פאַר די רעכט פון די מאַסן. די מוטער פון אָט דער משפּחה האָט דאָ פאַרלאָרן אַ שוועסטער אונטער די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס אַ שכור'ער פאַרשוין האָט געטריבן. איצט וועט מען אָט די צעבראָכענע פרוי שלאָגן דערפאַר, וואָס זי איז געקומען אויסהערן אַ לעקציע וועגן אידישן לעבן?

אָט זיצן יונגע און אָט זיצן טאַטעס און מאַמעס פון דערוואַקסענע קינדער. זיי אַלעמען וועט מען שלאָגן? זיי אַלעמען וועט מען באַהאַנדלען ווי פאַרברעכער? דאָס איז דאָך אַ הימל־שרייענדיגער סקאַנדאַל!

מיין צאָרן איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. און, מאָדנע, אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם צאָרן האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן מיין אינער־לעכע צערודערונג און מורא. איך האָב זיך דערפילט געקרעפטיגט פון עפּעס אַן אומבאַוואוסטן כוח. דער עולם האָט, ווייזט אויס, זיך איבער־געגעבן מיין שטימונג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זאַל איז פון מינוט צו מינוט די אַטמאָספערע געוואָרן אַלץ אַנדערש. עס האָט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַלעמען אָנגעהויבן באַהערשן אַ געפיל פון זיכער־קייט, אַ געפיל פון מוט, אַ געפיל פון אַנטשלאָסנקייט פאַר קיינעם זיך ניט דערשרעקן.

איך האָב אַנאַליזירט דעם מהות פון פאַשיזם, די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס קעכלען דעם פאַשיזם און די אמת'ע צילן פון אָט דעם געשעפענסט, וואָס שפּרייט זיך אויס אַלץ מער און מער איבער טיילן פון אייראָפּע. כאָטש איך האָב ניט דערמאָנט דירעקט די לאָקאַלע מכה פון היינסיזם, ווייל עס איז געווען אַ פאַרדאַכט, אַז דער צעיושעטער היינס

האָט דאָ זײַנע מוסרים און אַ דירעקטע דערמאָנונג וועגן אים וואָלט בלויז געדינט אַלס אַן אויסרייד פֿאַר אַ באַלדיקן איבערפֿאַל, — איז כאָטש איך האָב אים דירעקט ניט דערמאָנט, האָבן אַלע געוואוסט, אַז אַ סך פֿון מײַנע פּײַלן געגן נאַציזם זײַנען אויך געריכטעט געגן דער לאָקאַ־לער פֿאַשיסטישער מגפֿה.

דער עולם האָט אויסגעדריקט זײַן צושטימונג. וואָס עס וואָלט געווען ווען הײַנס זאָל געווען מאַכן זײַן איבערפֿאַל יענעם אָוונט, ווייס איך ניט, נאָר הײַנס איז יענעם אָוונט ניט געקומען. ער איז אויך ניט געקומען דעם צווייטן אָוונט ווען איך האָב געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אַלע האָבן שוין אָנגענומען פֿאַר אַ זיכערער זאַך, אַז דעם מאָל האָט עפּעס פּאַסירט און הײַנס וועט שוין מײַנע לעקציעס לאָזן צורו.

— איר וועט זיך שוין אויסדרייען און ניט וויסן וואָס עס מיינט אַ הײַנס־איבערפֿאַל, — האָט מען מיר געזאָגט נאָך דער צווייטער לעקציע, נאָר עס האָט זיך געפֿילט, אַז יעדער איינער איז זיכער אַז אויסדרייען וועל איך זיך ניט. איך האָב זיך אָבער יאָ אויסגעדרייט. דעם דריטן אָוונט האָב איך געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דעם, ווי עס ווערט געבויט די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. וועט קומען די באַוואָפֿנטע באַנדע אונ־טער הײַנסן דורכצופֿירן אַן איבערפֿאַל? אָט די פֿראַגע איז פֿון געדאַנק ניט אַרויס אויף קיין איין מינוט, נאָר הײַנס איז ניט געקומען. מיר איז אָבער אויסגעקומען צו דערפֿילן דעם טעם פֿון אַן איבערפֿאַל, געווען איז דאָס גאָר ניט אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר אין טשעלסי, מאַסאַטשוזעטס.

עס איז אַלץ פֿאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז דאָס, וואָס איך האָב פֿריער זיך פּראָבירט פֿאָרשטעלן וועגן דער „אַבלאַווע", און דאָס, וואָס איך האָב באַ זיך געהאַט באַשלאָסן אין לאָס אַנדזשעלעס צו טאָן אויב אַזאַ איבערפֿאַל זאָל פֿאָרקומען — דאָס אַלץ איז אַרויסגעקומען פּונקט קאַפּויר. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט געשרייען, נאָר קיין גע־שרייען זײַנען ניט געווען. איך האָב געהאַט באַ זיך באַשלאָסן, אַז אין פֿאַל פֿון אַן „אַבלאַווע", וועל איך זיך צווינגען צו בלײַבן רויִק און איך וועל זיך ווענדן צו דעם עולם, אַז אַלע זאָלן בלײַבן זיצן אויף די פּלעצער. מען קאָן דאָך זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז מען וועט וואָגן שפּאַלטן די קעפּ פֿון מענטשן, וועלכע זיצן רויִק אויף זייערע בענקלעך.

נאָר ווען אָט די „אַבלאַווע" איז געקומען — אַן אַ פֿאַרוואָס און אַזוי פּלוצלונג — איז אַרויסגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען די לעקציע, וואָס איך האָב יענעם אָוונט געהאַלטן אין טשעלסי, האָט זיך שוין דערנענטערט צו איר שלוס, האָט זיך געגעבן אַ עפֿן די טיר און אין איין אויגנבליק איז דער זאַל פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון אַ גאַנצן סקוואַד פּאָליציי. זיי זיינען אין איין סעקונדע געווען אין אַלע דורכגאַנגען און אין די ווייטסטע ווינקלען פֿון דעם זאַל. זיי זיינען געווען בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע און אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. און פּונקט ווי זיי האָבן אַזוי שנעל זיך באַוויזן אומעטום און גענומען אַרבעטן מיט זייערע קאַלבעס, פּונקט אַזוי שנעל איז דער עולם אויפֿגעשפּרונגען פֿון די פּלעצער. עס זיינען געוואָרן מענטשן־קנוילן. קעפּ האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. בענקלעך זיינען איינס און צוויי אַנגעהורבעט געוואָרן און די מחבלים זיינען געפֿאַלן איבער זיי. איך האָב פּלוצלונג זיך געפֿונען אין דער מיט פֿון אַ צענויפֿגעדריקטער גרופּע מענטשן. איך האָב דערפֿילט, אַז דער מענטשן־שטראָם טראָגט זיך און איך ווער מיטגע־טראָגן. פּלוצלונג איז אויסגעלאָשן געוואָרן די באַלויכטונג. געהערט האָבן זיך בלויז די ווילדע אויסרופֿן פֿון די פּאָליסלייט און איין מאָמענט האָב איך אין דער פֿינסטער דערהערט דאָס סאָפּען פֿון אַ ריזיגער פֿיגור, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן פֿאַרביי מיר. אין נאָך אַ מינוט בין איך שוין געווען אין דרויסן. מענטשן זיינען געשטאַנען אויף דעם טראָ־טואַר און צוגעקוקט ווי מען לויפֿט אַרויס פֿון דער געביידע, ווי פּאָליציי לויפֿט נאָך די אַרויסלויפֿנדע. די צושויער און די אַרויסגעלאָפֿענע האָבן זיך צענויפֿגעגאָסן אין איין שטראָם. די סאָפּענדיגע קאָזאַקן האָבן, שעלטענדיג, נאָך געפֿאָכעט מיט זייערע קאַלבעס, נאָר זיי זיינען באַלד אַריין אין די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט, און זיינען אַוועק. זיי האָבן קיינעם ניט אַרעסטירט.

צוביסלעך האָבן גרופּן זיך אָנגעהויבן פֿאָרמירן אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון דער גאַס. מען האָט איינער דעם צווייטן אויסגעפֿרעגט, צי מען איז ניט שטאַרק צעקלאַפּט; מען האָט מיט אַזויפֿיל זאָרג צענד־ליגער מאָל בײַ מיר געפֿרעגט, צי האָט מיך ניט געטראָפֿן אַ פּאָליציי־אישער קלאַפּ; מען האָט מיט ווייטיג און מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן געזאָגט: פּלוצלונג אַן איבערפֿאַל! עס איז שוין ווי בײַ היינס׳ן אין לאָס אַנדזשעלעס!

אויף מאָרגן האָב איך שוין געדאַרפֿט פֿאָרן ווייטער. מיין געזעגענען זיך מיט די חברים איז געווען עפּעס גאָר אַנדערש, ווי אין אַנדערע שטעט. מען האָט גאָר ניט גערעדט וועגן דעם איבערפֿאַל, נאָר עס האָט

זיך געפילט ווי אַלע וואָלטן וועלן זאָגן איינס און דאָס זעלבע:

— מיר וועלן דעם נעכטיגן אָוונט קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

עס זיינען שוין אַוועק אַ סך יאָרן זינט יענעם אָוונט, נאָר ער גייט מיר ניט אַרויס פון זכרון, און אַלע מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם איבערפאַל, דערמאָן איך זיך אויך אין היינס׳ן. היינס איז שוין לאַנג אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פון דער סצענע אין דער זוניגער שטאָט באַם פּאַסיפיק, נאָר ווען איך טראָג זיך אַריבער אין זכרון צו יענער צייט, דאַכט זיך מיר, אַז דער פאַרגעקומענער איבערפאַל אין טשעלסי האָט מיר ניט געקאָסט אַזויפיל געזונט ווי דער דערוואַרטעטער איבערפאַל אין לאָס אַנ־דזשעלעס, וואָס איז געהאנגען איבער׳ן קאָפּ ווי אַ שווערד, וואָס האָט זיך ניט אַראָפּגעלאָזט.

איך פרעג זיך אָפט: פאַרשטייען ניט די מענטשן ווי לעבנס־וויכ־טיג עס איז פאַר אַלעמען, אַז עס זאָל אויסגעבערענט ווערן דער באָדן, כדי אַזעלכע היינס־געוויקסן זאָלן זיך מער ניט קאָנען באַווייזן?

קאַפּיטל 34.

אַ ראַבאַי שיקט שליח איך זאָל בלייבן אין שטאָט אויף נאָך אַ טאָג

אויב עס קומט אויס צו פאַרלאָזן אַ שטאָט נאָך דעם זעלבן אָוונט נאָך אַ לעקציע, איז די פאַרבליבענע צייט צווישן דער לעקציע און צווישן דעם אָפּגיין פון דער באַן געוויינלעך פאַרנומען מיט געזעגענען זיך, מיט אויסהערן אַ פאַרשפּעטיגטע פראַגע, וואָס עמיצער וויל דוקא שטעלן פּריוואַט, כאָטש עס הערן זיך צו אַלע, וואָס שטייען אין אַ רעדל; און מיט אָנבאָטן פון די אַרומיגע מיטצופאָרן צו דעם וואָקזאַל.

אין לויף פון יאָרן אַרבעט זיך אויס אַ סיסטעם ווי זיך אַרויסצודרייען פון די פאַרשפּעטיגטע פראַגן־שטעלער, ווי זיך צו באַפרייען פון צופיל באַגלייטער און ווי צו געדענקען צו זאָגן אַ זיי־געזונט צו יעדן איינעם, וועלכער שטייט נאָענט בײַ דער אַרבעט, מיט וועלכער דו ביסט פאַרנומען און אין פאַרבינדונג מיט וועלכער די לעקציע איז געהאַלטן געוואָרן.

אין אַזאַ מאָמענט איז דער אויער ספּעציעל אָנגעשפּיצט און דאָס אויג איז אָנגעשטעלט — מען מוז אַלץ אויסהערן, אַלץ באַמערקן, אויף דעם מאָמענט זיך אָריענטירן ווי צו האַנדלען מיט דעם אָדער מיט יענעם, כדי ניט צו מאַכן פילן שלעכט און כדי זיך צו באַפרייען אין צייט צו קאָנען פאָרן צו דער באַן.

דאָס סאַמע וויכטיגסטע אין אַט דער צייט איז זיך אויסהיטן פון די, וועלכע ווילן איינרוימען אַ סוד אין אויער. גאָר אָפט וועט אַזאַ איינער אייך איינרוימען אומגעפער אַזאַ סאָרט זאַגעכץ:

— מילא וואָס איר האָט געזאָגט פאַר דעם עולם, דאָס איז איין זאַך, נאָר וואָס מיינט איר טאַקע אויף אַן אמת...? צווישן אונז גערעדט, וואָס מיינט איר וועט טאַקע זיין...?

אַזאַ איינעם וואָלט זיך, נאַטירלעך, וועלן אָנדרייען די אויערן, נאָר מען איז דאָך ניט מער, ווי אַ גאַסט, און סיי ווי וועט אפשר מער קיינמאָל ניט אויסקומען אָט דעם מענטשן צו זען, מוז מען האָבן מיט אים הונדערט מאָס געדולד און אים פאַרזיכערן אַז צווישן אַלעמען גערעדט און „צווישן אונז גערעדט" — דאָס געזאָגטע בלייבט דאָס זעלבע.

געוויינלעך בלייבט אַזאַ פּאַרשוין ניט צופרידן מיט דעם ענטפער. ער רוקט זיך אָפּ אין אַ זייט מיט אַ שעלמישן בליק, וואָס זאָגט: מיר קענען אייך; מיר פאַרשטייען זיך אויף אַ וואונק; צווישן אונדז גערעדט וואָלט איר טאַקע וועלן זאָגן עפּעס אַנדערש, נאָר עס פּאַסט אייך ניט.

איז אָט קומט צו איינער און בעט זיך צוצובויגן צו אים, ווייל ער וויל דווקא איינרוימען אַ סוד אין אויער. דער ערשטער אימפּולס איז זיך אויסצודרייען פון דעם סוד, נאָר דער מענטש איז דאָך ניט קיין אומ־באַקאַנטער. ער איז דאָך אַ טוער, וואָס איז באַוואוסט מיט זיין זאַכלעכ־קייט און פּראַקטישקייט. אַז ער וויל עפּעס איבערגעבן בסוד, מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם. דאָס וואָס ער גיט איבער, איז אויסערגעוויינלעך. זיין סוד איז אַזאַ: דער אָרטיגער ראַבאַי איז דאָ געווען ביי דער לעקציע און האָט אים געבעטן איבערגעבן בסוד סודות, אַז ער וויל זיך מיט מיר אויף מאָרגן טרעפן וועגן זייער אַ וויכטיגן ענין און ער בעט איך זאָל צוליב דעם פאַרבלייבן אין שטאָט אויף נאָך אַ טאָג, אויב דאָס איז פאַר מיר נאָר מעגלעך.

איז גיי טרעף צי איז דאָס ניט עפּעס אַ נודניק פון דעם סאָרט פון די, וועלכע ווילן בלויז רעדן מיט דעם לעקטאָר „פּריוואַט", אָדער דאָס איז אפשר אַ מענטש, וועלכער האָט טאַקע אַ וויכטיגן ענין צו פאַר־האַנדלען.

געבליבן זיינען בלויז געציילטע מינוטן צו פאָרן צו דער באַן. דער באַשלוס מוז געמאַכט ווערן איינס און צוויי. איך גיב אַ קוק אויף דעם סוד־איבערגעבער מיט אַ פראַגע אין מיין בליק. ער פאַרשטייט וואָס איך מיין און זאָגט:

— איך ראָט אייך צו בלייבן. מסתמא איז דאָס אַ וויכטיגער ענין.

— איך בלייב, — זאָג איך אים אין דער שטיל — פירט מיך אין אַ האָטעל.

עס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו דערקלערן די אָרומיגע פאַרוואָס איך האָב געביטן מיין פּראָגראַם און אנשטאט צו פאָרן צו דעם וואָקזאַל פאַר

איך גאָר אין אַ האָטעל, נאָר ענדלעך האָבן זיי אָנגענומען מיין דער־קלערונג, אַז איך וויל זיך בעסער אויסרוען די נאַכט און פאָרן ערשט אויף מאָרגן אין דער צווייטער שטאָט, וואו איך דאַרף ווידער האַלטן אַ לעקציע.

אין דער באַשטימטער שעה אויף מאָרגן בין איך אַריינגעקומען אין דעם קאָמיוניטי סענטער, פון וועלכן דער באַטרעפענדיגער ראַבאַי איז געווען דער הויפט. מיר איז געקומען אַנטקעגן אַ הויכער, יונגער, ברייט־פּלייציגער און שמייכלענדיגער מאַן מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר און מיט אַ טראָט פון אַן אַטלעט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט זיך פאַרגעשטעלט, באַגריסנדיג מיך זייער וואַרים.

איך האָב אין אָנהויב ניט געקאָנט זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז אָט דער אַטלעטישער מאַן איז אַ ראַבאַי און איך האָב זיך גענומען וואונדערן נאָך מער, טראַכטענדיג, וואָס קאָן אָט דער מאַן מיר וועלן זאָגן אַזוינס?

— קומט אַריין צו מיר אין קאַבינעט, דאָרט וועט אונז קיינער ניט שטערן, — האָט ער פאַרגעשלאָגן, אָנווייזנדיג אויף אַ דערבייאיגן צימער, די טיר פון וועלכן עס איז געווען האַלב אָפן.

ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, איז ער גלייך צוגעטראָטן צום ענין. ער האָט דערקלערט, אַז אויסהערנדיג מיין לעקציע, האָט ער באַ־שלאָסן זיך מיר פאַרטרויען, אַז ער איז שוין אַ לאַנגע צייט אַ פריינט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאָלגט נאָך די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. ער האַלט, אַז צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע האָט אַ מלוכה געוויזן אַזאַ מוסטער פון געטריישאַפט צו אַלע פעלקער, וואָס שטעלן צוזאַמען די באַפעלקערונג פון דעם באַטרעפנדיגן לאַנד; צום ערשטן מאָל איז דער ייד געוואָרן מיט פעלקער גלייך; צום ערשטן מאָל איז געוויזן געוואָרן אַ ביישפּיל פון פולשטענדיגער גלייכהייט פון אַלע קולטורן און צום ערשטן מאָל איז געוויזן געוואָרן אַ ביישפּיל ווי אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם מיט דעם וואָרצל.

— מיר קומט אויס צו האַנדלען מיט אַזעלכע פאַרביטערטע שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, — האָט ער פאָרגעזעצט — אַז עס וואָלט געווען בלויז געגנוג מען זאָל זיך דערוויסן, אַז איך האָב צו אייך גערעדט, מען זאָל מיך אַרויסוואַרפן פון מיין שטעלע. צום גליק האָבן מיר דאָ אַ ביבליאָטעק, וואוהין זייטיגע מענטשן קאָנען אַריינקומען. ווען עמיצער זאָל אייך דאָ טרעפן, וואָלט איך דערקלערט, אַז דאָס זייט איר געקומען

אין דער ביבליאָטעק און איר זייט אַריין צו מיר זיך דערפרעגן וועגן דעם צימער, וואו די ביבליאָטעק געפינט זיך.

— יאָ, מיין פריינט, אָט אַזוי קומט מיר אויס שוין יאָרן לאַנג זיך אויסצובאַהאַלטן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן וואָס איך לייען און מיט וואָס איך אינטערעסיר זיך. איך קאָן אַפילו ניט פּרובירן צו ענדערן דעם צוגאַנג פון מיינע אַלעבאַטים, ווייל פאַר זיי וואָלט געווען גענוג בלויז אַ פאַרדאַכט פון מיין פריינדשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויף מאָרגן וואָלט שוין דאָ געווען אַן אַנדערער.

בשעת ער האָט געהאַלטן אין דערציילן אָט די אַלע זאַכן, האָב איך אַלץ ניט אויפגעהערט זיך וואונדערן און טראַכטן, נאָר וואָס זשע האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט מיר? ער האָט דאָך ניט געוואָלט איך זאָל פאַרבלייבן נאָר אויף אַ טאָג אין זיין שטאָט בלויז צוליב דעם, אַז ער זאָל מיר קאָנען דערציילן, אַז ער איז פריינדלעך צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און שאַצט אָפּ די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק?

לאַנג האָב איך ניט געדאַרפט וואַרטן אויף קיין ענטפער אויף מיין פראַגע. ער האָט דעם ענטפער געגעבן זייער דירעקט.

— איר פרעגט זיך מסתמא, וואָס וויל דער מענטש? איז אָט וואָס איך וויל. אין לויף פון אַ סך נעכט האָב איך זיך באַרויבט פון מיין שלאָף און האָב געאַרבעט אויף אַ בוך וועגן די אידן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. אין אָט דעם בוך האָב איך צענויפגעזאַמלט אַלע אַרגומענטן פון די, וועלכע זוכן צו פאַרלוימדן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיין צוגאַנג צו די אידן. איך האָב מיט אָט די פאַרלוימדער געפירט געפעכטן. איך האָב דורך די נעכט, זיצנדיג בײַ מיין שרייב טיש, געפירט מלחמות, האָפנדיג, אַז איך וועל אַמאָל אַרויסטראָגן מיין מאַטעריאַל אין דער עפענט־לעכקייט און זאָגן מיין וואָרט, אויב איך זאָל אַפילו דאַרפן פאַרלירן מיין שטעלע. צי איך וועל טאַקע אַמאָל זיך אָננעמען מיט אַזאַ דרייסטקייט, ווייס איך ניט, נאָר גאָר אָפט ווילט זיך מיר שרייען אויף אַ קול: פאַר־פירטע, זעט איר דען ניט, אַז איר בייסט די האַנט פון אייער בעסטן פריינט!?

פון מיר וויל ער בלויז, אַז איך זאָל אים געבן מיין מיינונג וועגן דעם, וואָס ער האָט ביז איצט אָנגעשריבן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל גערן הערן וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער איז ערגעץ אַוועק און איז געקומען צוריק מיט עטלעכע דיקע העפטן אין שוואַרצע איינ־

בונדן. ער האָט גענומען לייענען. געלייענט האָט ער גוט און דאָס געשריבענע האָט זיך געלייענט גלאַט. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם סכום מאַטעריאַל, וואָס אָט דער ראַבאַי האָט צענויפגעזאַמלט; איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון זיינע שטרייטן מיט געגנער; איך האָב זיך דערפילט ווי אַן אנטיילנעמער אין די אַרגומענטן, וואָס ער האָט געבראַכט געגן שונאים און פאַרלוימדער. אומבאַמערקט זיינען אַוועק אַ דריי שעה צייט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט געפרעגט באַ מיר:

— זייט איר נאָך ניט פאַרמאַטערט? זאָל איך פאַרזעצן?

— זעצט פאָר, — האָב איך אים געבעטן, זייענדיג אויף אַן ערנסט פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס עס קומט ווייטער.

און ווייטער איז געווען אַלץ מער אינטערעסאַנט. דער ראַבאַי האָט געגעבן אַן איבערבליק פון דעם אופן, ווי דער ליבעראַליזם האָט פאַר־פעלט צו מאַכן אַ סוף צו אַנטיסעמיטיזם, ווי די הומאַניטאַרע שטרעמונגען האָבן ניט געשטערט דעם וואוקס פון אידן־ראַסן־האַס, ווי „הויכע" רעליגיעזע און עטישע באַגריפן" האָבן זיך געפּאָרט מיט נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דער ערשטער געפונען דעם רעצעפּט צו דער קראַנקייט.

ער האָט געענדיגט לייענען און האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אַ פרעגנדיגן בליק.

דאָ איז געזעסן פאַר מיר אַ צו־ערנסטער מענטש, אַז איך זאָל זיך קאָנען באַנוגענען מיט אַ קאָמפּלימענט צו אים פאַר זיין ב'אמת וויכטיגער אַרבעט. דאָ איז געזעסן פאַר מיר אַ היסטאָריקער, וועלכער האָט ניט געדאַרפט קיין אַטעסטאַט פאַר זיין פאָרשונג, נאָר וועלכער האָט געוואָלט הערן צי שטים איך איין מיט אים און מיט זיינע אויספירן.

איך האָב אים געזאָגט אָפנהאַרציג, אַז זיין אַרבעט געפעלט מיר זייער און אַז ער האָט מיט זיין בוך געמאַכט אַ וויכטיגן ביישטראַג צו דעם שטודיאום וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל, וועגן די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בפרט און וועגן דער סאָוועטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אודאי און אודאי. צולעצט האָב איך אים געפרעגט:

— און וואָס קלייבט איר זיך צו טאָן מיט אָט דער אַרבעט?

ער האָט אַ ווילע געשוויגן און דערנאָך לאַנגזאַם געזאָגט:

— דערווייל ווייס איך נאָך ניט. נאָר אפשר שפּעטער וועל איך זיך אָננעמען מיט מוט און אַפילו ניט מורא האָבן צו פֿאַרלירן מיין שטעלע.

מיר האָבן זיך געזעגנט און איך האָב דעם ראַבאַי געוואונטשן, אַז ער זאָל וואָס גיכער קריגן דעם נויטיגן מוט אויף צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיין בוך.

מער האָב איך דעם ראַבאַי קיינמאָל ניט באַגעגנט און וואָס עס איז געוואָרן פֿון אים און פֿון זיין ווערק ווייס איך ניט. נאָר קיין חרטה אויף יענעם עקסטראַ טאָג, וואָס איך האָב אין יענער שטאָט פֿאַרבראַכט, האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט.

קאַפּיטל 35.

אַ בוקעט בלומען דער מאַמען — דער בעסטער לוין, וואָס איך האָב ווען באַקומען

באַ יעדן איינעם איז זיין מאַמע די בעסטע מאַמע אין דער וועלט. ווען אָט די מאַמע איז נאָך דערצו דורכגעגאַנגען אַזאַ וועג פון ליידן און פון אַזאַ מסירת נפש'דיגער געטריישאַפט דער פאַמיליע, וואָס טיילט זי אויס אַלס אפשר איינע פון די שענסטע אידישע מאַמעס, — איז זי דאָך נאָך טויזנט מאָל טייערער און מען פילט צו איר אודאי ווי צו דער בעסטער מאַמע אין דער וועלט.

ווען זי איז נאָך אַ פּיצל קינד געווען האָבן קאַזאַקן, גייענדיג צוריק פון דער טערקישער מלחמה, זיך אַריינגעריסן צו זיי אין שטוב און געוואָלט דער'הרג'ענען איר טאַטן. מיר פלעגן אין ווינטערדיגע אָוונטן אַ סך מאָל אויסהערן פון דער מאַמען די שוין גוט־באַקאַנטע געשיכטע ווי זי האָט זיך געבעטן באַ די קאַזאַקן ניט צו דער'הרג'ענען דעם זיידן אונ־זערן און ווי זי האָט אויסגעפירט אַ דאַנק איר קינדישן געבעט.

און ווי די מאַמע האָט געקאָנט דערציילן!

איך געדענק זי ווען איך פלעג גיין מיט איר אין מאַרק און איר העלפן טראָגן פון דאָרט די גרויסע פעק שפייז, וואָס זי האָט געמוזט איינ־קויפן פאַר אונזער פאַמיליע פון 13 קינדער. קיין סך, מיט וואָס איינ־צוקויפן, איז ניט געווען; באַ די פויערים, וואָס זיינען געקומען פון דאָרף און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז, וואָלט געקאָסט אַ ביסל טייערער, האָט מען געמוזט גיין אויף דעם מאַרק און דאָרט קויפן עפל און פלוימען און קרויט און פאַמידאָרן. ווי איך האָב שטאָלצירט מיט דעם, וואָס איך בין שוין אַ גרויסער און קאָן העלפן דער מאַמען. דער זאַק מיט דעם איינגעקויפטן איז טאַקע געווען זייער שווער פאַר די יונגע פּלייצעס,

נאָר די פרייד פון העלפן דער מאַמען האָט אַלץ אַריבערגעוואויגן און האָט אַלץ פאַרגיטיגט. און ווי גרויס איז געווען די פרייד, אַז די אינגלעך — מיינע פריינט — פלעגן באַ מיר אויף מאָרגן פרעגן, צי איז דאָס געווען מיין שוועסטער מיט מיר. מיין הויכע, שטאָלצע מאַמע האָט טאַקע אויסגעזען זייער יונג און קיינער האָט איר ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע איר׳ס אַ עלף־צוועלף יאָריג בחור׳ל, וועלכער גייט לעבן איר און טראָגט אַ גרויסן זאַק אויף די פּלייצעס.

אין הויז האָט געפיפט דער דלות און דעם אָנשטעל האָט מען באַ־דאַרפט מאַכן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. די מיל איז געווען רואינירט. באַנאַכט האָט מען אויסגעזעגן דעם דיל און מען האָט אַרויסגענומען אַלץ „דאָ שפּינטאָ״, ווי מיין זיידע פלעגט זאָגן. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו אַ פריערדיקן פּאָגראָם.

האָט די מאַמע באַנאַכט געוואַשן וועש; באַטאָג האָט זי געקאָכט און געשייערט און געמאָלקן די בהמות; פאַרקויפט די מילך; אַליין געשלאָגן פּוטער; געגייט און פאַרריכט און געשפּרונגען ממש פון דער הויט, אַז אַלץ זאָל זיין פאַר די קינדער און אַז „דעם טאַטן זאָל ניט פּלאַמן דאָס פּנים פאַר לייטן״.

פון וואַנענד האָט זיך גענומען אַזאַ ענערגיע, אַזאַ געטריישאַפט און אַזאַ כוח איבערצוטראָגן אָט די שווערע פּראַצע?

קראַנקהייטן זיינען געווען גאָר אַן אָפּטע דערשיינונג. און ווערט אַ קינד קראַנק — שלאָפט שוין די מאַמע אינגאַנצן ניט. זי זיצט אָפּ נעכט באַ דעם וויגעלע; זי לויפט צו דעם פּוילישן דאָקטאָר מאַרקיע־וויטש און ברענגט אים געגן זיין ווילן אין מיטן נאַכט. זי לויפט אין אַפּטייק; זי הייצט די הרובע; זי וואַרימט וואַסער און קאָכט ספּע־ציעלע געקעכצן — זי איז אויסגעמאַטערט, נאָר ניט פאַרצווייפלט.

מיר האָבן אַלע מאָל באַוואונדערט די מאַמע און איר אומאויס־שעפּבאַרע ענערגיע; מיר האָבן זי דערפאַר נאָך מער ליב געהאַט.

מיר האָבן ליב געהאַט דעם טאַטן פאַר זיין גוטסקייט, פאַר זיין צו־געלאַזנקייט צו אונז און צו אַלע מענטשן, נאָר דעם עיקר איז ער אונז געווען ליב צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט דער מאַמען, וועלכע איז אונז אַלעמען געווען אַזוי טייער.

איך געדענק ווי די מאַמע האָט זיך געהאַלטן ווען דער טאַטע האָט געמוזט צוליב דער נויט אָוועקפאָרן מעבר לים. ווי זי האָט זיך גע־שטאַרקט, ווי זי האָט אַלעמען דערמוטיגט ניט צו וויינען, ווי זי האָט

אויסגעשטאַטעט דעם טאַטן אין וועג אַריין. דאָס איז שוין אָבער פֿאַר איר געווען צו פֿיל, זי האָט צוזאַמענגעבראָכן און געוויינט. בלויז דער טאַטע האָט ניט געוויינט.

אין דער לעצטער מינוט האָט זי זיך אָבער ווידער געשטאַרקט, האָט אויסגעווישט די אויגן און האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ געמאַכטע מונטערקייט.

— באַלד וועלן מיר אַלע זיין צוזאַמען דאָרט און עס וועט זיך אָנהויבן אַ נייַ לעבן, — האָט זי אונדז אַלעמען דערמוטיקט. דאָס נייַע לעבן איז ניט געקומען אין לויף פֿון אַ סך יאָרן, ווייל אַ בלוטיגע כוואַליע פֿון אַ פֿאַרצויגענער מלחמה האָט פֿאַרטרונקען די וועלט און עס זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן אַלע וועגן צווישן דער מאַמען מיט אַ טייל פֿון די קינדער אין דער היים און דעם טאַטן מיט אַ צווייטן טייל פֿון די קינדער אין דער ווייטער קאַנאַדע.

און די מאַמע האָט צוזאַמענגעבראָכן. די שטאַרקע, די מוטיגע, די זינגענדיגע, די שפּרודלדיגע מיט ענערגיע — זי איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און האָט געמוזט ליגן אין בעט. און מיר האָבן די מאַמע געפֿירט קיין אָטוואָצק. איר הוסט האָט אונדז געריסן די הערצער, אירע פֿאַרטרויערטע בליקן האָבן אונדז געשניטן ווי מעסערס. מיר זיינען נאָך אַליין געווען קינדער, נאָר מיר האָבן געוואוסט, אַז אַ מאַמע דאַרף מען ראַטעווען; אַזאַ מאַמע — אודאי!

איך בין געפֿאָרן צוזאַמען מיט דער שוועסטער און מיר האָבן געוואַכט איבער דער מאַמען אויף דעם וועג קיין אָטוואָצק לעבן וואַרשע. עס איז געווען אַ וואונדערבאַרער פֿרימאָרגן ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין די געדיכטע אָטוואָצקער וועלדער. דורך דעם נעפּל, וואָס האָט איינגעוויקלט די סאָסנע־ביימער האָט זיך געשפּרייט דער דופּט פֿון סמאָלע — פֿון היילונג פֿאַר קראַנקע לונגען. ווי אַזוי מיר, אומדערפֿאַרענע קינדער — און מיט אַזוי ווייניג געלט דערצו — האָבן באַוויזן אַלץ איינאָרדענען און ווי מיר האָבן גאָר איבערהויפּט געוואַגט אויף אַזאַ ריזיקאַלישן שריט — דאָס קאָן איך ביז היינטיגן טאָג ניט פֿאַרשטיין. געווען איז דאָס געוויס בלויז אַ דאַנק דער גרויסער ליבע צו דער טייערער מאַמע אונזערער.

פֿאַלקן זיינען אַריין און פֿאַלקן זיינען אַרויס. די מלחמה־פֿלאַמען האָבן זיך געטראָגן איבער דעם קאָפּ פֿון דער מאַמען און די דריי קליינע קינדער, מיט וועלכע זי איז געבליבן. ווי זי האָט געפֿלאַטערט איבער

זיי! ווי זי האָט מיט אירע טרערן — איצט האָט זי שוין אַזוי אָפּט געוויינט — געזוכט זיך איינצובעטן בײַ עפּעס אַן אומבאַוואוסטן כּוח, אַז עס זאָלן געשוינט ווערן די לעבנס פון אָט די דריי פּיצלעך קינדער — די „לעבעדיקע יתומים׳לעך" אירע, ווי זי האָט זיי אָנגערופן.

— ווער ווייסט וואָס עס האָט דאָרט אין דער ווייט פּאַסירט מיט דעם טאַטן און מיט די אַנדערע קינדער, זאָלן כאָטש אָט די אומגליקלעכע קינדערלעך מײַנע מיר זײַן אַ טרייסט!

זי האָט געוויינט בײַטאָג און האָט געוויינט בײַנאַכט. זי האָט גע־וויינט, צוקוקנדיק ווי די קינדער לײַדן הונגער, און זי האָט געוויינט ווען זי האָט די קינדער געשיקט — ווי אַנדערע מאַמעס האָבן דאָס געטאָן — באין ברירה — צו גיין בײַנאַכט אויף די פעלדער הינטער׳ן שטאָט און מיט די פינגער אַרויסקאָלופּען פון דער ערד עטלעכע קאַרטאָפל, כּדי צו דערהאַלטן זיך בײַם לעבן.

זי האָט די קינדער אויסגעהיט און האָט זיי געבראַכט דעם טאַטן קיין קאַנאַדע — געזונטע, כאָטש גוט אויסגעצערטע. ווי געענדערט די מאַמע איז שוין געווען! איר אָטעם איז געווען שווער; זי איז געוואָרן עפּעס קלענער, נאָר די אויגן זײַנען געווען מיט דעם זעלבן שײַן אין זיי און אָפט האָט זיך נאָך אין איר צעברויזט די זעלבע ענערגיע, מיט וועלכער זי האָט געקאָנט אַלעמען אָנשטעקן.

דער טאַטע איז געשטאָרבן. נאָך עטלעכע און פערציק יאָר לעבן צוזאַמען איז די מאַמע געבליבן אַליין. די גאַנצע ליבע און די גאַנצע געטריישאַפט, מיט וועלכע זי איז געווען אַרומגערינגלט, האָבן ניט געקאָנט פאַרטרייבן איר אומעט. זי האָט ניט גערעדט, נאָר מיר האָבן געפילט, אַז זי טאַנעט און אַז זי וועט לאַנג ניט איבערטראָגן איר איינזאַמקייט נאָך דעם טאַטנ׳ס טויט.

אַלע פאַרזוכן זי צו צעשטרייען זײַנען געווען אומזיסט. דאָס איינ־ציקע, וואָס האָט פאַרנומען איר צייט, איז געווען דאָס לייענען. זי האָט געשלונגען ביכער, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן אין איר יוגנט. איך האָב איר געגעבן אַ מתּנה — אַ פולן „סעט" פון שלום־עליכם׳ס ווערק. האָט זי געלייענט איין בוך נאָך דעם צווייטן. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט׳ן גאַנצן „סעט", האָט זי ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב.

ווי זי האָט ליב געהאַט שלום עליכם׳ס ביכער!

און אָט קום איך קיין שיקאַגאָ, און, ווי אַלע מאָל, גייט די מאַמע מיט מיר צו מײַן לעקציע. אודאי האָט אַ מאַמעס האַרץ זיך געפרייט, אַז

איר זון טרעט אויף אויף אַ פּלאַטפאָרמע און מענטשן הערן זיך צו צו אים און מען שטעלט אים פראַגן און מען באַציט זיך צו אים מיט אַכטונג. אין די פריערדיגע צייטן איז יעדער אַזאַ באַזוך מיינער אין שיקאַגאָ געווען פאַר טאַטע־מאַמע אַ קוואַל פון פאַרגעניגן, נאָר איצט האָב איך געפילט, אַז די מאַמע גייט צו דער לעקציע מעכאַניש — איר קאָפּ און איר האַרץ זיינען ערגעץ אַנדערש — עס גייט איר מער ניט אָן קיין פרייד.

איך רעד צום עולם און זוך מיט די אויגן דעם איינדרוק אויף דער מאַמע׳ס געזיכט. האָט זי כאָטש אויף איין מינוט פאַרגעסן איר טרויער? האָט זי כאָטש איין רגע פון פאַרגעניגן? די צוויי שוועסטער מיינע זיצן מיט איר און וואַרפן אויך אויף איר זייטיגע בליקן. איך לייען פון ווייטנס דעם איינדרוק אויף זייערע פּנים׳ער — זיי טראַכטן דאָס זעלבע, וואָס איך — צי וועט די מאַמע כאָטש אויף אַ מינוט זיך אָפּרייסן פון איר טרויער?

אָט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב געזעען אַן אָנדייט פון אַ שמייכל אויף דער מאַמע׳ס געזיכט ווען איך האָב דערמאָנט עפּעס אַ שפּאַסיגע סיטואַציע, נאָר באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די מאַמע איז פונקט אַזוי פאַרגליווערט אין איר ווייטאָג, ווי זי איז געווען איידער מיר זיינען געגאַנגען אין זאַל.

די לעקציע האָט זיך געענדיקט. עס האָבן זיך געענדיגט די פראַגן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַפריי איך זיך שוין און וועל קאָנען שנעל אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע, כדי צו קאָנען זיין מיט דער מאַמע׳ן, רעדן צו איר, שפּאַצירן מיט איר און איר אָפּגעבן אַזויפיל צייט, ווי נאָר מעגלעך, פון די צוויי טעג, וואָס איך האָב פאַר זיך אין שטאָט. פּלוצלונג האָט אָבער דער פאָרזיצער זיך אויפגעהויבן און האָט מיך געבעטן צוואַרטן מיט דעם ענטפער אויף דער לעצטער פראַגע. ער האָט דערקלערט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ ספּעציעלער ענין, וואָס דאַרף דערליידיגט ווערן, און ער בעט דעם עולם צו זיין געדולדיג נאָך עטלעכע מינוט. ער האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון אַ פרוי און האָט דערקלערט, אַז זי איז אַ ספּעציעלע פאָרטרעטערין פון דער קאָמיטע, וואָס האָט איינגעאָרדנט די לעקציע, און זי האָט עפּעס וואָס צו זאָגן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז אַרויפגעקומען אַ פרוי, וועלכע איז מיר געווען באַקענט אַלס איינע פון די באַשיידנסטע און איבערגעבענסטע טוערינס אין שטאָט. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ ביסל נערוועזיטעט ווען זי

האָט אָנגעהויבן צו רעדן, נאָר באַלד איז איר טאָן געוואָרן זיכער און זי האָט דערקלערט אַזוי:

— מיר האָבן מיט אונז דאָ אין זאַל אַ ליבן גאַסט — די מוטער פון אונזער לעקטאָר — און מיר האָבן באַשלאָסן איר זאָגן ווי איר זון איז אונז טייער און איר ווינשן, אַז זי זאָל נאָך אַ סך יאָרן זיין מיט אים און זיי ביידע מיט אונז.

באַ די לעצטע ווערטער זיינען פון אַ זייט פון דעם זאַל אַרויסגעטראָטן צוויי פרויען, וועלכע האָבן געטראָגן אַ גרויסן בוקעט בלומען. זיי האָבן דעם בוקעט צוגעטראָגן צו דער פּלאַטפאָרמע און די פרוי, וואָס האָט גערעדט, האָט זיך אָנגעבויגן און באַ זיי גענומען דעם בוקעט פון די הענט. זי האָט אים אויפגעהויבן אין דער הויך און האָט פאַרגעזעצט:

— אָט דאָס איז אונזער מתנה דער מאַמען...

מער האָט מען שוין ניט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט. דער עולם איז אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער; מען האָט אַפּלאָדירט; מען האָט אַרומגערינגלט די מאַמע; די דריי פרויען האָבן איר צוגעטראָגן דעם בוקעט און זיך צעקושט מיט איר. גרויסע טרערן זיינען געשטאַנען אין אירע אויגן. דאָס זיינען געווען טרערן פון פרייד.

די ליבע, גוטע מאַמע איז געווען איבערוועלטיגט פון פרייד. זי האָט געדריקט דעם בוקעט צו איר האַרצן און דעם גאַנצן טאָג און אויך אויף מאָרגן איז זי אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו דעם בוקעט און געשטאַנען לעבן אים און לאַנג געקוקט אויף אים.

ווי גוט עס האָבן געהאַנדלט די, וועלכע האָבן אַזאַ פרייד פאַרשאַפט! קיין שענערע מתנה האָב איך קיינמאָל ניט געקראָגן.

קאַפּיטל 36.

„מאַכט פון אונז ניט חוזק!"

אויף איין זאַך בין איך קיינמאָל ניט מקנא געווען קיין רעדנער און קיין לעקטאָר — דעם ענין פון פראַגן און ענטפערס. עס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס די פראַגן האָבן געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס אומנויטיג און ניט פּאַסיג. פאַרקערט, די פראַגן זיינען אָפט געווען, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, דער וויכטיגסטער טייל פון דער לעקציע, ווייל דאָ האָט דער עולם אַרויסגעוויזן ווי ער האָט באַנומען דעם פאַרהאַנדלטן ענין און וואָס ער האָט אויסצוזעצן אויב ער שטימט ניט איין. עס איז אויך ניט געווען צוליב די ענטפערס, ווייל גראד פלעגן זיי מיר מערסטנס זייער געפעלן. אַ געניטער רעדנער האָט געקאָנט אויסנוצן די ענטפערס נאָך מער צו באַפעסטיגן זיין פּאָזיציע; ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַנוצן אַ וויץ, צו אַנאַליזירן אַ פראַגע און אויף אַ מילדן אופן אָנווייזן, אַז דער פראַגע־שטעלער איז באַווירקט פון פאַראורטיילן (אויב אַזאַ זאַך איז געווען באַהאַלטן אין דער פראַגע); דער לעקטאָר האָט געקאָנט סאָר־טירן די פראַגן און ווייזן ווי אַזוי אַ צאָל פון זיי באַדייט איינס און דאָס זעלבע; ער האָט געקאָנט דערפרישן באַם צוהערער אַ צאָל פון די פריער־אַרויסגעבראַכטע פונקטן און אָנווייזן, אַז די פראַגן זיינען אַ רעזול־טאַט פון ניט אויפנעמען ווי געהעריג די אַרויסגעבראַכטע פאַקטן. הכלל, די פראַגן און די ענטפערס זיינען אַלע מאָל געווען פאַר מיר זייער אינ־טערעסאַנט.

פון מיינע אינגסטע יאָרן האָב איך ליב געהאַט צו הערן רעדנער. שוין אַלס קינד פלעג איך מיט אַן אָפן מויל זיך איינהערן צו יעדן בעל דרשה, וועלכע פלעגט קומען צו אונז אין שול. דאָס סאַמע אינטערע־סאַנטסטע איז פאַר מיר געווען דער אופן, ווי דער בעל דרשה וואַרפט אָן פונקטן און ווי ער קערט זיך אום צו זיי און פאַרבינדט זיי אין איין גאַנצעס.

איך פלעג אַלע מאָל טראַכטן: איצט וועט ער פאַרגעסן וואָס ער האָט פריער געהאַט איבערגעלאָזט ניט־פאַרענדיקט און וועט זיך שוין צו דעם פריערדיקן ענין ניט אומקערן, נאָר ווי דערפרייענד איז געווען ווידער צו הערן דעם פריער־דערמאָנטן משל, אָדער פאַקט — איצט שוין אין פאַרבינדונג מיט די נייע פאַקטן. ווי דער בעל דרשה האָט עס אַלץ צענויפגעבונדן און צענויפגעפלאָכטן און געמאַכט פון דעם איין גאַנצע זאַך, און ווי קונציג ער פלעגט פאַרענדיקן די פאַרקיילעכדיקטע דרשה! איך פלעג שטיין אַ פאַרגאַפטער. דער טאַטע פלעגט אַזש ווערן אומ־רואיק און מיך פרעגן:

— שלמה, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט?

ווי פון אַ שלאָף פלעג איך זיך אויפכאַפּן, ווייל דער קונציגער רעד־נער פלעג מיך ממש פאַרהיפּנאָטיזירן.

און אָט האָב איך געהערט די ערשטע רעדע פון אַ מאָדערנעם רעדנער. עס איז אויך געווען אין אַ בית מדרש, נאָר דער רעדנער איז געשטאַנען ניט איינגעוויקלט אין קיין טלית און ער האָט גערעדט ניט וועגן תורה און מצות, נאָר גערעדט האָט ער וועגן רעכט פאַר מענטשן און וועגן קאַמף געגן גזרות אויף אידן און וועגן אַ וועלט פון פרייהייט און גליק פאַר אַלעמען.

איך בין געווען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָט זיך געמאָלן אַ בילד פון אָט דער וועלט, וועגן וועלכער דער רעדנער האָט אַזוי צויבערנדיק גערעדט, ווי אָט די וועלט וואָלט שוין געווען באַם שוועל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב מענטשן קאָנען אַזוי רעדן וועגן אָט דער וועלט, וועט שוין ניט זיין קיינער, וועלכער זאָל וואַגן זיך שטעלן געגן און שטערן איינצופירן אָט דאָס גליקלעכע לעבן פון פרייהייט און פון גלייכהייט. דאָס וואָרט פון אמת, האָט זיך מיר געדאַכט, וועט קיין כוח ניט קאָנען באַזיגן!

ווי נאַאיוו איך בין דעמאָלט געווען צו מיינען, אַז קיינער וועט ניט וואַגן אַרויסקומען מיט דעם וואָרט פון ליגן און נאָך איינוויקלען אָט דעם ליגן אין די שענסטע פראַזן אויף צו נאַרן דאָס פאָלק!

איך בין נאָך מער געוואָרן פאַרקאַכט אין מיין ליבע צו רעדעס און לעקציעס. קיין סך פון דעם מין האָט מען אין די צאַרישע צייטן ניט געקאָנט האָבן, נאָר יעדע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט, האָב איך ניט דורכגעלאָזט צו הערן אַ רעדנער. איך האָב געהערט זשאַבאָ־

טינסקין ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף און באַוואונדערט די פליסיגקייט פון זיין רוסישער שפּראַך. איך האָב דעם זעלבן יאָר געהערט באַ אונז אין הויז אין אַ ווינטער־באַכט באַ פאַרמאַכטע לאַדן, אויסגעלאָשענע לאָמפּן און באַם שיין פון אַ ליכטל אַ פייערדיקן רעוואָלוציאָנערן רעדנער, וואָס האָט אַדרעסירט אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָבן דורך געדרייטע ווענט זיך אַריינגעשליכט אין הויז צו דער באַנאַכטיגער פאַרזאַמלונג. איך האָב אין אַ קורצער צייט שפּעטער געהערט מאַקלאַקאָוו'ן אין אַ טעאַטער באַ איינער פון די גאָר זעלטענע לעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין שטאָט. איך האָב דערנאָך געהערט סטודענטן רעדן אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען, און יעדע רעדע איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג, אַ גרויסער גייסטיגער גענוס און אַ כוח, וואָס האָט מיך געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגניט, — צו הערן נאָך און נאָך און איינצוזאַפּן דעם וואונדער פון דעם פליסנדיגן וואָרט און דעם צויבער פון דעם געדאַנק, וואָס צעוויקלט זיך און וואַקסט אויס אין אַ פראַכטפולער געביידע.

געקומען צו אונז אין שטאָט איז איינער אַ נחמיה, אַ פאַרטרעטער פון „בונד". ער איז געווען, ווי איך באַגרייף עס איצט, אַ פאָלקס־טריבון פון דעם העכסטן גראַד. באַ אונז האָט מען קינדער געגעבן דעם נאָמען נחמיה צו פאַרצייכענען די גרויסע פאַרערונג פאַר אָט דעם וואונדער־באַרן רעדנער. אונטער די באַלקנס און אויף די געזימסן פון דער גרויסער שול איז מען געהאנגען צו הערן נחמיה'ן רעדן. מען האָט שטאַלצירט און מען האָט זיך געריממט: „איך האָב געהערט נחמיה'ן". פרומע און ניט־פרומע, אַלטע און יונגע זיינען געלאָפן הערן נחמיה'ן.

איך האָב אים פאַרגעטערט, נאָר געטרוימט האָב איך צו זיין ניט ווי ער, נאָר ווי אַ צווייטער בונדישער רעדנער, וועלכער איז געגאַנגען מיט צעריסענע שיך. נחמיה'ס רעדן האָט פאַרמאָגט גלאַנץ און פייער און חכמה און עפּעס מאַגנעטישעס, וואָס האָט געצויגן צו וועלן הערן נאָך און נאָך אָן אַ סוף און אָן אַן עק, נאָר פונדעסטוועגן איז יאָשע דער סטאָליער מיר געווען נאָך מער צום האַרצן, ווייל אין אים איז געווען אַ באַזונדער פּשטות, אַ האַרציגקייט, וואָס האָט געמאַכט פילן, אַז דורך אים רעדט דאָס אָרימע פאָלק אַליין — ער איז דער שליח ציבור פון אַלע ליידנדיגע.

און זיין געזיכט איז געווען אויסגעצערט און זיינע גרויסע אויגן האָבן געבליאַסקעט און אין זיין שטימע איז געווען די פעסטקייט און ענד־גילטיגקייט פון איינעם, וועלכער טראָגט אַרויס אַן אורטייל אַ שולדיגן. און ער האָט געטראָגן צעריסענע שיך. אים בין איך גאָר מקנא געווען

און איך האָב זיך געוואונטשן, אַז איך זאָל אויסוואַקסן און זיין אַזאַ רעדנער, ווי ער, און אויך גיין מיט צעריסענע שיך.

אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן האָב איך פאָרגעזעצט מיין אינטערעס צו רעדעס און לעקציעס, און דאָ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דעם ענין פראַגן און ענטפערס און אָט אויף דעם טייל פון דעם רעדנער׳ס אויפ־גאַבע האָב איך אים קיינמאָל ניט מקנא געווען און אָט פאַרוואָס: מען הויבט אָן שטעלן פראַגן, געוויינלעך איז אין זאָל אַ ביסל אַן אומאָרדע־נונג, ווייל דער עולם, וועלכער איז געזעסן אַ צייט רואיג און האָט אויס־געהערט די לעקציע, וואָס איז פריער געגעבן געוואָרן, איז אַ ביסל פאַר־מאַטערט. איינער הוסט; איינער זאָגט עפּעס דעם שכן; איינער גלייכט אויס די ביינער; איינער הויבט זיך אויף; איינער גיט אַ קוק אין אַ צייטונג — עס איז ניט קיין מוסטער פון אָרדענונג. מיט־אַמאָל שטעלן זיך אויף עטלעכע מענטשן צו שטעלן פראַגן. אָט רעדן דריי מיטאַמאָל און דער פאָרזיצער פּרובירט זיי אָפּשטעלן און באַווירקן, אַז רעדן זאָל בלויז איינער און די אַנדערע זאָלן צוואַרטן. איינער שטעלט זיין פראַגע, רעדנדיג אַזוי הויך, אַז ער פאַרטומלט דעם זאָל מיט זיין דונערנדיגער שטימע. אַ צווייטער רעדט אַזוי שטיל, אַז מען קאָן קוים הערן וואָס ער זאָגט. איינער רעדט אָפּ אויף שנעל און זעצט זיך אַוועק איידער מען ווייסט וואָס ער האָט געוואָלט. אַן אַנדערער האַלט אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער עס איז דאָ אַ פראַגע און אויך פּאָלעמיק מיט דעם רעדנער אויף דעם מעגלעכן ענטפער, וואָס דער לעצטער וועט וואַרשיינלעך געבן. הכלל, עס איז ניט קיין פּשוט׳ער ענין אָט דאָס שטעלן פראַגן. און דערווייל זיצט דער רעדנער און שרייבט זייער שנעל. געוויינלעך שרייבט ער מיט אַ קורץ אָפּשניצל פון אַ בלייפעדער. אָפט פעלט גראָד אויס אַ שטיקל פּאַפּיר און דער פאָרזיצער זוכט באַ זיך אין די קעשענעס און געפינט עפּעס אַ קאָנווערט. ער רייסט אים אויף און גיט דעם רעדנער צו שרייבן אויף דער אינעווייניגסטער זייט פון דעם פּאַפּירל, וואָס האָט אַזאַ מאָדנע פאָרמע.

(פאַרוואָס זאָל שטענדיג אויספעלן אַ שטיקל פּאַפּיר באַ אַ לעקציע? פאַרוואָס זאָל דער רעדנער ניט האָבן באַ זיך קיין פּאָר בויגעלעך פּאַפּיר? ער ווייסט דאָך, אַז ער וועט דאַרפן פאַרשרייבן פראַגן. און פאַרוואָס טאַקע ניט אַן אנשטענדיגן בלייפעדער אויך?)

קוק איך אַלע מאָל אויף דעם רעדנער, וועלכער שרייבט און שרייבט זייער שנעל, און מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט ניט קאָנען איבערלייענען

וואָס ער האָט געשריבן. און אַט האָט ער זיך טאַקע פאַרפּלאָנטערט, דער אָרימער רעדנער. עס איז אויף אים אַ גאָט׳ס רחמנות. ער שוויצט; ער קוקט אין בלעטל און קאָן ניט אַרויסליייענען דאָס, וואָס ער האָט אַליין פאַרשריבן. די פראַגע־שטעלער פּרובירן אים אַרויסהעלפן, נאָר אַזוי ווי מען ווייסט ניט וועמעס פראַגע ער קאָן ניט אַרויסליייענען, שטייען אויף די פּיס עטלעכע פראַגע־שטעלער מיט אַמאָל. דער פאָרזיצער וויל איינשטעלן אָרדענונג און דער כאָאָס ווערט נאָך גרעסער. מיין רחמנות צו דעם רעדנער גייט איבער אין אַ פּאַרדרוס. איך טראַכט, אַז עפּעס דאַרף דאָ געטאָן ווערן אַז עס זאָל ניט קומען צו אַט דעם צושטאַנד פון פאַרלאָרנקייט מצד דעם רעדנער, פון טומל צווישן דעם עולם און פון האַרץ־ווייטיג פאַר דעם פאָרזיצער.

און אַט טרעט איך שוין אויף באַ פאַרזאַמלונגען און מען שטעלט מיר פראַגן. איך באַשליס פון סאַמע אָנהויב אויסצומיידן דאָס פאַר־שרייבן און דאָס פּלאָנטערן זיך. מיר ליגט גוט אין זכרון דאָס, וואָס איך האָב אַזויפיל מאָל באָאָבאַכטעט באַ לעקציעס. איך פאַל אויף אַ גע־דאַנק אויפצונעמען עטלעכע פראַגן מיטאַמאָל און ענטפערן אויף זיי, ניט פאַרשרייבנדיג; דערנאָך אויפנעמען נאָך עטלעכע פראַגן און גיבן אויף זיי אַן ענטפער, און אַזוי אַנגיין ביז אַלע פראַגן וועלן פאַרענטפערן ווערן.

עס האָט געאַרבעט. אין אָנהויב פלעג איך ענטפערן אויף אַ דריי פראַגן, דערנאָך האָב איך שוין געוואַגט אויסהערן מיטאַמאָל פינף־זעקס פראַגן. איך האָב אָנגעהויבן זיך אויסלערנען צו געדענקען די פראַגן. צוביסלעך האָב איך אויסגעאַרבעט באַ זיך אַ גאַנצע סיסטעם פון איינ־קריצן די פראַגן באַ מיר אין זכרון לויט אַ באַשטימטן פירנדיגן וואָרט אין דער באַטרעפנדיגער פראַגע; דערנאָך איז שוין פאַר מיר געווען גענוג בלויז צו האַלטן אין זכרון די פּנימער פון די, וועלכע האָבן געשטעלט זייערע פראַגן, און עס איז געווען גענוג, אַז איך זאָל בלויז אַ קוק טאָן אויף דעם פראַגע־שטעלער, אַז איך זאָל זיך קלאָר דערמאָנען וואָס ער האָט געפרעגט. צולעצט איז דאָס שוין געוואָרן אַ געוואוינהייט אויפצו־נעמען אַ גאַנצע רייע פראַגן און זיי פאַרענטפערן אין דער אָרדענונג, אין וועלכער זיי זיינען געשטעלט געוואָרן, און דערביי אַלס אַ שפּאַס אויך אָנווייזן, אַז די פראַגע־שטעלער זיינען פריער גאָר געזעסן אויף אַנדערע פּלעצער און איצט האָבן זיי עמיגרירט.

עס איז שוין ניט געווען שווער צו געדענקען אַ צענדליג פראַגן; דערנאָך זיינען שוין עטלעכע צענדליג פראַגן אויך ניט געווען קיין שווע־

ריגקייט. ביז ענדלעך איז מעגלעך געוואָרן צו געדענקען אַלע פראַגן — אָן אַ צאָל.

אַ סך שפּאַס איז געווען אַרום אַט דעם אופן פון ענטפערן אויף פראַגן, ניט פאַרשרייבענדיג זיי. אייניגע פלעגן פּרובירן אונטערזאָגן אַ פראַגע ווי נאָר איך האָב דערמאָנט די ערשטע ווערטער פון דעם פראַגע־שטעלער; אייניגע פלעגן צום שלוס פון די ענטפערס אָפּן דערקלערן, אַז איצט קאָנען זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייל זיי האָבן אַ גאַנצע צייט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, מורא האָבנדיג, אַז דער רעדנער קאָן נאָך פאַרגעסן אַ פראַגע. אייניגע פרעגן דירעקט: ווי אַזוי טוט איר דאָס? באַ אַ לעקציע פון אַ לאַדזש פון בני ברית (וואו די מיט־גלידער זיינען געווען אויסשליסלעך לאָיערס), האָט דער פאָרזיצער אָנגע־באָטן אַ מאַטניאַ אים אויסצולערנען „דעם טריק״.

— אין מיי פראָפעשאָן איט וואוד בי וואָירט עי פאָרטשון טו מי טו בי עיבל טו דו די סעים!״ (אין מיין פראָפעסיע וואָלט עס פאַר מיר ווערט געווען אַ פאַרמעגן צו קאָנען טאָן דאָס זעלביגע.)

דער אומאַנגענעמער ענין פון שרייבן און פון פלאָנטערן זיך באַם לייענען דאָס, וואָס איז אויף שנעל פאַרשריבן געוואָרן, — אָט די גאַנצע זאַך איז פאַר מיר געלייזט געוואָרן און עס איז שוין געוואָרן אַ געוואוינ־הייט צו געדענקען פראַגן און זיי ניט פאַרשרייבן. איז גיי ווייס, אַז פון אָט דעם וועט אַמאָל קומען צו זייער אַ גרויסער אומאַנגענעמלעכקייט. עס איז געווען באַ אַ לעקציע אין אַ שטורעמדיגער צייט. די געמיטער זיינען געווען צעקאָכט. איך האָב אַנאַליזירט אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג, אַרום וועלכער עס איז געשאָפן געוואָרן אַ סך בייז בלוט. די פראַגן זיינען גע־ווען אי דירעקט צו דער לעקציע, אי וועגן ענינים, וואָס זיינען באַ דער לעקציע ניט באַרירט געוואָרן. עס זיינען געווען פראַגן פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט מער קלאָרקייט, און עס זיינען אויך געווען פראַגן בייזוויליגע, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט האַס און גאַל און אַ געגנער־שאַפט, וואָס גרענעצט זיך מיט דעם פאַרלאַנג אַריינצושטעכן דעם רעדנער אַ מעסער אין זייט.

איך בין געשטאַנען, ווי מיין געוואוינהייט, און זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט צו קאָנען געדענקען אַלע פראַגן. איך האָב אין געדאַנק זיי שוין סאָרטירט און גלייכצייטיג שוין אויסגעאַרבעט באַ זיך דעם פּלאַן פון די ענטפערס. פּלוצלונג שפּרינגט אויף איינער פון די צוהערער

און רייסט איבער אַ פראַגע־שטעלער, וואָס האָט געהאַלטן אין רעדן. דער אויפגעשפּרונגענער צעשרייט זיך אויף אַ קול:

— וואָס באַליידיגט איר אונז? וואָס מאַכט איר חוזק פון אַ גאַנצן עולם? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך?

אַלע שטעלן אָן מויל און אויערן. דער פאָרזיצער איז שוין גרייט מיט זיין האַמער, נאָר איך שטעל אים אָפּ און ווענדע זיך צו דעם צעקאָכטן מענטשן:

— ווער באַליידיגט וועמען? וואָס מיינט איר?

— ער פרעגט נאָך — צעקאָכט ער זיך נאָך מער, און מיט שוים אויף די ליפּן צעשרייט ער זיך שוין גאָר היסטעריש — ער באַליידיגט און ער פרעגט נאָך! מענטשן האַלטן אין איין שטעלן פראַגן און ער — ווי ניט אים מיינט מען! פאַרוואָס פאַרשרייבט איר ניט? פאַרוואָס נעמט איר ניט די פראַגן ערנסט? בײַ מענטשן צאַפּט זיך בלוט ווען זיי שטעלן פראַגן און ער הערט און הערט און — ווי ניט אים מיינט מען!

אָט דער צוהערער איז, ווייזט אויס, געווען צום ערשטן מאָל בײַ מיינער אַ לעקציע. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס איך זאָל האָבן אויסגעבראָכן אַזאַ געלעכטער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט: זייט איר אַלע משוגע געוואָרן? וואָס איז דאָ דער געלעכטער?

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין ביינקל, סאָפּנדיק, פון גרויס אויפרעגונג. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך נעם אויף די פראַגן זייער ערנסט און אַז איך וועל ענטפערן אויף אַלע פראַגן. ווען ער האָט דאָס אויסגעהערט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַ זשעסט, וואָס האָט געזאָגט מער ווי ווערטער, אַז אפשר קאָן מען דאָס איינרעדן אַנדערע, נאָר אים וועט מען אַזוי לייכט ניט פאַרפירן.

עס איז געקומען די צייט צו ענטפערן אויף די פראַגן. די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע. די געמיטער זיינען געווען צעקאָכט און עס האָט זיך געפאָדערט זייער אַ פאָרזיכטיגער צוגאַנג צו אַנאַליזירן יעדן פונקט און צו ענטפערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אי די, וועלכע האָבן געפרעגט צוליב דעם פאַרלאַנג בעסער צו פאַרשטיין די לאַגע; אי די, וועלכע האָבן געפרעגט צוליב בייזוויליגקייט.

און אָט קומט די ריי פון דער פראַגע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון דעם היסטערישן צוהערער. די לופט איז שוין אין לויף פון

די געענטפערטע פראַגן געווען געגנוג אָפּגערייניגט און עס איז שוין געווען מעגלעך צו דערלויבן זיך אַ שפּאַס.

— און איצט קומען מיר צו דער פראַגע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ פריינט אונזערן, וועלכער האָט געמיינט, אַז דער עולם ווערט, באַליידיגט. וואו איז אונזער פריינט? ער איז ניטאָ מער אויף זיין פּלאַץ. אַ שאָד! עס וואָלט געווען גוט ווען ער זאָל ניט געווען אַוועקגיין און זאָל געווען הערן, אַז יעדע פראַגע ווערט געגנוי באַהאַנדלט.

— איך בין ניט אַוועקגעגאַנגען — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון דער ערשטער ריי — איך האָב זיך בלויז געזעצט נעענטער צו קאָנען הערן אַלץ, וואָס איר ענטפערט. איך דערהער ניט און איך האָב אַלץ געוואָלט הערן.

און דאָ האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס מיט דעם פּנים צו דעם עולם און האָט אויף זיין שטאַרקער שטימע אויסגערופן:

— איך בעט באַ אַלעמען מחילה און איך בעט באַ דעם לעקטאָר מיך מוחל זיין פאַר מיין גראָבקייט. איך וועל זיך קיינמאָל ניט שיינקען פאַר דעם, וואָס איך האָב דאָ היינט געטאָן.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און איך האָב געגעבן אָט דעם צוהערער אַ צייכן ער זאָל צוקומען צו דער פּלאַטפאָרמע און, אַריבערבויגנדיג זיך, האָב איך אים געדריקט די האַנט.

עס האָבן זיך געענדיגט די פראַגן. מען איז געשטאַנען אין רעדלעך און מען האָט גערעדט, און אַלע מאָל האָט אין אַן אַנדער ווינקל פון זאַל אויסגעבראָכן אַ געלעכטער און עטלעכע שטימען האָבן מיטאַמאָל ווידערהאָלט:

— וואָס באַליידיגט איר אונז? וואָס מאַכט איר חוזק פון אַ גאַנצן עולם?

מען איז, ווי געוויינלעך, אַוועק אין אַ רעסטאָראַן טרינקען קאווע און ווידער איז געווען אַ סך געלעכטער און ווידער האָט זיך געהערט:

— וואָס באַליידיגט איר אונז? וואָס מאַכט איר חוזק פון אַ גאַנצן עולם?

קאַפּיטל 37.

אין אַ רעדנער־קלאַס אין שיקאַגא

די טעכניק פון רעדן פאַר אַן עולם אויף אַן אופן, אַז עס זאָל אויפ־געבויט ווערן אַ בנין, וואָס זאָל זיין שיין, גאַנץ און סאליד — דאָס טאָר קיין לעקטאָר ניט אַרויסלאָזן פון זינען אויף קיין איין מינוט. עס מיינט ניט, אַז ער דאַרף שטענדיג האַלטן אין איין שטעלן זיך די פראַגע: וועט מיין איצטיגער פאָרטראַג זיין געבויט ווי עס געהער צו זיין? וועט ער אַרויסקומען פאַרקיילעכדיגט, אנציענדיג, אינהאלטרייך?

אַזוי זיך שטעלן פראַגן אַלע מאָל וואָלט ניט געטויגט, נאָר אַז עס זאָל ווערן אַ געוואוינהייט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ צווייטער באַטור, צו בויען יעדן אַרויסטריט אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ גאַנצקייט, אַז עס זאָל זיין אנגענעם דעם צוהערער צו הערן און אַז ער זאָל קאָנען נאָכ־פאָלגן די צעוויקלונג פון אַ געדאַנק און די באַשטעטיגונגען פון די באַ־הויפּטונגען — דאָס איז זיכער נויטיג.

האָבנדיג אַזאַ צוגאַנג צו דער אויפגאַבע פון רעדן צו מענטשן, איז שוין פאַרשטענדלעך, אַז עס זאָל שטענדיג זיין דער בייגיר צו האַלטן, ווי מען זאָגט, דעם אויער צו דער ערד און צו זיין אַלעמאָל פאַראינטערע־סירט אויפמערקזאַם אויפצונעמען דעם אופן ווי יעדער אַנדער רעדנער דערפילט זיין אויפגאַבע און ווי יעדער נאָך פריער־ניט־געהערטער לעקטאָר טרעט צו צו זיינע פליכטן. ווער רעדט נאָך צו באַקענען זיך מיט דעם אופן, ווי דער ענין „רעדנער־קונסט" (פּאָבליק ספּיקינג) ווערט אונטער־ריכט, — דאָס איז שוין גאָר אינטערעסאַנט, ספּעציעל ווען מען איז אַליין אַ לערער פון אָט דעם געגנשטאַנד אין לויף פון אַ סך יאָרן און מען אונטערריכט נאָך פּשוט'ע אַרבעטער, וועלכע קומען נאָך אַ טאָג אַרבעט צו לערנען זיך ווי צו קאָנען בעסער דערפילן זייערע געזעלשאַפטלעכע פליכטן דורך אויסלערנען זיך צו זיין פאָלקס־רעדנער.

איז אָט איינמאָל אויף אַ באַזוך אין שיקאַגאָ מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַ רעדנער־קלאַס, אָנגעפירט פון דער שטאַטישער באַארד אָוו עדיוקיישאָן. עס איז געווען אַזוי: צו מיין לעקציע איז נאָך געהאַט פאַרבליבן אַ שעה־צוויי. מיין שוועסטער, באַ וועמען איך בין געווען צו־גאַסט, האָט מיר דערקלערט, אַז זי איז אין אַ פאַרלעגנהייט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. געוויינלעך באַזוכט זי אין אָט דער שעה פון אָוונט אַ רעדנער־קלאַס אין אַ דערבייאיגער היי־סקול, נאָר וואָס זאָל זי טאָן איצט? אויב זי זאָל אָוועקגיין מיט איר פריינדינע, וועלכע איז געקומען נאָך איר „צו גיין אין חדר", וועל איך דאַרפן אַליין געפינען מיין וועג אין דער ריזיג־אויסגעשפרייטער שיקאַגאָ, כדי צו קומען צו דעם פּלאַץ פון מיין לעקציע. עס איז אויך מעגלעך דורכצולאָזן דעם אָוונט, נאָר מען דאַרף דערנאָך אָנגעבן תירוצים און אַנטשולדיגונגען, טאָ וואָס זאָל זי טאָן?

איך האָב געלייזט די פּראָבלעם מיט אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן אַלע פאָרן צוזאַמען און אַז איך וועל אַריינגיין אין דעם קלאַס אַלס אַ באַזוכער — אַ זאַך, וואָס איז געווען דערלויבט, לויט דער דערקלערונג פון ביידע סטודענטקעס, באַ וועלכע מיין פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן אַ גאָר גרויסע מאָס פון ענטוזיאַזם.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז באַם אַריינקומען אין קלאַס וועלן מיר גיין באַזונדער, כדי עס זאָל קיינעם ניט איינפאַלן, אַז עמיצער האָט מיך אַהער געבראַכט. אַן אַ וועלכער ניט איז אורזאַך בין איך באַשטאַנען אויף אָט דער סטראַטעגיע, נאָר מסתמא איז אין הינטערבאַוואוסטזיין גע־ווען אַ אָנרעגונג אַזוי צו האַנדלען — „ווי אַ זאַך מאַכט זיך".

דער קלאַס איז באַשטאַנען פון אַ גאָר גרויסער צאָל דערוואַקסענע מענער און פרויען — זיכער ניט ווייניגער פון אַ פופציג מענטשן. איך בין אַריינגעקומען פונקט ווען דער קלאַס האָט זיך אָנגעהויבן. די לערערין האָט מיט אַ בויג פון דעם קאָפּ מיר אַ וויז־געטאָן אויף אַ בענקל לעבן איר טיש און איז זיך אָנגעגאַנגען מיט דער פאָרמאַליטעט פון פאַרציי־כענען ווער עס איז דאָ און ווער עס פעלט. ווען זי האָט געענדיגט, האָט זי, רעדנדיג זייער שטיל, זיך געווענדעט צו מיר:

— איר ווילט זיך פאַרשרייבן אַלס אַ סטודענט, אָדער איר זייט בלויז אַ גאַסט?

— בלויז אַ גאַסט — האָב איך געענטפערט.

זי האָט מיר דערקלערט, אַז איך קאָן בלייבן זיצן לעבן איר טישל, אָדער איך קאָן זיך זעצן אויף איינער פון די שול־בענק. איך האָב פאַרגעצויגן דאָס לעצטע און אין אַ מינוט אַרום בין איך געווען אין צענטער פון אַט די מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן זייער שטייף און געקוקט דער לערערין אין מויל אַריין.

שוין דער אופן פון זייער אָנגעשטרענגטן האַלטן זיך, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גוט אין אָט דעם קלאַס, וואו מען דאַרף זיך לערנען ווי צו רעדן צו פאַרזאַמלונגען פון אַ גרויסער צאָל מענטשן. ווי וועלן אָט די סטודענטן קאָנען שאַפן באַ צוהערער אַן אַטמאָספערע פון ניט־געבונדנקייט, ווען זיי ווערן אַליין איצט צוגעוואוינט צו אָט דעם צושטאַנד פון פאַרגליווערטקייט?

די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. די לערערין האָט זיך געווענדעט צו דעם קלאַס מיט אַ פראַגע, ווער איז צוגעגרייט צו האַלטן אַ רעדע אויף דער טעמע, וואָס זי האָט באַשטימט לעצטע וואָך: די שיינקייטן פון שיקאַגאָ.

אַ יונגע און גאַנץ קיילעכדיגע מיידל האָט די ערשטע אויפגע־הויבן די האַנט. די לערערין האָט צו איר אַ שאָקל־געטאָן מיט'ן קאָפּ זי זאָל אָנהויבן. די סטודענטקע האָט זיך געשטעלט אין פראָנט פון דעם קלאַס און האָט אָנגעהויבן אַ סקאַרבאָווע רעדע, וואָס איז געווען ניט קיין זאַכלעכע באַשרייבונג, נאָר אַ באָמבאַסטישע דעקלאַמאַציע וועגן דעם „ים פון פינקלענדיגע פייערן און קאָנטורן, וואָס שפּיגלען זיך אין לעיק".

מען האָט געקאָנט זען, אַז די סטודענטקע רעדט אַרויס ווערטער מעכאַניש, ווייל דער מוח האָט דאָ אַ גאַר קליינע ראָל, ווייל דאָס האַרץ אירס קלאַפּט מורא'דיג, ווייל זי שטייט ניט זיכער אויף אירע פיס און ווייל אין די אויגן שווינדלט איר — אַלץ צוליב דעם, וואָס זי איז באַ־הערשט פון אַ גרויסער שרעק. אַלס קאָנטראַסט האָט זיך דערמאָנט אַ שעה מיט סטודענטן אין אַ רעדנער־לאַס אין אַ לערן־אנשטאַלט פאַר אַרבעטער. ס'אַראַ פּשוט'ע, מענטשלעכע און געמיטלעכע אַטמאָספערע עס הערשט אין אַזאַ קלאַס. די סטודענטן האָבן זיך שוין אַריינגעוואַקסן אין דעם באַגריף, אַז דאָ איז אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו די טעכניק פון דעם רעדן ווערט אַנאַליזירט לויט באַזונדערע באַשטאַנד־טיילן און אויף דער באַזע פון אָנגענומענע כללים, זיי ווייסן שוין גענוי די באַזונדערע ראָלן פון אינהאַלט און פאָרם — פון דעם „וואָס" און דעם „ווי אַזוי".

זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו „פּאַלמעסן" אַ רעדע און זי צעגלידערן אויף באַזונדערע טיילן, וואָס קאָנען און דאַרפן גענוי שטודירט ווערן. זיי ווייסן ווי צו באַשטימען וואָס איז אַ גוטער און אינטערעסאַנטער אַריינפיר, וואָס עס מיינט אָנצוהויבן אויף אַן אופן, אַז דער צוהערער זאָל גלייך אַריינגעצויגן ווערן און זאָל דערפילן, אַז אים גייט אָן דאָס, וואָס וועט דאָ באַהאַנדלט ווערן. אָט די אַרבעטער־סטודענטן טרעטן צו מיט אַזאַ ערנסט צו דער אויפגאַבע צו באַטראַכטן די וואגיקייט פון אַ רעדע. ווי גע־לונגען זיי סאָרטירן די אָנגעגעבענע פאַקטן און פאַרצייכענען צי די פאַקטן און באַהויפּטונגען זיינען באַשטעטיגט און אויב יאָ, אויף וויפיל איבערצייגנדיק זיי זיינען באַשטעטיגט, אָדער אויף וויפיל עס פעלט די געהעריגע באַשטעטיגונג. ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרציי־כענען אין באַזונדערע גראַפן: פאַקטן, באַשטעטיגונגען, השערות, סברות, סתירות, גראַדליניקייט, זיגזאַגישקייט, קלאָרקייט פון געדאַנק, פאַרפּלאָנ־טערטקייט, ריינקייט פון שפּראַך, פאַרמיסטיגט לשון און נאָך און נאָך באַזונדערע גלידער פון אַ רעדע, וואָס מאַכן זי אָדער אינטערעסאַנט און וויכטיג, אָדער פאַרוואַנדלען זי אין אַ נודנאַטע און אַ קוואַטש, וואָס זאָגט גאָר ניט — ווי דאָס רוסישע ווערטל גייט — ניט דעם האַרץ און ניט דעם מוח.

און אָט יענע אַרבעטער־סטודענטן זיצן און פאַרצייכענען אַזעלכע באַשטאַנד־טיילן פון אַ רעדע, ווי אינטאָנאַציע, אויסשפּראַך, געבוי פון זאַץ, אופן פון ווענדן זיך צו די צוהערער — אָדער איבער זייערע קעפּ, אָדער אויף אַזאַ דירעקטן אופן, אַז צווישן דעם רעדנער און דעם צוהערער זאָל אַריבערגעוואָרפן ווערן אַ בריק, וואָס זאָל זיי פאַראייניגן, און ניט עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ מחיצה, וואָס זאָל זיי פאַנאַנדערטיילן.

אָט די אַרבעטער־סטודענטן איז אָפט שווער צו האַלטן די פּען אין זייערע אויסגעהאַרעוועטע און פאַרמאַזאָליעטע הענט, נאָר מיט וויפיל פרייד אין זייער געזיכט, מיט וויפיל לויכטענדיגער שיין אין זייערע אויגן זיי טוען זייער אַרבעט, וואָס פאַרכאַפּט זיי — די אַרבעט פון אַנאַליזירן די טעכניק פון רעדן. ווי קאָן דאָ גאָר זיין אַ רייד וועגן מורא? ווער קאָן דאָ גאָר טראַכטן וועגן אַוועקשטעלן זיך און דעקלאַמירן אַ רעדע? ווער קאָן דאָ גאָר זוכן צו מאַכן עפּעס אַ באַזונדער איינדרוק?

אַלע האָבן שוין פאַרשטאַנען און אָנגענומען פאַר נאַטירלעך דעם צוגאַנג, אַז דער צוועק פון רעדן איז זיך טיילן מיט געדאַנקען און מיט פאַקטן און מיט איבערצייגונגען און אַז פאַר דעם פאָדערט זיך ניט קיין

קונצן־מאַכעריי, נאָר וויסן, זיכערקייט אין זיך און אַ הויכע מאָס פון רעספּעקט צו דעם צוהערער.

דער עיקר איז צו וויסן וואָס מען וויל זאָגן. דער עיקר איז צו סאָרטירן דעם מאַטעריאַל, וואָס דאַרף באַנוצט ווערן. דער עיקר איז אויפצושטעלן אַ גאַנצע געביידע מיט אַ פונדאַמענט, מיט ווענט און מיט אַ דאַך. אין אַ רעדע באַשטייט אַט די געביידע פון אַ פּאַסיגן אָנהויב, פון אַ פּלאַנמעסיגן צעוויקלען פון דעם הויפּט־געדאַנק און פון אַ געהעריגער אויסשטעלונג פון די נויטיגע פאַקטן און באַשטעטיגונגען, ווי אויך אַ לאָגישער אופן פון דערפירן צו אַ קלימאַקס און אַ דערפירונג צו אַ פאַרקיילעכדיגטן סוף.

לויפן דורך אין זכרון די פּנים'ער פון סטודענטן און סטודענטקעס; עס דערמאָנט זיך וויפיל פון זיי עס זיינען געוואָרן אַנגעזעענע טוער אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און עס כאַפּט אַרום אַזאַ געפיל פון רחמנות צו אַט דער פעטינקער און דערשראָקענער יונגער מיידל, וואָס שטייט דאָ און דעקלאַמירט ווי אַן אויטאָמאַט און באַגיסט זיך דערביי מיט גרויסע טראָפּנס שוויס.

דער געפיל פון רחמנות צו איר פאַרוואַנדלט זיך כמעט אין אַ פיזישן ווייטיק. מסתמא האָט עפּעס אַ שטריך אין געזיכט אויסגעזאָגט דעם איינדרוק, וואָס איר דעקלאַמירן האָט געמאַכט, ווייל די לערערין, וואָס האָט אומבאַמערקט פאַר מיר נאָכגעפאָלגט מיין רעאַקציע צו דער „רעדע" פון דער סטודענטקע, איז צוגעקומען צו מיר און האָט געפרעגט:

— דאָנ'ט יו לייק איט? (עס געפעלט אייך ניט?)

לויט דעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט געשטעלט איר פראַגע, איז אויסגעקומען, אַז ניט צו ווערן באַגייסטערט פון אַזאַ „אָראַטאָרשע" ווי די, וואָס איז דאָ ערשט געשטאַנען, מיינט פּשוט באַגיין אַ גרויסע זינד, אָדער זיך אַרויסווייזן פאַר איינעם, וואָס הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין „וואָס די קונסט פון רעדן מיינט".

דאָס בעסטע איז געווען ניט צו ענטפערן דירעקט, נאָר צו באַנוצן זיך מיט דעם טייערן וואָרט „וועל", אין וועלכן מען קאָן אַריינטייטשן וואָס מען וויל.

דער בליק, וואָס די לערערין האָט מיר געשענקט, איז געווען גאָר ניט קיין פריינדלעכער, נאָר איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך האָב דעם בליק ניט באַמערקט.

עס איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ שטימע פון איי־נעם, וועלכער פּראַקטיצירט צו זיין אַן אויסשרייער אויף אַן אאוקציאָן. ער האָט מיך ממש פאַרטויבט מיט זיין געמבע. ווערטער האָבן זיך באַ אים געקייקלט אַזוי ווי שרויט איבער אַ בלעך. זיין האַלטונג איז געווען איבערטריבן צעכראַסטעט און פון דעם סאָרט פאַני בראַסטטווע, ווען איינער קלאַפּט אַלעמען איבער דער פּלייצע און ווען אין די רייד פון אַזאַ פאַרשוין פילט זיך אַ ציניזם, וואָס זאָגט: איך ווייס, אַז איר גלייבט מיר ניט, נאָר פונדעסטוועגן הערט איר זיך צו צו מיר. איך לאָז זיך אויס פון אייך, נאָר פונדעסטוועגן רעד איך צו אייך. עס איז אַלץ בלאָטע, אַבי איך זאָל אויספירן באַ אייך וואָס איך וויל.

פון אָט דעם סאָרט רעדן האָט פשוט געעקלט. די לערערין האָט אויף מיר ווידער אַ קוק געטאָן און האָט שוין אַפילו קיין פראַגע ניט געשטעלט.

ווייטער איז געווען ניט בעסער. די סטודענטן האָבן דאָך ניט גע־קאָנט איבערשטייגן די לערערין, וועלכע האָט געלייגט אַזויפיל געוויכט אויף דער פּאָזע, אויף דער פּאַאוזע און אויף דעם אָנצירעווען פון ווער־טער, נאָר אַן דער מינדסטער פאָדערונג פאַר אָגווענדונג פון געדאַנק, פאַר רעספּעקט צום צוהערער און פאַר פאַראַנטוואָרטלעכייט צו דער טעמע, וואָס מען פאַרנעמט זיך צו באַהאַנדלען.

ווי האָט זי גאָר געקאָנט באַנעמען אַזאַ זאַך און ווי האָבן אירע סטו־דענטן גאָר געקאָנט וועגן דעם האָבן דעם קלענסטן באַגריף, ווען דאָ איז דער ענין רעדן געווען אַ מין קונץ־שטיק צו פלעכטן ווערטער אַן אַ זין און אַן אַ מיין.

די לערערין האָט זיך ווידער געווענדעט צו מיר מיט אַ פראַגע, נאָר שוין ניט אין דער שטיל, נאָר הויך אויף אַ קול, אַז דער גאַנצער קלאַס זאָל הערן:

— וואָס דענקט אונזער גאַסט וועגן אונזער קלאַס?

איך האָב ווידער געוואָלט זיך אָפּ־פּטר'ן מיט אַ „וועל", נאָר פּלוצלונג איז מיר דורך אַ געדאַנק: פאַרוואָס ניט אַרויסזאָגן דאָ אַ מיינונג? אפשר וועט עס ברענגען עפּעס נוצן. דער לערער אין מיר האָט גובר געווען דעם פאַרלאַנג זיך אַרויסרוקן גאָר ניט זאָגנדיג.

איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ געמאַכטער ניט־דרייסטקייט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט פאַרשעמען די לערערין פאַר איר קלאַס. איך האָב אויך

געוואָלט, אַז די סטודענטן זאָלן אויף מיר קוקן ווי אויף פּונקט אַזאַ אומ־דערפאַרענעם מענטשן ווי זיי זיינען אַליין — ווי אויף איינעם, וועלכער פּראָבירט מיט שווערינקייט צו באַנעמען דעם ענין רעדנעריי.

אַבזיכטלעך ציילנדיג די ווערטער, ווי מיר וואָלט שווער געווען צו קריגן די פּאַסיגע אויסדרוקן, האָב איך געזאָגט אַזוי:

—אין אַט דעם קלאַס בין איך קיינמאָל ניט געגאַנגען, נאָר איך פרעג זיך גאָר אָפט וואָס מיינט זיין אַ רעדנער. מיינט עס ניט צו קאָנען זיך טיילן מיט אַנדערע מיט געדאַנקען? מיינט עס ניט צו קאָנען איבער־געבן פאַקטן? און אַז מען וויל זיך מיט עמיצן טיילן מיט אַ געדאַנק, טאָ צו וואָס זינגען דערביי? איז דען ניט דער בעסטער וועג צו רעדן פּשוט האַרץ צו האַרץ ווי עס רעדן געוויינלעך מענטשן.

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז אפשר האָב איך ניט גענוג אונטערשטראָכן מיין ניט־דרייסטקייט, האָב איך ווידער און אָבער ווידערהאָלט:

— איך ווייס ניט, אפשר בין איך אומגערעכט, אין אַזאַ קלאַס בין איך קיינמאָל ניט געגאַנגען, נאָר מיר דאַכט, אַז רעדן איז ניט קיין קונץ, נאָר אַן אויפגאַבע, וואָס פאָדערט וויסן, טאַקט, שפּראַך־קענטעניש און געהעריגע קאָנסטרוקציע. אפשר בין איך ניט גערעכט, נאָר אַזוי קוק איך אויף דעם ענין פון רעדן צו מענטשן.

די סטודענטן האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן. די לערערין האָט אומבאַוואוסט פאַר איר אַליין געעפנט דאָס מויל, ווי זי וואָלט גע־וואָלט עפּעס זאָגן, און איז אַזוי געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. איך האָב פאַרגעזעצט, ציילנדיג די ווערטער, ווי זיי וואָלטן מיר אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש:

— איך דערמאָן זיך ווי אַן אַמעריקאַנער שרייבער — און דאָ האָב איך אַבזיכטלעך זיך פאַרהאַלטן ווי איך וואָלט זיך ניט געקאָנט דער־מאָנען זיין נאָמען — אַ שרייבער... זיין נאָמען... זיין נאָמען... יאָ, דזשעק לאָנדאָן, דאַכט זיך, האָט ער געהייסן, האָט אין זיין בוך „מאַרטין אידען" דערציילט וועגן אַ בחור, וועלכער איז געווען מגושם'דיג און דער־שראָקן און אומבאַהאָלפן, נאָר פּלוצלונג האָט ער דערפילט, אַז ער שרעקט זיך אומזיסט, אַז ער דאַרף ניט מורא האָבן צו באַנוצן זיך מיט זיינע הענט און מיט זיין קול. ווי לייכט עס איז אים געוואָרן צו לעבן אויף דער וועלט. און דאַרף דען ניט יעדער מענטש, ספּעציעל יעדער איינער, וועלכער גרייט זיך צו זיין אַ רעדנער, ווערן פריי פון יעדן אַנדייט פון מורא און זיך דער עיקר אָפּגעבן מיט דורכטראַכטן דעם ענין, וועגן

וועלכן עס וועט אויסקומען צו רעדן? ווען מען איז פאַרנומען בלויז מיט׳ן טראַכטן: וועט מיין רעדע אויסגעמען, אָדער ניט — פאַלט מען ערשט דעמאָלט דורך מיט אַ טראַסק.

אַ גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן. די באַשטימטע צייט פאַר דעם קלאַס איז געווען פאַרענדיגט. אפשר איז די לערערין געווען צופרידן וואָס דאָס גלעקל האָט איבערגעריסן די רייד פון עפּעס אַ מאָדנעם גאַסט, וואָס ציילט אַזוי זיינע ווערטער; נאָר דעם אַנשטעל האָט זי געמאַכט, אַז זי איז גוואַלדיג פאַרכאַפּט און האָט געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן:

— ווערי אינטערעסטינג! עקסטרימלי אינטערעסטינג!

די סטודענטן ווידער האָבן קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אין זייערע פאַרגאַפטע בליקן איז געווען אַן אויסדרוק, וואָס האָט גערעדט מער ווי ווערטער. עס האָט זיך געפילט ווי זיי וואָלטן אויסשרייען:

— אָט דאָס איז דאָך עפּעס גאָר אַנדערש! וועגן אַזאַ צוגאַנג צו דעם ענין פון רעדן צו מענטשן האָבן מיר דאָך גאָר קיינמאָל ניט געהערט!

איך בין אַרויס אין דרויסן. מיין שוועסטער און איר פריינדינע זיינען אויך באַלד אַרויסגעקומען און, קייכנדיג פון געלעכטער, האָבן זיי מיר פּרובירט עפּעס איבערגעבן, נאָר איך האָב צוליב זייער שטיקן זיך מיט זייער געלעכטער בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס זיי ווילן זאָגן. ענדלעך האָבן זיי געקאָנט אַ ביסל קאָנטראָלירן זייער געלעכטער און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ווי נאָר איך בין אַרויס אויף דער אַנדערער זייט טיר, האָט די לערערין זיך געווענדעט צו דעם קלאַס מיט אַ מיסטעריעזער שטימע:

— דעט מען וואָז עָן אינספּעקטאָר, איי עם שור אָוו איט! (אָט דער מאַן איז געווען אַן אינספּעקטאָר; איך בין זיכער אין דעם.)

דאָס איז אַלץ, וואָס איר איז אָנגעגאַנגען. זי האָט מסתמא באַלד פאַרגעסן וואָס איך האָב געזאָגט. פאַר איר איז בלויז געווען וויכטיג צי דאָ איז געווען אַן אינספּעקטאָר און צי זי וועט ווייטער קאָנען לערנען די „קונץ״ פון דעקלאַמירן „רעדעס״.

איך בין מיט מיינע באַגלייטערינס אַוועק צום פּלאַץ, וואו איך האָב געדאַרפט האַלטן מיין לעקציע.

ווען איך האָב געענדיגט און מיר זיינען מיט אַ גרופּע פריינט אַוועק זוכן אַ רעסטאָראַן שפּעט באַנאַכט, האָבן מיינע צוויי באַגלייטערינס אָנגע־

הויבן נאָכמאַכן ווי אַזוי איך האָב גערעדט אין דעם רעדנער־קלאַס, ציילנ־דיג די ווערטער און מיט אָפּגעהאַקטע פּראַזן פּונקט ווי איך וואָלט גע־גאַנגען אויף דינעם אייז.

זיי האָבן געלאַכט און איך מיט זיי. פון אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרט האָט די גאַנצע גרופּע אויסגעפונען וואָס עס האָט פּאַסירט, און באַלד האָט די גאַנצע גאַס אָפּגעהילכט מיט געלעכטער און יעדער איינער האָט פּרובירט טרעפן ווי אַזוי איך האָב אַרויסגערעדט די ווערטער:

— אין אַט דעם קלאַס בין איך קיינמאָל ניט געגאַנגען! אפשר בין איך אומגערעכט, אין אַזאַ קלאַס בין איך קיינמאָל ניט געגאַנגען!

קאַפּיטל 38.

מענטשן און זייערע פּראָבלעמען

אַז מען פאָרט דורך דאָס לאַנד צענדליגער מאָל, ווערן די מענטשן, מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך, אַלץ נעענטער און נעענטער. מען הויבט שוין אָן פירן אין זכרון אַ חשבון פון דעם, ווּעמען עס וועט אויסקומען צו באַגעגענען באַם אויסשטייגן פון דער באַן, ווער עס וועט זיי דאָס האַרץ פון דעם קרייז טוער אין דער באַטרעפענדיגער שטאָט, ווער עס וועט באַגעגענען מיט אַן אָפּטימיסטישן שמייכל און וועט פאַרזיכערן, אַז אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג, און ווער עס וועט אויסדריקן אַ פּעסימיסטישן צוגאַנג און וועט זאָגן, אַז, אייגענטלעך, קאָן מען פון „אַזאַ שטאָט" גאָר ניט דערוואַרטן.

אומעטום זיינען דאָ די, וועלכע זאָגן: „אוי, אַזאַ־שטאָט ווי אונזערע! איר קאָנט גאָר ניט אונזער שטאָט, ווען אַלע שטעט זאָלן זיין אַזוי טויט, וואָלט שוין צו אַלץ געקומען אַ סוף".

דער אמת אָבער איז, אַז אין אַלע שטעט זיינען דאָ אַזעלכע פּעסימיסטן און פונדעסטוועגן ווערט אין יעדער שטאָט געטאָן וויכטיגע אַרבעט, אויב עס זיינען נאָר דאָ עטלעכע, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרשלעפערן פון אומצוטרוי צו דעם פאָלק און פון ניט־גלויבן אין די אייגענע כוחות.

מענטשן אין פאַרשיידענע שטעט זיינען מער ניט קיין מאַסע, אין וועלכער יעדער איינער איז אַן אומבאַקענט זעמדעלע, נאָר יעדער איינער האָט זיך זיין פערזענלעכקייט און פאַרנעמט זיין באַשטימטן פּלאַץ. ספּעציעל הויבט זיך אָן איינצוקריצן אין זכרון יעדער איינער פון די טוער און ניט נאָר ער אַליין, נאָר אַלע אין זיין פאַמיליע, אויב עס קומט אויס צו זיין אין הויז באַ אַזאַ טוער איינמאָל און אַ צווייטן מאָל און גאָר אָפּט — אַ סך מאָל.

אָט די מענטשן, וועלכע דו הויבסט אָן צו געדענקען אַלץ מער און מער, ווערן דיר גאָר נאָענט. אַ סך פון זיי ווערן פּערזענלעכע פריינט. אַ סך פון זיי וועלן צוליב אָט דער געשאַפענער פריינטשאַפט שוין טאָן מער, ווי אונטער געוויינלעכע אומשטענדן. זיי וועלן אַפּט אַרבעטן פאַר צען, כדי דאָס קומען פון דעם לעקטאָר זאָל ברענגען דעם מאַקסימום רעזולטאַטן. זיי וועלן אויך זיין צווישן די ערשטע צו קומען באַגעגענען דעם גאַסט, צו באַזאָרגן זיין נאַכטלעגער און דורכצופירן דעם טראַדיציאָנעלן צוזאַמענקונפט „באַ געדעקטע טישן" — ווי עס גייט דער סקאַרבאָווער אויסדרוק — איידער דער לעקטאָר פאָרט אַוועק.

אָט די ניי־געוואונענע פריינט הויבן זיך אָן באַציען צו דעם לעקטאָר ווי צו אַן אייגענעם. זיי דערציילן אים וועגן זייערע פּראָבלעמען און וועגן זייער לעבן. ניט נאָר באַקענט זיך דער לעקטאָר מיט אַלע אייגנצעלהייטן פון זייערע אומשטענדן דורך דעם, וואָס זיי דערציילן אים, נאָר אויב ער האָלט זיינע אויגן אָפן, דערזעט ער אַ סך זאַכן, וואָס דערגאַנצן דעם באַגריף וועגן אָט די מענטשן און זייער פּריוואַטן לעבן.

וואָס זאָל זיין די באַציאונג פון דעם לעקטאָר צו אָט די נייע פריינט אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דעם לאַנד?

מען קאָן אָננעמען דעם צוגאַנג — געקומען אויף אַ ווייל, טאָ וואָס איז דאָ צו נעמען ערנסט די אַלע געשיכטעס, וואָס מענטשן דערציילן דיר? מען קאָן אויך נעמען אַן אַנדער שטעלונג — אָט די מענטשן לייגן פאַר דיר אַרויס זייער האַרץ, עס איז ווערט אַריינצוטראַכטן זיך אין זייערע איבערלעבונגען, אין זייערע פּראָבלעמען און אין זייער באַציען זיך צו געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן.

דער צווייטער צוגאַנג איז אינטערעסאַנטער. ער גיט דיר אַ מעגלעכקייט צו שטודירן מענטשן און צו ענטפערן זיך אַליין, פאַרוואָס האַנדלט אונטער געוויסע אומשטענדן איינער אַזוי און אַן אַנדערער אַנדערש? פאַר וואָס איז איינער אַזוי לעבעדיג און וואַכזאַם און מונטער און גלויביג, בשעת אַ צווייטער איז אַזוי פאַרשלאָפן, לעטאַרגיש, פאַרצווייפלט און אַפּאַטיש?

דו הויבסט אָן זיך אינטערעסירן מיט אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט די מענטשן, וועלכע רינגלען דיך אַרום. מעגסט זיין ווי פאַרנומען, פאַרפעלסטו ניט צו באַאָבאַכטן זיי און זייערע אַרומיגע. דו הערסט זיך צו זייער אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ, וואָס זיי האָבן צו זאָגן. דו ווערסט

פאַראינטערעסירט צו וויסן, צי האָט דער און דער זיך דערפילט בעסער נאָך דעם באַזוך אין דער מעיא קליניק, וואוהין ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן, בשעת דו ביסט אין דער געגעבענער שטאָט געווען אויף דיין לעצטן באַזוך. דו פרעגסט זיך נאָך אויף אַלע איינצעלהייטן פון דעם אומגליקספאַל, וואָס האָט געטראָפן מיט דער און דער פאַמיליע ווען מען איז געפאָרן צו אַ פּיקניק.

— פון וואַנענד ווייסט איר וועגן דעם אומגליק?

— ס׳הייסט פון וואַנענד איך ווייס? איך האָב געליינט וועגן דעם אין אונזער צייטונג.

— אָבער דאָס איז דאָך געווען אַזאַ לאַנגע צייט צוריק. ווי אַזוי האָט איר געדענקט צו פרעגן וועגן דעם ווען איר זייט אָקאָרשט אַריינגעקומען? — האָט מען זיך געוואונדערט און ניט פאַרפעלט אַרויס־צוּאווייזן, אַז מען איז דאַנקבאַר פאַר אַזאַ באַציאונג צו אַ שטאָט און צו די מענטשן, וואָס געפינען זיך דאָרט.

— האָט איר געקראָגן אַ נייעם ליס (אַן אָפּמאַך באַם דינגען אַ דירה, אַ קראָם, אָדער אַן אַנדער פּלאַץ) אויף אייער קראָם?

— איר געדענקט עס? נאָך אַרומרייזן אַזויפיל איבער׳ן לאַנד, האָט איר ניט פאַרגעסן וועגן מיינע צרות מיט דעם גייציגן לענדלאָרד (אייגנטימער פון אַ הויז)?

— פאַר וואָס זאָל איך פאַרגעסן? איך האָב דאָך געזעען וויפיל געזונט עס האָט אייך געקאָסט בשעת עס איז אָנגעקומען די מעלדונג גראָד ווען איך בין געווען דאָ בא אייך, אַז אייער דירה־געלט איז פאַרדאָפּלט. איז וואָס איז געוואָרן פון דעם גאַנצן ענין?

דערציילט מען אייך מיט צופרידנהייט אַלע איינצעלהייטן און מען דערפילט זיך נאָך נעענטער צו אייך און נאָך געטרייער דער אַרבעט, וואָס מען טוט געמיינשאַפטלעך.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַקט, וואָס אַ געוויסער ענערגישער טוער האָט מיר געהאַט דערציילט. אַט דער טוער איז איצט אַן אַנערקענטער שרייבער. מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַן אַרבעטער אין שאַפּ. ער איז, זייענדיג אַן אַרבעטער, געווען אַ סך אָנגעלייענט; ער האָט געקאָנט אויסנוצן זיין וויסן צו אַדרעסירן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און ער האָט דערפאַר געקוקט אויף דעם ענין פון רעדן און האַלטן לעקציעס ניט ווי אויף עפּעס, וואָס איז הימליש, נאָר ווי אויף אַ געזונטער, ערדישער זאַך,

וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט געטריישאַפט.

מאַכט זיך, אַז עס קומט אַ לעקטאָר אין דער שטאָט, וואו אָט דער טוער האָט געהאַט געוואוינט. דער לעקטאָר איז געווען באַרימט אַלס גדול און אַלס גרויסהאַלטער. מיין באַקענטן איז אַזאַ רעפּוטאַציע פון דעם לעקטאָר ניט געווען צום האַרצן און דאָ דאַרף ער נאָך זיין פאַר־זיצער באַ דער לעקציע און דער לעקטאָר איז טאַקע צו אים פאַרפאָרן, שטאַרקט זיך מיין באַקענטער און טוט אַלץ אין זיינע כוחות צו זיין העפ־לעך און ניט אַרויסצואווייזן דעם גאַסט, אַז ער האָט אים אין...

פלוצלונג רופט זיך אָן דער לעקטאָר:

— ווי אַזוי וואָלט געווען, אַז איך זאָל קאָנען קריגן עפּעס אַ חדר מיוחד, איך דאַרף זאָרגן, אַז מיין שטימונג זאָל מיר ניט צעשטערט ווערן!

מיין באַקענטער, ווי ער דערציילט עס איצט, ווערנדיג דערביי ווידער אויפגעבראַכט, — איז אינגאַנצן אַרויס פון די כלים און האָט זיך צעשריען:

— שטימונג! שמימונג! פעטער, אויב איר ווייסט וואָס צו זאָגן, איז גוט, און אויב ניט — וועט אייך קיין חדר מיוחד אויך ניט העלפן!

דער „גדול" איז געבליבן אַ פאַרשעמטער און האָט גאָר ניט געענט־פערט. אַ רעדנער דאַרף אויסמיידן צו שטעלן זיך אין אַזאַ לאַגע.

עס איז ניט באַ אייך קיין אָנשטעל פון אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון אָט די מענטשן. עס ווערט באַ אייך אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז איר זאָלט וויסן אַלץ וועגן זיי. אין דער צייט ווען אַנדערע קאָנען האָבן די באַציאונג, אַז וואָס אייגנטלעך גייט עס עמיצן אָן צי אָט דער און דער האָט יאָ דורכגעפירט זיין פּלאַן פון אַ רייזע קיין קאַליפאָרניע, צי אָט דער און דער האָט יאָ געקראָגן קאָמפּענסאַציע פאַר דעם אומגליקספאַל, וואָס ער האָט געהאַט באַ דער אַרבעט, אָדער ער האָט גאָר ניט געקראָגן — ווי עס טרעפט אַזוי אָפט. איינער קאָן זיך זאָגן: אויך מיר אָן ענין צו געדענקען וויפיל קינדער עס זיינען דאָ אין דער און דער פאַמיליע, וויפיל קינדער עס צייכענען זיך אויס אויף אַזאַ, אָדער אַן אַנדער געביט. וועמען גייט עס אָן? מען קאָן אָבער זיך באַציען צו דער פאַמיליע פון יעדן נייעם פריינט ווי צו דער פאַמיליע פון אַן אייגענעם. מען קאָן זיך נאַכפרעגן אויף דעם זון, וועגן וועלכן מען האָט געהאַט דערציילט, אַז ער לערנט זיך אין אַ

קאַלעדזש אין אַ ווייטער שטאָט, אָדער וועגן דער טאָכטער, וועלכע האָט יונג געהייראַט און האָט זיך געָ׳גט מיט איר מאַן צוויי וואָכן נאָך דער חתונה. מען קאָן דערמאָנען דעם טעם פון דעם באָרשטש, וואָס מען האָט דאָ אין הויז געגעסן מיט צוויי־דריי יאָר פריער. מען קאָן זיך וואָרים באַגריסן ווי מיט אַלטע באַקענטע מיט אַ יאַטל, אָדער מיט אַ יאַטיכע, מיט וועלכע מען איז מיט אַ צייט פריער געלאָפן אויף אַ פּאַרמעסט אין אַ פּאַרק, אָדער מיט וועלכע מען האָט זיך געגליטשט אין אַ שליטעלע באַרג־אַראָפּ אין אַ סמאַלענדיגן פראָסט און צווישן גאַנצע בערג פון אָנגעהורבעטן שניי.

דער טאַטע און די מאַמע פרייען זיך מיט דעם, וואָס זייערע קינדער האָבן זיך פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. די קינדער זיינען דערפרייט וואָס מען איז צוגעלאָזן צו זיי און זיי טוליען זיך צו דעם נייעם פריינט.

די אָרטיגע טוער זיינען באַגייסטערט פון דעם, וואָס מען געדענקט די פּראָבלעמען פון דער אָרטיגער באַוועגונג. דאָס באַווייזט זיי, אַז עס איז ניט בלויז אַ פּראַגע פון קומען און אָפּ׳דרשה׳נען און אַנטלויפן.

— אַרומפאָרנדיג אַזויפיל, ליגט אייך אין זינען אונזער שטיקל צענטער! — וואונדערן זיך די טוער אויף דעם, וואָס דער לעקטאָר פרעגט זיך נאָך ווען מען האָט ענדלעך אַריינגעשטעלט די באַוועגלעכע ווענטלעך, ווען מען האָט פאַרביטן די קוילן־באַהייצונג אויף אויל.

— איר ווילט וויסן ווען מען האָט ענדלעך אָט דעם צענטער אויסגעפאַרבט, ווייל אויף אייער פריערדיגן באַזוך האָט איר גערעדט צו מאַכן דעם צענטער מער אנציענדיג, נאָר ווי געדענקט איר עס? מיר האָבן געמיינט, אַז ווען איר פאַרלאָזט אַ שטאָט נאָך אַ קורצן באַזוך, פאַרגעסט איר אַלץ, וואָס איר האָט דאָרט געזען, און אויך אַלע מענטשן, וועלכע איר האָט דאָרט געטראָפן.

אָט דערציילט דיר אַ ליבער מענטש וועגן אַ ברודער, וועלכער איז מיט זיין פרוי און דריי קינדער געווען אַ טייל פון די דעפּאָרטירטע אויף דער באַרזשע אין בורגענלאַנד. וואָס איז צום סוף פון די דרייסיגער יאָרן געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דעם, אויף וואָס די פאַשיסטן זיינען פעאיג.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מענטשן זיינען נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו גרוילטאָטן, ווי מען איז געוואָרן צוגעוואוינט אין שפּעטערדיגע יאָרן. דעמאָלט איז נאָך ניט געווען אָפּגעטעמפּט דער געפיל פון מיטלייד, מען פלעגט נאָך ווערן אויפגעשוידערט, די פרעסע האָט נאָך אָפּ־

געגעבן אַ סך פּלאַץ צו דערציילן אַלע אייכצעלהייטן וועגן די וואָגלער אויף דער בארזשע. עס האָט זיך אָבער געוואָלט וויסן מער וועגן דער בארזשע, אירע ליידנדיגע פּאַסאַזשירן און, ספּעציעל, וועגן דער באַטרעפנ־דיגער פאַמיליע.

דאָס אויספרעגן אַלע איינצעלהייטן איז געוואָרן אנערקענט. אַ נאָענ־טער מענטש איז געוואָרן נאָך נעענטער, ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן פּוסטן נייגיר, נאָר וועגן אַ טיפן אינטערעס.

און אָט זיינען די וואָגלער שוין געקומען קיין אַמעריקע. ווי זשע זעען וזיי אויס? ווי אָרדענען זיי זיך איין? ווי טרייסלען זיי אָפּ פון זיך דעם שוידער פון דעם איבערגעלעבטן?

דו גייסט זעען די קינדער. דו באַקענסט זיך מיט דער מוטער. ווי עס ווערט אָפּגעשאַצט דיין אויפמערקזאַמקייט און וואַרימע באַציאונג!

ווי קאָן מען גאָר אַנדערש האַנדלען? זיינען דאָך אָט די שיינע קינדער געשטאַנען אונטערן שאָטן פון טויט. איז דאָך אָט דער פרידלעכער טאַטע — אַ באַשיידענער, שטילער מענטש, וועלכער האָט אין זיין לעבן קיין פליג ניט אָנגערירט, — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גבור — ממש אין אַ לייב זיך פאַרוואַנדלט — ווען עס איז געקומען צו באַשיצן זיינע קינדער.

דער אינטערעס אין אַלץ, וואָס רירט אָן אייגענע און טייערע, מאַכט זיי פילן, אַז זיי זיינען חשוב און דערהויבט די חשיבות פון דעם מענטשן אין אַלגעמיין.

איר דערוויסט זיך, אַז אַ טוער איז קראַנק, בעט איר מען זאָל אייך פירן צו אים אין שפּיטאָל. אַלע זיינען דערשטוינט און איינער רעדט צום צווייטן:

— האָסטו זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער וועט געדענקען ווער דער קראַנקער חבר איז? ער איז דאָך בלויז איין מאָל געווען פאָרזי־צער באַ דער לעקציע פון דעם גאַסט, נאָר געוויינלעך וואַרפט ער זיך דאָך ניט אין די אויגן, אָט דער חבר, וועלכער איז איצט קראַנק.

אין צימער באַ דעם קראַנקן טרעפסטו אָן אַ צאָל טוער, וועלכע קומען אַהער רעגעלמעסיג יעדן טאָג צו דער באַשטימטער שעה. זיי זיינען אַלע גערירט פון דער האַנדלונג פון דעם לעקטאָר, נאָר וואָס עס פאַר־כאַפּט זיי נאָך מער, איז דער פאַקט, וואָס דער גאַסט, באַגריסענדיג דעם פּאַציענט, הויבט באַלד אָן אים אויספרעגן וועגן עניינים, וואָס האָבן צו־טאָן מיט דעם פּריוואַטן לעבן פון דעם קראַנקן.

זיי זיינען דערשטוינט פון דעם, וואָס דער רייזנדער געדענקט גאָר, אַז דער קראַנקער האָט ערגעץ אַן אַלטן טאַטן אין איראָפּע און אַז באַ אַ פריערדיגן באַזוך האָט דער איצט־קראַנקער חבר געלייענט באַ אַ מיטינג אַ בריוו פון זיין טאַטן.

דאָ איז געווען ניט נאָר וויכטיג דער פאַקט, וואָס די מענטשן האָבן געזעען, אַז מען אינטערעסירט זיך מיט זיי און מיט זייער לעבן, נאָר עס איז פשוט געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר דעם קראַנקן ווען זיין אויפמערקזאַמקייט איז אָפּגעצויגן געוואָרן פון זיין קראַנקהייט און אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער ריכטונג.

ווי איך האָב אַלע מאָל געהאַסט דעם אָנשטעל פון רעדנער און טוער, וועלכע מיינען, אַז זיי וועלן מאַכן אַן איינדרוק פון שוועבן אין די הימלען, אויב זיי וועלן זיך האַלטן פון דער וויטנס פון די מענטשן אויף זייער וועג, אָדער זיי וועלן זיך בלאָזן און פּרעטענדירן, אַז זיי זיינען אַזוי פאַרטאָן אין „הויכע ענינים", אַז קיין אַנדער זאַך גייט זיי ניט אָן.

ווי קאָמיש אַזאַ האַלטן זיך איז!

עס ווערט גאָרניט פאַרמינערט פון דער ווירדע פון דעם לעקטאָר, אויב ער שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד און באַציט זיך צו אַלעמען ווי צו גלייכע.

די פריינט פון ווייטע שטעט זיינען גאָר גערירט ווען אויף זייערן אַ באַזוך אין ניו יאָרק ווערן זיי באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן אויסרוף:

— העלאָ, קענזעס סיטי!

— העלאָ, אמאהא!

— העלאָ, סאַן אַנטאָניאָ!

איר רופט זיי אָן באַם נאָמען, איר פרעגט אויף אַנדערע טוער און פריינט באַ זיי אין שטאָט. זיי ווערן דערוואָרימט פון דעם, וואָס מען געדענקט זיי און זייע פאַרשטייען, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אויפמערקזאַמקייט צו זיי. עס איז דאָך שוין ניט נויטיג צו זאָגן, אַז ווען מען קומט דערנאָך צו זיי אין שטאָט, מאַכן זיי פילן אַזוי וואַרים, פּונקט ווי מען וואָלט קומען אין הויז פון אַ ברודער, אָדער אַ שוועסטער.

אין לויף פון יאָרן האָט אָט דער צוגאַנג צו מענטשן געגעבן אַ מעגלעכקייט ניט נאָר זיי בעסער צו דערקענען, נאָר דורך זיי צו באַקענען

זיך געגוי מיט אַ שטיק אַמעריקאַנער לעבן, ווייל די מענטשן און זייערע פּראָבלעמען זיינען אַ טייל פון דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס גאַנצע לאַנד. דאָ איז וויכטיג יעדער פאַקט: ווי אַזוי זיי אַרבעטן, ווי אַזוי זיי פאַרוויילן זיך, ווי זיי דערציען זייערע קינדער, וויפיל זיי פאַרדינען.

מיין ענטפער אויף זייערע פראַגן, וואָס זיי שטעלן מיט דערשטוינונג,

— איז אַלע מאָל אַזאַ:

— פאַר וואָס זאָל איך פאַרגעסן? אַט געדענקט איר דאָך יעדן אייגעם, וועלכער קומט צו אייך.

— יאָ, מיר געדענקען, ווייל מיר זעען געציילטע רעדנער און דער רעדנער זעט אַזויפיל מענטשן.

— אַז מען וויל געדענקען — געדענקט מען!

קאַפּיטל 39.

צו׳ם האַרץ און צו׳ם מוח

דער בעסטער וועג ווי ניט צו באַגיין קיין פעלער באַם דורכפירן אַ געוויסע אויפגאַבע, איז געננוי צו באַטראַכטן די אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַז פעלערן זאָלן באַגאַנגען ווערן פון אַנדערע באַם דורכפירן ענלעכע אויפגאַבן.

עס האָט שטענדיג שאקירט דער פאַקט, וואָס טוער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אַ געוויסער טעטיגקייט, ווערן מיט דער צייט אַריינגעצויגן אין אַ רוטין. זייערע רייד ווערן בלאַס; זיי הויבן אָן באַנוצן שטאמפּ; מען קאָן שוין אין פאראויס וויסן וואָס זיי וועלן זאָגן, ווייל זיי ווידערהאָלן זיך זייער אָפט. דאָס איז ספּעציעל אָנווענדבאַר צו די, וועלכע זיינען אריינגעצויגן אין אַן אַרבעט, וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט שאַפן פאָנדן פאַר אַזאַ, אָדער אַן אַנדער צוועק.

כדי צו באַוועגן מענטשן, אַז זיי זאָלן מאַכן אַן אָנשטרענגונג און געבן געלט, איז נויטיג אָנצורירן באַ זיי אַ באַזונדערע סטרונע — אויפוועקן זייער געוויסן, אָנרירן זייער געפיל פון מענטשלעכקייט, אָנרעגן זייער שטאָלץ, וואָס זאָל זיי פירן צו ווערן אַ טייל פון אַ געוויסער וויכטיגער אַרבעט; אַרויסרופן זייער צאָרן געגן אַ געוויסן אומרעכט און זיי באַוועגן צו זיין גרייט כאָטש אויף אַ מאַטעריעלן קרבן, כדי צו העלפן אין דעם קאַמף געגן אומרעכט און געגן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע איבלען. דאָס פאַרשטייט יעדער רעדנער, וועלכער „מאַכט אַפּילס״, נאָר ווי ווייניג פון אָט די רעדנער פאַרשטייען ווי זיך אויסצוהיטן פון באַנוצן סקאַרבאָווע רייד, פון אַריינפאַלן אין אַ טאָן פון אַ „קלאָג־מוטער״, פון ווערן אַ „פּעכאטנע מגיד״, וועלכער האַלט אומעטום די זעלבע דרשה און באַנוצט אומעטום די זעלבע מיטלען אויף „אַרויסצוקוועטשן אַ טרער״.

דער ענין ווערט גאָר ציניש. די מערסטע מענטשן ווערן ניט גערירט. אויף דעם רעדנער קוקן זיי ווי אויף אַ גראַגער. זיינע רייד, געצילטע צו דעם האַרץ פון דעם צוהערער, ווערן באַטראַכט ווי געקינסטלטער פּאַטאָס. אויב מענטשן רופן זיך יאָ אָפּ נאָך אַזעלכע סאָרט רייד, איז דאָס צוליב גאָר אַנדערע אורזאַכן, די פאַרדינסטן פון דעם רעדנער זיינען דאָ גאָר נישטיגע.

און אַז אייער געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט איז פאַרבונדן מיט רופן צו מענטשן פאַר אנטייל מיט געלט אין געוויסע וויכטיגע אויפגאַבן; אַז איר הויבט אָן גאָר יונג אייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט אַ רוף צו שיקן הילף צו ראַטעווען אידן פון הונגער און אונטערגאַנג אין צייט פון דער ערשטער וועלט־שרפה און נאָך דעם בלוטיגן מבול; אַז איר דאַרפט אין לויף פון יאָרן אַרומפאָרן צו וועקן, רופן, מאָנען, מונטערן און שטאַרקן מענטשן אין קאַמף געגן די כוחות פון פינסטערניש, אין קאַמף געגן ראַסן־העצער, אין קאַמף געגן די, וואָס ווילן פאַרניכטן דאָס ערשטע אַרבעטער־לאַנד אין דער וועלט; אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דעם אייגענעם פאָלק, אין קאַמף פאַר פריינטשאַפט און שטיצע צו די אידן, וועלכע האָבן געקראָגן פרייהייט און זיינען צום ערשטן מאָל אין צוויי טויזנט יאָר געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך; אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פרעסע, וואָס דינט דעם פאָלק; אין קאַמף פאַר די רעכט און פאַר דער מעגלעכקייט פון דעם פאָלק צו ציען ווייטער דעם פאָדים פון זיין קולטור, אַז איר דאַרפט גיין אין בראַנד פון שלאַכטן געגן פאַרשפרייטער פון גייסטיגן סם, אַז איר דאַרפט אין צייט פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק אויסשרייען אייער צאָרן, אויפטרייסלען דעם געוויסן פון טויזנטער און שטרעבן ניט צו מאַכן צעוויטיגטע הערצער ווייכער, נאָר אָנשטאָלן זיי מיט פעסטקייט און מיט ציל־באַוואוסטקייט צו מאַכן אַ סוף צו נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס אויף דער וועלט, — אַז איר האָט פאַר זיך אַזעלכע אויפגאַבן און איר מוזט גלייכצייטיג אויך רעדן וועגן פאָנדן, דעמאָלט איז דאָ די געפאַר, אַז איר זאָלט אָנהויבן באַטראַכט ווערן ווי איינער, וואָס רעדט מעכאַניש וועגן געוויסע זאַכן מיט דעם איינציגן ציל אין אויג — די מאַטעריעלע רעזולטאַטן. פאַר דעם האָב איך זיך געשראָקן מער, ווי פאַר אַלץ אין דער וועלט.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, זייענדיג דער סעקרעטאַר פון דעם „מערב קאַנאַדער הילפס קאָמיטעט פאַר

די מלחמה ליידנדיגע", האָב איך באַ זיך באַשלאָסן, אַז אַן אַפּילו פּאָר געלט דאַרף זיין ניט בלויז אויף דער באַזע פון רחמנות, נאָר אַז עס דאַרפן גלייכצייטיג אַנאַליזירט ווערן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז מיליאָנען זאָלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין דעם גהינום פון ליידן.

פריער פון אַלץ דאַרף גערעדט ווערן צו דעם מוח!

און ווען דער מוח וועט באַנעמען, וועט שוין זיין גרינג צו דערגרייכן צו די טיפעניש פון דעם האַרץ.

כדי צו קאָנען רעדן צו דעם מוח, איז נויטיג זיך צו באַוואָפּענען מיט וויסן. זייער וויניג פון די טוער פון דעם קאָמיטעט האָבן דעמאָלט געוואוסט, אַז זייער סעקרעטאַר, וועלכער האָט מקריב געווען אַ יאָר פון זיין לערנען זיך און האָט געאַרבעט אינגאַנצן אַן באַצאָלט, האָט אויך אָפּגעגעבן אַ סך שטונדן פון זיין שלאָף צו באַוואָפענען זיך מיט וויסן פאַר די אָפּטע אַרויסטרעטונגען פאַר דעם עולם. דאַכט זיך, אַז ניט די טוער, ניט די צוהערער, האָבן זיך דעמאָלט געכאַפּט, אַז דער מיט־רייסנדיגער אָפּרוף פלעגט קומען ניט צוליב שיינקייט פון וואָרט, ניט צוליב אויסגעוויטיגטער האַרציגקייט פון דער ווענדונג, אַז מען זאָל העלפן מיט אַ ברייטער האַנט. געקומען איז דער אָפּרוף גיכער צוליב דעם פאַרנעם פון דער פּאַנאָראַמע, וואָס דער רעדנער האָט געמאָלן, ווייזנדיג די כוחות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די ליידן.

דער רוף איז טאַקע געווען פאַר געלט. אויף דעם האָט געדאַרפט ענטפערן דאָס האַרץ. דער עיקר איז דאָ אָבער געווען אַ שטענדיגע און אומאויפהערלעכע אויפקלערונג, אַ שטענדיגע מאָנונג און אַ שטענ־דיגע פאַרדאַמונג פון אַן אָרדנונג, וואָס פירט צו מלחמות און צו דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען.

אַט דער צוגאַנג צו די אייגענע אויפגאַבן האָט געגעבן די מעג־לעכקייט צו וואַריאירן דעם געבוי פון די רעדעס. כאָטש די אויפגאַבע איז געווען איין און די זעלבע, איז אָבער מעגלעך געוואָרן צוצוגיין צו דער פראַגע פון פאַרשיידענע ווינקלען און עס זיינען אַזוי אַרום געווען אומ־אויסשעפּבאַר די פאָרמען, וואָס די רעדעס האָבן אָנגענומען.

יעדע רעדע האָט געמוזט זיין אַ סטרוקטורישע גאַנצקייט. יעדע רעדע האָט שוין במילא געקאָנט זיין אַנדערש. יעדע

רעדע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַזאַ, אָדער אַן אנדער אַספּעקט פון דעם געגעבענעם ענין.

עס איז מעגלעך געוואָרן, אַז אין אַ סך פאַלן, ווען חברים האָבן באַגלייט דעם רעדנער, פירנדיג אים אין זייערע אויטאָמאָבילן אין דער־בייאיגע שטעט, — און אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אַ סך, ספּעציעל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַזוכן קלענערע שטעטלעך אין שכנות מיט גרויסע שטעט, — זאָלן די באַגלייטער זיך ניט נודיען, אויסהערנדיג די זעלבע רייד נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל. זיי האָבן געגאַפט און האָבן ניט פאַרפעלט צו פרעגן:

— זעט איר, דאָס איז עפּעס אַ נייעס פאַר אונז! — אין יעדער שטאָט זאָלט איר האַלטן אַן אַנדער רעדע! ווי אַזוי מאַכט איר דאָס?

אָט אַזוי קייטלט זיך די ווענדונג צו דעם מוח און שליסט זיך איין אין דער ווענדונג צו דעם האַרץ אין ענינים, אין פאַרבינדונג מיט וועלכע עס איז דאָ די געפאַר פון פאַרנעמען זיך בלויז מיט דעם האַרץ.

און פּונקט אַזוי ווען עס קומט צו לעקציעס, וואָס האָבן צו־טאָן מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטור־פּראָבלעמען, איז קיינמאָל ניטאָ דער צוגאַנג, אַז דאָס האַרץ דאַרף פאַרנאַכלעסיגט ווערן.

ווער וועט אויסזיצן אַ לעקציע, אין וועלכער עס זיינען אויסמושטירט טרוקענע פאַקטן, ציפערן, אַרגומענטן? פאַרוואָס ניט שטעלן זיך די אויפגאַבע צו געבן אינטע־רעסאַנטן אינהאַלט אין אַן אינטערעסאַנטער פאָרמע? אויב שוין יאָ פאַר־ווענדן לאַנגע שטונדן אויף צוזוגרייטן זיך צו באַהאַנדלען אַ געוויסע פּראָבלעם, טאָ פאַרוואָס ניט שלייפן דאָס וואָרט, קולטיווירן די שטימע, פאָרעמען אַ קיילעכדיגן זאַץ, בויען עפּעס אַ גאַנצעס און צוקומען צום אויער פון דעם צוהערער אַזוי, אַז ער זאָל וועלן הערן, אַז עס זאָל אים זיין לייכט צו הערן, אַז ער זאָל איינגאַנצן אריינגעצויגן ווערן און ער זאָל דערפילן, אַז ער — טאַקע יעדער צוהערער אַן אויסנאַם — גייט דעם לעקטאָר זייער אָן, אַז צו יעדן איינעם איז געווענדעט דאָס וואָרט און אַז אַלע שטודירן דאָ בשותפות אַ געוויסע פּראָבלעם.

דאָס ווערט נאָך בעסער דערגרייכט דורך דערמוטיגן דעם עולם צו שטעלן פראַגן, דורך אַן אויפמערקזאַמער און געדולדיגער באַציאונג צו די פראַגן און דורך דעם באַגריף, וואָס דער צוהערער פאַרפעלט ניט צו־באַנעמען, אַז דער לעקטאָר רעדט ניט צו אים פון אויבן אַראָפּ, נאָר אַז

לעקטאָר און צוהערער זיינען שותפים אין אַ וויכטיקער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט.

דאָס זעלבע איז דער צוגאַנג אין די קלאַסן, וואו עס קומט אויס צו לערנען אַרבעטער ווי אַזוי זיי זאָלן זיך צוגרייטן צו זאַמלען פאַקטן און זיי אַרויסברענגען פאַר אַן עולם. פריער פון אַלץ דאַרף טיף איינגעקריצט ווערן אין באַוואוסטזיין דער צוגאַנג, אַז מען מוז רעספּעקטירן דעם צוהערער. אויב מען האַלט, אַז דער עולם איז אַ גולם, טאָ צו וואָס רעדן צו אים — וואָס קאָן מען פון אַ גולם דערוואַרטן? — סיידן מען האָט בלויז אינזינען אים אָפּנאַרן און באַ אים עפּעס אויסנאַרן.

אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם צוגאַנג דערמאָנט זיך אַ געוויסער אָוונט — אַן אָפּשלוס פון אַ סעמעסטער אין דער אַרבעטער־שול. דאָס איז אַלע יאָר געווען אַ געלעגנהייט פאַר אַן אָוונט פון פרייד. לערער און סטודענטן, וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען ווי גלייכע און נאָענטע, זיינען געוואָרן נאָך נעענטער. אין קלאַסן, וואו עס זיינען געווען לערערינס, האָט מען געבראַכט בלומען. מען האָט די לערער און לערערינס געבראַכט מתנות און עס פלעגט אויך ניט אויספעלן קיין משקה און קיין צובייסן.

די ווענדונג צו די סטודענטן אין דעם רעדנער־קלאַס איז אַלע מאָל געווען, אַז באַם שליסן אַ סעמעסטער זאָלן זיי זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אין דעם קלאַס געלערנט. אָט אין יענעם אָוונט האָט זיך אויפגעהויבן אַ סטודענט און האָט געזאָגט אַזוי:

— היינט מוז איך אַרויסזאָגן דאָס, וואָס איך פלעג שטענדיק טראַכטן, זיצנדיק דאָ אין קלאַס יעדע וואָך. מיט יאָרן צוריק בין איך געווען אַ סטודענט אין אַ קלאַס, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ איסט־בראָד־ווייער סאָציאַליסט. פלעגט ער אַלע מאָל אונטערשטרייכן: „איר שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע; איר שטייט אין דער הויך; דערגייט איך עמיצער די יאָרן מיט אַ נודנער פראַגע, האַקט אים אָפּ די פליגל, לאַכט זיך אויס פון אים".

— אין אייער קלאַס — זעצט פאָר דער אַרבעטער — האָב איך געהערט פונקט דאָס פאַרקערטע, אַז מען דאַרף אַכטן דעם צוהערער, אַז מען דאַרף זיין געדולדיק צו די פראַגע־שטעלער און קיינמאָל ניט קוקן אויף קיינעם פון אויבן אַראָפּ. זאָגט מיר, פאַרוואָס איז דאָרט געווען אַזאַ צוגאַנג און באַ אייך גאָר אַן אַנדער צוגאַנג?

מיין ענטפער איז געווען זייער פשוט:

— זיי גלויבן ניט אין די מאַסן. ווען מען גלויבט אין די מאַסן, קומט אויך די זיכערקייט, אַז די מאַסע וויל און קאָן לערנען און אַז דער לעקטאָר און צוהערער זיינען שותפים אין דער אַרבעט און אין די קאַמפן פאַר אַ וועלט, וואו וויסן וועט זיין אַלעמענס אייגענטום.

דער אויספיר: עס מוז זיין רעספעקט צו דעם צוהערער, עס מוז זיין טיפער גלויבן אין דעם, וואָס מען זאָגט; עס מוז זיין געדולד מיט דעם צוהערער און אַ באַוואוסטזיניגע אָנשטרענגונג צו דערגרייכן אי צו זיין מוח, אי צו זיין האַרץ.

קאַפּיטל 40.

דריי מאָל אַ הספד אויף דעם זון פון מיינע בעסטע פריינט

„אויף אַ בערגל ערד ערגעץ אין איטאַליע איז אויף אַ ברעטל אָנגע־שריבן: העראַלד וויים. דאָרט ליגט אַ געפאַלענער יונגער אַמעריקאַ־נער סאָלדאַט".

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון מיין געשריבענעם הספד אויף דעם טויט פון אַ יונגן בחור, דעם זון פון מיינע צוויי בעסטע פריינט, — אַ בחור, וועלכער איז מיר געווען ליב און טייער ווי אַן אייגן קינד.

עס איז כמעט אוממעגלעך צו מאַכן אַ הספד אויף אַן אייגענעם, נאָר מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן דריי הספדים אויף דעם ליבן העראַלד. דעם ערשטן הספד האָב איך געמאַכט, ווייל איך האָב זיך געצוואונגען צו דערשטיקן דעם אייגענעם ווייטיג און געהאַלטן אין איין טראַכטן בלויז וועגן דעם בראָך, וואָס האָט געטראָפן די אומגליקלעכע טאַטע און מאַמע, באַ וועמען דער גראַטעענער זון איז געווען אין אמת'ן זיין פון וואָרט טייערער ווי זייער אייגן לעבן.

איך האָב געפילט, אַז איך מוז דערציילן ווער עס איז געווען אָט דאָס צאַרטע קינד, וואָס האָט געקאָנט קריגן אַן „עקזעמפּשאָן" (דאָס רעכט געשטעלט ווערן אין אַ פּריווילעגירטער קאַטעגאָריע), נאָר וואָס איז באַ־שטאַנען אויף דעם, אַז ער מוז גיין טאָן זיין פליכט אין קאַמף געגן דער נאַצישער בעסטיע.

איך האָב עס באַטראַכט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן חוב צו דערציילן ווי אַזוי אָט די עלטערן, באַ וועמען דער זון איז געווען טייערער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, האָבן צוגעשטימט ער זאָל גיין אין דער אַרמיי, ווייל זיי זיינען געווען באַוואוסטזיניגע און געטרייע קעמפער געגן פאַשיזם.

ווי מעג איך גאָר זיך אָפּגעבן מיט דעם אייגענעם ווייטיג ווען דער טויט פון אָט דעם שיינעם אָדלער פּאָדערט נאָך העכער אויסצושרייען דעם צאָרן געגן די, וואָס האָבן אונטערגעצונדן די וועלט און וואָס ווילן ספּעציעל אומברענגען אונזער פאָלק.

האָב איך גענומען מיין פּען אין האַנט און זיך געזעצט שרייבן אַ הספּד. איך האָב אָנגעשריבן דעם ערשטן — פריער דערמאָנטן — פּאַראַגראַף און האָב מער ניט געקאָנט שרייבן. דאָס, וואָס דער געדאַנק האָט דיקטירט אָנצושרייבן, אַז ערגעץ דאָרט אין איטאַליע ליגט דער ליבער העראָלד אונטער אַ פרישׁ בערגל ערד, דאָס איז איצט געשטאַנען לעבעדיג פאַר די אויגן, ווי איך וואָלט דאָרט געווען לעבן אָט דעם בערגל ערד. די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַן הייטל; טרערן זיינען געפאַלן אויף דעם פּאַפּיר און ווי דורך אַ נעפּל האָב איך געזען דאָס פרישע בערגל ערד אויף דעם קבר פון דעם ליבן העראָלד. איך האָב פּרובירט זיך שטאַרקן און זיך נעמען ווייטער שרייבן, נאָר איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן אָט דאָ באַ דעם בערגל ערד. אַזוי בין איך געזעסן אומבאַוועגלעך אַ לאַנגע צייט און געהאַלטן אין האַנט די פּען, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַוועגן אויף דעם פּאַפּיר. איך האָב פּרובירט אַרויסרופן באַ זיך אין זכרון דאָס געשטאַלט פון דעם אומגעקומענעם בחור. ווי האָט ער אויסגעזען ווען ער איז געפאַלן אַ פאַרוואונדעטער? ווי האָט ער אויסגעזען אין די לעצטע טעג פון זיין יונג לעבן?

פאַר די אויגן זיינען אויסגעוואקסן בילדער — אָן אַ שיעור בילדער — פון העראָלד'ן. אָט זע איך אים אויף אַ לאַנקע אין אַ פּאַרק אַלס פּיצל קינד אויפ'ן גראָז. אָט שטייט ער פאַר מיר אין זיין ערשטן קאָסטיום מיט לאַנגע הויזן. אָט זע איך אים ווידער אַלס קינד און אָט שטייט ער שוין ווידער פאַר מיינע אויגן אַלס אַ דערוואַקסענער בחור. אָט זע איך אים מיט די ביכער אונטערן אָרים אויף דעם וועג אין סקול. אָט זע איך אים אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך פון זיין הויז צו באַגעגענען מיך באַם אָנקומען אויף דעם שטויביגן וועג לעבן דעם לעיק.

ס'אַראַ ליב געזיכט דאָס איז געווען! ס'אַראַ טייער קינד עס האָט פאַרמאַגט אָט דאָס געזיכט!

און פּלוצלונג האָב איך דערפילט ווי עמיצער וואָלט דאָ געשטאַנען לעבן מיר באַ אָט דעם בערגל, וואוהין איך האָב זיך אַריבערגעטראָגן אין מיין געדאַנק, און ווי עמיצער וואָלט באַ מיר געפרעגט:

— נאָר ווער זשע איז ער געווען אָט דער העראָלד, וואָס דו קלאָגסט אַזוי אויף אים?

— ווער ער איז געווען? — הערט!

און די פען האָט גענומען זיך באַוועגן שנעל, שנעל. איך האָב פאַרדריקט מיין האַרץ און גענומען דערציילן. איך האָב דערציילט, אַז הערואָלד איז געווען בלויז 20 יאָר אַלט ווען דער פאָדים פון זיין לעבן איז איבערגעשניטן געוואָרן. איך האָב דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן דעם ערשטן מאַי. דאָס איז בײַ די עלטערן געווען אַ באַזונדער פרייד. זיי האָבן אויף דעם געבורטסטאָג פון זייער קינד געקוקט ווי אויף אַ סימבאָל פון דעם, וואָס ער וועט אויסוואַקסן — אַ מיטקעמפער מיט זיי פאַר אַ בעסערער וועלט, פונקט ווי דער ערשטער מאַי איז דער סימבאָל פון אָט דער אַנקומענדיקער וועלט פון פאַרברידערטע מענטשן.

איך האָב דערציילט מיט וויפיל געטריישאַפט און איבערמענטש־לעכער ליבע אָט דאָס קינד איז אַרומגערינגלט געוואָרן. און ווען די שלעגער, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון יוניאָן־פאַררעטער, האָבן דעם טאַטן צעשלאָגן, איז זיין זאָרג געווען ניט וועגן די אייגענע אונטערגע־קלאַפּטע אויגן, ניט וועגן דעם געשוואָלענעם פנים, נאָר וועגן דעם, צי וועט דאָס קינד זיך ניט דערשרעקן, דערזעענדיק דעם טאַטן מיט אַ פאַרבאַנ־דאַזשירט פנים.

צו דער גרויסער פרייד פון די עלטערן האָט דער זון זיך זייער גוט געלערנט. דאָס וועט דאָך מאַכן מעגלעך, אַז ער זאָל גאָר גוט קאָנען דינען דער באַוועגונג, וואָס איז בײַ זיי זייער לעבן. אָבער בשעת ער איז געזעסן און געמאַכט זיינע איבונגען פאַר דער שול; בשעת די מאַמע איז געזעסן באַנאַכט און עפּעס גענייט פאַר דעם קינד, האָט מען שוין ערגעץ ווייט אים פאַראורטיילט צום טויט. פאַראורטיילט האָבן אים די פאַררעטער פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן געבראַכט היטלערן צו דער מאַכט. פאַראורטיילט האָבן אים די פאַרשווערער אין מינכען. זיין טויט־אורטייל איז שוין געשריבן געוואָרן ווען מען האָט געפלאָכטן די נעץ פון אַ בלוטיגן איבערפאַל אויף דעם איינציגן לאַנד, וואָס האָט מער פון וועלכן ניט איז לאַנד קיין מלחמה ניט געוואָלט.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם יונגן בוים, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן, און איך האָב מיט צאָרן גערעדט וועגן די שוואַרצע ראָבן, וואָס קראַקען געגן אידן און רעדן וועגן זיי ווי וועגן פייגלינגען.

איך האָב דערציילט ווי טאַטע־מאַמע טראָגן זייער ווייטיג, ווי זיי זעען זייער ליבן העראָלד אומעטום, וואו זיי גיבן זיך אַ קער; ווי זיי פילן זיין אנוועזענהייט אויף יעדן טראַט. איך האָב אָנגעוויזן, אַז אין זייער ווייטיג איז אין דער העכסטער מאָס פאַרקערפּערט דער ווייטיג פון אַלע, וועלכע האָבן געליטן פאַרלוסטן. איך האָב געפילט, אַז איך מוז אויס־שרייען, אַז אין דעם טויט פון אָט דעם ליבן זון איז דאָ די גרעסטע קללה אויף די קעפּ פון די, וועלכע האָבן אָנגעצונדן אַ וועלט.

און פאַרענדיגט האָב איך אַזוי:

„רו און רום דיר, ליבער העראָלד!”

איך בין געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט. עס איז שוין געווען העלער טאָג ווען איך האָב אָוועקגעלעגט די פּען.

און פּלוצלונג האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אַ געדאַנק: איז אָט אַזוי דאַרף מען אין איצטיגן מאָמענט רעדן? וואָלט העראָלד געוואָלט, אַז מען זאָל אַזוי רעדן וועגן אים? וועלן די עלטערן ניט ווערן נאָך מער צעווייטיגט פון אָט דעם הספּד?

מעג מען איצט מאַכן הערצער ווייכער? מעג מען איצט אונטער־שטרייכן ווי ריזיג עס איז די קאַטאַסטראָפע פון דעם פאַרלוסט פון יעדן איינציגן לעבן — טאַקע פון יעדן באַזונדער לעבן? מעג מען איצט שרייבן אַזוי? מעג מען אויף אַזאַ אופן באַקלאָגן יעדן איינציגן פאַרלוסט?

און איך האָב זיך אַליין געענטפערט: יאָ, מען מעג און מען דאַרף קלאָגן און וויינען און שרייען און איינרייסן די הימלען ווען יונגע לעבנס ווערן פאַרשניטן. ערשט דורך אַרויסברענגען ווי גרויס און ווי וויכטיג עס איז דאָס לעבן פון יעדן איינציגן, וואָס איז געפאַלן, וועט קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן די וויכטיגקייט צו דערפירן צו דעם, אַז מער זאָלן קיין מלחמות ניט זיין אויף דער וועלט.

אַזאַ הספּד און בלויז אַזאַ האָט העראָלד פאַרדינט!

האָב איך, הייסט עס, געשריבן וועגן העראָלד'ן, וועלכער איז שוין טאַקע ניטאָ? איז דאָס טאַקע אַ הספּד אויף דעם ליבן בחור, וועלכן איך וועל שוין קיינמאָל ניט זען? איז דאָס אַלץ טאַקע אמת? איז טאַקע דאָרט ערגעץ אין אַ ווייט לאַנד דאָ אַ בערגל ערד, אונטער וועלכן עס ליגט אָט דאָס ליבע קינד?

האָט זיך נאָך מער פאַרקלעמט דאָס האַרץ און איך האָב דערפילט, אַז עס האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעלאָזט מיינע כוחות. פאַר די אויגן האָט

ווידער זיך פאַרצויגן אַ נעפּל און אויף דעם פּאַפּיר זיינען ווידער געפאַלן מיינע טרערן.

עס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע צו מאַכן אַ הספד אויף איינעם, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט און אַזוי טייער. ווי האָב איך זיך גאָר געקאָנט ריכטן, אַז איך וועל מוזן מאַכן נאָך צוויי אַזעלכע הספדים און נאָך צוויי מאָל זיך באַגיסן מיט בלוט.

אין דעם הויף פון דער אַרבעטער־קאָלאָניע אויף אַ בערגל צווישן בלומען האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן טאָוול מיט די נעמען פון אַלע יונגע זין און טעכטער, וועלכע זיינען פון אָט דער קאָלאָניע אַוועק דינען דעם לאַנד און קעמפן געגן דעם פאַשיסטישן שונא. בּאַ איין נאָמען איז געווען צוגעקלאַפּט אַ גאָלדענער שטערן. דאָס איז געווען דער נאָמען פון דעם ערשטן קרבן פון צווישן די איינוואוינער פון אָט דער קאָלאָניע. דאָס איז געווען דער נאָמען פון העראָלד ווייס.

איז אַז מען דעקט אויף אַזאַ דענק־טאָוול, אַז די נאָענטסטע פריינט פון דער פאַמיליע, וואָס האָט געליטן אַזאַ גרויסן פאַרלוסט, לאַדן דיך איין צו רעדן באַ אָט דער צערעמאָניע, אַז דו טרעטסט אַרויס באַ פאַר־זאַמלונגען און רעדסט וועגן די פאַרלוסטן, וואָס די מלחמה קאָסט, און וועגן דער נויטווענדיגקייט קיין זאַך ניט צו שפּאָרן און צו שלאָגן דעם שונא, אַז דו האָסט שוין געמאַכט פריער אַ געשריבענעם הספד אויף אָט דעם יונגן זון, באַ וועמעס נאָמען עס איז איצט צוגעקלאַפּט אַ גאָלדע־נער שטערן, טאָ ווי קאָנסטו פלוצלונג זיך אָפּזאָגן און ניט רעדן?

ווער וועט נעמען ערנסט דיין דערקלערונג, אַז דיין האַרץ גיסט זיך אָפּ מיט בלוט, אַז צו רעדן דאָ מיינט דאָס זעלבע, ווי מאַכן אַ הספד אויף אַן אייגענעם זון? וואָס מיינען דיינע רייד, ווען דער פאָטער אַליין האָט צוגעשטימט צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

איז גיי דערציי׳ל מענטשן, אַז כאָטש דו ביסט אַ רעדנער, כאָטש אַלע מעגן האַלטן, אַז אַ רעדע איז באַ דיר גאָר אַ לייכטע זאַך, האָקן זיך דיר אונטער די פיס ווען דו שטייסט דאָ לעבן דעם טאָוול און דאַרפסט מאַכן אַ הספד אויף דעם טויט פון איינעם, וואָס איז דיר געווען אַזוי טייער, און טאָן דאַרפסטו דאָס אין דער אַנוועזנהייט פון די טייערע פריינט — די עלטערן פון דעם אומגעקומענעם זון.

נאָר אויב שוין יאָ רעדן, איז זאָל דאָ אונטער אָט דעם אויסגע־שטערנטן הימל אין אָט דעם אָוונט זיך צעטראָגן די וואָרענונג, אַז

מלחמה איז שוין ניט נאָר אַן ענין פון ערגעץ ווייט אויף שלאַכט־פעל־דער, נאָר דאָ — אויף אונזערע גאַסן און אין אונזערע היימען — קאָנען מיר שוין דערהערן דאָס דונערן פון קאַנאָנען און מיר קאָנען שוין דערזען דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אונזערע אייגענע. אַהער צו אונז האָט זיך אויסגעשטרעקט די בלוטיגע לאַפּע פון דעם שונא, וואָס האָט צוגענומען אַ יונג לעבן, וואָס איז דאָ צווישן אַט די געביידעס און צווישן אַט די בלומען אויסגעוואַקסן.

און כדי עס זאָלן ווערן קלאָר די באַדייטונג פון דער גרויס פון דעם פאַרלוסט, דאַרף מען דערציילן וועגן דעם טייערן הערצל אַזוי, אַז הימל און ערד זאָלן וויינען און אַז מענטשישע פויסטן זאָלן זיך פאַרקלעמען און ליפּן זאָלן שטיל געבן אַ שבועה:

— מער זאָל קיינמאָל ניט זיין אַזאַ אומגליק אויף דער וועלט!

וויפיל געזונט עס האָט געקאָסט אַט דער הספּד — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. עס האָבן געוויינט פרויען און עס האָבן געוויינט מענער. איך יוגנט האָט געוויינט. דאָס האָט מען געוויינט אויף דעם וואַנזין פון אַ וועלט, וואָס פאַרשניידט די לעבנס פון אירע שענסטע קינדער. מיר אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מיין האַרץ וויינט גאָר באַזונדער, ווייל איך האָב ניט נאָר די עלטערן פון הערצל'ן געזען דאָ, ווי זי שטייען מיט געבויגענע קעפּ, ניט נאָר דעם געוויין פון אַרום האָב איך געהערט, נאָר איך האָב ווידער זיך אַריבערגעטראָגן אַהין, צו דעם אַנציאָ ביטש, און דערזען דאָרט דאָס בערגל ערד מיט דעם אויפשריפט אויף אַ ברעט: הערצל ווייס.

ווער האָט דעמאָלט, הערנדיג מיין הספּד, באַנומען, אַז מיין האַרץ ווערט צעריסן און אַז איך שטאַרק זיך מיט אַלע כוחות ניט צוזאַמענ־ברעכן.

אין יענעם מאָמענט וואָלט איך זיכער ניט געווען געגלויבט, ווען מען זאָגט מיר, אַז מיר וועט נאָך אויסקומען צו מאַכן אַ דריטן הספּד און ווידער איבערלעבן דעם זעלבן פּיין און ווידער אויפדעקן די זעלבע וואונד, וואָס פאַרהיילט זיך סיי ווי קיינמאָל ניט אינגאַנצן.

באַ אַ לעיק ווייט פון שטאָט איז געשטאַנען אַ שיין, ציכטיג, ווייס שטיבל, וואָס האָט געהאַט אין שכנות נאָך אַזעלכע שיינע, ווייסע שטיב־לעך. דאָס איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע זומער־קאָלאָניע. אין דעם ציכטיגן שטיבל האָט הערצל פאַרבראַכט אַרום אַ העלפט פון זיינע

געצײַלטע זומערן. דאָרט איז ער געוואַקסן ווי אַ בלום. דאָרט אויפ׳ן לעיק האָט געקלונגען זײַן שטימע צווישן די שטימען פון זאַרגלאָזער יוגנט. דאָרט האָט אויף דער זון געבליאַסקעט זײַן פאַרברױנטער קער־פּער צווישן די פאַרברױנטע קערפּערס פון די זין און טעכטער פון אַט די אַלע קאָאָפּעראַטאָרס.

מער וועט דאָ זיך ניט הערן די שטימע פון דעם באַליבטן יונגן בחור. מער וועט מען דאָ ניט זען זײַן ליבן שמייכל. מער וועט אויף דער זון ניט שײַנען דאָ זײַן פאַרברױנטער קערפּער.

ווי שווער עס איז פאַר טאַטע־מאַמע צו גיין דאָ לעבן דעם לעיק יעדן טאָג. אָט דאָ איז העראָלד געשטאַנען. אָט דאָ איז העראָלד גע־שוואומען. אָט דאָ איז העראָלד געלאָפן. איצט שפּילן דאָ און לויפן דאָ און לאַכן דאָ אַנדערע, נאָר העראָלד וועט שוין דאָ קיינמאָל ניט זײַן.

איז דערפאַר געווען אַזוי טאַקטיש און חבריש און מענטשיש מצד די אַנדערע קאָאָפּעראַטאָרס, אַז זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם ווייטיק פון די צעבראָכענע עלטערן, וועלכע קוקן־צו טאָג נאָך טאָג ווי זאַרגלאָזע יוגנט פאַרברענגט דאָ לעבן דעם לעיק, בשעת זיי האָבן געבראַכט אַזאַ גרויסן קרבן, אַז זאָרגלאָזיגקייט זאָל אויף ווייטער ניט צוגענומען ווערן פון דעם לאַנד.

די קאָאָפּעראַטאָרס האָבן באַשלאָסן צו ווידמענען דעם אָנדענק פון דעם אומגעקומענעם דעם שפּיל־פּלאַץ אין דער קאָלאָניע. אין אַ געוויסן יום טוב סוף זומער האָט מען געדאַרפט אויפדעקן די מעטאַלענע פּלאַטע, וואָס איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַ הויכער וואַנט, דערציילנדיק, אַז דאָס איז אין אָנדענק פון אײַנעם, וועלכער איז דאָ אויסגעוואַקסן און איז פון דאַנענט אַוועק אויף דעם שלאַכט־פעלד.

מען האָט מיך אײַנגעלאַדן צו קומען רעדן בײַ דער צערעמאָניע פון אויפדעקן דעם דענקמאָל. עס האָט גאָר ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן אָפּזאָגן זיך, וועגן דערציילן די אײַנלאַדער וויפיל געזונט דאָס וועט צונעמען, וועגן פּרובירן זיי דערקלערן, אַז דאָס מיינט פאַר מיר פּונקט אַזאַ אַנגסט, ווי ווען איך וואָלט דאַרפן רייד וועגן אַן אייגן קינד.

איך בין געקומען. עס איז געווען אַ הייסער, אַ שטיקנדיגער, אַ ברענענדיגער טאָג. געווען זײַנען דאָ פאַרזאַמלט כמעט אַלע אײַנוואוי־נער פון דער קאָלאָניע. עס זײַנען דאָ אויך געווען יונגע בחורים אין מונדירן פון דער אַרמיי און פון דעם פלאָט. אויך אָפיצערן זײַנען דאָ געווען. מען האָט אָנגעהויבן מיט אַ מיליטערישער צערעמאָניע. ווייט

ערגעץ אין דער קאָלאָניע האָט אַ טרומפּייט אויסגעשאַלט דעם אָנזאָג, אַז עס ווערט געערדט דער אָנדענק פון אַ געפאַלענעם סאָלדאַט. אַ צווייטער טרומפּייט־שאַל דאָ ניט ווייט האָט אָפּגעענטפערט.

עס האָבן געערדט די אָפיצערן. עס האָט געערדט אַ באַאַמטער פון דער אָרטיגער פאַרוואַלטונג. עס האָט געערדט אויך דער פּאַטער. אַ שטיין האָט געקאָנט געריירט ווערן פון זיינע רייד, ווען ער האָט געפּאָ־דערט, אַז דער טויט פון זיין הערעלד און פון אַלע אַנדערע הערעלדס זאָל כאָטש ניט זיין אומזיסט. זיין אויסרוף: „אונזערע וואונדן קאָנען זיך ניט פאַרהיילן!" — האָט געדאַרפט געהערט ווערן פון דער גאַנצער וועלט.

צו יענער צייט האָבן זיך שוין גענומען ווידער הערן די שטימען פון די, וועלכע זיינען אויף אַ קורצער צייט אַנשטומט געוואָרן. עס האָבן ווידער גענומען זיך אויפהויבן די קעפּ די, וועלכע האָבן ניט געוואַגט ווייזן זייער רעאַקציאָנערן פּנים אין צייט פון קריג. ווידער האָבן זיך גענומען הערן רייד פון סם און גאַל געגן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. ווידער האָט די לופט אָנגעהויבן זיך אָנפילן מיט העצעס געגן די, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה און אין צייט פון דער מלחמה פאַרנומען די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם.

איך האָב אָנגעהויבן דאָרט, וואו דער פּאַטער האָט אויסגעלאָזט. איך האָב געערדט וועגן דעם, אַז אויף אונז ליגט אַ חוב צו קעמפן און זיך דערשלאָגן, אַז די לעבנס פון די הערעלדס, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער, זאָלן ניט פאַר׳חוזק׳ט ווערן. דעמאָלט האָב איך שוין ניט אַליין געקוקט אויף דעם בערגל ערד אין איטאַליע, וואו עס ליגן די ביינער פון דעם טייערן זון, נאָר איך האָב געפירט אַהין די אַלע, וועלכע זיינען דאָ געווען פאַרזאַמלט. ניט נאָר צו אָט דעם בערגל זיינען מיר געגאַנגען. מיר זיינען געגאַנגען צו אַלע בערגלעך, צו אַלע קברים — צו אַלע רייען און רייען פון קברים אין אייראָפּע, אַפריקע, אַזיע, אויף פּאַסיפישע אינזלען — אומעטום, וואו עס זיינען געפאַלן אונזערע אייגענע — און, שטייענדיג בײַ אָט די קברים, האָב איך געפרעגט, צי וועט זיך איינגעבן די פינסטערע כוחות ווידער אַריינ־שלעפּן די וועלט אין אַ בלוטיגן קריג?

איך האָב זיך אומגעקערט צו הערעלד׳ן, צו זיינע עלטערן, צו זיינע פריינט דאָ און איך האָב דערציילט וועגן דער גרויס פון זייער פאַרלוסט, וועגן דעם, וואָס די וועלט פאַרלירט מיט דעם טויט פון יעדן איינעם פון אַזעלכע הערעלדס, איך האָב זיך אומגעקערט צו הערעלד׳ס קינדהייט,

צו זיין יוגנט, צו זיינע טרוימען, צו דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן ווערן און צו דעם, וואָס עס האָט געקאָנט פון אים ווערן.

פאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן געווישט זייערע טרערן. עס האָבן געוויינט אַלע אַנוועזענדע, נאָר איך האָב ניט געוויינט. אין מיר האָט געוויינט אינעווייניג מיין האַרץ, ווייל אין מיינע אויערן האָט געקלונגען אַן אויפהער דאָס שאַלן פון די טרומפּייטן; פון געדאַנק איז ניט אַרויס דאָס בילד פון דעם בערגל ערד מיט דעם ברעטל, אויף וועלכן עס איז אויפגעשריבן דער נאָמען פון דעם ליבן זון; און ווייל דער באַוואוסטזיין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט דער סוף פון דעם קאַמף — דער קאַמף הויבט זיך ערשט אָן. דאָס איז אַ קאַמף פאַר דעם, וואָס פאַר אַ סאָרט וועלט עס זאָל איינגעשטעלט ווערן. מיר זיינען עדות פון די געבורט־ווייען פון אַ נייער וועלט.

דריי מאָל האָב איך געמאַכט אַ הספּד אויף איינעם פון די, וועלכע זיינען געפאַלן, קעמפענדיג פאַר דעם, אַז געבוירן זאָל ווערן אַ וועלט אָן מלחמות, אָן פעלקער־האַס און אָן בערגלעך ערד אויף פריצייטיגע קברים.

קוקנדיג אויף צוריק, ווייס איך גאָר ניט פון וואַנעט עס האָבן זיך צו מיר גענומען די כוחות צו קאָנען מאַכן אָט די דריי הספּדים, יעדער איינער פון וועלכע עס האָט באַ מיר צוגענומען אַ שטיק געזונט.

עס ווייזט אויס, אַז ווען עמיצער און גאָר־גאָר טייער, קאָן מען באַם פאַרלירן אים איינגאַנצן פאַרגליווערט ווערן און שווייגן, נאָר מען קאָן אויך, אויב מען דאַרף, רעדן, כאָטש דאָס איז מיט דעם בלוט פון דעם האַרצן.

קאַפּיטל 41.

אַ פּריוואַטע לעקציע דעם רעדאַקטאָר פון אַ באַלעבאַטישער צייטונג

אויב אַ גרויסער אמת קאָן ניט רירן קיין מענטשן, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן קליינע חשבונות, אויב אַ קאָלאָסאַלע היסטאָרישע פּאַסירונג קאָן ניט פירן צו דעם, אַז מענטשן זאָלן זיך אויפהויבן העכער פון זייער געוויינלעכער פלאַך — דעמאָלט פאַרלירט זיך אינגאַנצן דער גלויבן, אַז באַ אָט די מענטשן איז וואָס עס ניט איז טייער.

זייענדיג דורכגעדרונגען מיט אַזאַ צוגאַנג, וואָס אַ סך פּראַקטישע מענטשן באַצייכענען אַלס נאַאיוו, האָט זיך מיר געהאַט געדאַכט, אַז דער גרויסער באַדייט פון דער פּראָקלאַמירונג פון בירא־בידזשאַן אַלס אידישע אויטאָנאָמיע איז פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז מענטשן וועלן פאַרגעסן זייערע פּאַרטיי־חשבונות און קלייזל־פּאָליטיק, וועלן אַוועקוואַרפן זייערע פאַרורטיילן אין באַצוג צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועלן אַרויס יובלען צוזאַמען מיט אַלע פריינט פון בירא־בידזשאַן.

איז דען דער יום־טוב פון בירא־בידזשאַן בלויז אַ פרייד פאַר די, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג אָנגעהאַלטן פריינדלעכע פאַרבינדונגען מיט די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? איז דען דער יום־טוב פון די פּיאָנערן אויף דעם אַמור בלויז דער יום־טוב פון די, וועלכע האָבן דערוואַרטעט אַזאַ אויסגאַנג? איז דען די פרייד פון דעם געקרוינטן דערפאָלג פון אידישער מי אין פעלד און פאַבריק — בלויז די פרייד פון אַ באַזונדער שיכט אידן?

קאָנען דען אמת'ע פריינט פון אידישן אויפבוי שטיין אין אַ זייט און בלייבן גלייכגילטיג? קאָנען דען אידן פון וועלכן ניט איז שיכט און פון וועלכער ניט איז ריכטונג זיך זאָגן, אַז זיי גייט עס ניט אָן? קאָנען

זיי דען אין זיך געפינען מוט צו פאַרלייקענען די גרויס פון דער דער־גרייכונג און צו מיגימיזירן די באַדייטונג פון דעם נייעם קאַפּיטל אין דעם אידישן לעבן? קאָן מען דאָס טאָן אין דער צייט, ווען אין פוילן איזדיעקעוועט מען זיך איבער די אידן, ווען אין דייטשלאַנד הוליעט אַזוי ווילד דער בייזער גייסט פון דעם בלוטיגן נאַציזם און ווען אומעטום האָט דער מאָנסטער פון אַנטיסעמיטיזם אַזוי דרייסט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַוויזן זיינע שוידערלעכע ציין?

ניין, מען מוז גלויבן, אַז עס וועט זיך אַ טראָג־טאָן אַ שטראָם פון פרייד און אַז די מערסטע וועלן זיך דערפילן דערהויבן און אַז באַ פרומע אידן וועט זיך אַרויסרייסן אַן אויסרוף פון גליק: שהחינו לזמן הזה!

און ווער נאָך דאַרף אין אָט די טעג זיין צווישן די ערשטע צו לאָזן הערן זייער שטימע, אויב ניט די רעדאַקטאָרן פון אידישע צייטונגען? אפשר איז שווער פאַר זיי צו מאַכן אַ קער פון זייער פריערדיגן צוגאַנג. אפשר איז פאַר זיי ניט אַזאַ לייכטע זאַך אַרויסצוקומען און זאָגן — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אין לויף פון יאָרן געזאָגט דאָס פאַר־קערטע — אַז בירא־בידזשאַן איז אַ דערפאָלג און אַז דאָרט בויט זיך אַ אידישע מלוכה. אפשר איז נויטיג זיי געבן אַ שטויס צו אַזאַ אַרויסטריט. אפשר איז נויטיג זיי צו דערמוטיגן און זיי דערמאָנען זייער חוב, וואָס דער מאָמענט פאָדערט פון זיי צו צאָלן.

זאָל קיינער ניט קאָנען זאָגן, אַז מען האָט אים ניט דערמאָנט, אַז מען האָט אים צו דעם שמחה ניט איינגעלאַדן. דער יום־טוב איז דאָך אַלעמענס, טאָ זאָלן אַלע האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַטייליגן זיך אין אים.

דורכגעדרונגען מיט אַזאַ געפיל און באַפעסטיגט מיט אַ דערלויב־עניש פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם „איקאָר", וואָס האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ גאָר גרויסן מחותן אויף דעם יום־טוב, בין איך אַוועק צו דעם רעדאַקטאָר פון איינער אַ באַלעבאַטישער צייטונג מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די צייטונג זאָל אָפּגעבן אַ סך פלאַץ דער באַלויכטונג פון דער בירא־ביד־זשאַנער אויטאָנאָמיע און זאָל רופן די ברייטע אידישע מאַסן צו באַטיי־ליגן זיך אין אַלע אַקציעס פאַר בירא־בידזשאַן.

עס איז דורכגעפירט געוואָרן דער גאַנצער אָנשטעל פון לאָזן וואָרטן אויף זיך אויף דעם טעלעפאָן, פון לאָזן אַ טעלעפאָניסטקע רעדן אין נאָ־מען פון דעם „עדיטאָר אין טשיף" און ענדלעך פון אויסנעמען אויף

דעם טעלעפאָן, אַז דער „אַפּוינטמענט" איז פּונקט אויף אַזאַ און אַזאַ צייט און ניט אויף קיין מינוט שפּעטער. עס דאַרף הייסן, אַז דער רעדאַקטאָר איז עפּעס אַ גאָר וואַזשנער מענטש — באַ אים איז אַלץ צו דער מינוט.

מילא, אַז מען איז געטריי אַ געוויסן ענין, קאָן מען אָט די גאַנצע אַנגעבלאָזנקייט אויך איבערטראָגן. און אָט איז די געבײַדע פון דער צייטונג. אַן ענגער קאָרידאָר, אָפּגעלאָזענע שמאָלע טרעפּ, אָפּגעקאָלופּעטע ווענט און ערגעץ אין אַ קליין צימערל, וואו עס ליגן אָנגעוואָרפן אַ סך צייטונגען, זיצט באַ אַ טיש דער רעדאַקטאָר, וועלכער קעניגט דאָ.

מיר באַגריסן זיך און איך גיב אין קורצן איבער וועגן מיין מיסיע. שוין פון די ערשטע פראַגן פון דעם רעדאַקטאָר און דערנאָך פון זיינע באַמערקונגען, וואָס ער מאַכט, איז גאַנץ קלאָר, אַז עס האָט אים גאָר ניט גערירט; עס האָט אויף אים קיין זאַך ניט געווירקט. און פּונקט ווי איך בין באַגייסטערט און דערהויבן פון דעם אַקט פון דער סאָוועטן־מלוכה אין באַצוג צו ביראָ־בידזשאַן, פּונקט אַזוי איז ער קאַלט און גלייכ־גילטיג און אַפילו ציניש. איך גיב אָבער ניט אויף. אין מיר דער־וועקט זיך דער לעקטאָר, וועלכער גלויבט אין דער קראַפט פון וואָרט און אין דעם כוח פון אויפקלערונג. איך לאָז ניט דורך די קאַלטע בליקן פון דעם מענטשן, וועלכער זיצט געגן מיר. איך פאַרפעל ניט צו באַמערקן זיין שמייכעלע מיט אַ צינישן אויסדרוק, ווי איינער זאָגט: מיך נעמט מען ניט מיט אַזעלכע רייד; מען האָט עס שוין ניט איין מאָל געהערט!

איך ווענד אָן אַלערליי צוגאַנגען; איך אַפּעליר צו זיין געוויסן; איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם מאַרטירער־קאַפּיטל פון די אידן אין איראָפּע אין דעם געגעבענעם מאָמענט; איך שטרייך אונטער זיין חוב אַלס אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג; איך פּרוביר אַרויסברענגען דעם שטאָלץ, וואָס דאַרף אונז אַלעמען באַהערשן דורך דעם, וואָס די סאָווע־טישע אידן האָבן מיט זייער דערפאָלגרייכן בויען געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים אַלע אונזערע שונאים, וועלכע האָבן אַזויפיל מאָל אויף אַלערליי אופנים ווידערהאָלט דעם בלבול, אַז אידן ווילן ניט און קאָנען ניט אַרבעטן.

אָט דאַכט זיך מיר פּלוצלונג אויס, אַז באַ דעם רעדאַקטאָר האָט אַ פינקל־געטאָן עפּעס אַ פלעמל אין אויג.

— און אָט איז וואָס מיר וואָלטן וועלן פון אייך קאָנקרעט אין דעם איצטיגן מאָמענט. איך רעכן אויס אַ צאָל פאָרשלאַגן, וואָס וואָלטן גע־

קאָנט אָנגענומען ווערן און דינען ווי אַ געווינס פאַר דער צייטונג ווען זי טוט דאָס היסטאָריש־נויטיגע אין אַ גרויסן מאָמענט.

אָנשטאָט צו ענטפערן מיר אויף מיינע פאָרשלאָגן, אָנשטאָט צו זאָגן וואָס ער טראַכט וועגן בירא־בידזשאַן — לאָזט זיך דער רעדאַקטאָר גאָר אַוועק אין אַ פאַרביטערטער אַטאַקע אויף די אַנטי־ציוניסטן און כאָטש ער דערזאָגט ניט, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז פון אים שרייט אַרויס קנאה, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

— איר ווילט איך זאָל זיך פרייען מיט „אייער" בירא־בידזשאַן, ווען איר דערפאַר אָננעמען „מיין" ציוניזם?

איך לאָז אים ניט אָפּ. איך אַרגומענטיר מיט אים און פּרוביר באַווייזן, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן קיין צוויי קאָנקורירנדיגע זאַכן. איך טענה, אַז אַפילו אַ ציוניסט דאַרף זיך פרייען מיט דער אידישער אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאַן. איך פּרוביר שלאָגן אויף דער סטרונע פון דעם, וואָס ניט אַלע לייענער פון זיין צייטונג זיינען דאָך ציוניסטן און ער טאָר זיי ניט באַרויבן פון דער מעגלעכקייט צו קריגן אַ ברייטע באַלויכטונג וועגן דעם נייעם קאַפּיטל פון בירא־בידזשאַן. איך דריק אויס די מיינונג, אַז עס וואָלט אַפילו געווען ראַטזאַם צו דערלויבן אַן אויסטויש פון מיינונגען צווישן ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן וועגן דער באַדייטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאַן. איך רעד און רעד און הויב אָן פילן אַלץ מער, אַז מיינע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן. איך הויב זיך אויף און זאָג דעם רעדאַקטאָר:

— טאָ פאַרוואָס ענטפערט איר מיר ניט דירעקט? פאַרוואָס זאָגט איר ניט, צי איר וועט עפּעס טאָן?

— מיר וועלן זיך איבערלייגן, — ענטפערט ער מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט, אַז עס דערפילט זיך ווי ער וואָלט וועלן זיך גוט אויסגעניצן און זאָגן: וואָס דרייט איר אַ היטל מיט בירא־בידזשאַן?

איך פאַרלאָז אים. מיין געמיט איז דערשלאָגן. איך פיל עפּעס אַ ביטערן טעם אין מויל, נאָר איך זאָג זיך אַליין: דאָס, וואָס די פּריוואַטע לעקציע האָט ניט באַוויזן, וועט דאָס לעבן באַווייזן. אויב ניט דער רעדאַקטאָר, וועלן זיינע לייענער אָבער יאָ זיך דורכדרינגען מיט דעם גייסט פון דער צייט און זיי וועלן ניט פאַרפעלן צו באַגרייפן די גרויס פון דעם נייעם קער אין דעם לעבן פון די סאָוועטישע אידן.

קאַפּיטל 42.

איך רוף אַליין דעם עולם צו מיין לעקציע. אין פּיטסבורג.

אָפּט פאַרדריסן אונז זאַכן ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַזוי וויכטיג אין זיך זעלבסט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי פּאַסירן אַזוי אומדערוואַרטעט און קוקן אויס אַזוי אומגעלומפּערט און לעכערלעך. דו פאַרסט און פאַרסט און עס דאַכט זיך, אַז צו דער מאַנאַטאַנער רייזע וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט קומען און אַז עס וועט גאָר ניט נעמען קיין עק צו אָט דעם שטיקן זיך מיט דער זויערלעכער לופט אין אָט דעם אַנגערויכערטן, האַלבפינסטערן און קאַלטן וואַגאָן. און ענדלעך קריכט די באַן אַריין אין אַ דונקלקייט פון אַ נעבל, וואָס לאָזט קוים דורך די שיין פון עטלעכע לאַמטערנעס. דער קאָנדוקטאָר זאָגט אָן מיט אַן אַפּאַטיע אין זיין קול:

— נעקסט סטיישאַן־סטאָפּ פּיטסבורג.

איז געשלעפּט זיך אַ גאַנצן טאָג און געפילט זיך לאַנגווייליג און אומגעדולדיג, נאָר אַרויסגעקוקט אויף אָט דער מינוט, ווען די באַן וועט אָנקומען אין דער גרויסער שטאָט; ווען עמיצער פון נאָענטע וועט קומען באַגעגענען באַ דער באַן; ווען עס וועט אין אַ ליכטיגן זאַל זיך באַווייזן דער פאַרזאַמלטער עולם פון נאָענטע און טייערע חברים און פריינט און ווען דער שווערער געמיט וועט פאַרשווינדן. די לאַסט, וואָס דריקט, איז נאָך שווערער, ווייל עס קומט גראַד זעלטן אויס צו פילן זיך אויסגעשעפּט פון אַ רייזע, ווייל גראַד איז יעדע רייזע אַ דערפריי־שונג און יעדע שעה אין אַ באַן איז אַן אינטערעסאַנטע דערפאַרונג, וואָס פאַרכאַפּט און ברענגט נייע באַאָבאַכטונגען; ווייל אפילו ווען עס קומט אויס צו פאָרן אויף דעם זעלבן וועג שוין צום וויפלסטן מאָל, איז דאָס אַלץ פאַרכאַפּנדיג אינטערעסאַנט און איז אַלע מאָל ניי. און דאָ אַזאַ געפיל, אַז עפּעס איז אַ שווערע מאַסע אויף דיר אַרויפגעלעגט געוואָרן און אַז ניט אַ טאָג האָט די רייזע געדויערט, נאָר אַז עס איז שוין אַ לאַנגע,

לאַנגע צייט אַוועק פון דער מינוט, ווען די באַן האָט אַן אַנדער גרויסע שטאָט פאַרלאָזן אויף דעם וועג אַהער.

באַ אַזאַ שטימונג ווילט זיך אַזוי, אַז אויף דעם וואָקזאַל זאָל טאַקע זיין עמיצער, וועמען צו דריקן די האַנט און צו וועמען זאָגן אַ וואָרט, נאָר אומזיסט דאָס זוכן אין אַלע זייטן — קיינער איז ניטאָ.

ווערט אויף דעם האַרצן נאָך שווערער, און דער שווערער געמיט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, ווערט נאָך דערדריקנדיגער.

שמאַלע, אָפּגעלאָזענע, געדרייטע געסלעך, וואָס ציִען זיך באַרג־אַרויף אין דעם פאַר׳חושכ׳טן סלאַם־דיסטריקט פון פּיטסבורג, זיינען ווי זאַלץ אויף די וואונדן. די גאַר שוואַכע באַלויכטונג אין אָט דעם קוואַר־טאַל מאַכט נאָך נעבעכדיגער אָט די אָפּגעלאָזנקייט. אין אַזאַ אַטמאָס־פערע פלאַדיען זיך פאַרברעכנס — דאָ איז אַ פרוכטבאַרער באָדן פאַר זיי. און אָט דאָ דאַרף איך דורכגיין אויף צו קומען צו דער גאַס, וואָס איך זוך.

עס פעלט נאָך בלויז, אַז עמיצער זאָל דאָ געבן מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ. אין אַזאַ קוואַרטאַל קאָן מען אַלץ דערוואַרטן.

אָט שטייט אַ שכור באַם עק טראָטואַר און ווידערהאָלט געמיטלעך:

— איי סטיל העוו טאַים טו געט דראַנק! — (איך האָב נאָך צייט צו ווערן שכור)

אין זיין שכור׳ן מוח באַמבלט זיך אים אפשר, אַז ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיגן און ער טרייסט זיך אַליין, אַז ער האָט נאָך צייט זיך אָנצו־זשליאָקען, כאָטש ס׳איז קלאָר, אַז ער איז שוין גאַר גוט פאַרשנאָשקעט.

פון ערגעץ דערהערט זיך אַ געשריי און אַ טיר פליט אַ פאַרשוין, וועלכן אַ געזונטער בחור׳עץ שליידערט אַרויס פון אַ סאַלון.

אין דער האַלב־באַלויכטענער דונקלקייט באַווייזן זיך פלוצלונג פרויען־סילועטן, וואָס זיינען צוגעדריקט צו די ווענט; עס גייט אַן אָפענער און צעכראַסטעטער אָנבאָט פון לייבער. מען באַנוגנט זיך ניט מיט ווערטער אַליין, נאָר מען שלעפּט פאַר די האַרבל.

אַ פּאָליציייאישער אויטאָמאָביל קומט אָן. די צוויי געזעץ־היטער קוקן גאַנץ געמיטלעך אויף דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, און פאָרן לאַנגזאַם אַוועק.

און אָט איז דאָס שמאָלע געסל, וואו עס געפינט זיך דער לעיבאָר טעמפּל, וואו עס דאַרף זיין די לעקציע. באַלד וועט זיין ליכטיג און וואַרים. באַלד וועט זיך פאַרגעסן אָט דער חושך, נאָר וואָס מיינט עס? וואָס קומט דאָ פאָר? — אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס. באַ וועמען צו פרעגן איז ניטאָ. קומט שוין אויס צו גיין צוריק צו דער געשעפט־

גאַס, וואָס איז דאָ דערביי, און וואָס טראָגט דעם פּרעטענציעזן נאָמען „סענטער סטריט״. אַז אָט די אָפּגעלאָזענע גאַס איז ניט קיין צענט־ראַלע גאַס אין שטאָט, זאָגט עדות יעדער ציגל פון טראָטואַר, יעדע לאָך אין ברוק און יעדע פון אָט די צעדרומטשקעטע געביידעס.

איצט דאַרף מען באַשטימען אין וועלכן פון אָט די קרעמלעך איז מעגלעך אָנצוטרעפן מענטשן, וועלכע וועלן קאָנען געבן עפּעס אַן אָנ־ווייזונג. דאָ אין דעם קליידער־געשעפט וועט זיין אומזיסט צו פרעגן. דער קצב וועט אויך מסתמא גאָר ניט וויסן וועגן די מענטשן, וועלכע גייען צו לעקציעס. אין דער בעקעריי — אפשר, נאָר פריער בעסער פּרובירן אָט דאָ אין דעם קרעמל פון סאָדא וואַסער, מען פאַרקויפט דאָ דאַכט זיך צייטונגען אויך. יאָ, די פרוי ווייסט טאַקע זייער גוט וועגן די אַלע, וועלכע קומען געוויינלעך אין דעם לעיבאָר טעמפּל.

— אָ, איר מיינט די לינקע, — זאָגט זי צו מיר — היינט זיינען זיי אַלע אַוועק צו זען מאָריס שוואַרצ׳ן. זי וואונדערט זיך אַפילו וואָס איך וויס ניט וואו שוואַרץ שפּילט.

— ווער ווייסט עס נישט וואו שוואַרץ שפּילט? — פרעגט זי אַ פאַרוואונדערטע. ווען איך פרעג אָבער באַ איר ווי מען גייט צו דעם פּלאַץ, וואָס זי דערמאָנט, כאַפּט זי זיך ערשט, אַז איך בין מסתמא גאָר אַ פרעמדער אין שטאָט. זי אַנטשולדיגט זיך און דערקלערט ווי צו גיין.

ווידער שמאָלע און געדרייטע געסלעך, נאָר איצט שוין באַרג־אַראָפּ, און אָט הויבט אָן ווערן ליכטיגער, ווייל עס איז שוין אין האַרץ פון שטאָט. אויף די ווענט פון אַ קאָלירלאָזער געביידע, וואָס פאַרמאָגט אַ ברייטן אַריינגאַנג ווי אין אַ גאַראַדזש, הענגען אַפישן מיט ריזיגע בוכ־שטאַבן אין אידיש — דאָ שפּילט היינט מאָריס שוואַרץ. עס איז אין מיטן אַן אַקט און מען זעט ניט באַ דער טיר קיין לעבעדיגן מענטשן. קומט אויס צו וואַרטן און זיך אַליין דערמאָנען אַלע מינוט, אַז מסתמא האָט דער אַקט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן, ווייל בשעת די געביידע האָט זיך באַוויזן פון ווייטנס איז שוין דאָ קיינער אין דרויסן ניט געווען, און אָט זיינען שוין אַוועק היבשע עטלעכע מינוט זינט עס קומט אויס דאָ צו שטיין — מסתמא וועט באַלד זיין אַן אנטראַקט.

פּלוצלונג עפנט זיך די ברייטע טיר און אַ יונגער בחור קומט אַרויס און קוקט אויף ביידע זייטן גאַס, זוכנדיג עפּעס. ער איז אָן אַ מאַנטל און אָן אַ היטל אין אָט דער קאַלטער נאַכט. דאָס איז ער אַרויס אויף אַ מינוט ערגעץ קויפן אַ גלעזל סאדא און אים גייט וויניג אָן וואָס

עמיצער שטייט דאָ בא דער טיר, נאָר מיר גייט ער זייער שטאַרק אָן. איך פרעג אים צי קאָן ער עמיצן פון די לייענער פון דער צייטונג, וואָס האָט מיך געשיקט אַהער צו אַ לעקציע. זיכער קאָן ער די לייענער, ווייל ער איז אַליין אויך איינער פון זיי. ער גיט אויף מיר אַ קוק, ווי ער וואָלט ביז איצט גאָר ניט געזען דעם, וועלכער האָט צו אים גערעדט, און צעפירט מיט די הענט, אויסרופנדיג:

— חבר אַלמאַזאָוו...? וואָס טוט איר דאָ איצט?

עס האָט לאַנג ניט געדויערט אויסצוגעפינען, אַז מען האָט מיך גאָר ניט דערוואַרט, ווייל מען האָט ניט געקראָגן קיין שום מעלדונג וועגן מיין קומען. ווי איך האָב ערשט שפּעטער אויסגעפונען איז דער בריוו קיין פּיטסבורג דורך אַ טעות געשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאַט.

דער חבר האָט אַרויסגערופן פון טעאַטער נאָך עטלעכע פריינט און מיר האָבן אויף שנעל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אין גאַס לעבן דער בריי־טער טיר פון דער געביידע, וואו מאַריס שוואַרץ האָט געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט. עס איז מעגלעך, אַז די געשפּאַנטקייט צווישן די עטלעכע פאַרזאַמלטע אין דרויסן איז געווען ניט קלענער, ווי דאָרט אינעווייניג.

וואָס טוט מען? בלייבן דאָ אויף נאָך אַן אָוונט איז אוממעגלעך, ווייל שוין מאָרגן מוז איך לויט מיין מאַרשרוט זיין אין אַן אַנדער שטאַט. אָוועקפאָרן אָט אַזוי, ניט האַלטנדיג קיין לעקציע און ניט קריגנדיג פאַר דער צייטונג די נויטיגע פאָנדן, וועט מיינען, אַז אַ טייל פון דער רייזע וועט זיין אַן רעזולטאַטן און אַנשטאַט צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון דער צייטונג, וועלן די אומזיסטע אויסגאַבן פונ׳ם פאָרן גאָר מאַכן די לאַגע שווערער.

האָט מען געטראַכט און געטראַכט און מען האָט באַשלאָסן, אַז נאָך די נאַכט — נאָך דעם טעאַטער פאַרשטעלונג — וועט זיין די לעקציע.

ווי אַזוי די חברים האָבן מיך אַריינגענומען אין טעאַטער אָן אַ בילעט, האָב איך ניט געוואוסט און צו דעם ניט געצאָלט קיין אויפ־מערקזאַמקייט, פּונקט ווי איך האָב ניט באַמערקט קיין זאַך, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויף דער בינע. מיך האָט געדריקט אַ שרעקלעכער פאַר־דרוס צוליב דער אומזיניגער לאַגע, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן. מיך האָט פאַרפאָלגט אַ געדאַנק, אַז קיינער וועט ניט וועלן פון דאַנענט גיין אַזוי שפּעט צו הערן אַ לעקציע.

מיין שרעק איז אָבער געווען אַן אומזיסטע. די חברים האָבן דאָ גוט אָן האַרודעווע־געטאָן. בשעת די פאַרשטעלונג איז נאָך אָנגעגאַנגען האָט מען באַזאָרגט, אַז יעדער איינער, וואָס איז אַנוועזנד געווען אין טעאַטער, זאָל וויסן, אַז מען גייט צוזאַמען פון דאָרט אין לייבאָר טעמפּל.

מען האָט אַלעמען דרינגענדיג געבעטן ניט אַוועקצוגיין אַהיים. און קיי־נער איז אַהיים ניט אַוועק. ביז איינעם זיינען אַלע געגאַנגען צוזאַמען צו דער פאַרשלאָסענער געביידע.

מען האָט אויפגעשלאָסן די טירן; מען האָט אָנגעצונדן די באַ־לויכטונג און מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף די בענק. אַזאַ קאַלטקייט באַ אַ פאַרזאַמלונג, אַזאַ פראַגע אין די אויגן פון פאַרזאַמלטע, וואָס זאָגט: צוליב וואָס איז דאָס אַלץ? — אַזאַ זאַך איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען ביז דעמאָלט. אויב אַזוי, דאַרף מען עפּעס מיט אַ באַזונדער צו־גאַנג צערייסן אָט די אָנגעשטרענגטקייט, פאַרטרייבן די קאַלטקייט און דערנעענטערן צו זיך אָט די מענטשן, וואָס זיצן דאָ אַזוי פאַרפרעמדט.

וועט זיך דאָס איינגעבן? וועט אָט דער אָוונט ניט איבערלאָזן קיין ביטערן טעם אין מויל? וועלן אָט די מענטשן ניט שעלטן פאַר דעם, וואָס מען האָט צעשטערט זייער רו און פון אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג זיי געפירט צו אַ לעקציע?

אפשר האָט דאָ דוקא געהאָלפן די געדריקטע שטימונג, וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג קיין רו ניט געגעבן. עס האָט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרצן. עס האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זאָלן דערפילן ווי פאַרברע־כעריש עס איז דער חושך אַרום. עס האָט זיך געוואָלט ציען אַ פּאַראַלעל צווישן דער פינסטערניש דאָ, פון דער שכרות, וואָס הערשט דאָ אין די אָרימע קוואַרטאַלן; פון די פּרויען־סילועטן באַ די ווענט און צווישן דער פינסטערניש אין אַ וועלט, וואָס טראָגט זיך שנעל צו קריג און צו רואינע.

עס האָט געדאַרפט ווערן קלאָר, אַז אין אָט דער וועלט איז דאָס וואָרט פון דער געטרייער פּרעסע — אַ פריינט, אַ וועכטער, אַ פירער, אַ מאָבליזירער, אַן אויפקלערער, אַ וועגווייזער.

האָט זיך די אויפגאַבע איינגעגעבן יענעם אָוונט? דער ענטפער איז געקומען אין דעם ברייטן אָפּרוף מיט געלט און, ספּעציעל, אין דעם, וואָס ערשט נאָך דער לעקציע האָט קיינער ניט געוואָלט אַוועקגיין. מען האָט געוואָלט זיין צוזאַמען נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט און פאַרהיטן באַ זיך אין זכרון די וואַרימקייט פון אָט דעם אָוונט, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אַזוי קאַלט. מען איז געזעסן צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט געמאַכט קאַווע און מען האָט ערגעץ געקראָגן צובייסן. מען האָט פון אַ מיטן מיטוואָך געמאַכט אַ יום־טוב, ווייל אויף דעם האַרצן איז געוואָרן לייכט און ווייל מען האָט זיך געפילט געשטאַרקט אין דעם גלויבן, אַז מען אַרבעט פאַר אַ בעסערער און ליכטיגערער וועלט.

קאפיטל 43.

אַ דעבאַטע מיט לודוויג לואיסאָן

דער טעלעפאָן קלינגט און מען זאָגט מיר אָן, אַז נאָך דעם זעלבן אָוונט מוז איך זיין אין פילאַדעלפיע צו דעבאַטירן מיט דעם באַקענטן שרייבער לודוויג לואיסאָן. מיט אים האָט געזאָלט דעבאַטירן מ. אַלגין, וועלכער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, און מען האָט געמוזט האָבן עמיצן אַלגינ'ען צו פאַרבייטן. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף מיר דערפאַר וואָס די דעבאַטע איז געווען אויף דער טעמע „בירא־בידזשאַן און פּאַ־לעסטינע — וואו בויט זיך אַ אידישע מלוכה?” — אַ פראַגע, וואָס איך האָב שטודירט, זייענדיג דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן אויפקלערונג וועגן דעם נייעם אידישן לעבן אין בירא־בידזשאַן בפרט און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געפילט גאָר גוט וועגן דעם גאַנצן ענין. עס איז שוין אַזוי אָנגענומען, אַז אַ ממלא מקום באַטראַכט מען פאַר אַן אָנשיקעניש. דאָ איז נאָך מיין אפּאָנענט אַזאַ פראָמינענטער שרייבער און דערצו איז נאָך די דעבאַטע, ווי איך האָב פון דער ערשטער מינוט באַם אַריינקומען אין זאַל באַמערקט, פאַר אַן עולם, וואָס איז אַ „זייניגער” — פּערזענלעכע פאַרהערער און אַ גרויסע מערהייט ציוניסטן.

נאָר יאָ געפילט גוט, צי ניט געפילט גוט — איך האָב זיך אַליין אונטערגעגעבן קוראַזש און דרייסט אַרויפגעשפּאַנט אויף דער פּלאַטפאָרמע. דאָרט האָב איך געזען אַ גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אַרום אַ נידעריגן פּעטלעכן מענטשן, וועלכער איז דער איינציגער געזעסן. איך האָב אויסגעפונען ווער אין דער גרופּע עס איז דער פּאָרזיצער און איך האָב שוין אַליין באַגריפן ווער עס איז דער זיצנדיגער מענטש.

איך האָב דערקלערט דעם פּאָרזיצער, אַז איך בין געקומען פאַר־נעמען אַלגין'ס פּלאַץ. צו מיין איבערראַשונג האָט דער יונגער שמייכ־

לענדיגער בחור גאַר ניט אַרויסגעוויזן קיין אַנטוישונג און האָט מיך זייער וואַרים באַגריסט.

גאַר אַנדערש איז געווען ווען איך בין צוגעגאַנגען צו מיין אָפּאָנענט און זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט אַן צערעמאָניעס און גאַנץ אָפן מיר געלאָזט וויסן, אַז ער איז זייער אַנטוישט. וואָס איז מיר געבליבן צו טאָן? איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט אַ פריילעכן פּנים צו דער מיאוסער שפּיל.

דער פאָרזיצער האָט צו מיר אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגיטיגן די סנאָבישע האַנדלונג פון לואיסאָן׳ען, נאָר באַלד איז דער קנויל מענטשן אַרום מיין אָפּאָנענט געוואָרן נאָך געדיכטער; אויך דער פאָרזיצער איז דאָרט איינגעשלונגען געוואָרן. איך האָב זיך געזעצט אַן אַ זייט און באַטראַכט דעם גרויסן עולם אין זאַל, וואו עס האָט געבריזשט ווי אין אַ בינשטאָק. קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אַרומגעקוקט און איך בין טיילווייז געווען צופרידן פון דעם, ווייל אויף דעם האַרצן איז מיר געווען גאַנץ פאַסקודנע פון דער גאַנצער חתונה.

עס איז אָנגעקומען די צייט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט צוטרעטן צו דער דעבאַטע. דער פאָרזיצער האָט געבעטן דעם עולם צו פאַרלאָזן די פּלאַטפאָרמע. ער, לואיסאָן און איך האָבן זיך צוגעזעצט בײַ אַ זייט טיש צו באַשטימען די אָרדענונג פון דער דעבאַטע. איך האָב דער־קלערט, אַז מיר איז גאַנץ עגאַל די פּראָצעדור. איך קאָן עפענען די דעבאַטע, נאָר אויב לואיסאָן וויל, קאָן ער עפענען. מיט רוגזא און מיט אַ טאָן פון פינאַליטעט האָט מיין אָפּאָנענט אָפּגעהאַקט:

— איך עפן די דעבאַטע!

אַזוי איז געבליבן. דאָס האָט געמיינט, אַז איך וועל האָבן דאָס רעכט צו שליסן. מיר האָבן זיך אויך פאַרשטענדיגט וועגן דער צייט און איך האָב אונטערשטראָכן, אַז אויב מיין געגנער וועט אין זיין ערשטן, אָדער אין זיין צווייטן אַרויסטריט, פאַרנעמען מער, ווי די באַשטימטע צייט, וועל איך פאַרנעמען פונקט אַזויפיל עקסטראַ צייט.

מיין אָפּאָנענט האָט אויף מיר אַ קוק־געטאָן מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: נאָך איבעריגע צייט פעלט אים! וואָס וועט ער טון מיט איר?

עס איז געוואָרן שטיל אין זאַל. דער פאָרזיצער האָט דערקלערט, אַז ער באַדויערט זייער וואָס צוליב קראַנקהייט וועט דעם אָוונט אין דער דעבאַטע זיך ניט באַטייליגן דער באַרימטער געלערנטער אַלגין, נאָר אים וועט פאַרטרעטן זיינער אַ יונגער פריינט.

ער האָט אָנגערופן מיין נאָמען און עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע קלעפּעלעך, וואָס האָבן געקלונגען אַזוי נעבעכדיג אין דעם גרויסן זאַל. נאָר אָט האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען לואיסאָן און דער זאַל האָט זיך אַ וויג־געטאָן פון דונערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן. עס איז פאַר מיר געווען קלאָר וואָס די שטימונגען פון דעם עולם זיינען אין באַצוג צו די צוויי צדדים, וואָס דאַרפן זיך דאָ באַלד פאַרמעסטן.

און אָט שטייט שוין מיין אָפּאָנענט באַם ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע. איך וואַרט מיט אומגעדולד צו הערן וואָס וועלן זיין זיינע ערשטע ווערטער. אין קאָפּ לויפט מיר דורך אַן עפּיזאָד, וואָס איך האָב געלייענט אין אַ בוך וועגן אַ פראַנצויזישן אַדוואָקאַט, וועלכער קומט צום ערשטן מאָל אין אַ געריכט. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט שפּעטער דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין אָט דעם מאָמענט און ער האָט זייער טרעפלעך באַהויפּטעט, אַז פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז אָדער זיין ערשטער אַרויסטריט וועט זיין אַ דערפאָלג און וועט אָנצייכענען פאַר אים אַ דער־פאָלגרייכע קאַריערע, אָדער דער ערשטער אַרויסטריט וועט זיין אַ דורכ־פאַל און דורך זיין גאַנץ לעבן וועלן זיך שוין אים נאָכשלעפּן טראַלדעס.

וואָס זשע וועט זאָגן אָט דער באַרימטער שרייבער? וואָס וועלן זיין זיינע ערשטע ווערטער? איך מוז זיך צוהערן אויפמערקזאַם. איך מוז פּרובירן אַלץ אריינעמען און קיין איין אַרגומענט און קיין איין פאַקט ניט דורכלאָזן — איך דאַרף זיין אויף דער וואַך!

נאָר וואָס הערן מיינע אויערן? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? וואָס האָבן זיי צו־טאָן מיט דער פראַגע, וואָס דאַרף דאָ דעבאַטירט ווערן?

מיין אָפּאָנענט הויבט אָן וועגן דעם, אַז באַ אידן זיינען געווען גרויסע נביאים, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק, וואָס האָט ליב פרייהייט, און אַז קיינמאָל וועט דאָס פאָלק פון איזראַיעל ניט פאַרגעסן דעם פייערדיגן רוף: תקע בשופר גדול לחרותנו!

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב אין אָנהויב ניט געגלויבט מיינע אויערן. איז אָט דאָס איז ער עס, דער באַרימטער שרייבער פון אַ סך ביכער? איז אָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן אַזאַ וויכטיגער פראַגע, וואָס ווערט דאָ דעבאַטירט?

דער אופן, ווי ער האָט אַרויסגערעדט דעם לחרותנו האָט צו מיר געקלונגען זייער קאָמיש. איך האָב גענומען זיך איינקוקן שטאַרק אין דעם עולם צו זען ווי עס ווירקט אויף די פאַרזאַמלטע דאָס רעדן פון

לואיסאָנ'ען. עס איז געווען שווער עפּעס צו באַשטימען. אַלע זיינען געזעסן שטיל, שטייף און געקוקט מיט אָנשטרענגונג צו דער פּלאַטפאָרמע, ווייל דאָרט איז דאָך געשטאַנען אַ באַרימטער שרייבער.

ווען לואיסאָן האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט מיט נאָך עטלעכע פּסוקים, האָט ער, פאַרביילויפנדיג, אָפּגעזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן „די דזשו־איש האָמלענד" און האָט פון דער העלער הויט זיך גענומען זידלען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און מאַלן דעם אונטערגאַנג פון די אידן אונטער די סאָוועטן. ווען די באַשטימטע צייט איז אַריבער און דער פּאָרזיצער האָט אים געגעבן אַ צייכן, אַז ער דאַרף זיך אָפּשטעלן, האָט דער צעקאָכטער דעבאַטאַנט אַ קוק־געטאָן אין דער ריכטונג פון דעם פּאָרזיצער מיט עפּעס אַ געבעט אין זיין בליק, ווי ער וואָלט זאָגן: אַט אַזוי אין מיטן דרינען ווילסטו מיך אָפּשטעלן?

דער פּאָרזיצער האָט אים געלאָזט אָנגיין נאָך אַ מינוט פינף און דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש זייער אַנטשיידן, דערקלערנדיג: — די צייט איז פאַראיבער!

אַ סאַפּנדיגער האָט מיין געגנער זיך אָוועקגעזעצט און האָט אפילו אין מיין זייט קיין קוק ניט געטאָן, ווי עס וואָלט דאָ גאָרניט געווען קיין דעבאַטע און עס וואָלט גאָר קיינער ניט געווען אויף צו ענטפערן.

איך האָב דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיין געשעצטער אָפּאָנענט האָט געפונען פאַר נויטיג ניט צו דערמאָנען קיין זאַך וועגן דעם פאַקטישן צושטאַנד פון די צוויי אידישע ישובים — וועגן זייער טעריטאָריעלער גרויס, וועגן זייער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער סטרוקטור, וועגן זייערע פּער־ספּעקטיוון און אַזוי ווייטער — וועל איך דאָס דאַרפן טאָן.

שנעל, שנעל האָב איך גענומען אויסרעכענען פאַקטן. איך האָב דערקלערט, אַז איך וויל ניט מינימיזירן די באַדייטונג פון דעם פּאַ־לעסטינער אידישן ישוב, נאָר איך האָב אָנגעוויזן, אַז מיין אויפגאַבע איז אַרויסצוברענגען די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אויף דעם אַמור — אַ באַדייטונג, וואָס וועט נאָך גרעסער דורך דעם, וואָס ביראָ־בידזשאַן וועט געבויט אין אַ לאַנד, וואו עס איז געלייזט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אַלע מינדערהייט פעלקער און פון דעם אידישן פאָלק בתוכם.

נאַטירלעך האָב איך אויסגענוצט פונקט אַזויפיל צייט, ווי מיין אָפּאָנענט. איידער איך האָב געשלאָסן, האָב איך דערקלערט:

— עס איז אינגאַנצן ניט געווען נויטיג דאָ צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף דער סאָוועטן־מלוכה, נאָר וועגן דעם וועל איך האָבן וואָס צו זאָגן אין מיין שלום־וואָרט.

ווי אַ לעמפּערט, נאָך וועלכן מען יאָגט זיך נאָך, איז לוּאיסאָן אויפ־געשפּרונגען פון דעם פּלאַץ און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַזאַ אַטאַקע אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויף בירא־בידזשאַן, אַז דער ערשטער אַריסטאָקראַט זיינער האָט שוין אויסגעקוקט מילד אין פאַרגלייך מיט זיינע איצטיגע פיילן.

און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז דער עולם אין זאַל איז אַנטוישט געוואָרן אין זייער ליבלינג. די אַפּלאַדיסמענטן, וואָס זיינען געווען אַזוי אָפט באַם ערשטן אַריסטאָקראַט זיינעם, זיינען געוואָרן אַלץ זעלטענער און אַלץ שיטערער. ער, וועלכער איז, וויזט אויס, צוגעוואוינט צו רעדן צווישן אייגענע און שטענדיג פּילן אַ וואַרימען אָפּרוף, האָט זיך דער־פילט אַנטמוטיגט און דאָס האָט אים געטריבן צו ווערן נאָך מער צעקאָכט און נאָך מער צו שרייען אויף די העכסטע אָקטאַוועס.

ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט ווען ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט, נאָר איצט האָט ער שוין ניט געקוקט אין קיין אַנדער זייט, נאָר האָט זיך איינגעביסן מיט זיין בליק אין מיר, ווי ער וואָלט זאָגן: גיי, דו, אַזוינער און אַזוינער, און זיי זיך נוקם אין מיר! וואָס קאָן מען דער־וואַרטן פון אַזאַ ווי דו?!

איך בין זיך מודה, איך האָב זיך נוקם געווען. איך האָב ווי אַ קאַל־טער גזלן צעריסן אויף שטיקער אַלע זיינע רייד וועגן דעם, אַז אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד איז געראַטעוועט געוואָרן דער גוף פון דעם אידן, נאָר עס איז פאַרניכטעט געוואָרן די נשמה. איך האָב גערעדט מיט אַן איינ־געהאַלטענעם צאָרן, נאָר דאָס האָט, דאַכט זיך, געטראָפן אין ציל מער, ווי דאָס קאָכן זיך פון מיין אָפּאָנענט.

אין אַ קורצן איבערבליק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר דעם עולם דער גאַנצער גראַנדיעזער סך הכל פון דעם שטייגענדיגן קולטור־בוי צווישן די אידישע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פּולע באַדיי־טונג פון אידישער פּיאָנערישער אַרבעט — אידישער ערד־אַרבעט, אידישן פיש־פאַנג, אידישן האָניג־צוכט, אידישן וועג־בוי — פון דעם גאַנצן גלאָררייכן אויפטו פון די נעכטיגע מנחם מענדלס אויף די ברייטע סטעפּעס פון בירא־בידזשאַן.

דער עולם האָט זיך געהויבן פון די פּלעצער. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין צווייפל, אַז די מענטשן דאָ זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם עפּאָס פון אידישער פּיאָנערישקייט. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין צווייפל, אַז דער עולם האָט איינגעשטימט, אַז עס איז בייזוויליג צו פאַרלוימדן דאָס איינציגע לאַנד, וואו דער איד איז געוואָרן פולשטענדיג פריי און וואו ער גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

עס איז ניט נויטיג דאָ צו דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין זאַל צום שלוס פון דער דעבאַטע. איך געדיינק בלויז, אַז מיין אָפּאָנענט האָט זיך מיט מיר ניט געזעגנט און איז באַלד פאַר־שוואונדן, נאָר דערפאַר האָט דער עולם נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם זאַל און האָט מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, וואָס האָבן געוויזן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָלאָסאלער אינטערעס צו דעם אופן ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געלייזט די אידן־פראַגע און צו דעם בוי פון בירא־בידזשאַן.

מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ וויטער שטאָט אין דער סאוט, עס איז צו מיר צוגעקומען אַן אומבאַקענטער און האָט זיך זייער וואַרים באַגריסט מיט מיר.

— איר קענט מיך ניט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — נאָר איך געדענק אייך זייער גוט. איך בין געוועזן אין פילאַדעלפיע בּאַ אייער דעבאַטע מיט לודוויג לואיסאָנ׳ען.

—אָט די דעבאַטע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — האָט ער אויסגערופן.

און איך קאָן דען אַזאַ דעבאַטע פאַרגעסן?

קאַפּיטל 44.

מען ווייזט דעם לעקטאָר דאָס לאַנד

אין אַלע שטעט זיינען די געזעלשאַפטלעכע טוער שטאַרק־פאַרנו־מענע מענטשן. יעדער איינער האָט זיינע פּערזענלעכע פּרנסה־אויפגאַבן און אויסער דעם איז די געזעלשאַפטלעכע אַנלאַדונג געוויינלעך אַ צו גרוי־סע פאַר יעדן איינצעלנעם, ווייל די צאָל טוער איז אומעטום קליין און די, וועלכע טראָגן די אַרבעט, שלאָגן זיך פּשוט אַרויס פון די כּוחות. און ניט געקוקט אויף אַט דעם צושטאַנד, האָבן די טוער אומעטום — כּמעט אָן אַן אויסנאַם — שטענדיג אי דעם ווילן, אי די צייט, צו ווייזן דעם לעקטאָר די מערקווירדיגקייטן פון דער אייגענער שטאָט און פון די אַרומיגע פלעצער.

זיי זיינען גרייט איבערצולאָזן זייערע באַשעפטיגונגען, טראָגן אַ געלטלעכן פאַרלוסט און זיך אָפּזאָגן פון שלאָף, ווייל זיי וועט אפשר אויס־קומען אָפּאַרבעטן באַנאַכט — אַבי צו ווייזן דעם לעקטאָר די אַרומיגע וועלט.

שאַפּ־אַרבעטער אָרדענען ספּעציעל איין צו באַפרייען זיך אויף אַ טאָג־צוויי פון דער אַרבעט; דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן פאַרלאָזן זייערע אָפיסעס; קרעמער גייען אַוועק פון די קראָמען; באַלעבאָסטעס מאַכן אַ ספּעציעלע אַנשטרענגונג זיך אָפּצורייסן פון זייער הויז־ווירטשאַפט — אַלע זיינען שטענדיג גרייט ווען עס קומט אַ לעקטאָר צו גיין מיט אים, צו פאָרן מיט אים און צו ווייזן אים אַלץ, וואָס עס איז ווערט צו זען.

עס זיינען זייער רירנדיג אַט די אַנשטרענגונגען מצד די געטרייע מענטשן צו פאַרשאַפן דעם לעקטאָר פאַרגעניגן און אים אויך ווייזן „וואָס אונזער שטאָט פאַרמאָגט". אַ דאַנק אַט דעם פאַקט איז מעגלעך צוצוקומען צו פלעצער, וועלכע עס וואָלט קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אויף אַ קורצן באַזוך; צו באַקענען זיך מיט נאַטור־רייכטימער,

װעלכע עס װאָלט קײנמאָל ניט אױסגעקומען צו באַאבאַכטן אין לױף פון אַ שנעלער רײזע איבער שטעט און שטאַטן.

ברײט צעעפנט זיך די פּאַנאָראַמע פון דער װאונדערבאַרער אַמע־ריקע; עס װערט דאָס אױג פאַרכאַפּט פון די װאַסער־צעפ פון דעם ניאַגאַראַ װאַסער־פאַל; עס װערט דער אָטעם פאַרהאַלטן פון דעם צױבער פון דעם „גאָרטן פון די געטער" אין קאָלאָראַדאָ; עס פילט זיך אַ דערהױבנקײט באַ דעם ראַנד פון דעם „גרענד קעניאָן אָװ אַריזאָנא"; עס נעמט אַרום אַ געפיל פון דערשלאָגנקײט און אַ באַװאוסטזײן פון דער אײגענער נישטיגקײט אונטער די סקלעפּן פון דעם „קעיװ אָװ די װינדס" (די הײל פון די װינטן) לעבן דענװער; עס פילט זיך אַזױ לײכט, אַז עס װילט זיך טאַנצן באַ די משופּע'דיגע װענט פון יאָסעמיטי װעלי; עס איז גוט צו באַטראַכטן די „סאַיקלאָראַמאַ אָװ די סיװיל װאָר" (אַ ריזיג בילד פון די שלאַכטן אין בירגער־קריג) אין אַטלאַנטאַ; אַראָפּצוקוקן אױף די העל־באַלױכטענע שטעט פון די שפּיצן פון די הױכע בערג אין טשאַטאַנוגאַ און אין סאַן פראַנציסקאָ; זיך באַקענען מיט אַן אינדיאַנישן שבט לעבן אָמאַהאַ אין נעבראַסקאַ און אײנאָטעמען אין זיך די לופט פון „פּאַם קעניאָן" לעבן לאָס אַנדזשעלעס; עס איז פרײדיג צו טראָגן זיך מיט אַן אײגענעם מענטשן באַ דעם אױטאָמאָביל־רעדל און זײן אַרומגערינגלט מיט נאָענטע און געטרײע מענטשן, פאָרנדיג איבער די אומענדלעכע שליאַכן פון דער גרױסער אַמעריקע.

דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דער גוטער שנײדער־אַרבעטער אין סאַן פראַנציסקאָ, װעמען איך האָב אױפגעװעקט פאַרטאָג. אַז איך זאָל פאָרן אין זײן אױטאָמאָביל צו דעם אינזל, אױף װעלכן עס האָט זיך גע־דאַרפט אַראָפּלאָזן ליטװינאָװ, װעלכער איז אָנגעקומען קײן אַמעריקע צו פאַרטרעטן דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד פונקט מיט אַ טאָג פריער, אײדער יאַפּאַן איז אָנגעפאַלן אױף פּױרל־האַרבאָר; דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דער דראָגיסט אין לאָס אַנדזשעלעס, װעלכער האָט אַלץ איבערגעלאָזט און האָט „אײנגעשפּאַנט די קאַטערינקע", אַז מיר זאָלן אָט זײן צװישן אַראַנדזשן־בױמער און באַלד באַ די שפּיצן פון די שנײ־באַדעקטע בערג; עס האָבן די װאונדערבאַרע אױספלוגן דורכגעפירט חברים אין אַלע עקן לאַנד. איך דערמאָן דאָ ניט קײן נעמען, װײל אַלעמען דערמאָנען איז ניט מעגלעך, װײל פאַר דעם אַלײן װאָלט זיך געפאָדערט אַ גאַנצער בוך. ניט דערמאָנענדיג אַלעמען, איז שױן בעסער ניט אָנגעבן קײנע נעמען, כדי קײנער זאָל זיך ניט פילן געקרענקט. די אָבער, װעלכע װערן

יאָ דאָ אַרויסגעפירט, וועלן זיך לייכט דערקענען, כאָטש קיינעמ'ס נאָמען ווערט דאָ ניט אָנגעגעבן.

ניט נאָר נאַטור־שיינקייטן איז מעגלעך געוואָרן צו באַאָבאַכטן אַ דאַנק דער געטריישאַפט פון די, וועלכע זיינען גרייט צו טאָן אַלץ פאַר דעם לעקטאָר, נאָר עס איז אויך מעגלעך געוואָרן צו טרעפן זיך מיט אַ סך וויכטיגע מענטשן און צו זיין אין אַ סך אינסטיטוציעס, וואָס עס וואָלט אָן דער געטריישאַפט פון די אָרטיגע באַגלייטער קיינמאָל ניט מעגלעך געוואָרן.

עס שטייט פאַר די אויגן דער באַזוך אין ספּיוואַק־סאַניטאַריום אין דענווער, אין דעם שווינדזוכט־סאַניטאַריום לעבן לאָס אַנדזשעלעס, און אין דעם הייל־פּלאַץ פאַר טוקערקולאָז־קראַנקע אין ליבערטי, אין ניו־יאָרק סטייט. אין די ערשטע צוויי איז אויסגעקומען צו האַלטן לעקציעס פאַר די פּאַציענטן. עס איז אויך געווען די מעגלעכקייט צו האָבן מאָל־צייטן מיט דעם מעדיצינישן סטעף און, נאַטירלעך, האָט דער געשפּרעך זיך אומעטום צוגעפירט צו דעם, וואָס איז די הויפּט־אורזאַך פון אָט דער שרעקלעכער קראַנקהייט, וואָס פאַרצערט אַזויפיל מענטשישע לעבנס. דער אויספיר איז אומעטום געווען דער זעלבער — שולדיג איז די אָרדענונג פון כאַפּ־לאַפּ, פון משוגענעם געיעג און פון נויט זייט באַ זייט מיט לוקסוס.

אָט די באַזוכן האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן אין דער אייגענער אַרבעט. ניט נאָר איז אויף שטענדיג פאַרבליבן אין היגטערבאַוואוסטזיין די אָנרעגנדיגע ווירקונג פון דעם צאָרן און פון דעם ווייטיג, וואָס מען טראָגט אַוועק נאָך אַ באַזוך אין אָט די אַנשטאַלטן פאַר מענטשן, וועלכע ווערן פאַרצערט פון די טובערקולאָז־באַצילן; נאָר אָפּט אין מיטן אַ לעקציע גיט אַ קלאַפּ אַ געדאַנק: אָט דער פאַרפירטער, וועלכער שפּרינגט אין פנים אַריין און וואַרפט זיינע בייזווילליגע פראַגן, וואָלט געדאַרפט צופאַרן און אַ קוק־טאָן אויף די, וועלכע איך האָב געזען אין אַ סאַניטאַריום פאַר שווינדזיכטיגע, דעמאָלט וואָלט ער פאַרשטאַנען פאַר וואָס עס איז נויטיג אַרבעטער־אייניגקייט און פאַר וואָס עס איז אַזוי לעבנס־וויכטיג צו אַרבעטן פאַר אַ וועלט, וואו מענטשן וועלן ניט דאַרפן פראַצעווען איבער די כוחות, און וואו קיינער וועט ניט ווערן קראַנק צוליב מאַנגעל אין ברויט, אָדער פרישער לופט, אָדער זון — אָדער מאַנגעל

אין די אַלע זאַכן צוזאַמען, בשעת אַנדערע ווערן משוגע פון האָבן צופיל פון אַלץ.

עס דערמאָנט זיך דער באַזוך אין דער סטייט־לעגיסלאַטור (שטאַטלעכער פּאַרלאַמענט) אין מעדיסאָן, וויסקאַנסין, וואו דער באַגלייטער, אַ רירעוודיגער, אַ פרייליכער און באַליבטער באַ אַלעמען אין זיין שטאָט — האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם „ספּיקער" (דעם פאָרזיצער) און ווי דער לעצטער האָט איבערגעריסן אַ זיצונג און פאָרגעשטעלט דעם גאַסט פאַר אַלע געזעץ־געבער. מיט וויפיל אויפמערקזאַמקייט אָט דער פאָרזיצער האָט גענומען מיר דערקלערן ווי עס אַרבעט די באַר־וואָס־איינגעשטעלטע סיסטעם פון מעכאַנישער אָפּשטימונג. ער האָט מיר דערקלערט ווי עס אַרבעטן די עלעקטרישע אָפּשטימונג־צייגערס, וואָס יעדער מיטגליד רעגיסטרירט אויף אַ ספּעציעלער ברעט דורך אַ דריקטאָן אַ קנעפּל באַ זיין טישל. מען האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט די זייער קאָלירפולע פערזענלעכקייט פון אַ פריערדיגן טרעזשורער פון דעם שטאַט, איינעם פון די ערשטע אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין וויסקאַנסין. כאָטש ער איז שוין צו אַלט און האַלט שוין לאַנג ניט אָן קיין שום אַמט, קומט ער אָבער כמעט טעגלעך אין דער געביידע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַזויפיל יאָרן — פריער אַלס מיטגליד פון דער לעגיסלאַטור און דערנאָך אַלס לאַנגיאָריגער סטייט־טרעזשורער — היטער פון די פינאַנצן פון דעם שטאַט. אַלע רופן אים באַ זיין ערשטן נאָמען און מען פאַרפעלט קיינמאָל ניט צוצוגעבן דעם פּרעפיקס „האָנעסט" באַם אָנרופן זיין נאָמען.

עס שווימט אַרויף אין זכרון די געלעגענהייט, וואָס איך האָב געהאַט בייצוואוינען צוויי זיצונגען אין געריכט באַ דעם משפט אויף דעם היטלעריסט לומוס אין אטלאנטא, דזשאָרדזשיא. ניט נאָר האָט אָט דער באַזוך נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דער וויכטיגקייט און נויטיגקייט פון דער אייגענער אַרבעט אויף צו באַקעמפן דעם היימישן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, ניט נאָר איז דאָ נאָך מער קלאָר געוואָרן ווי אַזוי דער פאַשיזם אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן אַרבעט מיט די זעלבע נאַצישע געשיקטע מיטלען אויף צו אָרגאַניזירן דעם רינשטאָק, אויף צו שאַפן אַ היסטעריע־אַטמאָספערע און אויף צו קריגן די שטיצע פון רייכע און מעכטיגע פאַר דער פינסטערער אַרבעט פון גראָבן אַ קבר פאַר דער פרייהייט — אַלץ אונטער'ן אויסרייד, אַז דאָס לאַנד ווערט „געראַטעוועט"

פון „גערעפלעכצע עלעמענטן" פון אידן, פון נעגערן, פון „פרעמד־געבוי־רענע", פון „רויטע", פון גאַטלאָזיגע און אַזוי ווייטער; דאָ זיינען אויך געווען צוויי אינצידענטן, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרגעסן.

אין פראָנט פון דער דזשורי האָט אַרומגעשפּאַנט דער טאַטע פון דער צאַצקע, דעם אַנגעקלאָגטן. אין געגנזאַץ צו דעם זינדל, וועלכער איז געווען אַ דאַרער, איז דער טאַטע געווען אַ ברייטפּלייציגער און אַ פעטער. בשעת אויף דעם געזיכט פון דעם יונגן פּאַשיסטל איז אַ גאַנצע צייט געווען אַ ציניש שמייכעלע, פאַר וועלכן עס האָט זיך געפילט ווי אויסשרייען צו אים: זשוליקל, וואָס שמייכלסט זיך דיר, בשעת מען דערציילט דאָ ווי דו האָסט אָרגאַניזירט באַנדעס אויף צו טעראָריזירן בירגער בלויז דערפאַר, וואָס זייער הויט איז אַ שוואַרצע? — אין אַט דער צייט האָט דאָס טאַטעלע זיך געהאַלטן ווירדיג און האָט געשפּאַנט אין פראָנט פון דער דזשורי מיט אַן ארויסגעשטעלטער ברוסט און מיט געמאָסטענע טריט. די פענסנע אויף אַ שנירל האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ ווירדיגן פּראָפעסאָר, נאָר דאָס האָט נאָך מער אונטערשטראָכן דעם פאַקט, אַז זיינע געמאָסטענע רייד, זיין ווידערהאַלן און אונטערשטרייכן די ווערטער „ביגער", „ביגער" — זיינען געצילט נושא חן צו זיין באַ אַ דזשורי אין דער סאוט. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַט די רייד זיינען נאָך געפערלעכער, ווי די העצע־רייד פון דעם זינדל, וואָס ווערט דאָ גע'משפט.

מסתמא איז אויף מיין געזיכט געווען אַן אויסדרוק, וואָס האָט דערציילט וועגן דעם ברויזנדיגן צאָרן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט, זיצנדיג דאָ באַ דעם פּראָצעס. ווען עס איז דערקלערט געוואָרן אַן איבעררייס, האָב איך זיך אויפגעהויבן און גענומען זוכן מיין באַגלייטער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט זיין געשעפט און מיך געפירט אין געריכט. איך האָב געוואָלט אויסגעפינען באַ אים צי איז ער גרייט נאָך צו וואַרטן דאָ ביז דער צווייטער סעסיע פון געריכט, אָדער ער איילט זיך שוין צוריק אין זיין קראָם. מיין באַגלייטער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ זייט, וואו ער האָט, ווייזט אויס, בעסער געהערט די באַווייזן פון די עדות, וואָס זיינען דאָ פריער געהאַט אויפגעטראָטן. איך האָב זיך געלאָזט גיין אין זיין ריכטונג. פּלוצלונג האָב איך דערפילט ווי אַ האַנט האָט אַנגערירט מיין אַקסל. איך האָב זיך האַסטיג אויסגעדרייט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט זייער אַן ענערגיש געזיכט.

— איר זייט אַ ניו יאָרקער — זאָגט ער מיר.

— פון וואַנענד ווייסט איר? — פרעג איך און פּרוביר דערוויילעטרעפן ווער איז אָט דער מענטש און וואָס וויל ער פון מיר.

— אייער מאַנטל האָט אייך אַרויסגעגעבן, ווייל איר האָט אים אַ גאַנצע צייט געהאַלטן אויף דער האַנט און דער „לעיבל" דערציילט פון וואַנענד ער קומט.

— איך ווייס, אַז איר ווילט וויסן ווער איך בין, — האָט דער אומבאַקענטער צוגעגעבן — איך פיל פּונקט ווי איר. איך האָב באַמערקט אייער גרויסן אינטערעס צו דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך בין ערשט געקומען צוריק פון דער אַרמיי. עס איז אַ שאַנדע צו קומען צוריק פון אַ מלחמה געגן היטלער'ן און טרעפן דאָ אַזעלכע היטלערס אין דער היים.

אַזוי ווי מיר שטייען און רעדן איז צו אונז צוגעקומען אַ רירעווודיגע, לאַכנדיגע, זייער שיינע יונגע פרוי. זי האָט דעם הויכן מאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, אַרומגענומען און אַ קוש־געטאָן, פאַרגנדיג אים וואָס ער מאַכט, ניט וואַרטנדיג אויף זיין ענטפער, האָט זי מיט צאָרן און עקל אויסגערופן:

— ווי געפעלט דיר דאָס האַלטן זיך פון דעם טאַטע־לומוס?

מיין אומבאַקענטער האָט אַ צי־געטאָן מיט די אַקסל, ווי איינער זאָגט: וואָס איז דאָ צו רעדן?

— באַקענט זיך — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — מיין קליין שוועסטערל.

די ווערטער „מיי ליטל סיסטער" האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ סך צערטלעכקייט. מען האָט באַלד געקענט זען, אַז אָט די יונגע פרוי, וועלכע האָט געוויס אַ סך פאַרהערער, איז זייער באַליבט באַ איר ברודער.

ער האָט מיר דערקלערט, אַז זי איז אַ לאַיערקע. דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער ווייסט אפילו ניט מיין נאָמען אויף מיך פאָרצושטעלן פאַר זיין שוועסטער. איך האָב אָנגעגעבן מיין נאָמען און אויך דערציילט, אַז איך געפין זיך דאָ אין שטאָט טאָקע אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף געגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

און אָט זיצן מיר שוין אין דרייען באַ אַ טישל אין אַ רעסטאָראַן און די יונגע פרוי האַלט אין איין שטעלן פראַגן, ווי גייט צו דער קאַמף אין אַנדערע שטעט געגן דער מכה פון אַנטיסעמיטיזם? האָבן טאָקע ברייטע קרייזן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם „שוואַרצן בוך", וואָס

איז ניט גלאַט אַ בוך וועגן דער אידישער קאַטאַסטראָפע, נאָר די אידישע אָנקלאַגע געגן די נאַציס ?

גלייכצייטיג האָט זי דערציילט וועגן אירע טעטיגקייטן. זי איז אַ פאַרזיצערין אין דער און דער אָרגאַניזאַציע, טעטיג אין אַזאַ און אַזאַ קלוב, פאַרנומען מיט אַרבעט אין אַזאַ און אַזאַ קרייז. די אַלע אַרבעטן זיינען פאַרבונדן מיט שאַפן אַ דערנעענטערונג צווישן אידן און קריסטן, באַקעמפן פאָראורטיילן און אַזוי ווייטער.

— ווייסט איר גאָר וואָס ? — רופט זי אויס ענערגיש און שפרינגט־אויף פון איר פלאַץ — איר מוזט זיך באַקענען מיט דעם אַטוירני דזשענעראַל (גענעראַל פּראָקוראָר), וועלכער פירט אָט די קעיס געגן לומוס'ן. דערציילט אים וועגן דעם „שוואַרצן בוך" און גיט אים טאַקע אַ קאָפּיע אויך.

איך דערקלער איר, אַז איך האָב ניט קיין בוך מיט זיך. דאָס איז פאַר איר ניט קיין אָפּהאַלט. אויב עס זיינען נאָר דאָ ביכער אין שטאָט, מוז אַ בוך באַלד געשאַפן ווערן. און איינס און צוויי פאָרן מיר שוין אין איר אויטאָמאָביל צו אַ חבר, באַ וועמען אין הויז עס זיינען דאָ די ביכער, וואָס דאַרפן דעם זעלבן אָוונט געבראַכט ווערן צו אַ מיטינג, וואו איך וועל וועגן דעם „שוואַרצן בוך" רעדן.

מיר קומען צוריק. מיין באַגלייטער, וועלכער האָט מיך פריער געהאַט געבראַכט אַהער, שטייט אַ דערשטוינטער, ווען ער דערזעט, אַז איך קום אַריין מיט אַ בוך אין האַנט. איך האָב אים געזאָגט פריער, אַז איך גיי מיט די נייע באַקענטע אין רעסטאָראַן עפּעס עסן. ער האָט ניט געוואָלט מיטגיין און האָט געוואַרט אויף מיר דאָ. טאָ פון וואַנענד איז געקומען אַ בוך צו מיר אין האַנט ?

עס איז ניט געווען קיין צייט אים צו דערקלערן די גאַנצע געשיכטע. דער איבעררייס האָט זיך געקאָנט ענדיגן צו יעדער מינוט ; איך האָב זייער געוואָלט האָבן די געלעגנהייט צו רעדן מיט דעם אַטוירני דזשענעראַל.

— ער איז געווען מיין פּראָפעסאָר אין דער „לאָ סקול" — רעדט שנעל מיין ענערגישע באַגלייטערין וועגן דעם פּראָקוראָר, מיט וועלכן זי וועט מיך באַלד באַקענען.

ער איז אַ נידעריג־געוואַקסענער און געפּאַקטער מענטש. זיינע אויגן זאָגן עדות אויף זיין חכמה אין אָט דעם קאָפּ מיט דער קוטשמע געדיכטע, שוואַרצע האָאַר. ער פאַראינטערעסירט זיך זייער מיט דעם,

וואָס איך האָב צו דערציילן פון די נאַציִשע גרוילטאַטן און פון דעם, וואָס מיר באַצוועקן מיט טראָגן דעם „שוואַרצן בוך" צו דער וועלט. מען זעט, אַז דאָס איז בײַ אים ניט גלאַט אַן אָנשטעל פון אויסהערן מיט פאָרמעלער אויפמערקזאַמקייט אַ מענטשן, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָר וואָס באַקענט.

ער ווערט ספּעציעל פאַרכאַפּט פון דעם פּונקט, וואָס איך ברענג אַרויס, אַז דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין אָט דעם געריכט־צימער אין אַטלאַנטאַ, איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו דעם, וואָס איז אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן פאָרגעקומען אין אַ געריכט־זאַל אין דײַטשלאַנד ווען היטלער, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט אינגאַנצן אומבאַוואוסט, איז צום ערשטן מאָל פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַר ריכטער פאַר כוליגאַנישע מעשׂים.

— היטלער׳ן האָט מען דעמאָלט געדאַרפט באַהאַנדלען גאָר אַנדערש. מען האָט דעמאָלט געדאַרפט זײַן כוליגאַניזם אויסראָטן ביז׳ן וואָרצל. פּונקט אַזוי דאַרף מען איצט באַהאַנדלען אָט דעם לומוס׳ן.

— היטלער האָט גערעוועט בלויז געגן די אידן, — זעץ איך פאָר

— היטלער׳ן האָט זיך אײַנגעגעבן אומצוברענגען אויף דעם שוידערלעכסטן אופן 6 מיליאָן אידן, נאָר היטלער האָט גלײַכצײַטיק אויך אומגעבראַכט אַלץ, וואָס איז געווען ווערטפול און מענטשיש אין דײַטשלאַנד. ער האָט ברוטאַליזירט אַ גאַנץ פאָלק און האָט פאַרוואַנדלט מיליאָנען דײַטשן אין בעסטיעס, וואָס זײַנען געוואָרן פעאיג אויף צו באַגראָבן מענטשן לעבעדיקערהייד, אויף בוכשטעבלעך צו צערײַסן קינדער אויף שטיקער, אויף אָנרײַצן ווילדע הינט צו רײַסן שטיקער פלייש פון מענטשישע לײַבער, אויף צו מאַכן פון מענטשישער הויט אבאַזשורן פאַר לאָמפּן, אויף צו דערשטיקן מענטשן אין גאַז־קאַמערן און אויף דורכצופירן נאָך און נאָך אַזעלכע בלוטיגע און סאַדיסטישע מעשׂים.

אַנטיסעמיטיזם פּראַקטיצירט אין אָנהויב דאָס פאַרשפּרייטן פון בלבולים, פון קולטיווירן האַס, פון קאַמף פאַר געוויסע באַגרעניצונגען פון די רעכט פון אידן, נאָר צולעצט קומט דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס ענדיגט זיך מיט מאַידאַנעקס און בוכענוואַלדס. דער סם, וואָס די אידן־פרעסער פאַרשפּרייטן, עסט זיך אַרײַן אין דעם אָרגאַניזם פון דעם גאַנצן לאַנד, עס ווערן פאַרגיפטיגט אַלע קוואַלן פון געדאַנק; דאָס פאָלק ווערט אַ געהאָרכזאַם געצײַג אין די הענט פון בלוטיגע דעמאַגאָגן, וואָס פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין לויף פון

הונדערטער יאָרן דורך דעם קאַמף פאַר די רעכט פון דעם פשוט׳ן מענטשן, פאַר די רעכט פון אַלע פעלקער — פאַר דער באַשיצונג פון דער ווירדע פון דעם מענטשן.

— אַנטיסעמיטיזם איז ניט נאָר אַ געפאַר פאַר אידן, נאָר איז פונקט אַזוי געפערלעך פאַר אַלעמען. אַנטיסעמיטיזם מוז דערפאַר באַקעמפט ווערן פון אַלע, וועלכע ווילן זען אַ פרייע און דעמאָקראַטישע אַמעריקע. לומוס איז אַ געפאַר ניט נאָר פאַר נעגערן און פאַר אידן, נאָר פאַר גאַנץ אַמעריקע — האָב איך פאַרענדיגט.

— יו העוו גיווען מי עיי לאָט אָוו פוד פאַר טאָוט (איר האָט מיר געגעבן אַ סך מאַטעריאַל אויף נאָכצודענקען) — האָט אויסגערופן דער פּראָקוראָר, דריקנדיג מיר די האַנט מיט אַ סך וואַרימקייט. מען האָט געזען, אַז ער איז געווען טיף גערירט.

— איר ווייסט גאָר ניט ווי איך בין צופרידן פון דעם, וואָס איר האָט גערעדט מיט דעם אָנקלאָגער, — האָט די יונגע, רירעוודיגע פרוי געזאָגט מיט אַ באַזונדער פלאַקער אין אירע טיפע אויגן.

איך בין נאָך געזעסן אַ ביסל בײַ דער צווייטער סעסיע, נאָר איך האָב געמוזט אַוועקגיין, ווײַל איך האָב נאָך געדאַרפט דעם זעלבן אָוונט רעדן פאַר אַ גרויסן עולם.

האָט דער עולם זיך געקאָנט כאַפּן, אַז אויב איך האָב דעם אָוונט גערעדט מיט באַזונדער צאָרן וועגן די בלוטיגע מעשים פון פאַשיזם, מיט אַ באַזונדערער קראַפט וועגן דער נויטיגקייט פון אייניגקייט אינ׳ם קאַמף געגן די היימישע פאַשיסטן — איז דאָס געווען אונטער דעם איינ־דרוק פון דעם פּראָצעס, וואָס איך האָב בייגעוואוינט, און אונטער דעם איינדרוק פון דעם געשפּרעך מיט דעם פּראָקוראָר, וואָס האָט געבראַכט די אָנקלאָגע געגן דעם פאַרשווינדל לומוס?

שוין זייענדיג ווייט פון אַטלאַנטאַ, האָב איך אַרויסגייענדיג פון אַ מיטינג שפּעט בײַנאַכט געקויפט אַ צייטונג און דערזען אַ קאָפּ, אַז לומוס איז געפונען געוואָרן שולדיג. עס האָט האַסטיגער אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ און עס איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: אפשר האָט יענער גע־שפּרעך מיט דעם פּראָקוראָר עפּעס בייגעטראָגן צו דעם, אַז ער זאָל מיט נאָך מער ענערגיע אַרויסטרעטן געגן לומוס׳ן, וועלכער איז אַ געפאַר ניט נאָר פאַר מינאָריטעט־גרופּן, נאָר פאַר דעם גאַנצן לאַנד.

טראַכטנדיג וועגן יענעם געשפּרעך, האָב איך ניט געקאָנט פאַרפעלן צו זאָגן אין געדאַנק אַ דאַנק צו דער יונגער לאָיערקע, וועלכע האָט מיך

באַקענט מיט דעם פּראָקוראָר, און אַ גאָר ספּעציעלן דאַנק יענעם טייערן פריינט, וועלכער האָט פאַרלאָזן זיין געשעפט אויף אַ גאַנצן טאָג און איז מיט מיר אַרומגעפאָרן איבער׳ן שטאָט און אויך געבראַכט מיך אין דעם געריכט בייצוזוואוינען אַ פּראָצעס, וואָס האָט אויפגעדעקט אַ גרויסע מכה אויף דעם אָרגאַניזם פון אַמעריקע.

איך קער זיך אום צוריק צו דעם, וואָס עס איז אויסגעקומען צו זען אַ דאַנק דער געטריישאַפט פון הונדערטער פריינט אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, וואָס האָבן אַלץ געטאָן, אַבי „צו ווייזן דעם לעקטאָר דאָס לאַנד".

אַ דאַנק זיי איז מעגלעך געוואָרן צו זען די עווערגלעידס אין פלאָ־רידאַ און אויך די וואונדערבאַרע קייט פון בריקן אויף דעם וועג קיין קי וועסט אין דעם זעלבן שטאָט. אַ דאַנק זיי האָט דאָס אויג געטרונקען די שיינקייט פון זונען־אויפגאַנגען און פון זונען־אונטערגאַנגען צווישן די „בלויע בערג" אין מאַסאַטשוזעטס, די „ווייסע בערג" אין ניו העמפשאַיר, די אַדיראָנדאַקס אין ניו יאָרק, באַ די הויכקייטן איבער דולוט אין מינע־סאָטאַ און נאָך און נאָך.

אַ דאַנק אַט די געטרייע וועג־ווייזער איז מעגלעך געוואָרן צו שטיין באַ דעם מאַיעסטעטישן טייך, מיסיסיפּי, און באַטראַכטן זיין ברייטן פלוס אין סט. פּאָול און אין מעמפיס און אין ניו אָרליענס. עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבן, אַז אָט דאָ אונטער דער וואונדער־בריק אין ניו־אָרליענס פליסט דער זעלבער טייך, לעבן וועלכן איך בין געשטאַנען אַ שטיקל צייט פריער כמעט צוויי טויזנט מייל ווייטער — אין מינע־אַפּאָליס.

זיי אַלעמען אין פאַרשיידענע שטעט איבער׳ן לאַנד קומט אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געפירט דעם לעקטאָר צו זען די פּראַכט פון וואַשינגטאָן, וואָס האָט אַ באַזונדער חן; צו זען די ריכטימער — סיי דרויסנדיגע, סיי אינעווייניגסטע — אין דער קאָנגרעס־ביבליאָטעק, אין סמיטסאָניען אינסטיטוט און אין דער נאַציאָנאַלער קונסט־גאַלעריי.

עס לויפן דורך אין געדאַנק ווי אַ קאַלעידאָסקאָפּ די בריקן און טונעלן אין פּיטסבורג און דער טורם אויף׳ן לופט־פעלד, וואו מען האָט פאַר אונז באַנאַכט געגעבן אַ דעמאָנסטראַציע ווי אַזוי דאָס פעלד ווערט פאַר־גאָסן מיט ליכט באַם לאַנדן פון אַן עראָפּלאַן און ווי דער טורם שטייט אין ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט דעם פּילאָט פון אַן עראָפּלאַן, וואָס געפינט

זיך הונדערטער מייל ווייט. עס דערמאָנען זיך די צעכוואַליעטע בערג אַרום סקראַנטאָן, דער ברייטער שליאַך צווישן דעטרויט און טאָלידאָ, די ווייסע שטיבלעך לעבן דעם לאַ יאָלאַ קעיוו אויף דעם וועג קיין סאַן דיעגאָ, די אומענדלעכע וועגן אין דעם ריזיגן שטאַט טעקסאַס, וואָס עס איז אויסגעקומען צו באַטראַכטן אין אַן אויטאָמאָביל־רייזע צווישן יוסטאָן, דאַלאַס און סאַן אַנטאָניאָ; עס דערמאָנען זיך רייזעס צו פאַרשיידענע מערקווירדיגע פונקטן איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע אין זומער־ און אין ווינטער־סעזאָנען — זיי אַלע זיינען מעגלעך געוואָרן בלויז דערפאַר, וואָס עס זיינען געווען די געטרייע פריינט, וועלכע האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער חוב „צו ווייזן דעם לעקטאָר דאָס לאַנד".

אַ דאַנק אַט די טייערע און געטרייע פריינט איז מעגלעך געוואָרן צו גיין לעבן דעם „קאָנוועיאָר" באַ פאָרד'ן אין דער פאַבריק אין דעטרויט און באַטראַכטן ווי עס ווערט געלעגט די ערשטע פרעגטע אייזן און ווי אין געציילטע מינוטן גליטשט זיך אַראָפּ אַ פאַרטיגער אויטאָמאָביל. עס איז מעגלעך געוואָרן צו באַטראַכטן די טעקסטיל פאַבריקן אין דער סאַוט, די גומי־פאַבריקן אין עקראָן, די שטאָל־שמעלצערייען אין יאָנגסטאַון און נאָך און נאָך.

זיי אַלעמען — אַט די פריינט, וועלכע האָבן מיך געפירט ווייזן דאָס לאַנד — זיי אַלעמען קומט אַ האַרציגער דאַנק. דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן, איז ניט געווען בלויז אַן ענין פון פאַרגעניגן פאַר דעם לעקטאָר. עס איז געווען אַ גוטע שול, אין וועלכער ער האָט אַ סך געלערנט. עס איז ליבער געוואָרן די גרויסע רחבות'דיגע, וואונדער־שיינע אַמעריקע; עס איז נעענטער געוואָרן דאָס פאָלק, וואָס אַרבעט און בויט אַט דאָס לאַנד; עס איז נאָך קלאָרער געוואָרן ווי אַט אין דעם לאַנד וואָלט שוין געקאָנט זיין אַ זאַט און מענטשיש לעבן פאַר אַלע־מען, נאָר ווי גייציגע, אומזעטבאַרע און מעכטיגע קרייזן שטיקן און דריקן דאָס לאַנד און מאַכן אוממעגלעך פאַר דעם גרעסטן טייל פון דעם פאָלק צו געניסן פון דעם רייכטום און פון דער שיינקייט, וואָס די אומ־ענדלעכע אַמעריקע פאַרמאָגט.

פריינט ליבע, וועג־ווייזער געטרייע, יעדער איינער פון אייך האָט מיר געוויזן אַ שטיקל פון אַמעריקע, כדי איך זאָל קאָנען פרובירן אייך אַלע־מען געבן אַ בילד פון דעם גאַנצן גרויסן לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל צויבער.

קאַפּיטל 45.

מיט ביידע פויסטן געגן דער וואקכאנאליע אין 1939

עס האָט זיך געפּילט אין דער לופט, אַז עפּעס רוקט זיך אָן אויף דער מענטשהייט. אַ באַזונדערע אומרואיגקייט האָט אַלעמען אַרומגע־כאַפּט. מען האָט אויף עפּעס געוואַרט.

עס איז דורכגעגאַנגען דער זומער און עס איז פאַרצייכנט געוואָרן דאָס קאַפּיטל מיט דער שווינדלערישער האַנדלונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָבן געשיקט קאָמיסיעס קיין מאָסקווע כלומרשט צו פאַרהאַנדלען וועגן אַן אָפּמאַך געגן היטלער׳ן אויף צו פאַרזיכערן דעם פרידן פון דער וועלט, בשעת אי לאָנדאָן, אי פאַריז, האָבן געהאָפט, אַז היטלער וועט זיך אַ וואַרף־טאָן אויף דעם סאָוועטישן לאַנד.

נאָך פריער האָט דייטשלאַנד פאַרשלונגען טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע איז שוין געווען פאַראורטיילט נאָך דעם פאַרראַט אין מינכען.

פּרעזידענט רוזוועלט האָט געשיקט אַ פּערזענלעכע ווענדונג צו היטלער׳ן און צו מוסאָליני׳ן, אַז זיי זאָלן צוזאָגן ניט אָנצוהויבן קיין מלחמה אין לויף פון צען יאָר צייט.

איטאַליע און דייטשלאַנד האָבן געשלאָסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך. אונגאַרן איז צוגעשטאַנען צו דעם אַנטי־קאָמינטערן־פּאַקט. נאַצישע שטורם־טרופּן זיינען אָנגעקומען אין דאַנציג. די דייטש־פּוילישע גרע־ניץ איז געשלאָסן געוואָרן.

אין דער לופט איז געהאנגען אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך גע־קאָנט אַראָפּלאָזן אויף דער וועלט צו יעדער מינוט.

און אין אָט דער אָנגעלאַדענער לופט האָט זיך צעטראָגן ווי אַן אויפטרייסלענדיגער דונער די נייעס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געשלאָסן מיט דייטשלאַנד אַ ניט־אנגריף אָפּמאַך.

— אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד!
— אַ פּאַקט מיט היטלער'ן!

די צייטונגען האָבן געדרעוועט. די ראַדיאָ האָט געקוויטשעט. מענטשן האָבן אָפּגעשטעלט איינער דעם צווייטן אין גאַס און געפרעגט:

— האָסט געהערט?!

וואָס מיינט עס? וואָס קען עס זיין? צו וואָס קאָן עס פירן? וואָס דאַרפן מיר, וועלכע גלויבן און זיינען זיכער, אַז דער סאָוועטן־פאַר־באַנד איז היטלער'ס שטאַרקסטער שונא און אַז דאָס סאָוועטישע לאַנד פירט אַן אויסגעהאַלטענע פרידנס־פּאָליטיק, — וואָס דאַרפן מיר זאָגן דעם עולם, וועלכער וועט קומען צו אונז נאָך אַן ענטפער?

וואָס ווייסן מיר אַליין וועגן דער באַדייטונג פון דעם פּאַקט? אויב מיר אַליין ווייסן ניט, טאָ וואָס קאָנען מיר זאָגן צו אַנדערע?

דאָס זיינען געווען פראַגן, וואָס האָבן דרינגענדיק געפאָדערט אַ באַל־דיגן ענטפער. מיין פּאָזיציע אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון „איקאָר" האָט געפאָדערט, אַז איך זאָל אַרויסקומען און רעדן צום עולם, נאָר פריער פון אַלץ דאַרף איך דאָך זיך אַליין קלאָר מאַכן וואָס די נייע ווענדונג באַדייט.

זיצן דאָ אין אָפיס, וואו עס הערט ניט אויף צו קלינגען דער טעלעפאָן, איז ניט קיין ענין. בעסער איז זיך צו לאָזן אין גאַס און שפּאַנען, שפּאַנען אָן אַ סוף ביז עס וועט קלאָר ווערן אויף וועל־כער וועלט מיר זיינען.

עס טראַכט זיך בעסער ווען מען גייט האַסטיק. עס לויפן דורך אין קאָפּ די קאַמפן, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געמוזט פירן געגן די אַלע פאַרשווערער פון אינעווייניק און פון דרויסן, וואָס האָבן אין לויף פון 22 יאָר זיך פאַרמאָסטן אויף אים. עס בלעטערט זיך אין זכרון די געשיכטע פון די גלאָררייכע דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטישן לאַנד — ניט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען מצד די פאַרשווערער. עס דער־מאָנען זיך די ווילסטע העצעס פון די נאַציס געגן דעם אַרבעטער־לאַנד.

ניין, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט געוואָרן קיין פריינד פון היט־לער'ן, ווי עס האָבן אָנגעהויבן פויקן די צייטונגען און די ראַדיאָס פון דער ערשטער מינוט ווען עס איז באַקענט געוואָרן די נייעס וועגן דעם סאָוועטיש־דייטשן אָפּמאַך.

ניין, אַזאַ פריינדשאַפט איז ניט דענק־באַר!

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בלייבט וואָס ער איז געווען!

אויב אַזוי, טאָ צו־וואָס אַן אָפּמאַך מיט נאַצישע גאַרגל־שניידער?

ווידער האָבן די געדאַנקען זיך געיאָגט אימפּעטיג. עס איז דורכ־געלאָפן דאָס גאַנצע קאַפּיטל פון די סאָוועטישע פאָדערונגען בײַ דער פעלקער־ליג צו צוימען די אַנגרייפער, די אַרויסטרעטונגען פון ליטווינאָוו'ן מיט דער דערקלערונג אין נאָמען פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אַז דער שלום איז אומצעטיילבאַרער און אַז עס מוז אײַנגעשטעלט ווערן קאָלעקטיווע שוץ פאַר דעם פרידן פון דער וועלט. עס האָט זיך דערמאָנט די פריערדיגע פאָדערונג פון דער סאָוועטן־מלוכה פאַר פולער אָנטוואָפנונג און די פאָדערונג דערנאָך פון כאָטש טיילווייזער אַנטוואָפנונג.

עס האָט זיך געקייטלט איין קאַפּיטל געשיכטע אין דעם צווייטן; עס האָט זיך געקניפּט אַן עפּיזאָד אין אַן עפּיזאָד און עס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געשטעלט געוואָרן אין דער געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן פון אַלע זייטן מיט שונאים, וואָס האָבן אים געוואָלט דערטרינקען אין בלוט. צו אָט דעם לאַנד איז געקומען אַ וואָלד־גזלן און האָט — צוליב זײַנע אייגענע חשבונות — פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט אויף דעם לאַנד ניט אָנפאַלן, אויב אָט דאָס לאַנד וועט אים צוזאָגן אויף אים ניט אָנצופאַלן. דעם גזלן אין וואַלד וועט יעדער פרידלעבער מענטש געבן אַזאַ צוזאָג.

היטלער'ן האָט מען ניט געטאָרט טרויען. היטלער האָט געהאַט זײַנע אייגענע חשבונות. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דאָס זיכער אַלץ געוואוסט. טאָ פאַר וואָס דער אָפּמאַך?

כדי צו געווינען צייט!

דאָס האַסטיגע שפּאַנען האָט זיך געצויגן אויף אַ סך מײַלן און האָט געדויערט זעקס שעה צייט. נאָר ווען עס איז ענדלעך קלאָר געוואָרן — אויסער יעדן צווייפל — וואָס עס באַדייט דער אָפּמאַך פון דעם 23־טן אויגוסט, איז שוין אויך קלאָר געוואָרן וואָס עס מוז באַלד געטאָן ווערן.

מען מוז נעמען אויפקלערן די מענטשן. מען מוז נעמען אָפּשלאָגן די בייזע אָנפאַלן. מען מוז צוריקשליידערן דעם ים פון ליגנס און איב־סינואַציעס, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אַזוי ענערגיש צו פאַרשפּרייטן געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם זעלבן באַטאָג זײַנען געלאָפן הונדערטער טעלעגראַמעס צו דעם גאַנצן אַקטיוו פון דעם „איקאָר". דעם זעלבן אָוונט איז געווען אַ

מיטינג, וואו עס איז אויסגעקומען אין לויף פון צוויי שעה צייט צו צעוויקלען די גאַנצע געשיכטע פון דער וועלט־פּאָליטיק און אַרויס־ברענגען די אמת'ע באַדייטונג פון דעם נאַר־וואָס־געשלאָסענעם אָפּמאַך.

דער עולם האָט געהאַלטן, אַז די אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיגע. נאָך די זעלבע נאַכט איז, לויט דעם באַשלוס פון די פאַרזאַמלטע, אָנגעשריבן געוואָרן אַ בראָשור מיט דעם אינהאַלט פון דעם פאָרטראָג.

ווער האָט געטראַכט וועגן שלאָפן! ? ווען מען האָט געאַרט וואָס באַטאָג איז געווען אַזאַ האַסטיג שפּאַנען פון אַ סך שטונדן, אין אוונט אַ לאַנגער רעפעראַט און איצט באַנאַכט דאָס שרייבן די בראָשור! ?

עס איז אַ מאָביליזאַציע! שלאָפן טאָר מען איצט ניט!

אין צוויי טעג אַרום איז די בראָשור שוין געווען אָפּגעדרוקט. באַלד האָט זיך אויך איינגעגעבן צו קריגן די היסטאָרישע דערקלערונג פון דעם ווירדיגן ראובן בריינין, וועלכער האָט געזאָגט: איך אַנטזאָג זיך מיטגעריסן צו ווערן מיט דער וואקכאַנאַליע געגן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד!

דער ליבער אַלטער, וועלכער האָט שוין קוים־קוים געקאָנט רעדן, איז געווען ווייט אין די לאַרענשען בערג אין קאַנאַדע. מיט גרויס מי האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַ טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט אים. ער האָט געמאַכט זיין דערקלערונג צו זיין סעקרעטאַרשע. זי האָט אונז איבערגעגעבן די דערקלערונג אויף ענגליש. איך האָב זי איבער־זעצט און צוריק איבערגעגעבן אויף דעם טעלעפאָן אויף אידיש און בריינין האָט ווייט דאָרט אין די בערג אויסגעהערט די גענויע איבער־זעצונג און האָט זי גוטגעהייסן.

אין אַ וואָך אַרום בין איך שוין געווען אויף אַ רייזע, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. וואָס איז ניט אויסגעקומען אויסצוהערן באַ אָט די אַרויסטרעטונגען? מען האָט געוואָרפן אין פּנים אַריין באַ־שולדיגונגען, אַז מיר זיינען אַלע געוואָרן פריינט פון היטלער'ן. מען האָט מיט ציניזם גערעדט וועגן דעם, אַז עס וועלן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין גיכן איינגעפירט ווערן די נירענבערגער געזעצן געגן אידן. מען האָט זיך צעכראַסטעט געגן דעם סאָוועטישן לאַנד און מען האָט געהאַלטן, אַז מען מעג שוין איצט אַלץ זאָגן און אין אַלץ באַשולדיגן דאָס לאַנד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע געמאַכט אַ סוף צו אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

עס האָבן ניט געפעלט באַ די אַרויסטרעטונגען קיין פאַרזוכן מצד שונאים אָנצואווענדן פיזישע מאַכט אויף אַרונטערצורייסן פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. מען האָט געדאַרפט האָבן אייזערנע נערוון צו קאָנען איבערטראָגן פון די בייזוויליגע פראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן; פון די געמיינע באַהויפטונגען, וואָס שונאים האָבן געמאַכט; נאָר דאָס ערגסטע איז געווען דאָס אָנשטויסן זיך אויף אַ גאַנצער ריי שטערונגען, אַז עס זאָלן גאָר קיין מיטינגען ניט קאָנען זיין.

אין איין שטאָט האָט מען צוגענומען דעם זאַל אין דער לעצטער מינוט; אין אַ צווייטער שטאָט האָט קיין איין דרוקער ניט געוואָלט דרוקן קיין בילעטן און אַנאָנסן צו דער לעקציע וועגן דעם אָפּמאַך; אין אַ דריטער שטאָט האָט מען מאָביליזירט גענגסטערס צו צעשטערן דעם מיטינג; אין אַנדערע שטעט זיינען געווען אַנדערע שטערונגען, נאָר ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, זיינען די כוואַליעס פון ליגנס פאָרט גע־שמיסן געוואָרן אויף צוריק.

צו טיף איז געווען באַ די ברייטע אידישע מאַסן די זיכערקייט, אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט געשטעלט אַנטיסעמיטיזם אויסער'ן געזעץ, קאָן ניט ווערן קיין שותף צו אידן־מערדער; צו פעסט איז אַריינגעוואַקסן באַ ברייטע מאַסן דער באַגריף, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל באַ קיין לאַנד גאָר ניט פאַרכאַפּן און אַז ער וויל ניט און דאַרף ניט קיין קריג — צו טיף איז אָט דער באַגריף אַריינגעוואַקסן אין די מוחות פון די מאַסן, אַז מען זאָל קאָנען זיי אַזוי לייכט אַראָפּפירן פון וועג און זיי איינרעדן, אַז אָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אַ מלחמה־צינדער פונקט ווי היטלער.

עס זיינען אין אָט די אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַטלאַנטיק ביז דעם פּאַסיפיק, געווען ריירנדיגע מאָמענטן. עס האָבן זיך געשטרעקט צו דער פּלאַטפאָרמע הענט, וואָס האָבן אָנגעבאָטן זייער לעצטן גראָשן אויף צו העלפן אין דער קאַמפּאַניע געגן די ליגנער און פאַרלוימדער. דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן פון טיפן קריזיס. באַ דעם ברייטן עולם איז קיין איבעריגער סענט ניט געווען, נאָר דער אָפּרוף באַ די אַרויסטרעטונגען איז געווען בעסער, ווי מען האָט דערוואַרטעט.

עס זיינען אויך געווען אויסדרוקן פון גרענעצלאָזער איבערגעבנקייט צו דעם לעקטאָר. מען האָט געזוכט צו פאַרהיטן אים פון אַן אומאַנגענע־מען צוזאַמענשטויס מיט געגנער; מען האָט געוואָרנט וועגן געפאַרן, וואָס האָבן געקאָנט קומען פון בויאַנעס; מען האָט נאָך מער ווי אַלע

מאָל געפּאַדעט אַרום דעם לעקטאָר און געזאָרגט, אַז ער זאָל עסן אין צייט, ער זאָל האָבן אַ באַקוועמען צימער און ער זאָל זיך קאָנען אויסרוען.

— מיר דאַרפן אייך האָבן; איר מוזט אָפּהיטן אייער געזונט: רעדט ניט מיט אַזױפיל האַרץ — האָט מען געהאַלטן אין איין ווידער־האָלן אין שטאָט נאָך שטאָט.

גיי היט דיין האַרץ, אַז מען דאַרף אַזױפיל פינסטערע כוחות באַ־קעמפן. טראַכט וועגן דעם אייגענעם געזונט, ווען מען דאַרף היינט זיין אין איין פלאַץ און מאָרגן הונדערטער מיילן ווייטער. גיי זאָרג וועגן זיך, ווען די גאַנצע וועלט איז שוין אין פלאַמען, ווען דו ווייסט, אַז פון דעם אופן, ווי די מענטשן וועלן באַנעמען די ראָל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון דער פאַרשטענדיגונג, אַז אַמעריקע דאַרף גיין געאייניגט מיט דעם סאָוועטישן לאַנד — אַז פון דעם הענגט אָפּ דער גורל פון דער גאַנצער וועלט — גיי אין אַזאַ צייט און טראַכט וועגן זיך!

די באַפרידיגונג פון גיין מיט בײדע פויסטן געגן דער וואַקכאַנאַליע, דער וואָרימער אָפּרוף פון צענדליגער טויזנטער, דער באַוואוסטזיין, אַז די טוסט אַ נויטיגע און זייער וויכטיגע אַרבעט — דאָס אַלץ פאַרגיטיגט פאַר שלאָפלאָזע נעכט, פאַר לאַנגע, אויסמאַטערנדיגע רייזעס אויף קריכנ־דיגע באַנען, פאַר דעם געראַנגל מיט צעיושעטע געגנער.

היינט, קוקנדיג אויף צוריק, ווערט גאָר פריילעך אויף דעם האַרצן פון דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס, וואָס עס איז אויסגעקומען דעמאָלט אָנ־צואווייזן אין די דערקלערונגען וועגן דעם פאַקט, איז היינט שוין אָנ־גענומען ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך כמעט ביי דער גאַנצער וועלט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געזוכט צו געווינען צייט. ער האָט די צייט גע־וואונען און האָט אַ דאַנק דעם געראַטעוועט ניט בלויז זיך אַליין, נאָר האָט געהאָלפן ראַטעווען די גאַנצע מענטשהייט!

ווען מענטשן זאָלן נאָר געווען וועלן זיך צוהערן אין יענער צייט! ווען מענטשן זאָלן נאָר געווען באַנעמען וואָס מען האָט זיי דעמאָלט גע־זאָגט!

די כוחות פון די פאַרלוימדער און פאַרפירער זיינען געווען גאָר שטאַרק, נאָר אונזער קאַמף און אונזער אויפקלערונג זיינען געווען אַ שטורקאַץ אין אַ פינסטערער נאַכט.

קאַפּיטל 46.

די געבורט־ווייען פון אַ נייער וועלט

די לעקציע איז געווען באַ אַ מיטינג פון אינטעלעקטואַלן. כמעט אַלע אנוועזענדע זיינען געווען דיפּלאָמירטע. ווי אַנדערש זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פון אַן אַרבעטער־עולם. בשעת די אַרבעטער ווילן וויסן אַלץ מער וועגן דעם ווירקלעכן צושטאַנד אין דער נאָך־מלחמה וועלט, איז באַ אַט די דיפּלאָמירטע מענטשן געווען בלויז איין פאַרלאַנג — צו קריגן אַ פאַרזיכערונג, אַז אַלע שוועריגקייטן זיינען אַריבער און אַז די וועלט טרעט אַריין אין אַ פּעריאָד פון „אייביגן פרידן".

עס איז ניט געווען קיין אורזאַך און ניט קיין ווילן צו בייטן דעם אינהאַלט פון דער טעמע. אַזוי ווי זיי האָבן באַשטימט, אַז זיי ווילן אַ לעקציע אויף דער פראַגע וועגן דעם צושטאַנד אין דער וועלט, וואָס דער סוף פון דער מלחמה האָט געשאַפן, האָבן זיי געדאַרפט אויסהערן אַן אַנאַליז וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער צעטרייסלטער וועלט, וואו טראָנען זיינען צעשמעטערט געוואָרן, וואו פריצישע מאַיאָנטקעס ווערן צעטיילט צווישן די פּויערים, וואו אינדוסטריען ווערן נאַציאָנאַליזירט, וואו די נעכטיגע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען געגאַנגען אַן די בראַנדן פון שלאַכטן געגן דעם שונא, שטעלן זיך באַ דעם רודער פון דער מלוכה.

זיי האָבן געעפנט מויל און אויערן ווען עס איז געקומען די דער־קלערונג, אַז דער געשריי: „מאָסקווער פּופּען־רעגירונגען", וואָס ווערט אָנגעווענדעט געגן די רעגירונגען פון פּוילן, יוגאָסלאַוויע און אַנדערע, איז ניט דערפאַר, וואָס די נעזער פון די מלוכה־פירער אין אָט די לענדער זיינען ניט צום האַרצן די שרייער, נאָר דערפאַר, וואָס אָט די נייע רעגי־רונגען פאַרנעמען זיך אויף אַ נייעם וועג צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון די, וואָס האָבן געקעמפט געגן נאַציזם, אַז עס זאָל טאָקע געבויט

ווערן אַ וועלט, אין וועלכער מער זאָל קיין נאַציזם ניט מעגלעך זיין. די מלחמה זעלבסט איז דאָך געווען אַ טייל פון דעם דורות־אַלטן קאַמף וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס זאָל זיין אויף דער ערד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען מיט ברוטאַלער מאַכט, מיט שמד־שטיק און מיט אַלע אַנדערע סאָרטן מיטלען צעבראָכן דעם ווילן פון מיליאָנען, וואָס האָבן זיך געריסן צו פרייהייט. מען האָט דערשטיקט דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אייראָפּע; נאָר אַלע פאַרזוכן צו דערשטיקן דעם אויפגעשטיגענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — האָבן זיך ניט איינגעגעבן.

מיליטערישע אינטערווענציע איז דורכגעפאַלן; די שטיצע צו אַלע גאָרגל־שניידער, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ בירגער־קריג, האָט ניט געבראַכט די געוואונשטע רעזולטאַטן. די הילף צו אַלע פאַרשווערער, שעדיגער און פאַררעטער איז געווען אומזיסט. מעכטיג האָט זיך צעבליט דאָס אַרבעטער־לאַנד און עס איז געוואַקסן דער מאַטעריעלער און קולטורלער וואוילזיין פון זיינע מיליאָנען. מען האָט אַלס אַ לעצטן מיטל צו פאַרניכטן דאָס אַרבעטער־לאַנד אויפגעבויט דעם היטלער־מאָנסטער. איצט ליגט דער מאָנסטער צעשמעטערט. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געליטן, קומט אַרויס מיט גרעסערן פרעסטיזש, מיט אַ טויזנט־מאָל פאַרגרעסערער אַנטשלאָסנקייט פון זיינע בירגער צו באַשיצן זייער אָרדענונג און ווייטער צו בויען זייער לעבן אויף דער באַזע פון גליק און וואוילזיין פאַר אַלעמען.

זיינען פון דעם צופרידן די צוויי הונדערט פאַמיליעס, וואָס האָבן געהערשט אין פראַנקרייך ביז דער מלחמה, און וועלכע האָבן געהאַט דערקלערט, אַז זיי ווילן בעסער פאַרלירן מיט היטלערן, איידער געווינען מיט די פראַנצויזישע אַרבעטער?

און זיינען זיי דען צופרידן מיט דער ווענדונג, וואָס דאָס לעבן האָט אָנגענומען אין פראַנקרייך גופא? געפעלט זיי דען, וואָס מען לאָזט זיי ניט פאַרגעסן, אַז בשעת דאָס פאָלק האָט געליטן אונטער דעם קנאַפּל פון די נאַצישע אָקופאַנטן, בשעת דאָס פאָלק האָט געפירט העלדישע קאַמפן, האָבן זיי, די צוויי הונדערט פאַמיליעס און זייערע לאַקייען פון דעם שניט פון די לאַוואַלס, פעטענס און אַנדערע, — האָבן זיי זיך געלאָזט וואוילגיין אין דער קאָמפּאַניע פון די באַצווינגער פון פראַנקרייך?

קאָן דען געפּעלן זיי און די געלט־זעק פון אַלע אַנדערע לענדער וואָס די פּעלקער אין די באַפרייטע לענדער ווילן זיך ניט אומקערן צו דעם נעכטן, נאָר שפּאַנען פאָראויס צו אַ נייער וועלט?

קאָנען דען באַנקירן, פאַבריקאַנטן און פּריצים צוקוקן גלייכגילטיק ווי ריזיגע גיטער ווערן צעטיילט צווישן פּויערים, ווי גרויסע פעאָדאַלע מאַיאָנטקעס פאַרשווינדן און ווערן פאַרוואַנדלט אין פאָלקס־אייגענטום; קאָנען זיי דען צוקוקן ווי עס ווערן נאַציאָנאַליזירט די פאַבריקן און די מינען און די באַנקן?

דער קאַמף אויף די שלאַכט־פעלדער האָט זיך געענדיקט, נאָר דער קאַמף פאַר אַ נייער וועלט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט — פאַרקערט, ער איז געוואָרן נאָך אינטענסיווער. דאָס, וואָס עס קומט איצט פאַר פאַר אונזערע אויגן — די קאַמפן אין כינע, דער אויפברויז אין אינדיע, די אַנטוויקלונגען אין אַלע לענדער אין איראָפּע — דאָס זיינען די געבורט־ווייען פון אַ נייער וועלט.

די אַלטע וועלט פון רייכטום זייט באַ זייט מיט נאַקעטער נויט וויל ניט צוריקטרעטן און וויל ניט אויפגעבן קיין איינציגע פּאָזיציע, נאָר די נייע וועלט שפּאַרט זיך דורך טיר און טויער.

די אַלטע וועלט האָט צו דינסט מעכטיגע כוחות — רייכטום, געשולטע לאַקייען, אויספּרובירטע שפּיצלעך — נאָר דערפאַר האָבן די פאָלק־כוחות אַנדערע מיטלען אין קאַמף. זיי האָבן גלויבן אין זיך; זיי האָבן גרעניצלאָזן האַס צו אַן אָרדענונג, וואָס האָט אין איין דור גע־בראַכט צוויי וועלט־מלחמות אויף דער ערד; זיי האָבן ליבע צו זייערע קינדער, וואָס זיי ווילן אויפברענגען אין אַ וועלט אָן מלחמות; און זיי האָבן דעם וויסן, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין די קאַמפן אין די וועלדער און צווישן בערג, אַז זיי קאָנען זיך אַליין רעגירן.

דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער וועלט, איז אַ קאַמף פון די מאַסן פאַר זייערע רעכט — פאַר אמת׳ער פאָלקס־פרייהייט, פאַר אמת׳ער דעמאָקראַטיע, פאַר אַ סוף צו דער הערשאַפט פון צוויי הונדערט, אָדער פיר הונדערט, אָדער טויזנט פאַמיליעס.

אין אָט די קאַמפן ווערט געבוירן אַ נייע וועלט; קיינער קאָן אָט דעם געבורט ניט אָפּשטעלן!

באַ די מערסטע אַרבעטער רופט אַזאַ אַנאַליז אַרויס אַ דערהויבונג. מען שטעלט פראַגן און מען וויל וויסן מער איינצעלהייטן פון דעם קאַמף אין יעדן לאַנד באַזונדער, נאָר אָט דאָ, באַ די דיפּלאָמירטע צוהערער, איז

פאַרגעקומען עפּעס גאָר אַנדערעס. זיי האָבן זיך דערפילט דערשלאָגן און אַנטוישט. זיי האָבן עס ניט פאַרפעלט אַרויסוויזן אין דעם מבול פון פראַגן, וואָס האָט זיך באַלד אַ גאָס־געטאָן. און געפרעגט האָבן זיי מיט פאַרדרוס:

— הייסט עס, אַז עס נעמט גאָר ניט קיין סוף צו די קאַמפן? הייסט עס, אַז עס איז ווידער קאַמף, קאַמף, קאַמף! ווידער וועט זיך גיסן בלוט; ווידער וועלן זיין קרבנות; די וועלט וועט אַלץ בלייבן אַ צעטרייסלטע — ווען זשע וועט מען שוין אָפּכאַפּן דעם אָטעם?

זיי האָבן גערעדט און ניט דעררעדט, נאָר איין פרוי האָט אין אַ היסטערישן אויסגוס אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס איז געווען בײַ זיי אַלעמען אויף דער צונג.

— מיר ווילן שוין מער ניט קיין קאַמפן. מיר האָבן שוין ניט קיין כוחות. מיר ווילן אונזערע קינדער זאָלן מער ניט דאַרפן זיך שרעקן פאַר באָמבעס. פרידן ווילן מיר. רו ווילן מיר. לאָזט אונז צורו! הערט אויף רעדן וועגן קאַמפן, וועלן מער קיין קאַמפן ניט זיין!

איך האָב פּרובירט ענטפערן, אַז דער קולי אין כינע, דער אָרימער פויער אין פּוילן, דער אַרבעטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע — אַז זיי אַלע ווילן אויך פרידן, נאָר זיי ווילן אויך ברויט און אַן אַנשטענדיגע וואוינונג און בילדונג פאַר זייערע קינדער און אַז פאַר דעם קעמפן זיי און אַז זיי וועלן ניט אויפהערן צו קעמפן, ביז זיי וועלן זיך זייערס דערשלאָגן. עס איז אָבער פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז מײַנע רייד פאַלן אויף טויבע אויערן. דאָ זײַנען געזעסן מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרשטיין די וועלט בלויז אין טערמינען פון זייער אייגן שטיבל, וואָס איז שוין אויסגעצאָלט; בלויז אין טערמינען פון זייער אייגענעם וואוילשטאַנד, וואָס איז שוין באַזאָרגט; בלויז אין די ראַמען פון זייער אייגענער פאַמיליע, וואָס ווײַל מען זאָל זי צורו־לאָזן, כדי מען זאָל קאָנען עסן, שלאָפן, מאַכן רייזעס און זיך פילן געזיכערט. וואָס גייט זיי אָן די אי־בעריגע וועלט? וואָס גייען זיי אָן די געבורט־ווייען פון אַ נייער וועלט?

איך האָב געענדיגט ענטפערן אויף די פראַגן און האָב געמיינט, אַז דאָ וועט מען מיך שוין אָפּלאָזן און ניט אַרומרינגלען מיט „פּריוואַטע" פראַגן, ווי עס פירט זיך געוויינלעך, נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות. מען האָט מיך יאָ אַרומגערינגלט, נאָר אַנשטאָט צו־שטעלן מיר פראַגן האָט מען גענומען מיר באַווייזן, אַז מײַן צוגאַנג איז ניט קיין ריכטיגער. מען האָט גענומען מיט מיר אײַנקנעלן, אַז די וועלט איז פאַרמאַטערט פון קאַמפן;

די וועלט וויל זיך אויסרוען; עס וועט זיך באַלד איינשטעלן אַ באַלאַנס און „אַלץ וועט זיין צום בעסטן".

— מענטשן קאָנען דאָך ניט האַלטן אין איין קעמפן — האָט מען פילאָזאָפירט, כדי זיך אַליין צו באַרואיקן.

— וואַרט, איר וועט נאָך זען, אַז באַלד וועט קומען אַ סוף צו אַלע קאַמפן!

די בליקן, וואָס מען האָט געוואָרפן אויף מיר, זיינען אויך ניט געווען קיין גאָר פריינדלעכע. כאָטש די מענטשן האָבן אַלע גערעדט אַזויפיל וועגן דעם, אַז עס איז שוין צייט עס זאָל זיין פרידן אויף דער וועלט, האָבן זיי ניט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זיי זיינען גרייט צו גיין אין קריג מיט מיר, פונקט ווי איך וואָלט געשטאַנען אין וועג פון אַ פרידלעכער וועלט.

מער וועלן, דאַכט זיך, אָט די אינטעלעקטואַלן, וועלכע האַלטן זיך פאַר ליבעראַלן, שוין ניט איינלאַדן קיין לעקטאָר, וועלכער קאָן צעשטערן זייער רו. צוליב וואָס זאָלן זיי דאָס טאָן? מען קאָן דאָך בעסער איינ־לאַדן איינעם, וואָס וועט זאָגן, אַז אַלץ איז פיין און שיין אין אָט דער בעסטער פון אַלע וועלטן.

איי עס איז ניט אַזוי, איז אָבער גוט זיך אָפּנאַרן כאָטש אויף דעם מאָמענט ווען איינער זאָגט אַז עס איז אַזוי.

קאַפּיטל 47.

ווי וואַג איך גאָר צו מאַכן אַ טעמע פון דער פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן אידן?

איז דאָס מעגלעך?
איז דאָס טאַקע אמת?
איז דאָס גאָרניט איבערטריבן?
ווערן טאַקע מיליאָנען אידן פאַרניכטעט?
ווערן טאַקע מענער, פרויען און קינדער געפירט צו דער שחיטה ווי שאָף?

יאָרן לאַנג האָט שטרייכער סקאַוואָטשעט; געבעלס האָט גע־האַווקעט; דאָס הארסט וועסעל ליד האָט געהילכט איבער די גאַסן פון דייטשלאַנד; געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן, וואָס האָבן אַלץ שטיי־פער פאַרצויגן אַ שטריק אויף אידישע העלזער; דאָ און דאָרט האָט מען אַ אידן געשלאָגן; דאָ און דאָרט האָט מען אַ אידן דער׳הרג׳עט; נאָר, אַז מען זאָל זיך נעמען אויסמאָרדן מיליאָנען; מען זאָל לויט אַ פּלאַן באַגראָבן מענטשן לעבעדיגערהייד; מען זאָל דערשטיקן אין גאַז־קאַמערן; מען זאָל מאַכן פון מענטשישע לייבער זייף — דאָס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן; דער מוח האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו באַנעמען.

און פון טאָג צו טאָג איז געוואקסן דער שטראָם פון באַווייזן, אַז דאָס שוידערלעכע איז אַ ווירקלעכקייט. עס האָט שוין מער ניט געקאָנט זיין קיין צווייפל אין די בלוטיגע מעשים פון די דייטשע מערדער.

יאָ, קינדער ווערן צעריסן פאַר די אויגן פון די מאַמעס; עופה׳־לעך ווערן געוואָרפן אין ברענענדיגע אויוונס; אין מיטן העלן טאָג ווערן קליינע מיידעלעך פאַרגוואַלטיגט פון הינטישע בעסטיעס אין מענטשן־געשטאַלט און פון הינט און ווערן דערנאָך דערמאָרדעט; קינדער ווערן געצוואונגען צו באַגראָבן טאַטעס און מאַמעס לעבעדיגערהייד;

מענער, פרויען און קינדער ווערן געצוואונגען צו גראָבן קברים פאַר זיך; צענדליגער טויזנטער ווערן צענויפגעטריבן אויף איין פלאַץ און ווערן אויסגעקאָסעט פון דעם פייער פון מאַשין־ביקסן; מענטשן ווערן געטריבן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואו עס זיינען אויפגעשטעלט מאָרד־פאַבריקן, קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן; אין די טירן פון די גאַז־קאַמערן זיינען דאָ פענסטערלעך; „באַרימטע" דייטשן קומען אויף וויזיטן און קוקן מיט פאַרגעניגן דורך די פענסטערלעך אויף דער גסיסה פון מענטשן, וואָס ווערן דאָרט דערשטיקט; מען רייצט אָן ווילדע הינט אויף אידן; מענטשישע גלידער ווערן געריסן אויף שטיקער און מענטשן גייען אויס אין טייכן בלוט; דייטשן — מענער און פרויען — גייען אַרום מיט בייטשן און פאַסעווען די לייבער פון אומבאַהאָלפענע אידן; בלוטדורשטיגער איז קיינמאָל קיין פאַרברעכער ניט געווען; קיין מער שוידערלעכער פאַרברעכן איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען געוואָרן.

און די וועלט האָט געשוויגן!

מען האָט איבערגעגעבן די נייעס, נאָר מען איז געבליבן גלייכגילטיג.

עס האָט זיך ניט קיין הויב־געטאָן קיין שטורעם, וואָס זאָל אויפ־טרייסלען די וועלט. עס האָט זיך ניט קיין טראָג־געטאָן קיין אויסגעשריי, וואָס זאָל ווי אַ דונער טרעפן די מערדער.

דאָרט ברענט מען אונזער אייגענע.

דאָרט טרעט מען מיט די פיס אונזערע נאָענטסטע.

דאָרט גיסן זיך טייכן בלוט פון אומשולדיגע און פון אומבאַוואָפנטע.

ווי קאָן מען שווייגן? ווי קאָן מען רואיג בלייבן? ווי קאָן מען אָנגיין מיט דעם געוויינלעכן לעבן? ווי מעג מען זיך זעצן עסן, זיך לייגן שלאָפן, אָנהאַלטן די טאָג־טעגלעכע רוטין, ווען יעדע מינוט איז דאָרט אַ גהינום, ווען מענטשן פאַלן דאָרט ווי פליגן?

מוח, ווער ניט צעריסן!

האַרץ, שטעל זיך ניט אָפּ!

אויגן, ווערט ניט פאַרדונקלט פון טרערן!

פאַרביילט זיך, פויסטן! פאַרשטשעמעט זיך, ציין! שטאַליג ווער, ווילן, צו קאָנען וואַרפן דער וועלט אין געזיכט די אָנקלאַגע געגן די מערדער!

נאָר וואָס זאָגט מען?

ווי פאַרוואַנדלט מען די גסיסה־אַנגסטן פון מיליאָנען אין אַ טעמע פאַר אַ רעדע?

איז דאָך יעדער איינער פון אָט די מיליאָנען אַן אייגענער. אין יעדן אידן מיט אַ באָרד, וואָס שטייט און גראָבט אַליין פאַר זיך אַ קבר, זע איך דאָך דאָס געשטאַלט פון מיין אייגענעם טאַטן. אין יעדער אידי־שער פרוי, וואָס ווערט געטריבן אין אַ קאַלך־אויוון, זע איך דאָך דאָס גע־זיכט פון מיין ליבער מאַמען. אין יעדן קינד, וואָס שרייט אין אַ וואַנ־זיניגער שרעק, קוקנדיג דעם טויט אין די אויגן, זע איך דאָך מיינע אייגענע ברידערלעך און שוועסטערלעך ווי זיי זיינען געווען אין זייער קינדהייט.

אָט גייען צו די גאַז־אויוונס מיינע פעטערס; אָט גייען מיינע מו־מעס; אָט גייען פלימעניקעס, שוועסטערקינדער, יוגנט־חברים, שכנים, אידן פון אַלע שטעט און שטעטלעך — איך קען זיי אַלע; אַלע זיינען זיי מיר אייגן, נאָענט, ליב און טייער.

ווי קאָן מען פון דעם טויט פון אָט די אַלע אייגענע גאָר מאַכן אַ טעמע פאַר אַ רעדע?

פאָדערן זיך דען רייד אין אַזאַ צייט? מעג מען דען אַפילו וויינען אויף אַזאַ פאַרלוסט? דאָ פאָדערט זיך אַזאַ פייער פון צאָרן, אַזאַ קללה און אַזאַ פאַרדאַמונג, אַז עס זאָל דערגרייכן צו די הימלען!

טאָ וואָס זשע טוט מען?

עס ווערט באַרויבט דער שלאָף דורך די נעכט; עס ווערט צוגע־נומען די רו דורך די טעג; עס איז ניט מעגלעך צו געפינען זיך קיין פלאַץ.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל: אין די ערשטע טעג נאָך דעם אָנקומען אין קאַנאַדע, האָט די אָרטיגע ציימונג געבראַכט די נייעס, אַז פאַרטאָג האָט מען אין דער היגער טורמע היגעריכטעט אַ מערדער.

אַ מערדער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן! פאַר אַלעמען איז דאָס געווען גאָנץ נאַטירלעך. די ציימונג האָט זיך אַפילו קיין קרום ניט געטאָן, דערציילנדיג וועגן דער היגריכטונג. אויף די געזיכטער פון די דורכגייער אין די גאַסן איז ניט געווען קיין סימן פון עפּעס אַ צע־רודערונג. באַ איינעם, וועלכער איז ערשט געקומען אין לאַנד, איז אָבער געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן; עס האָט זיך געוואָלט שרייען גוואַלד, שלאָגן עמיצן, בייסן מיט די ציין און רייסן מיט די נעגל און פאָדערן אַן ענטפער:

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו רויבן דאָס לעבן פון אַ מענטשן — אפילו פון אַ פאַרברעכער?

אין די צאַרישע צייטן איז ניט געווען קיין טויט־שטראָף. די העכסטע שטראָף איז געווען אַ טורמע־טערמין. ערשט שפּעטער, ווען

דער צאַריזם האָט זיך דערפילט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט ער אין זיין צעיושעטן טעראָר געגומען אַנוועגדן אויך טויט־אורטיילן אויף רעוואָלוציאָנערן.

ווען מען איז אָבער דערצויגן געוואָרן אין דעם באַגריף, אַז די מלוכה האָט ניט קיין רעכט צו נעמען דאָס לעבן אַפילו פון אַ מערדער, איז די נייעס פון דער הינריכטונג אין דעם נייעם לאַנד געקומען ווי אַ דונער פון אַ בלויען הימל.

עס האָט געעגבערט אַ געדאַנק: דער מערדער איז אַ דעגע־נעראַט; דער מערדער באַגייט זיין פאַרברעכן אין דער פינסטער פון דער נאַכט; דער מערדער ווייסט אָפט ניט אין פאַראויס, אַז זיין פאַר־ברעכן וועט זיך ענדיגן מיט אַ מאָרד. נאָר די מלוכה גייט צו קאַלט־בלוטיג, אויסגערעכנט און דערמאָרדעט באַם שיין פון טאָג און אין דער אַנוועזנהייט פון עדות — ס׳אַרא באַרבאַריזם!

אַזוי האָט געפילט אַ יונג בחור׳ל וועגן דער הינריכטונג פון איין מענטשן — פון אַ מערדער. און איצט דאַרף מען באַ זיך באַשטימען וואָס טוט מען ווען מיליאָנען לעבנס זיינען געוואָרן פאַרניכטעט, ווען די פאַרניכטעטע זיינען געווען אומשולדיג, אומבאַהאָלפן און אומבאַוואָפנט.

דערשטיקן אין זיך דעם ווייטיג און גאָר ניט זאָגן?

זיך צוריקציען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל און ניט קוקן מער קיין מענטשן אין פנים אַריין?

באַשליסן באַ זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַרדאָרבן, אַז אַלע זיינען שולדיג, אַז אַלץ איז שוואַרץ און פינסטער, אַז אַלע רייד וועגן ציוויליזאַציע זיינען גאָר ניט ווערט און אַז דער מענטש איז די געמיינ־סטע חיה אויף דער ערד?

וואָלטן די אומגעבראַכטע געוואָלט אַזאַ האַנדלונג און אַזאַ צוגאַנג?

וואָלטן זיי געוואָלט מען זאָל פאַרגעסן די העלדישע קאַמפן פון די פאַרטיזאַנער, פון די העלדן, וואָס וויקלען זיך אַרום מיט דינאַמיט און וואַרפן זיך אונטער די רעדער פון די נאַצישע טאַנקען — פון די העלדן אויף אַלע שלאַכט־פעלדער?

אויב זיי וואָלטן געדאַרפט פאַרשעלטן מיט דער ביטערסטער קללה פאַר מאַכן פון זייערע ליידן אַ טעמע פאַר אַ גלייכגילטיגער רעדע, וואָלטן זיי דאָך פונקט אַזוי מסתמא געשאָלטן פאַר אַנטלויפן פון דעם שלאַכט־פעלד פון דעם לעבן, ווייל דאָס אַנטלויפן איז דאָך ניט מער, ווי אַ פאַרלאַנג זיך אויסדרייען פון קאַמף.

נייַן, אַנטלויפן טאָר מען ניט! שווייגן דאַרף מען ניט! פאַרדאַ־מען אַלץ און אַלעמען טאָר מען אודאי און אודאי ניט.

אַט גייען די מחנות אידן, וואָס האָבן געזונגען זייער אומשטערבלעך ליד:

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג!
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
עס וועט אַ פויק־טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

וועמען האָבן זיי געמיינט? וועגן וועמעס טראָט האָבן זיי גערעדט? זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז פאַר זיי איז שוין קיין רעטונג ניטאָ.

דאָס האָבן זיי געמיינט אונז. זיי האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן פאַר־זעצן דעם קאַמף, אַז מיר וועלן שפייען אין פנים דעם שונא און פון עק וועלט ביז עק וועלט צו אים שרייען:

— מיר זיינען דאָ!
— דו האָסט אונזער פאָלק ניט פאַרניכטעט!
— דו האָסט אונזער שטאָלץ ניט צעטראָטן!
— דו האָסט אונזער שטאָלענעם ווילן צו לעבן און צו שאַפן ניט געבראָכן!

— אונזערע העלדן אין די געטאָ־קאַמפן, אונזערע בראַווע פאַרטיזאַ־נער אין די וועלדער, אונזערע מאַרטירער אין די מאָרד־פאַבריקן, וועלכע האָבן זיך ניט געבויגן פאַר אייך, בלוטיגע מערדער, וועלן לעבן אייביג. ווען אייער זכר וועט שוין זיין אָפּגעמעקט, וועלן זיי לעבן אין די הערצער און אין די מוחות פון מענטשן. צוזאַמען מיט זיי וועלן לעבן די העלדן פון צווישן די אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען געגאַנגען צוזאַמען אין איין פייער אויף אויסצוברענען פון דער ערד דעם פאַשיסטישן שרץ.

אין אונזערע ווייטערדיגע קאַמפן וועלן די מאַרטירער געפינען אַ תיקון! מיר זיינען זיי שולדיג אַ חוב צו טראָגן זייער צוואה צו דער וועלט — צו פאָדערן, אַז מער זאָל אַזאַ פאַרברעכן ניט מעגלעך זיין; צו מאָנען, אַז די מערדער זאָלן קריגן זייער שטראָף; דורך מעשים שטעלן אייביגע מאָנומענטן צו די אומגעבראַכטע מיליאָנען.

איצט — נאָך מער ווי ווען ניט איז פריער — דאַרף וואָרט פירן צו טאַט!

דאָ טאָר ניט זיין קיין קלענסטער פאַרזוך צו מינימיזירן. דאָ טאָר ניט זיין דער מינדסטער אַנדייט אויף מורא עמיצן אַנצורירן.

דרייסט דאַרף געטראָגן ווערן די אַנקלאַגע צו דער וועלט. הויך דאַרף דונערן די פאַרדאַמונג. פעסט דאַרף זיין דאָס מאָנען פון גערעכ־טיגקייט. שטאָלץ דאַרף געהויבן ווערן דער קאָפּ באַם דערמאָנען די אומשטערבלעכע העלדן.

און דאָ קומט די איינלאַדונג צו העלפן טראָגן דעם „שוואַרצן בוך" צו דער וועלט — צו העלפן טראָגן צו דער וועלט די אידישע אַנקלאַגע געגן די נאַציס.

יאָ, דאָס מוז מען טאָן!

עס איז ניט קיין לייכטע זאַך. עס איז ניט קיין געוויינלעכע טעמע. עס איז ניט קיין געוויינלעכע רעדע, וואָס דו רעדסט זיך אָפּ, און פאַרסט ווייטער.

יעדער באַזונדער מיטינג איז אַ געריכט־זאַל, וואוהין דו טראָגסט דיין אַנקלאַגע. אין יעדער שטאָט טראָגסטו אויף זיך דעם חוב צו וועקן און צו מאָנען. דו דאַרפסט נעמען די מענטשן און זיי פירן ווייזן די פלעצער, וואו מען האָט מיליאָנען פאַרניכטעט. דו דאַרפסט מאַכן, אַז אַפילו טויבע זאָלן דערהערן דעם פאַרצווייפלטן געשריי, וואָס האָט געטרייסלט דעם הימל אין די פלעצער פון פאַרניכטונג. דו דאַרפסט ניט מורא האָבן, אַז מענטשן וועלן צעבראָכן ווערן און וועלן זיך באַגיסן מיט טרערן.

זאָלן זיי וויינען. עס איז גוט ווען מענטשן וויינען, בשעת זיי זיינען טיף אויפגעטרייסלט. שלעכט איז נאָר, ווען זיי וויינען זיך אויס און מיינען, אַז מיט דעם האָבן זיי זיך שוין אויסגעקויפט פון אַלע פליכטן.

וועק זיי צו טאָטן! מאָן פון זיי האַנדלונג!

פאָדער פון זיי צו שמידן אייניגקייט, צו באַקעמפן דעם היימישן פאַשיזם. פאָדער פון זיי צו גיין אויף אַנטשלאָסענע קאַמפן געגן יעדן אויסדרוק פון פעלקער־האַס און פון האַס צו אידן.

שוין ניט קיינעם ווען דו טראָגסט דיין שניידנדיק וואָרט געגן די, וואָס האָבן געקעכלט די מערדער. מאַך דיינע פיילן וואָס שאַרפער, ווען דו שיסט אין די, וועלכע ווילן אויך דאָ דערפירן צו מאַידאַנעקס און טרעבלינקאַס.

עס זיצן מיט דיר אויף דער פלאַטפאָרמע וויכטיגע פירער פון דעם לאַנד. דו דערלאַנגסט דעם בוך צו מעיאָרס און צו בישאָפס, צו פירער פון אַרבעטער און צו דערציער פון דער יוגנט. לעב אויף פאַר

זיי די געשטאַלטן פון די אומגעבראַכטע. ברענג אַרויס פאַר זיי דעם פולן שוידער פון דעם פאַרברעכן פון אומברענגען מיליאָנען. זאָלן זיי דערהערן דאָ דעם יאָמער־געשריי פון מוטערס, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרשטאַנד. זאָלן זיי דערזעען די בכבוד׳יגע טאַטעס און זיידעס, וועלכע מען האָט געצוואונגען אָנטאָן טליתים און גיין רייניגן מיט די הענט דעם אָפפאַל פון קלאָזעטן, נאָר זאָלן זיי אויך דערזעען די העלדן, וואָס האָבן געפירט די אומשטערבלעכע קאַמפן אין די געטאָס. זאָלן זיי, — זאָלן אַלע וויסן — אַז אידן זיינען געוואָרן ווי לייבן ווען זיי האָבן געקעמפט פאַר זייער ווירדע, פאַר זייער פאָלק, פאַר זייער אייגענער ערע און פאַר דער ערע פון זייערע קינדער. און זאָלן אַלע וויסן, אַז עס זיינען געגאַנ־גען האַנט אין האַנט אידן פרומע און ניט־גלויביגע, יונגע און אַלטע, מענטשן פון אַלע ריכטונגען, ווייל זיי זיינען אַלע געוואָרן איין פאַראייניג־טער ווילען, איין פלאַמיגער כוח.

און זאָל מעכטיג זיך טראָגן די פאָדערונג:

— וועלט, וואָס איז דיין ענטפער?!

זיי זיינען געווען געריירט. זיי זיינען געוואָרן מיטגעריסן מיט דעם טיפן ווייטיג. זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון שאַנדע פאַר אַ וועלט, וואו אַזעלכע פאַרברעכנס זיינען מעגלעך געוואָרן.

אייניגע פון זיי וויינען; אַנדערע דערקלערן מיט צאָרן, אַז אויב עס וועט ניט נעמען קיין סוף צו אַזעלכע פאַרברעכנס, איז ניט כדאי צו לעבן אויף דער וועלט; אַלע שווערן זיי, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ אין זייערע כוחות, אַז אויף דער ערד פון אַמעריקע זאָל קיינמאָל זיך ניט גיסן קיין אומשולדיג בלוט.

אַזוי האָט געזאָגט דער מעיאָר פון ניו יאָרק, וועלכער איז געווען טיף געריירט פון דער שבועה, וואָס אַכצן טויזנט מענטשן האָבן געגעבן קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן און קיינמאָל ניט צו שענקען.

אַזוי האָבן געזאָגט די מעיאָרס פון אַ סך שטעט, נאָר באַזונדער האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח די רעדעס פון די מעיאָרס אין דענווער, דזשעקסאָנוויל, נוואַרק, באָפאַלאָ און יאָנגסטאָן. אין דער לעצטער שטאָט האָט אויך גערעדט אַ בישאָפּ, וועלכער איז געקומען פון אַ קראַנקן־בעט.

ניין, איך האָב ניט געמאַכט קיין טעמע פון דעם טויט פון זעקס מיליאָן אידן. דאָס טראָג איך צו דער וועלט זייער צוואה, ווייל אַזוי האָבן זיי געוואָלט, און זייער וואונש איז אַ געבאָט.

דריטער טייל

ווידער אין קאַנאַדע

קאַפּיטל 48.

נאָך 26 יאָר צוריק צום אַלטן נעסט

עס האָבן זיך אַוועקגעקייקלט זעקס און צוואַנציג יאָר זינט איך האָב פאַרלאָזט וויניפּעג, די שטאָט, מיט וועלכער עס זיינען באַ מיר פאַרבונדן אַזויפיל זיסע און אויך אַזויפיל ביטערע דערינערונגען. דאָרט האָב איך געשטעלט מיינע ערשטע טריט אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָרט האָט זיך פאַר מיר געעפנט די טיר פון אַן אוניווערזיטעט. דאָרט איז געווען אָרימקייט, נאָר דאָך זאָרגלאָזיגקייט, ווייל יוגנט לאָזט זיך ניט בויגן. דאָרט האָבן זיך געוועבט טרוימען; דאָרט האָט אויפגעלויכטן דאָס ליבע געשטאַלט, וואָס איז אומאָפּטיילבאַר אַריינגעוואקסן אין מיין לעבן; דאָרט האָב איך פאַרזוכט דעם טעם פון פּאָליציייאישע קלעפּ פאַר זיין אַ פריינט פון דעם יונגן סאָוועטישן לאַנד. מאָרגן וועל איך ווידער זיין אין אָט דער שטאָט, וואו עס איז אין מיין יוגנט געווען מיין צווייטע היים.

די באַן גייט אָפּ פון דולוט שפּעט באַנאַכט. פאַרטאָג וועל איך שוין זיין אויף דעם קאַנאַדער באָדן, און גאַנץ פרי וועל איך שוין זיין אין וויניפּעג.

די פריינט, וועלכע באַגלייטן מיך צו דער באַן, באַמערקן דאַכט זיך ניט די אומרואיגקייט, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך פּרוביר זיך קאָנטראָלירן און אָנהאַלטן דעם געשפּרעך, נאָר מיינע געדאַנקען זיינען שוין ווייט פון דאַנענד. איך קוק אויף דעם וואַגאָן און האַלט אין איין טראַכטן: אָט פון אָט די טרעפּלעך וועט מיין פוס מאָרגן זיך שוין שטעלן אויף דער ערד אין וויניפּעג. אָט אַזוי פּשוט איז עס — עס וועט איבערלויפן די נאַכט און איך וועל זיין צוריק אין מיין אַמאָליגן נעסט. עס גלויבט זיך קוים, אַז דאָס איז טאַקע אַווירקלעכקייט; עס גלויבט

זיך קוים, אַז 26 יאָר זיינען אויף אַן אמת פאַרלאָפן זינט איך האָב מיין אַמאָליגע שטאָט געזען צום לעצטן מאָל.

עס איז געווען אַן אומרואיגע נאַכט. דער געדאַנק האָט געבלעטערט אַזויפיל דערינערונגען. פראַגן האָבן אין מוח זיך געשפּאַרט אַן אַ צאָל: ווי זעט איצט אויס אָט די שטאָט? וועמען פון די אַמאָליגע פריינט וועל איך דאָ איצט טרעפן? וועמען זאָל איך גיין באַזוכן באַלד באַ מיין אָנקומען? איז דאָ נאָך דאָ דער און דער? ווי זעט איצט אויס דאָס שטיבל, אין וועלכן מיר האָבן דאָ געהאַט געוואוינט? וואָס פאַר אַן עולם וועט קומען מיך הערן? וועמען האָבן די יאָרן צעבראָכן? וועמען האָט די צייט געשווינט? ווער איז פאַרבליבן טריי די אידעאַלן פון דער יוגנט? ווער איז געוואָרן אַן אַפּטריניגער? ווער לעבט און ווער איז טויט?

עס איז אַרויפגעשוואומען אין זכרון אַ טאָג ווען מיר זיינען געזעסן אין דרייען אין אַ קאָמיטע און געאַרבעט אויף אַ מעמאָראַנדום צו דעם קאָנגרעס פון די קאַנאַדער טרייד יוניאָנס. עס האָט נאָר וואָס זיך געהאַט פאַרענדיגט די ערשטע וועלט־מלחמה. פּוילן איז מיט דעם גנאָד פון די זיגער געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד, נאָר שוין אין דעם האָניג־חודש פון דער געוואונענער זעלבסטשטענדיגקייט האָבן די פּאַנעס, וואָס האָבן גענומען הערשן איבער דעם נייעם לאַנד, צעבויטעט אַ ווילדע העצע געגן אידן. די יונגאַטשעס פון דעם העלער לעגיאָן, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פראַנקרייך, — די טרויעריג באַרימט־געוואָרענע האַלערטשיקעס — האָבן גענומען וואַרפן אידן פון די פענסטער פון לויפנדיגע באַנען און האָבן גענומען רייסן באַ אידן בערד מיט שטיקער פלייש פון דעם געזיכט. „טרוקענע" און „נאַסע" פּאָגראָמען זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אַ פאַראייניגונג פון אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס האָט אונז דרייען אויסדערוויילט אין אַ קאָמיטע אויסצואַרבעטן אַ מעמאָראַנדום, וואָס זאָל דורך דעם קאָנגרעס פון די קאַנאַדער אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאָדערן פון דער קאַנאַדער רעגירונג און פון דער בריטישער מאַכט אין לאָנדאָן, אַז זיי זאָלן אויסאיבן אַ דרוק אויף פּוילן זי זאָל אָפּשטעלן די אידן־פאַרפאָלגונגען.

דעמאָלט האָבן מיר געשריבן אַ מעמאָראַנדום וועגן ליידנדיגע אידן, נאָר לעבעדיגע אידן. און אָט פאָר איך איצט צוריק אין דער זעלבער שטאָט, נאָר רעדן וועל איך שוין דאָ איצט וועגן טויטע אידן — וועגן זעקס מיליאָן טויטע אידן!

עס איז ניט דער קאַנאַדער פראָסט, וואָס האָט פאַרקילט דאָס בלוט אין די אַדערן, — דאָס האָט אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגן בײַ דעם געדאַנק, אַז אָט קום איך אַהער איצט נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פאַרענדיגט אַ צווייטע וועלט־מלחמה, נאָר איצט איז אונזער בראָך נאָך גרעסער, ווי נאָך דער ערשטער יאטקע.

די באַן איז געבליבן שטיין. עס זײַנען דורכגעלאָפן עטלעכע מינוט פון דעם געוויינלעכן טומל באַם אָנקומען אויף אַ גרויסער סטאַנציע. ספּעציעל ווען אַלע פּאַסאַזשירן שטייגן אויס. און אָט איז דער גוט באַקאַנטער וואָקזאַל אין וויטן דרום פון דער שטאָט. ניין, בעסער ניט טעלעפאָנירן באַלד צו קיינעם. בעסער זיך לאָזן צופוס צו דעם צענטער פון שטאָט און זיך אויסמישן מיט אָט די פרימאָרגנדיגע מחנות, וואָס איילן זיך ערגעץ אַזוי.

געטראַכט און געטאָן. דער באַגאַזש בלײַבט אויף דער סטאַנציע און איך גיי אין שטאָט אַרײַן.

עס קריכן טראַמווייען, עס לויפן אויטאָמאָבילן און טראָקס, מענטשן איילן זיך אין אַלע ריכטונגען. איך קוק אויף די מענטשן, אויף די געביידעס, אויף די גאַסן און פּרוביר זיך אַריבערטראָגן צו דעם אַמאָל און זיך דערמאָנען ווי אָט די זעלבע גאַסן האָבן אויסגעזען מיט יאָרן צוריק. איך שטרענג אָן מײַן זכרון, נאָר אַלץ איז מיר פרעמד. געבליבן איז בײַ מיר אין זכרון אַ בילד פון אַ רירעוודיגער יונגער שטאָט, נאָר איצט זע איך אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט. אַפילו די איילנדיגע מענגעס מאַכן ניט קיין אײַנדרוק פון רירעוודיגקייט, נאָר עפּעס ווי אַלע וואָלטן זיך געדרייט אויף איין אָרט.

פון דער אַמאָליגער גרויסער, יונגער, קרעפטיגער שטאָט איז געבליבן אַ גרויס דאָרף אָן ספּעציעלן חן, אָן וואָס עס איז צוציענדיגעס.

האָט די שטאָט זיך טאַקע אַזוי געביטן, אָדער דאָס האָט זיך געביטן מײַן אויג, וואָס איז געוואָרן צוגעוואוינט צו גרעסערע שטעט?

לאַנג דאָ אַרומשפּאַנען האָב איך ניט געוואָלט און ניט געהאַט קיין צײַט. דער טאָג איז קורץ און עס איז נאָך דאָ אַזויפיל אַרבעט.

דאָס ערשטע, וואָס איך וועל טאָן, איז גיין באַזוכן די קברים פון דעם יונגען ברודער און דער שוועסטער אויף דעם פעלד אין קילדאָנען, וואָס ליגט צום צפון פון דער שטאָט. דער וועג איז מיר גוט באַקענט. אין לויף פון יאָרן האָט מײַן געדאַנק מיך ניט איינמאָל אַריבערגעטראָגן צו אָט דעם וויטן פּלאַץ. פאַר די אויגן איז שטענדיג געשטאַנען דאָס

בילד פון דעם צוזאַמענגעבראָכענעם טאַטן ווען מען האָט אונזער וואָוען אַראָפּגעלאָזט אין דער ערד. עס קאָן ניט זיין קיין מער שוידערלעך בילד פון דעם, ווי אַ טאַטע באַגראָבט אַ זון.

באַ דער לויה פון ראָזע׳ן בין איך ניט געווען. איך געדענק ווי איך בין געזעסן באַ מיין אַרבעט אין רעדאַקציע ווען מען האָט מיר צוגעטראָגן אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז מיין ליבע שוועסטער, ראָזע, איז געשטאָרבן. מיר איז זי געווען גאָר טייער, ווייל זי איז מיר געווען ניט נאָר אַ שוועסטער, נאָר אויך אַ לערערין און אויך אַ חבר אין גייסט.

וויפיל איך וואָלט דעמאָלט געוועז געגעבן צו זיין מיט מיינע טייערע אין דעם טאָג פון דער לויה. ווי איך האָב זיך געריסן צו זיין לעבן זיי און טיילן דעם גרויסן ווייטיג. בין איך אָבער געווען אין ניו יאָרק און זיי — ווייט אין דער קאַלטער שטאָט וויניפּעג. האָב איך פאַרגאָסן מיט טרערן די בלעטלעך פון דעם אַרטיקל, וואָס איך האָב געהאַלטן אין שרייבן, און זיי דאָרט זיינען געשטאַנען באַם אָפענעם קבר פון דער באַליבטסטער אין דער פאַמיליע. טאַטע און מאַמע, ברידער און שוועס־טער האָבן באַגלייט צו איר רו די ליבע ראָזע, וואָס האָט געוואָגט אין די צאַרישע צייטן פירן אַ סטרייק אין איר גימנאַזיע, פאַרוואָס מען האָט די פירערין און אַלע אַנדערע גימנאַזיסטקעס אויסגעשלאָסן. זיינען די אַנדערע מיידלעך געקומען און אַריינגעגעבן „פּראָשעניעס" (ביטעס), אַז מען זאָל זיי שיינקען, נאָר ניט ראָזע. אַלע זיינען געגאַנגען צוריק אין די קלאַסן און זי איז געבליבן אין דער היים.

עס שווימט אַרויף אין זכרון אַ בילד ווי אַזוי צו דער טיר פאַרט־צו אַ קאַרעטע. עס שטייגט אויס דער פאַרזיצער פון די אַדעליגע. אַלע אין שטוב ווערן אומרויִג; עפּעס אַ קלייניקייט — דער „פּרעדסעדאַטעל דוואָריאַנסטוואַ" !

דער טאַטע און די מאַמע זיינען דערשראָקן, קליינוואַרג באַהאַלט זיך אין די ווינקלען, נאָר ראָזע איז רויִג און זי באַגעגנט אָן פאַרלאָרנקייט דעם „וואַזשנעם פּריץ", וועלכער שפּאַנט אַריין מיט אַ געמאָסטענעם טראָט און פרעגט אויף איר.

זי קומט צו צו אים און באַגריסט זיך מיט אים. ער פאַרנויגט זיך און זאָגט:

— איך האָב געוואָלט אַליין זען דאָס בראַווע מיידל, וואָס שטעלט זיך געגן דער גאַנצער נאַטשאַלסטווע פון דער גימנאַזיע.

די מאַמע בעט אים זיך זעצן. ער באַדאַנקט און, צוזעצנדיק זיך אויף דעם שפּיץ בענקל, הויבט ער אָן איינטענה׳ען מיט דער שוועסטער, אַז זי זאָל גיין צוריק אין גימנאַזיע, ווי עס האָבן געטאָן אַלע אַנדערע גימנאַזיסטקעס.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ניט דעם אופן, ווי זי האָט גע־ענטפערט, ניט די ווערטער, וואָס זי האָט באַנוצט. דאָס זיינען דאַכט זיך די סאַמע שטאַרקסטע איינדרוקן פון יענע קינדער־יאָרן, וואָס זיינען געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איך געדענק די פּאָזע, אין וועלכער זי איז געשטאַנען ווען זי האָט פּאַמעלעך אַרויסגערעדט:

— גיין צוריק זיך לערנען — דאָס וואָלט איך געוואָלט, נאָר קומען זיך דערנידעריגן — דאָס ניט!

דער הויכער פאַרשוין אין דעם שיינעם מונדיר האָט אומזיסט פּרוּ־בירט זי איבעררעדן — עס האָט ניט געהאָלפן. ער האָט צולעצט געפרעגט וואוהין זי וועט פאָרן זיך לערנען. אויף דעם האָט זי געענטפערט, אַז זי וועט זיך לערנען אין דער היים און וועט אָפּגעבן עקזאַמען אין דער גימנאַזיע דאָ אויף צו קריגן איר אַטעסטאַט צו קאָנען אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט.

— קינד מיינס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער אין זיין שטימע — פאַרשטייסטו דען ניט, אַז מען וועט דיר דאָ קיין אַטעסטאַט ניט געבן?

עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. זי איז געווען אַנטשלאָסן, נאָר אַזוי זיינען אויך געווען אַנטשלאָסן די צאַרישע לאַקעיען. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען געפונען לעכערלעכע אויסריידן אויף ניט צו געבן ראָזע׳ן איר פאַרדינטן אַטעסטאַט, כאָטש די לערער און לערערינס אַליין האָבן צוגע־געבן, אַז זי ווייסט אירע געגנשטאַנדן גלענצענדיק. נאָר אויף דעם פערטן יאָר האָט זי פאַרט אויסגעפירט אירס, ווייל עס איז נאָך מסתמא געווען אַ פונק פון מענטשישקייט באַ אייניגע לערער אין דער גימנאַזיע און זיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער צינישער האַנדלונג אין באַצוג צו אַ אידיש קינד. דאָ דערמאָנט זיך דער אופן, ווי מען פלעגט איבערהויפּט חוזק מאַכן פון אידישע עקסטערנעס (די וועלכע פלעגן זיך לערנען אין דער היים און קומען האַלטן עקזאַמען אין אַ לער־אַנשטאַלט) דער דירעק־טאָר פון אונזער רעאַל־שול האָט איין מאָל זיך צעכראַסטעט מיט אַזאַ אָפענער און צינישער דערקלערונג: אַ רוסישער רעאַליסט דאַרף קאָנען

אויף 3; אַ לערער דאַרף קאָנען אויף 4; גאָט קאָן, געוויס, אויף 5 נאָר אַ איד דאַרף קאָנען אויף 6, אויב ניט, גייט ער ניט דורך.

און אָט איז ראָזע איינע פון די ערשטע סטודענטקעס אויף דעם יורידישן פאַקולטעט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, ווען עס איז געגעבן געוואָרן פרויען אַ מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אַהין. אָט קום איך צו ראָזען אויף אַ באַזוך אין וואַרשע. זי איז אַרומגערינגלט מיט סטודענטן און סטודענטקעס. איך בין אַ יונג אינגל און איך בין זיי אַלעמען אַזוי מקנא אויף דעם, וואָס זיי זיינען אַזוי זיכער בײַ זיך, וואָס זיי באַהאַנדלען אַזויפיל פראַגן און וויסן אַזויפיל זאַכן און וואָס זיי לאַכן אַזוי געשמאַק.

יאָרן און טויזנטער מײַלן האָבן זיך אַוועקגעלעגט צווישן אונז. מער האָב איך מיין טייערע ראָזע ניט געזען. בין איך געזעסן בײַ מיין שרייב־טיש אין רעדאַקציע און מיין געדאַנק איז געווען מיט מיינע טייערע, וואָס האָבן ווייט אין וויניפעג באַגלייט ראָזע'ן צו איר רו.

אוי, ווי דאָס האַרץ האָט זיך געריסן אויף שטיקער!

דער טראַמוויי יאָגט זיך איבער די פאַרשנייטע גאַסן און פירט מיך אַלץ נעענטער צו דעם בית עולם אין קילדאָנען. אָט איז דער סעינט דזשאָנס פּאַרק. וויפיל מיר האָבן דאָ לידער אויסגעזונגען, וויפיל מיר האָבן דאָ דיסקוסיעס דורכגעפירט אין די זומער־אָוונטן, וויפיל מיר האָבן דאָ אַרומ־גערעדט וועגן דער וועלט און אירע פּאַראַנדקעס.

און ווידער טראַכט איך: וואָס איז געוואָרן פון די אַלע, וועלכע זיינען דאָ אַמאָל געווען אין איין קרייז? די געשיכטע פון אַ צאָל פון זיי ווייס איך גוט, פון אַנדערע ווייס איך גאָר ניט און פּרוביר טרעפן. איך ווייס, אַז דער לאַנגער דאַוויד איז איין צייט געווען אַ סאָוועטישער קאָנסיל אין לאָנדאָן, איך ווייס, אַז דער שטילינקער שאַיע איז געוואָרן אַ רייכער מאַן אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר איז פאַרבליבן אַ פּראָגרעסיווער מענטש. אויף איינער פון מיינע רייזעס האָט ער מיר דערציילט די פאָלגענדיגע געשיכטע: ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, איז ער אויך געוואָרן אַ קרבן פון דער געשאַפענער וואַקכאַנאַליע. ער האָט געליטן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין מיט דעם שטראָם פון וויסטע העצעס געגן דעם אַרבעטער־לאַנד. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען און ווידערהאָלן די בלבולים, וואָס מען האָט גענומען פאַרשפּרייטן, אַז דער סאָוועטן־פאַר־

באַנד וועט מאָלד איינפירן נירעמבערגער געזעצן און אַז דאָס לאַנד וועט איבערהויפּט אַוועק אויף דעם וועג פון אָפּשאַפן אַלע רעכט פון די אַר־בעטער און אַלע דערגרייכונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

שאַיע האָט ניט נאָר ניט אָנגענומען אָט די רייד, נאָר ער האָט ביטער באַקעמפט די אַלע, וואָס האָבן אַזעלכע ווילדע געשיכטעס פאַר־שפּרייט. מאַכט זיך, אַז ער קומט אין הויז פון איינעם פון די פאַר־מעגלעכסטע אידן אין שטאָט. ביז דאַן זיינען די צוויי רייכע לייט געווען די בעסטע גוטע פריינט, נאָר דעם אָוונט האָבן זיי זיך אַזוי צעריסן, אַז דער באַלעבאָס פון הויז האָט געעפנט די טיר און האָט געגעבן שאַיען אַ באַפעל:

— אַרויס פון מיין הויז! דיין פוס זאָל זיך דאָ מער ניט באַווייזן!

איז שאַיע אַוועק אַ פאַרשעמטער און אַ צעוויטיגטער.

עס איז געקומען 1941. די נאַצישע האָרדעס האָבן זיך אַריינ־געריסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און גענומען שפּרייטן טויט און פאַר־וויסטונג. דעמאָלט האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מיט זיין אָפּמאַך געוואונען צייט — אַז בלויז דאָס האָט ער געשטרעבט צו דערגרייכן — און אַז אַ דאַנק זיין געוואונענער צייט איז ער בעסער צוגעגרייט צו באַגעגענען דעם שונא און ער וועט דורך דעם ראַטעווען ניט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך די גאַנצע מענטשהייט פון דעם גורל, וואָס היטלער און זיינע מערדער האָבן אָנגעצייכנט פאַר דער גאַנצער וועלט. ניט איינער פון די, וואָס האָט פריער מיט ציין־קריצעניש גערעדט געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן פילן אומבאַקוועם. ניט אַלע אַזעלכע האָבן געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען און אָפן צוגעבן, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט געזאָגט וועגן דעם סאָוועטישן לאַנד, איז ניט געווען באַרעכטיגט.

אין איינעם אַן אָוונט — דערציילט שאַיע — הערט ער ווי עמיצער קלאַפּט אין זיין טיר. אין הויז זיינען גראָד געווען געסט. די באַדינער זיינען אַלע דעם אָוונט אַוועקגעשיקט געוואָרן צו קאָנען זיך באַטייליגן אין עפּעס אַ פּאַטריאָטישער פאַרזאַמלונג. שאַיעס פרוי האָט אַליין סער־ווירט די געסט. שאַיע איז געגאַנגען עפענען די טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען זיין אַמאָליגער פריינט און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע האָט ער אַרויסגערעדט:

— שאַיע, שפּיי מיר אָן אין פּנים!

נאָך איצט, אַז מיין אַמאָליגער ווינעפּעגער פריינט דערציילט אָט

די געשיכטע, שטיקן אים טרערן אין האַלז. ער דערציילט מיט וויפיל פרייד ער האָט אַריינגעפירט דעם מאַן, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער טיר, אין זיין גרויסן זאַל. ווי אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין דער שמחה פון דער באַנייטער פריינדשאַפט און ווי אַלע האָבן אונטערשטראָכן, אַז דאָס איז אַ צייכן פון דער צייט און דאָס דאַרף העלפן בעסער שלאָגן דעם שונא.

איך ווייס אויך, אַז אייניגע פון די אַמאָליגע גלידער פון אָט דער גייסטיקער משפחה זיינען געבליבן געטרייע בויער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אייניגע זיינען אויסגעוואַקסן און געוואָרן גאָר וויכטיגע טוער. אַנדערע ווידער זיינען אָפּגעשטאַנען און פאַררוזנעט געוואָרן אין רוטין פון איזאָלירטן לעבן, וואָס זיי האָבן געבויט בלויז פאַר זיך און פאַר דער אייגענער פאַמיליע.

און וואָס איז געוואָרן פון די אַנדערע?

דער טראַמוויי איז געבליבן שטיין. מיינע געדאַנקען זיינען אַלע פאַר־שוואונדן. עס איז געבליבן בלויז איין געדאַנק — אָט באַלד וועל איך זיין בײַ די קברים פון מיינע טייערע.

עס איז אַ ווייסע וועלט. איין געדיכטער שניי־פּלאַסט נאָך דעם צווייטן האָט זיך דאָ געלעגט אין לויף פון חדשים ביז אַלץ איז צוגע־דעקט געוואָרן מיט אַ דיקן ווייסן צודעק. עס זיינען אויך איינגעהילט אין ווייסן די ביימער און די מצבות, דער פּאַרקאַן און אַלץ אַרום.

שטיל איז דאָ אַזוי, אַז איך קאָן הערן דאָס קלאַפּן פון דעם איי־גענעם האַרצן. אוי ווי עס קלאַפּט!

אָט דאָ ערגעץ זיינען די מצבות אויף די קברים, וואָס איך זוך.

זוך איך און זוך, נאָר איך קאָן גאָר ניט געפינען. פּלוצלונג באַווייזט זיך פון ערגעץ אַן אָנגעפעלצטער מענטש. ער טראָגט אַ גרויסע לאָפּעטע אויף אָפּצושאַרן דעם שניי. ער איז דאָ דער אויפזעער. אים נעמט ניט לאַנג צו געפינען די קברים, וואָס איך זוך. ער קריגט זיין באַלוינונג, און איך בין אים דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס ער רוקט זיך באַלד אָפּ און לאָזט מיך דאָ אַליין מיט מיין פּיין און מיט מיין ווייטיג.

אָט איז דער שמאָלער שטיין אויף דעם קבר פון וואָווען. וואָלט אַ בלוטיגע מלחמה ניט געוועזן צעריסן אַ פאַמיליע אויף צוויי טיילן, וואָלט ער אפשר ניט געוועזן פאַרשניטן געוואָרן אין זיין יוגנט. דערפאַר איז אַזוי גרויס דער ווייטיג. דערפאַר וויינט אַזוי דאָס האַרץ.

און אַט איז דער נידעריגער, ברייטער שטיין איבער דעם קבר פון מיין ראָזען. שוועסטער מיינע, וויפיל טעג פון הונגער דו האָסט איבער־געטראָגן אין דיין איינגעשפּאַרטקייט צו לערנען זיך און אַנדערע! וויפיל זונען עס האָבן געלויכטן אין דיינע אויגן אין יענע שפּעטע שטונדן פון דער נאַכט ווען בײַ אַ צאַנקענדיג לעמפּל פלעגן בײַ אונז אין הויז געהאַלטן ווערן די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון דעם קרייז, צו וועלכן דו האָסט באַלאַנגט!

ראָזע מיינע, וויפיל מוט און גלויבן אין זיך דו האָסט פאַרמאָגט, אַז דו האָסט געקאָנט אין אַ קורצער צייט פון צוויי־דריי יאָר ווערן אַ לערערין פון אַ נייער שפּראַך אין אַ ניי לאַנד! עס ווערן פאַרצויגן די אויגן, עס ווערט פאַרדריקט דאָס האַרץ און עס ווילט זיך אויסשרייען אין אַט דער שטילער, ווייטער וועלט אַריין:

— פאַרוואָס דאַרפן מענטשן אַזוי ליידן?!

און פון דאַנענד דאַרף איך גיין רעדן וועגן דער פאַרניכטונג פון 6 מיליאָן מענטשישע לעבנס. וויפיל ראָזעס, וויפיל וואָוועס, וויפיל ליבע, טייערע, באַגאַבטע קינדער עס זיינען דאָרט צעטראָטן געוואָרן. וויפיל געטרייע מאַמעס, וויפיל איבערגעגעבענע טאַטעס, וויפיל זיידעס, באָבעס — וואָס פאַר אַ גרויסער מענטשישער אוצר עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן!

דאָ צוויי קברים, וואָס זיינען אַזוי טייער, און דאָרט זיינען אַפילו קיין קברים ניטאָ. אויב דאָס האַרץ ווערט צעריסן דאָ בײַ אַט די מצבות, דאַרף נאָך הייליגער ווערן דער אָנדענק פון יענע אומגעבראַכטע, כדי דער אָנדענק פון די אייגענע זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. זאָל אַ ברענענדיגער צאָרן זיך צעברויזן און מיטרייסן אַלעמען אויף צו פאַר־דאַמען אַ וועלט, וואָס האָט דערלאָזט צו אַזאַ פאַרברעכן.

עס פאַרביילן זיך די פויסטן; עפּעס ווערן אַלע אַדערן אָנגעגאָסן מיט אַ שטראָם פון אַ באַזונדער ענערגיע; עס דאַרפן היינט זיין ניט ווערטער, נאָר שפּיזן; עס דאַרף היינט זיך צעטראָגן אַן אָנקלאַגע־אַקט!

איך פאַרלאָז דאָס פעלד און די שטילקייט. איך גיי צוריק צו דער שטאָט, צום גערויש, צו דער וועלט ווי זי איז — איך גיי באַגלייט מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז די וועלט מוז און קאָן ווערן אַן אַנדערע.

צוליב וואָס טעלעפאָנירן און אָנזאָגן, אַז אַט קום איך? עס וועט ווערן אַ גערודער, איינער וועט טעלעפאָנירן דעם צווייטן, עס וועט ניט

זיין קיין מעגלעכקייט אויסצורעדן אַ וואָרט מיט די חברים, צו וועמען אין הויז איך וויל איצט קומען. בעסער איבערלאָזן דאָס באַגעגענען זיך מיט אַנדערע חברים אויף שפּעטער. איצט וויל איך בלויז רעדן צו אַט די צוויי מענטשן. ווי זעען זיי אויס? וואָס איז געוואָרן פון אַט דער יונגער, חנ׳עוודיגער לערערין? וואָס איז געוואָרן פון אַט דעם קורץ־געוואַקסענעם בחור׳ל מיט דעם ענערגישן געזיכט און מיט עפּעס אַזאַ פעסטעס אין זיין שטימע און אין זיין האַלטן זיך, אַז אַלע מאָל, ווען איך טראַכט וועגן אים, דאַכט זיך מיר, אַז ער איז געווען די פּער־זאָניפיצירונג פון עטוואָס זייער סאָלידעס, פעסטעס און איינגעפונדע־וועטס. אַזוי איז ער געווען אין זיין אַנטשלאָסנקייט צו לערנען זיך. אַזוי איז ער געווען אין זיין אַנטשלאָסנקייט אַריינצוטרעטן אין אוני־ווערזיטעט. אַזוי איז ער געווען אין זיינע איבערצייגונגען. האָט ער איינמאָל געפאַסט באַ זיך אַ באַשלוס, האָט שוין קיין שוועריגקייט און קיין שטערונג אים ניט געקאָנט אָראָפּפירן פון זיין אָנגעצייכנטן וועג.

איך וועל זיך אַליין פאַרלויפן דעם וועג און דערציילן דאָס, וואָס איך האָב פון אים געהערט אַ פּאָר שעה נאָך מיין אָנקומען, וועגן דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן אין די צייטן פון דער וואַקכאַנאַליע געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ מענטש, וואָס איז אַזוי סאָליד ווי ער, וועט דאָך ניט ווערן סענטימענטאַל און אָנהויבן דערציילן לירישע געשיכ־טעס וועגן זיך; ער וועט וועגן זיך ניט דערציילן קיין זאַך, וואָס קאָן קלינגען עפּעס העלדיש. ער דערציילט דערפאַר אין זייער אָן איינגע־האַלטענעם טאָן, ער איז אַפילו איראָניש אויף דעם אייגענעם חשבון, נאָר עס שיינט פאָרט אַרויס זיין מוט און זיין ווירדיגע האַלטונג בשעת עס נעמען זיך צו אים די „דעמאָקראַטישע אויספאָרשער״.

צי איז ער אַ פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד?

יאָ, ער איז. פאַרוואָס זאָל ער ניט זיין? עס איז דען דאָ אַ געזעץ, אַז מען טאָר ניט זיין קיין פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד?

מממ... ניין, קיין געזעץ איז ניטאָ, נאָר...

דערנאָך האָט מען אים גענומען אויספרעגן וועגן זיין אַרבעט אין פאַרבינדונג מיט בירא־בידזשאַן.

יאָ, ער איז פאַרבונדן. דאָרט בויט זיך אַ נייַ אידיש לעבן. אין דעם לאַנד, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו אַנטיסעמיטיזם, איז אויך גע־שאַפן געוואָרן די מעגלעכקייטן פאַר אידן צו בויען זייער ערשטע און איינציגע אויטאָנאָמע מלוכה אין דער וועלט.

— זיי פאַרבייסן די ליפּן און איך רעד, — דערציילט ער און שמייכלט דערביי שעלמיש — זאָלן זיי צעזעצט ווערן און זאָלן זיי וויסן, אַז איך שטעך זיי אַבזיכטלעך מיט דעם, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז קיין אַנטיסעמיטיזם ניט מעגלעך, בשעת דאָ אין לאַנד איז אַנטיסעמי־טיזם אַזאַ העסלעכע מכה און בשעת אַט די אַלע אויספרעגער זיינען אַליין אויך גאַנץ שטאַרק אָנגעשטעקט מיט אַט דער קרעציגער קרענק. זיי שעמען זיך צו ווערן אין כעס, ווייל דאָס וואָלט זיי אַרויסגעגעבן מיט די כאַלעוועס, האַלטן זיי מויל און איך רעד.

מען האָט אים נאָכגעשפּירט. ער האָט געוואוסט, אַז מען עפּענט זיין קאָרעספּאָנדענץ, נאָר ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר די פאַר־פאָלגונגען און האָט פאַרגעזעצט זיין אַרבעט לטובת בירא־בידזשאַן און אויך אויף צו פאַרשפּרייטן דעם אמת וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס אַלץ דערציילט ער אַן דער מינדסטער פּאָזע, ווייל אַזאַ סאָלידער מענטש טוט ניט קיין זאַך צוליב אָנשטעל — זיין טעטיקייט איז בא אים געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן און זיין אויסגעקליבענער וועג איז זיינער — באַרימען זיך איז דאָ ניטאָ מיט וואָס.

איז וואָס זשע איז געוואָרן פון אַט דעם מענטשן? וואָס שטעלן מיט זיך פאַר זיינע צוויי זין? זיי זיינען שוין געוויס דערוואָקסענע מענטשן. גייען זיי אין די וועגן פון טאַטע־מאַמע, אָדער זיי זיינען, ווי די קינדער פון אַ סך אַנדערע עלטערן, גאָר אין אַן אַנדער לאַגער?

די מענטשן האָבן מיך ניט דערוואַרטעט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז איך וועל פון וואָקזאַל אָנקלינגען. מען וועט מיר איבערגעבן, אַז אין דעם און דעם האָטעל איז באַזאָרגט אַ צימער. אַהין וועלן אַלע קומען מיך טרעפן. דאָרט וועט אַן אויפהער קלינגען דער טעלעפאָן און אַזוי־פיל אַמאָליגע חברים און פריינט וועלן זיך נעמען דערפרעגן ווי עס איז געווען די רייזע און ווען מען קאָן קומען זיך זען.

אַזאַ איז געווען זייער פּלאַן, נאָר אַז עס איז געקומען דער איב־דערפרי און עס איז אויך אַוועק אַ האַלבער טאָג און מען האָט געזען, אַז איך בין אַלץ ניטאָ, האָט מען באַשלאָסן, אַז עפּעס האָט מסתמא פּאַסירט און איך וועל שוין צו דעם אָוונט ניט קומען.

אָט איז דער בלאָק, וואו עס שטייט דאָס שיינע שטיבל פון מיינע פריינט. אָט איז דער דורכגערייניקטער צוגאַנג צווישן צוויי הורבעס שניי צו דעם שיינעם גאַניק מיט דעם נומער, וואָס איך זוך. איך קלינג אָן. ווער וועט אַרויסקומען צו דער טיר?

אַ האַנט גיט אַ וויש דאָס פֿאַרהויכטע גלאָז פֿון אַ פֿענסטער, עס דערהערט זיך אַן אויסגעשריי, וואָס איז אַ געמיש פֿון פֿרייד און סורפּריז; די טיר עפֿנט זיך און צוויי וואַרימע אָרימס נעמען מיך אַרום. איך דערזע אַזוי נאָענט דאָס זעלבע ליבע געזיכט. עס זיינען די זעלבע לאַכנדיגע אויגן; עס איז דער זעלבער כאַראַקטעריסטישער יוגנטלעכער שמייכל, פּונקט ווי עס וואָלטן גאָר ניט פֿאַרלאָפֿן קיין זעקס און צוואַנציג יאָר.

דאָס יוגנטלעכע אין דעם ליבן געזיכט ווערט נאָך מער אונטער־שטראָכן דורך די עטלעכע ווייסע האָר, וואָס וואַרפֿן זיך דורך אויף דעם געשמאַקפֿול־פֿאַרקעמטן קאָפּ. אודאי איז געווען אַ גוטמוטיגער פֿאַרוואורף פֿאַר דעם, וואָס די אַלע אויסגעאַרבעטע פּלענער וועגן מיין אָנקומען און וועגן באַגעגענען מיך זיינען צעשטערט געוואָרן.

— מענטשן קלינגען אין האָטעל און פֿרעגן זיך נאָך אויף אייך און דאָרט זאָגט מען זיי, אַז איר זייט גאָר ניט אָנגעקומען; קלינגט מען צו אונז, ווייסן מיר ניט וואָס צו זאָגן. אוי, האָט איר אונז אָפּגעטאָן אויף טערקיש, נאָר וואָס שטיי איך דאָ און רעד? איר זייט געוויס פֿאַרמאַ־טערט פֿון דער רייזע. קומט אַריין. מאַכט זיך באַקוועם. איך וועל איינס און צוויי צופֿאַרטיגן עפּעס צום עסן.

פּרוביר איך זאָגן אַ וואָרט, נאָר עס איז אַרויסגעוואָפֿן.

— אַ שיינע זאַך, ניט געזען זיך אַזויפֿיל יאָרן און אייך פֿאַלט גאָר איין פֿאָרצושלאָגן מיר זאָלן גיין אין אַ רעסטאָראַן. אַ רעסטאָראַן! מאָ דערנע פֿרויען האָבן זיך אויסגעלערנט צו טאָן זאַכן אַזוי, אַז עס זאָל ניט צונעמען צופֿיל צייט.

זי האָט גערעדט שנעל. אירע באַוועגונגען זיינען אויך געווען שנעלע. עס איז געווען דאָס זעלבע מיידל, וואָס איך האָב געקענט מיט 26 יאָר צוריק. דאָס זעלבע מיידל, וועלכע איז דעמאָלט נאָר וואָס געהאָט געוואָרן אַ לערערין אין אַ פּאָבליק סקול.

עס האָט זיך דערהערט ווי עמיצער קלאַפּט אָפּ דעם שניי פֿון די פֿיס בײַ דער טיר. אָט איז ער, מיין אַמאָליגער פֿריינט, אויך ער איז פּונקט אַזאַ, ווי ער איז געווען.

מיר באַגריסן זיך וואַרים. ער האַלט לאַנג מיין האַנט אין זיינער, שמייכלט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שמייכל און זאָגט מיט פֿרייד:

— אַבי מען זעט זיך ווידער. דאָס איז אַ גרויסער יום טוב!

עס קלינגט דער טעלעפֿאָן.

— דאָס רופט מען אייך, — זאָגט ער מיר, אַריינקומענדיג פון דעם צווייטן צימער, וואו דער טעלעפאָן געפינט זיך.

— מיך? — פרעג איך מיט דערשטוינונג — ווי אַזוי האָט עמיצער גאָר געקאָנט וויסן, אַז איך בין בײַ אייך אין שטוב?

גערופן האָט מיך אַ קרובה — אַ ליבע, אַלטע פרוי.

איך שטימע אויף דעם טעלעפאָן איז געווען די זעלבע, ווי מיט יאָרן צוריק ווען זי האָט אונז אַלע — ניי־אָנגעקומענע — אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל מוטערלעכער צערטלעכקייט.

— איך מוז אייך זען — זאָגט זי מיט אַ ציטער אין איר קול.

— אסתר טייערע, ווי אַזוי האָט איר גאָר אויסגעפונען וואו איך געפין זיך? — פרעג איך בײַ איר, צוזאָגנדיג, אַז איך וועל באַלד קומען צו איר אין הויז.

— אַז מען וויל שטאַרק אויסגעפינען, געפינט מען! — ענטפערט זי מיט איר כאַראַקטעריסטישער קלינגענדיגער שטימע.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ווען זי האָט טעלעפאָנירט אין דעם האָטעל, וואו עס איז פאַר מיר געווען רעזערווירט אַ צימער, און האָט מיך דאָרט ניט געפונען, האָט זי טעלעפאָנירט צו יעדן איינעם, בײַ וועמען זי האָט דערוואַרטעט צו הערן וואו איך געפין זיך, ביז זי האָט פּרובירט אויך טעלעפאָנירן אין הויז פון מיין פריינט, וואו איך בין געווען, און האָט ענדלעך אויסגעפירט אירס.

טייערע אַלטיטשקע, אפשר האָט זי געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז דאָס וועט זיין אונזער לעצטע באַגעגעניש און דערפאַר איז זי געווען אַזוי ענערגיש און אַנטשלאָסן אויסצוגעפינען וואו איך בין צו רעדן מיט מיר.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך אונזער טעלעפאָן־געשפּרעך בין איך שוין געזעסן בײַ איר אין הויז. זי איז געווען נעט אָנגעטאָן, ווי עס איז געווען איר שטייגער. אין הויז האָט אַלץ שימערירט. זי האָט באַמערקט דעם בליק, וואָס איך האָב געוואָרפן ביים אַריינקומען אין הויז.

— דאָס איז ניט מיין אויפטו, שלמה, — דאָס איז אַלץ פעני'ס. זי האָט עס אַלץ איינגעשטעלט מיט געשמאַק. עס איז מיר אודאי אַ גרויסער ווייטיג, אַז איך בין דאָ און זי ליגט אין דער ערד.

בײַ אָט די ווערטער האָט די ליבע אַלטע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דאָס האָט זי באַוויינט איר איינציגע טאָכטער, וואָס איז בײַ איר געווען דאָס אויג אין קאָפּ, און וועלכע איז געשטאָרבן פון אַ קענסער, נאָך זייענדיג זייער יונג.

די טאָכטער איז געווען גאָר אַ גראַטענע. זי איז זייער יונג געוואָרן אַ לערערין אין אַ פּאַבליק סקול און איז אויך געגאַנגען אויף די וועגן פון דער מוטער אין איר אינטערעס צו אידישע ענינים.

— אַז מען לעגט אַריין אַזאַ טאָכטער אין דער ערד אַריין, קאָן אַ מאַמעס האַרץ צעריסן ווערן. וואָס איז געוואָרן פון מיר, ווי איז מיר! קינדער אויפגעהאָדעוועט, זיינען זי צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט — איינער אין לאָנדאָן, אַ צווייטער אין ניו יאָרק און איך בין עלנד ווי אַ שטיין. מען קאָן משוגע ווערן איינע אַליין אין אַט די פיר ווענט. איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן. איך וועל זיך אַ מיתה אָנטאָן!

די דערשלאָגענע פרוי האָט אַזוי ביטער געוויינט און אַזוי פאַר־צווייפל גערעדט וויל, דערציילנדיג מיר די געשיכטע פון דער שנעלער קראַנקהייט און דעם שנעלן טויט, האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די גאַנצע גרויליגע צייט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זיך אָפּרוקן אין דער וויטקייט אַריין.

איך האָב אַט די טייערע אסתר זייער ליב געהאַט, נאָר איצט, ווען זי האָט געוויינט פאַר מיר, האָט איר פאַרשטיקטע שטימע פלוצלונג אויפ־געהערט פאַר מיר צו זיין אירע; זי האָט זיך ווי פאַרצויגן מיט אַ שלייער און פאַר מיינע אויגן זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע מענגעס פרויען, וואָס וויינען און וואָס רייסן אויף זיך די האָר. מיין געדאַנק האָט מיך אַרי־בערגעטראָגן צו די קאָנצענטראַציע לאַגערן, וועגן וועלכע איך דאַרף היינט דאָ רעדן אין אָוונט.

זאָל זיין, אַז דער געדאַנק וועגן יענע יאָמערנדיגע פרויען, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז זיי געפינען זיך צווישן וועלף און אַז קיינער וועט צו זייער געוויין זיך ניט צוהערן, זאָל זיין, אַז דער געדאַנק וועגן זיי, אָדער אויך דער פאַרשטיקטער וויטיג, וואָס איז אָוועקגעטראָגן געוואָרן פון דעם בית עולם, וואו איך בין ערשט געשטאַנען באַ די קברים פון צווי ליבע און נאָענטע, אָדער דאָס אַלץ צוזאַמען אין צוגאָב צו דעם געפיל פון מיט־לייד צו אַט דער ליבער אַלטער, — נאָר עפּעס האָט מסתמא געמוזט זיין אין מיין געזיכט, וואָס האָט פלוצלונג איבערגעשראָקן די וויינענדיגע פרוי, וועלכע האָט דורך טרערן אויף מיר אַ קוק־געטאָן און אויסגערופן:

— אוי, ווי איז מיר, איך האָב דיר פאַרשאַפט אַזויפיל וויטיג! — איצט איז זי פלוצלונג איבערגעגאַנגען צוריק צו דעם „דו" פון אַמאָל — וואָס קאָנסטו מיר דען העלפן!

איך האָב פּרובירט איר דערקלערן, אַז זי דאַרף זיך ניט פילן שלעכט

צוליב דעם, וואָס זי האָט פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ. איך האָב פאַרבראַכט באַ איר אין הויז אַרום אַ שעה צייט און אײדער איך בין אַוועקגעגאַנגען האָב איך אויסגעפירט, אַז זי זאָל מיר צוזאָגן אומבאַדינגט צו קומען אין אָוונט צו דער לעקציע.

איך האָב מיט איר אָפּגערעדט, אַז נאָך דעם מיטינג מוז זי צוקומען צו מיר. וויפיל מענטשן עס זאָלן ניט זיין לעבן מיר, מוז זי צוקומען, כדי מיר זאָלן קאָנען זיך געזעגענען.

זיכער האָב איך ניט געקאָנט זי זעען צווישן דעם ריזיגן עולם, וואָס איז דעם אָוונט געווען פאַרזאַמלט אין דעם גרויסן טעאַטער, וואו איך האָב געדאַרפט רעדן וועגן די פאַרניכטעטע אידן, גאָר נאָך דעם מיטינג האָב איך זי דערזען. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ צאָל עלטערע און אינגערע פרויען. זי האָט אַרויסגעשיינט צווישן זיי מיט איר שיינעם, זילבערנעם קאָפּ און מיט איר נעטער, שוואַרצער קלייד. ס'אַראַ ליבער שמייכל עס איז געווען אויף אירע ליפּן און ווי עס האָבן געשיינט אירע אויגן. האָב איך זיך דעמאָלט געקאָנט ריכטן, אַז מיט אַ חודש שפּעטער וועט קלינגען דער טעלעפאָן באַ מיר אין הויז אין דעם טאָג, ווען איך וועל זיך אומקערן פון מיין רייזע, און איך וועל קריגן די שוידערלעכע נייעס.

— אסתר איז דער'הרג'עט געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל, בשעת זי איז אַריבערגעגאַנגען אַ גאַס, זאָל זיין, אַז איר גרויסער ווייטיג און שטענדיגער שאָטן פון טרויער, וואָס האָט זי איינגעהילט, האָט פאַרנעבלט איר אויג און דערפאַר איז זי אומגעקומען?

ווי עס זאָל ניט געווען זיין, האָב איך יענעם אָוונט, קוקנדיק אויף איר און באַוואונדערנדיג אָט דעם שיינעם טיפּ פון אַ אידישער מאַמע, זיכער ניט געטראַכט, אַז אירע טעג אויף דער ערד זיינען שוין געציילטע, נאָר געטראַכט האָב איך ווידער וועגן די טויזנטער מאַמעס — אָט פונקט אַזעלכע ליבע, האַרציגע, שיינע אידישע מאַמעס, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן אין קאַלך־אויוונס, דערשטיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן, באַגראָבן געוואָרן לעבעדיגערהייד און געטראָטן געוואָרן אונטער די פיס פון די נאַצישע בעסטיעס.

אָט דער געדאַנק וועגן איר צעווייטיגט האַרץ האָט מיך פאַרפאָלגט אַ גאַנצן אָוונט. עס איז מעגלעך, אַז עס איז געווען אַן עכאָ פון איר ביטער געוויין, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין מיינע אויערן; מעגלעך, אַז עס איז געווען די שטימונג, וואָס איך האָב מיטגעטראָגן

מיט זיך פון יענעם שניי־באַדעקטן פעלד, וואו עס זיינען געווען די קברים פון מיינע טייערע; מעגלעך, אז עס איז געווען דער אָנגעזאַמלטער עפעקט פון דעם גאַנצן שטראָם אינטענסיווע איבערלעבונגען און דערי־נערונגען באַם אָנקומען אין אָט דער שטאָט, צו וועלכער איך בין אַמאָל געווען צוגעבונדן מיט אַזויפיל פעדים; — וואָס עס איז געווען גענוי מיט מיר יענעם אָוונט ווייס איך ניט, נאָר עפּעס האָט געברויזט אַ באַזונדער כוח, עפּעס איז געווען אַ באַזונדער אָנרעגונג, עפּעס איז שאַר־פער ווי אַלע מאָל געווען דער באַוואוסטזיין פון דער גרויסער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט באַ דער אויפגאַבע צו צעוויקלען דאָס גאַנצע בילד פון די אידישעליידן אונטער די נאַציס.

איך האָב געפילט ווי עפּעס וואָלט מיך פאַרפאָלגט אַ שטימע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אונטערזאָגן: — געדענק, היינט דאַ דאַרף זיין קלאָר דאָס וואָרט, וואַגיג די אָנקלאַגע, מעכטיג די פאַרדאַמונג, גרעניצ־לאָז דער צאָרן און דרייסט דער אַרויסרוף צו דער וועלט צו געבן אַן ענטפער — ווען וועט שוין קומען אַ סוף צו די טייכן בלוט, צו די ימים טרערן און צו די פאַרברעכנס, וואָס מאַכן דעם נאָמען מענטש צו שפּאָט און צו שאַנד?!

עס האָט געוויינט מיין האַרץ און עס האָט געוויינט מיין וואָרט. עס האָבן פאַרביילט זיך מיינע פויסטן און מיין וואָרט איז געוואָרן ווי שטאָל. עס האָבן זיך פאַרטשעמעט מיינע ציין און מיין וואָרט האָט לאַנגזאַם געהאַמערט איין קלאַגע נאָך דער צווייטער.

אָבער ניט געוויין האָב איך געוואָלט און ניט קיין שטימונג פון צעדריקטקייט האָב איך געזוכט צו שאַפן. זאָלן דאָ רעדן די העלדן פון די געטאָס. זאָל דאָ אַ פויק־טאָן דער טראָט פון די, וועלכע האָבן מיט איבערמענטשלעכן העלדנמוט געזונגען, גייענדיג צו די גאַז־קאַמערן:

„עס וועט נאָך קומען אונזער אויסגעבענקטע שעה!
עס וועט אַ פויק־טאָן אונזער טראָט — מיר זיינען דאָ!"

זאָל אויפבליצן דאָס געשטאַלט פון חאַסיען, — די לעגענדאַרע פאַרטיזאַנקע — וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָמען „די באַלעבאָסטע פון די בריאַנסקער וועלדער". זאָלן אויפלויכטן די אַלע נאָמענלאָזע העלדן, וועלכע האָבן געפירט די העראָאישע קאַמפן געגן די נאַצישע בעסטיעס אין די געטאָס פון וואַרשע, ווילנע, לאָדז, ביאַלאַסטאָק און נאָך און נאָך. זאָלן אויפשטראַלן די געשטאַלטן פון אידישע פאַרטיזאַנער אין אַ

גאַנצער ריי אונטערדריקטע לענדער. זאָל געשלידערט ווערן אין פּנים פון אַלע פריער־מעכטיגע און איצט פאַרטאַיעטע נאַציס, פון אַלע אָפענע און אַלע פאַרשטעלטע אידן־האַסער — אַז אונזערע מאַרטירער האָבן געמאַכט צו שפּאָט די נאַצישע לעגענדע וועגן העכערע און נידעריגע ראַסן און וועגן דעם, אַז אידן זיינען הכנעה'דיג און קאָנען זיך ניט שלאָגן.

אָט די העלדן אונזערע האָבן זיך געקרוינט מיט רום און האָבן אונז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו האַלטן הויך אונזער קאָפּ, נאָר זיי האָבן אונז אויך איבערגעלאָזט אַ צוואה צו קעמפן פאַר דעם, אַז עס זאָל טאַקע מקוים ווערן דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט אין זייער ליד, אַז עס וועט נאָך אַ פּויק־טאָן זייער טראָט. דורך אונז דאַרף ער אַ פּויק־טאָן. אין אונזערע קאַמפן פאַר אַ וועלט, וואו עס זאָלן ניט מעגלעך זיין קיין מאַידאַנעקס — אין אָט די קאַמפן וועלן זיי ווידער לעבן.

עס איז ניט געווען שווער צו דערשפּירן, אַז אין דעם אָוונט איז דאָ דאָ אַ באַזונדער צוזאַמענבינדט קראַפט, וואָס פאַרבינדט דעם עולם און די פּלאַט־פאָרמע און אַז ביידע זיינען צענויפגעגאָסן אין איין גאַנצעס.

אַ סך פון אָט די מענטשן האָבן באַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן מיך געהערט דאָ אין שטאָט מיט יאָרן און יאָרן פריער. אין לויף פון אָט די יאָרן איז די וועלט געוואָרן אַן אַנדערע; מיר אַלע זיינען געוואָרן אַנדערש און דאָס רעדן דאָ איז געווען גאָר אַנדערש פון דעם, וואָס אָט דער עולם האָט אַמאָל געהערט.

מיר זיינען ניט אָנגעגאַנגען די לויב־רייד. דאָס האָט זיך ניט באַצויגן צו מיר און צו מיין רעדן — דאָס האָט זיך באַצויגן צו דער אָנקלאָגע, וואָס אַ פאָלק ברענגט צו'ם געוויסן פון דער וועלט. איך האָב געוואָלט, אַז אַלע זאָלן אויסשרייען צוזאַמען מיט מיר:

— וועלט, גיב דיין ענטפער!

שפּעט באַנאַכט איז געווען אַ געזעגענונג מיט אַלע נאָענטע און ליבע חברים פון אַמאָל. עס איז געווען רואיג פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט אַלע צימערן אין הויז פון די חברים, צו וועלכע איך בין מיט עטלעכע שעה פריער געקומען זיי זען די ערשטע. מען האָט געגעסן און געטרונקען; מען מען האָט גערעדט און געלאַכט; עס איז אָבער געווען עפּעס גאָר אַנדערש פון ענלעכע צוזאַמענקונפטן. עס האָט דאָ נאָך געשוועבט דער גייסט פון דעם מיטינג. אַלע האָבן ווי געפילט,

אַז מען טראַגט אויף זיך אַ באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פאַר־ווירקלעכן דאָס, וואָס עס איז באַם מיטינג געזאָגט געוואָרן וועגן קיינמאָל ניט פאַרגעסן און וועגן אויספאָלגן די צוואה פון די העלדן.

גאָר שפּעט זיינען אין הויז אַריין צוויי הויכע, שיינע, פון פּראָסט פאַרפלאַמטע בחורים.

— דאָס זיינען אונזערע זין, — האָבן די שטאָלצע טאַטע־מאַמע — די באַלעבאַטים פון הויז — פאַרגעשטעלט פאַר מיר זייערע געראָטענע קינדער.

טאַטע און מאַמע האָבן גענומען דערציילן, אַז ביידע זין זיינען געטריי די זעלבע אידעאַלן, ווי די עלטערן, אַז ביידע בחורים דינען דער באַוועגונג פאַר אַ וועלט אָן מלחמות און אָן פעלקער־האַס.

איך האָב געקוקט אויף די צוויי שיינע, יונגע בחורים און האָב געטראַכט: אַז מען האָט אַזעלכע זין, קריגט נאָך אַ גרעסערן זין דער ברענענדיגער פאַרלאַנג אויסצוברענען ביז'ן וואָרצל דאָס ווילדע גראָז פון רעאַקציע און פאַשיזם.

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט, ווען מיר האָבן זיך צעזעגנט. פאַר־טאָג דאַרף מען פאָרן ווייטער — ווייטער צו דעם מערב פון קאַנאַדע, וועלכן איך האָב פריער קיינמאָל ניט געזען.

— אויף ווידערזען, ליבע חברים! אויף ווידערזען, שטאָט פון מיין יוגנט, נאָר זאָל דאָס זיין באַ אַנדערע באַדינגונגען. זאָל איך מער ניט דאַרפן רעדן וועגן טויטע אידן, נאָר וועגן לעבעדיגע, שאַפנדיגע, געזיכערטע אידן אין אַ געזיכערטער און פרידלעכער וועלט!

סוף